די געשיכטע

פון די

פאראייניגטע שטאטן

הלל ראגאף

הספריה-עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

די געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאַטען

פון הלל ראָגאָף.

די ערשטע זעקס פרעזידענטען
(פון 1783 ביז 1830)

ניו יאָרק, 1926.

Copyright by
HARRY ROGOFF
New York, 1926

אפ־טו־דייט פרינטינג קאָ., 195 קאַנאל סט., נ. י.

אינהאַלטס-פאַרצייכנונג.

קאַפּיטעל — זייט

1. די קריטישע יאָרען נאָך דער רעוואָלוציע — — — — — — — 7
2. יעדער שטאַט טוט וואָס ער וויל — — — — — — — — — — 22
3. די רייכע קלאַסען ווילען אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע רעגירונג — 26
4. די קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן — — — — — — — — 32
5. די קאָנסטיטוציע — — — — — — — — — — — — — 38
6. ווי אַזוי די שטאַטען האָבען גוטגעהייסען די קאָנסטיטוציע — 49
7. מחלוקות, אינטריגעס, סקאַנדאַלען איבער טעריטאָריע
   ביי די גרעניצען — — — — — — — — — — — — 59
8. די שרעק פאַר מיליטאַריזם — — — — — — — — — — 75
9. די נאַציאָנאַלע רעגירונג אונטער דער קאָנסטיטוציע
   ווערט אָרגאַניזירט — — — — — — — — — — — 79
10. אַלעקסאַנדער האַמילטאָן — זיין פינאַנציעלער פּראָגראַם — — 90
11. דער קאַמף פאַר פּראָגרעסיווע געזעצען אין די פאַרשידענע
   שטאַטען — — — — — — — — — — — — — — 105
12. דער „שנאַפּס-אויפשטאַנד" — — — — — — — — — — 116
13. די פעדעראַליסטען און די רעפּובליקאַנער — — — — — — 121
14. דער שטורם אין אַמעריקע איבער דער פראַנצויזישער
   רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — — 125
15. דער סכסוך מיט ענגלאַנד — דזשעי'ס אָפּמאַך — — — — — 134
16. דזשאָן עדעמס — — — — — — — — — — — — — — 148
17. פיר יאָר פון פּאָליטישער רעאַקציע — — — — — — — — 153
18. דער וואַל-קאַמף אין יאָר 1800 — — — — — — — — — 160
19. די פּיאָנערען אין דער וועסט — — — — — — — — — — 166
20. די איסט און די סאַוט אין 1800 — — — — — — — — 182
21. טאָמאַס דזשעפערסאָן — — — — — — — — — — — — 199
22. דזשעפערסאָן, דער ערשטער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט — — 213
23. דער 10-יאָריגער קאַמף צווישען דזשעפערסאָן און האַמילטאָן — 217
24. דזשעפערסאָנ'ס קאַמף געגען סופרים קאָורט — — — — — 239
25. די „לואיזיאַנא טעריטאָריע" אָפּגעקויפט פון פראַנקרייך — — 245

קאַפּיטעל | זייט

26. די מלחמה מיט די פּיראַטען אין אַפריקע — 253
27. אַאַראָן באַאַר, זיין פאַרשווערונג — 256
28. ווידער סכסוכים מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך — 266
29. אינדיאַנישע אומרוען אין דער וועסט — 273
30. אַמעריקע דערקלערט קריג געגען ענגלאַנד — 283
31. די מלחמה פון 1812 — 291
32. ענגלישע פּאַגראָמען — וואַשינגטאָן פאַרברענט — 308
33. די מלחמה אין דער סאַוט — דער זיג ביי ניו אָרליענס — 314
34. ניו ענגלאַנד בונטעוועט זיך — 323
35. דער פרידען — וואָס אַמעריקע האָט געוואונען — 332
36. דער קריזים נאָך דער מלחמה — 336
37. דער געלאַף נאָך דער וועסט — 344
38. אַמעריקע נעמט בויען שאָסייען, וועגען און קאַנאַלען — 349
39. פלאָרידא — די „מאָנראָו דאָקטרין" — 361
40. דער ערשטער שטורם אין קאָנגרעס איבער שקלאַפעריי — 367
41. די גרויסע ענדערונגען אין דעם אינדוסטריעלען לעבען פון אַמעריקע — 373
42. די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי ווערט צעריסען דורך אינערליכע אינטריגעס — 381
43. די קינדער־יאָרען פון קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע — 389
44. דער אָנפאַנג פון דער אַרבייטער־באַוועגונג — 394
45. דער קאַמף פאַר אַלגעמיינע שטימרעכט — 404

יודישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא

די ערשטע זעקס פּרעזידענטען
(פון 1783 ביז 1830)

קאפיטעל 1.

די „קריטישע יאָרען” נאָך דער רעוואָלוציע.

אין 1783 איז גוטגעהייסען געוואָרען דער פרידענס־אָפּמאַך מיט ענגלאַנד, וועלכע האָט אַנערקענט די אונאָפּהענגיגקייט פון די דרייצען אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. די דרייצען קאָלאָניעס זיינען איצט געוואָרען דרייצען זעלבסטשטענדיגע שטאַטען. עס זיינען אָבער אריבער נאָך פינף יאָר, ביז 1788, איידער די באַזונדערע שטאַטען האָבען זיך פאַרבונדען אין איין נאַציע, אונטער איין פעס־טער רעגירונג. אין די דאָזיגע פינף יאָר האָט דאָס לאַנד געשטורמט מיט אינערליכע קאַמפּען, מיט בלוטיגע אויפשטאַנדען. דאָס זיי־נען געווען די געבורטס־וויהען פון דער אַמעריקאַנער נאַציע, פון די פאַראייניגטע שטאַטען. און אַזוי שרעקליך זיינען די וויהען געווען, אַזוי פאַרצווייפעלט האָט די לאַגע אויסגעזען, אַז היסטאָ־ריקער באַצייכענען יענע פינף יאָר אלס די „קריטישע צייט” אין דער געשיכטע פון לאַנד.

פאַר דער רעוואָלוציע האָבען די קאָלאָניעס כמעט ניט גע־האַט קיין פּאָליטישע פאַרבינדונג צווישען זיך. די עקאָנאָמישע און האַנדעלס־באַציהונגען צווישען זיי זיינען אויך געווען שוואַכע. יעדע קאָלאָניע האָט געהאַט אייגענע געזעצען, אירע אייגענע אינ־סטיטוציעס, אירע ספּעציעלע אינטערעסען, און אָפט זיינען די אינ־טערעסען פון איין קאָלאָניע געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט די אינטערעסען פון די אַנדערע קאָלאָניעס. יעדער פאַרזוך צו פאַר־אייניגען, צו פאַרבינדען זיי פאַר בשותפות'ע צילען, האָט זיך גע־ענדיגט מיט אַ דורכפאַל.

אָבער די רעוואָלוציע האָט זיי פאַראייניגט. אין 1775 איז

צוזאמענגערופען געווארען א קאָנגרעס, אויף וועלכען אַלע קאָלאָ־ניעס זיינען געווען פארטראָטען. דעם קאָנגרעס איז איבערגעגע־בען געוואָרען די ארבייט צו פירען די רעוואָלוציע. אביסעל שפע־טער האָט דער קאָנגרעס באַשטימט א קאָמיטע אויסצואארבייטען סטאטוטען וועגען זיינע רעכט און זיינע אויפגאבען ניט בלויז אין פארבינדונג מיט דער רעוואָלוציע, נאָר אַלס א רעגירענדע קערפערשאפט אין אַלגעמיין. די קאָמיטע האָט אריינגעבראכט איהר באריכט אין מערץ, 1777. עס האָט אָבער געדויערט פיר יאָר איידער אַלע שטאַטען האָבען די סטאטוטען גוטגעהייסען. די סטאטוטען האָבען זיך גערופען די „ארטיקלס אָוו קאָנפעדעריי־שאָן", און די רעגירונג וואָס די „ארטיקלס" האָבען פאקטיש גע־גרינדעט, האָט געטראָגען דעם נאָמען „די קאָנפעדעריישאָן".

די רעגירונג איז באַשטאַנען טאקע פון דעם קאָנגרעס. די מאכט וואָס זי האָט געקראָגען איז געווען א באגרענעצטע. זי האָט געהאט די אויפגאבע צו באַשטימען פראגען וואָס זיינען שייך צו קריג און פרידען, צו שליסען אָפּמאכען מיט פרעמדע לענדער, צו גרינדען און רעגולירען די פּאָסט; זי האָט אויך געדארפט רעגולירען דעם געלט־וועזען פון לאנד, און האָט געהאט א דעה איבער נאָך איניגע אַלגעמיינע ענינים.

די געזעצען וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען האָט ער אויף די שטאַטען ניט געקאָנט ארויפצווינגען. יעדער שטאַט האָט געהאט די ברירה צו פאָלגען אָדער ניט. אויב א בירגער האָט איבערגעטראָטען די פעדעראַלע געזעצען, האָט דער קאָנגרעס ניט געהאט די מעגליכקייט אים צו משפּט'ן און באַשטראָפען, ווייל די רעגירונג וואָס דער קאָנגרעס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איז געווען א רעגירונג אָן א געריכט און אָן א פּאָליציי.

די „קאָנפעדעריישאָן" רעגירונג איז געווען א קאָפּ אָן הענט. זי האָט געקענט ריידען, אָבער ניט טאָן. די צוויי הענט וואָס יעדע רעגירונג מוז האָבען כדי צו קענען ווירקען זיינען: פון איין זייט די עקזעקוטיווע, פון דער אנדערער זייט — די געריכט־ליכע האַנט. אָבער ביידע האָבען געפעלט דער „קאָנפעדעריישאָן"־רעגירונג.

דער קאָנגרעס איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון די דרייצען שטאַטען. די פאָרשטייער זיינען ערוויילט געוואָרען ניט דורכ'ן פאָלק, נאָר דורך די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטען, אָדער די „לעדזשיסלייטשורס" פון די שטאַטען, אויף אַ טערמין פון איין יאָר. יעדער שטאַט האָט געהאַט דאָס רעכט צו שיקען פון צוויי ביז זיבען פאַרטרעטער אין קאָנגרעס. די צאָל האָט ניט אויסגע־מאַכט, ווייל סיי־ווי־סיי האָט יעדער שטאַט געהאַט איין שטימע. אין וויכטיגע פראַגען, ווי, צום ביישפּיל, ערקלערען קריג, באָרגען געלט האָט זיך געפאָדערט אַ מאַיאָריטעט פון צוויי־דריטעל. כדי צו מאַכען אַן ענדערונג אין די סטאַטוטען פון דער „קאָנפע־דעריישאָן" האָט זיך געפאָדערט די איינשטימיגקייט פון אַלע דרייצען שטאַטען.

די „קאָנפעדעריישאָן" אָדער דער קאָנגרעס (זיי זיינען געווען איינס און דאָסזעלבע) האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו זאַמלען שטייערען. שטייערען איז פאַר אַ רעגירונג אַזוי ווי לופט פאַר אַ לעבעדיגען וועזען. וואָס קען אַ רעגירונג טאָן אָן געלט? פלעגט דער קאָנגרעס מוזען אָנקומען צו די שטאַט־רעגירונגען, זיי זאָלען אים באַזאָרגען מיט די נויטיגע פאָנדען. דער קאָנגרעס פלעגט באַשטימען אַ בודזשעט פאַר זיינע פאַרשיידענע אונטער־נעמונגען, און דאַן בעטען ביי יעדען שטאַט אַ באַשטימטען טייל פון דער סומע. די שטאַטען זיינען געווען פאַרפליכטעט די געלט צוצושטעלען. אָבער צווינגען זיי דאָס צו טאָן האָט דער קאָנגרעס ניט געקענט. די ברירה איז געווען אין גאַנצען ביי די שטאַט־רעגירונגען אַליין, און זיי האָבען געוויינליך אויסגעקליבען דעם גרינגערען וועג — צו געבען וואָס ווייניגער. זעלטען ווען האָט אַ שטאַט־רעגירונג באַצאָלט איר פולען חלק פון די שטייערען.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז דער פּרעסטיזש פון דעם קאָנגרעס געזונקען פון יאָר צו יאָר, פון מאָנאַט צו מאָנאַט. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז אָנגעזעענע מענשען האָבען זיך אַנטזאַגט צו דינען אַלס מיטגלידער אין דער קערפּערשאַפט. אַ גרויסע צאָל פון די מיטגלידער פלעגט צו די קאָנגרעס־זיצונגען איינגאַנצען ניט קומען. זייער אָפט האָט מען געמוזט אַ זיצונג

אַפּליינגען, ווייל עס האָט געפעלט א „קוואָרום". ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבען באטראכטען דעם קאָנגרעס אלס אן איבעריגע זאך, אן אָנשיקעניש. אָט איז אַ שילדערונג וואָס דער היסטאָריקער מעקמעסטער גיט פון דעם קאָנגרעס, ווי ער האָט אויסגעזען אין דעם יאָר 1784, נאָכדעם ווי דער פרידען מיט ענגלאנד איז שוין געווען געשלאָסען:

„יעדער שטאַט באשיצט זיינע רעכט געגען דער צענטראַלער רעגירונג (דעם קאָנגרעס). יעדער שטאַט האָט פאר זיך באהאַלטען דאָס רעכט ארויסצוגעבען געלט, ארויפצולייגען שטייערען, צו אָרגאַניזירען אַן אַרמיי, צו באַשטימען וועלכע סחורות מען זאָל אין זיינע האפענס מעגען אריינפירען פריי, אָן טאריף, און וועלכע זאָלען זיין אונטערוואָרפען אַן אָפּצאָל. די באציהונג פון די שטאַטען צום קאָנגרעס איז אזוי ווי צו אַ פרעמדער מאכט. יעדע זאך וואָס דער קאָנגרעס טוט, ווערט פאָרזיכטיג אונטערזוכט פון די שטאַטען. די שטאַטען ציטערען טאָמער וועט די מאכט אָדער די רעכט פון קאָנגרעס אויף אַ האָר פארגרעסערט ווערען. די פאָרשטייער אין קאָנגרעס באַטראַכטען זיך ווי אמבאַסאַדאָרען, געשיקט פון זייערע שטאַט־רעגירונגען צו אַ פרעמדער רעגירונג. זיצענדיג אין קאָנגרעס האָבען זיי אין זינען בלויז די מיינונגען און דעם ווילען פון די „לעדזשיסלייטשורס" ביי זיך אין דער היים. פאַר דעם קאָנגרעסמאן זיינען די אומוויכטיגסטע אינטערעסען פון זיין אייגענעם שטאַט פיל וויכטיגער ווי די סאַמע העכסטע אינטערעסען פון דעם קאָנגרעס, וועלכער איז אַ פאַראייניגונג פון אַלע שטאַטען."

ביי דער זיצונג פון קאָנגרעס, וועלכע האָט געדאַרפט גוט־הייסען דעם פרידענס־אָפּמאַך מיט ענגלאנד, זיינען אָנוועזענד געווען בלויז 23 מיטגלידער, וועלכע האָבען פארטראָטען 11 שטאַטען. מען קען זאָגען, אז נאָך דער רעוואָלוציע איז פאַקטיש קיין פאַראייניגטע רעגירונג איבער די דרייצען שטאַטען ניט געווען. עס האָט עקזיסטירט אַ שאָטען פון אַזאַ רעגירונג. די דרייצען שטאַטען זיינען געווען דרייצען באַזונדערע רעגירונגען. יעדער שטאַט האָט געהאַט אין זינען זיינע אייגענע אינטערעסען

און האָט געקוקט מיט חשד און מיט קנאה אויף זיינע אַרומיגע שכנים. אָפט זיינען פאָרגעקומען ערנסטע קאָנפליקטען צווישען די שטאַטען, אייניגע זיינען אפילו געגאַנגען ביז בלוט.

אָט דאָס איז געווען דער אויסערליכער אויסזען פון דער לאַגע. ווען מען האָט אָבער אריינגעקוקט טיפער, האָט מען אַנט־דעקט אַן אַנדער צושטאַנד. מען האָט געפונען אַז אין אַלע דרייצען שטאַטען זיינען דאָ גלייכע קלאַסען, וואָס האָבען דיזעלבע אינטערעסען. די אינטערעסען פון די סוחרים זיינען געווען דיזעלבע אין די פאַרשיידענע שטאַטען, און די בשותפות'ע אינטערעסען האָבען זיי פאַרבונדען און זיי געשטויסען צום זעלבען ציל. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט'ן פאַרמער־קלאַס, מיט די אַרבייטער־גרופּען, מיט די אַדוואָקאַטען. די געמיינשאַפטליכע אינטערעסען פון די קלאַסען און די קאָנפליקטען צווישען די קלאַסען, האָבען געווירקט א סך מער צוזאַמענצוציען די קאָלאָניעס איידער דער אויסערליכער געבוי, די טראַדיציעס און די גע־ירשנ'טע פאָראורטיילען אין די קאָלאָניעס האָבען געווירקט זיי אָפּצושטויסען איינע פון די אַנדערע. אָט די טיפערע אומשטענדען האָבען עס פאַראורזאַכט די קריטישע יאָרען. זיי האָבען אויך געווירקט מיטצוברענגען דעם גרויסען רעזולטאַט פון אָט דעם קריזיס — די פאַרבינדונג פון די שטאַטען אין איין פעסטער נאַציאָנאַלער רעגירונג, אונטער דער קאָנסטיטוציע פון די פאַר־אייניגטע שטאַטען.

ווי איז געווען דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון לאַנד נאָך דער רעוואָלוציע?

די מלחמה האָט צושטערט דעם האַנדעל מיט אויסלאַנד. ענגלישע שיפען האָבען פאַרבלאָקירט דעם אמעריקאַנישען ברעג און עס איז כמעט אוממעגליך געוואָרען אריינצופירען אָדער ארויסצופירען סחורה. געריכט האָט מען זיך אַז אַזוי שנעל ווי דער פרידען וועט געשלאָסען ווערען, וועט דער האַנדעל אויפלעבען נאָך מיט מער ענערגיע ווי פאַר דער רעוואָלוציע. אָבער אין דער דאָזיגער האָפנונג זיינען די היגע סוחרים ביטער אַנטוישט

געוואָרען. די לאַגע איז ניט געוואָרען בעסער. אין געוויסע פּרטים איז זי נאָך געוואָרען ערגער.

מיט דעם אָנקומען פון פרידען האָט זיך אַ הויב געטאָן דער אימפּאָרט פון ענגלאַנד. אין די אַכט מלחמה יאָרען האָט זיך די היגע באַפעלקערונג אויסגעהונגערט נאָך פאַבריצירטע סחורות. מען האָט דאָ געפּרואווט גרינדען פאַבריקען און אַנטוויקלען די אייזען־אינדוסטריע, גאַרבערייען און וועבערייען. ביז אַ געוויסען גראַד האָט זיך דאָס איינגעגעבען, אָבער אַזוי שנעל ווי די אַמעריקאַנישע האַפענס האָבען זיך געעפענט, האָט ענגלאַנד גענומען שיקען אַהער שיפען מיט „אַל־דאָס־גוטס“. די היגע פאַבריקאַנטען האָבען זיך געגען דער ענגלישער קאָנקורענץ ניט געקענט שטעלען. אין ענגלאַנד איז אַלץ געמאַכט געוואָרען אי בעסער, אי ביליגער.

אַמעריקע איז פאַרפּלייצט געוואָרען מיט ענגלישע סחורות. די פראַגע איז איצט געווען: מיט וואָס צאָלט מען פאַר זיי? אַ געזונטער עקאָנאָמישער צושטאַנד פאָדערט, אַז פאַר אַריינגע־פירטע סחורה זאָל באַצאָלט ווערען מיט אַרויסגעפירטע סחורה; אַז דער אימפּאָרט און דער עקספּאָרט זאָלען זיין מעהר אָדער ווייניגער גלייך, זאָלען זיך באַלאַנסירען. אַמעריקע האָט אָבער איצטער געקענט זייער ווייניג סחורה שיקען קיין ענגלאַנד און אין אויסלאַנד אין אַלגעמיין. דער אימפּאָרט איז געווען אָן אַ שיעור גרעסער ווי דער עקספּאָרט.

וואָס פאַר אַ סחורות האָט אַמעריקע געהאַט צו פאַרקויפען אין אויסלאַנד? פיש, טאַבאַק, ווייץ, מעל און רייז. די פיש פלעגען די איינוואוינער פון ניו־ענגלאַנד פאַנגען ביי זייערע ברעגען און ביי די ברעגען פון קענעדע. די ענגלישע בלאָקאַדע האָט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אוממעגליך געמאַכט אָנצוהאַלטען דעם פיש־פאַנג אין אַמעריקע. די אינדוסטריע איז אינגאַנצען רואינירט געוואָרען, און איצטער, נאָכ׳ן קריג, האָט זיך געפאָדערט צייט זי ווידער אויפצולעבען. ענליכעס האָט פאַסירט מיט דער רייז־אינדוסטריע. די רייז־פעלדער האָבען זיך געפונען אין סאַוט קאַראָליינאַ און אין דזשאָרדזשיאַ. דאָרטען

האָבען די אַרמייען אין די לעצטע דריי יאָר פון דער רעוואָלוציע אָנגעמאַכט אַן אמת'ן חורבן. דערצו האָבען די ענגלענדער דאָרטען קאָנפיסקירט עטליכע טויזענט נעגער־שקלאַפען, זיי צוגענומען און אוועקגעשיקט אין זייערע אייגענע קאָלאָניעס אין די וועסט אינדיעס. אָן די שקלאַפען איז פאַר די ווייסע געווען אוממעגליך צו באַארבייטען די פעלדער. די טאַבאַק, מעל און ווייץ־אינדוסטריען האָבען זיך געפונען אין אַ מער אָדער ווייניגער נאָרמאַלען צושטאַנד. אָט די סחורות וואָלטען די אמעריקאַנער געקענט איצט עקספּאָרטירען, פונקט ווי פאַר דער רעוואָלוציע. האָט זיך אָבער אריינגעמישט אַ נייע שטערונג — די האַנדעלס־געזעצען פון די אייראָפּייאישע לענדער.

ענגלאַנד האָט איצטער פאַרבאָטען אמעריקאַנישע שיפען צו פירען סחורה אין אירע קאָלאָניעס אין די וועסט־אינדיעס. בלויז ענגלישע שיפען האָבען געמעגט פירען אַהין סחורה פון אמעריקע. און אפילו די ענגלישע שיפען האָבען ניט געטאָרט פירען אַלץ. פלייש און פיש, צום ביישפּיל, האָבען די וועסט־אינדיעס געמוזט קויפען אין קענעדע, און ניט אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

די דאָזיגע באַגרענצונגען האָבען פאַרקריפּעלט דעם וועסט־אינדישען מאַרק, וועלכער איז דאַן געווען דער סאַמע וויכטיגסטער פאַר די היגע שטאַטען.

אויך שפּאַניען און פראַנקרייך (אמעריקע'ס פאַרבינדעטע אין דער מלחמה) האָבען איצטער פאַרבאָטען די אמעריקאַנער שיפען אריינצופירען סחורה אין זייערע וועסט־אינדישע קאָלאָניעס.

אַ דאַנק דער רעוואָלוציע איז אויך צושטערט געוואָרען דער אמעריקאַנער האַנדעל מיט די לענדער אין זיד־אייראָפּע. דאָרטען איז געווען אַן אַנדער צרה. ביי די ברעגען פון צפון־אפריקע האָבען געלויערט ים־רויבער, וועלכע פלעגען באַפאַלען האַנדעלס־שיפען און זיי באַרויבען. כל־זמן די היגע קאָלאָניעס האָבען געהערט צו ענגלאַנד, זיינען זייערע שיפען באַשיצט געוואָרען פון דער גרויסער מעכטיגער ענגלישער פלאָטע. איצטער אָבער האָבען די אפריקאַנער פּיראַטען געוואוסט אַז ענגלאַנד וועט זיך פאַר די

אמעריקאנישע שיפען ניט אננעמען, און די אמעריקאנער האבען זיך אליין ניט געקענט באשיצען.

אין אנדערע ווערטער איז די לאגע געווען אזוי: אריינפירען סחורה פון דער פרעמד האבען די אמעריקאנער געקענט, נאר ארויסשיקען האבען זיי ניט געקענט. זיי האבען,אלזא, פאר די אימפארטירטע סחורה ניט געקענט צאלען מיט עקספארט. זיי האבען געמוזט צאלען מיט געלט, מיט גאלד. דער רעזולטאט איז געווען, אז אין א קורצער צייט איז פון דאנען ארויסגעשיקט געווארען דאס גאנצע גאלד און זילבער־געלט.

דער עקאנאמישער קריזיס האט געפירט צו א פינאנציעלען קריזיס. עס איז געווארען א שרעקליכער דוחק אויף געלט. די גאלדענע און זילבערנע מטבעה, — דאס געלט, הייסט עס, וואס האט געהאט אן אמת'ען, פעסטען ווערט, — איז ארויסגעשיקט געווארען פון לאנד צו באצאלען אויסלענדישע הענדלער פאר זייער סחורה. דאס פאפיר־געלט און רעגירונגס־וועקסלען וואס די נאציאנאלע רעגירונג און די באזונדערע שטאט־רעגירונגען האבען ארויסגעגעבען, זיינען געפאלען אין ווערט. עס זיינען געשאפען געווארען קלאסען אין לאנד, וואס האבען פון דעם דוחק אין געלט שרעקליך געליטען, און קלאסען וואס האבען פון דעם פיל געננאסען. צווישען די צוויי צדדים האט זיך אנטוויקעלט א שרעקליכער קאמף. די וואס האבען געליטען פון דער לאגע האבען געפאדערט אז די רעגירונגען זאלען דרוקען פאפיר־געלט. דער צווייטער צד האט די פאדערונג באקעמפט.

וועלכע גרופען אין דער געזעלשאפט האבען געליטען פון דעם מאנגעל אין געלט?

די ארימע קלאסען: די ארבייטער, די קליינע פארמער, די קליין הענדלער און די געוועזענע סאלדאטען. אין פארלויף פון דער מלחמה זיינען א סך קליינע פארמער רואינירט געווארען. זיי זיינען געצוואונגען געווען צו בארגען געלט און פאר'משכונ'ען זייערע פארמס. קליינע הענדלער האבען אויך אנגעקויפט סחורה אויף בארג. די סאלדאטען האבען באקומען אלס באלוינונג פאר זייער דינסט די רעגירונגס־פאפירען, וואס זיינען געפאלען אין

ווערט און וועלכע זיי האָבען, צוליב דער שווערער צייט, ניט געקענט האַלטען און געמוזט פאַרקויפען פאַר א קליינינקייט. רייכע ספעקולאַנטען האָבען די פּאַפּירען ביי זיי אָפּגעקויפט. די אַלע גרופּען זיינען געווען פאַרזונקען אין חובות און האָבען ניט געקענט צאָלען. דער קליינער פאַרמער איז געשטאַנען אין געפאַר צו פאַרלירען זיין שטיקעל ערד. די אַרבייטער, ביי וועמען די בעל־חובות האָבען גאָרניט געקענט נעמען, זיינען געשטאַנען אין געפאַר אריינגעשליידערט צו ווערען אין געפענגניש (לויט דעם געזעץ פון יענער צייט, איז די שטראָף פאַר ניט צאָלען חובות געווען תפיסה).

די רייכע האָבען געמאָנט די חובות און געפאָדערט דוקא גוט געלט — גאָלדענע מטבעות. און גאָלד־געלט איז געווען זייער טייער, און די אָרימע האָבען עס בשום אופן ניט געקענט קריגען. האָט זיך פאַרשפּרייט די מגפה פון שלעפען די אָרימע אין געריכט, און די ריכטער האָבען גע'פסק'ענט, אז די רייכע מעגען צונעמען די פאַרמס און די הייזער פאַר זייערע חובות. אויף אזא אופן זיינען טויזענטער קליינע פאַרמער ארויסגעטריבען געוואָרען פון זייערע היימען. ביי די קליינע געשעפטס־לייט האָט מען אָפּגע־נומען זייערע קראָמען. די, וואָס האָבען גאָרניט געהאט, האָט מען געפירט אין די טורמעס. אָט זיינען אייניגע ציטאַטען גענומען פון מעקמעסטער'ס געשיכטע וועגען דער דאָזיגער לאַגע:

„ווען דאָס געזעץ וועגען איינשפּאַרען פאַר ניט־צאָלען חובות וואָלט געווען פּינקטליך דורכגעפירט געוואָרען אין דעם שטאַט ניו־העמשיר, וואָלטען אין 1785 צוויי־דריטעל פון דער באַפעל־קערונג געווען געזעסען אין געפענגניש... אין יאָר 1786 איז געווען א גערעטעניש אויף די פעלדער. דאָך האָבען די פאַרמער זיך באַקלאָגט, און מיט רעכט, אז פון די ווייץ און קאָרן האָבען זיי אזוי פיל נוצען ווי פון די שטיינער; די תבואה האָט געפוילט; די שייערען זיינען געווען פול, אָבער די קעשענעס זיינען געווען ליידיג. ווען די פאַרמער האָבען געדאַרפט שיך, האָבען זיי געמוזט זוכען א שוסטער, וואָס זאָל וועלען נעמען ווייץ פאַר שיך.

דער דוחק אין געלט איז געוואָרען אַלץ גרעסער. איבערהויפּט האָט זיך דער דוחק געפילט אין די דערפער."

באָרגען געלט איז אוממעגליך געווען. דאָס גאָלד איז געלעגען אין די הענט פון א קליינער גרופּע רייכע, וועלכע האָבען געפּאָדערט ריזיגע פּראָצענטען. בלויז די, וואָס האָבען געקענט מאַכען גרויסע פּראָפיטען, האָבען געקענט קריגען הלואות.

די אָרימע האָבען אויך געליטען פון זייערע רעגירונגען. די שטייערען זיינען געווען אומגעהייער גרויסע. די מלחמה האָט איבערגעלאָזען א שווערען יאָך פון חובות, און די רעגירונגען פון די שטאַטען האָבען געפאָדערט ביי די איינוואוינער שטייערען צו צאָלען די מלחמה־חובות. און די שטייערען זיינען אזוי געלייגט געוואָרען, אז די אָרימע האָבען געמוזט צאָלען דעם גרעסטען חלק.

„אין שטעדטעל גרינוויטש, אין מאַסאַטשוזעטס, האָבען די פּארמער אויסגערעכענט, אז ווען זיי וואָלטען געצאָלט די אַלע שטייערען וואָס די רעגירונג האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, וואָלט צווישען די יאָרען 1781 און 1786 פּאַר זיי אליין זיך גארנישט אָפּגעשטעלט. זיי וואָלטען דער רעגירונג געמוזט אוועקגעבען דעם גאַנצען שניט פון זייערע פעלדער. א סך פּארמס אין מאַסאַטשוזעטס זיינען פארקויפט געווארען פּאַר א דריטעל פון זייער ווערט צו באַצאָלען די חובות און די שטייערען."*)

די אָרימע קלאַסען האָבען געפּאָדערט, אז די שטאַט־רעגירונגען זאָלען דרוקען פּאַפּיר־געלט, עס פּארשפּרייטען צווישען פּאָלק און צווינגען די רייכע קרעדיטאָרען אָנצונעמען דאָס געלט פּאַר זייערע חובות. די באַוועגונג פּאַר פּאַפּיר־געלט האָט זיך פּארשפּרייט איבער אַלע קאָלאָניעס. אין די צוויי יאָר 1785 און 1786 האָט עס געשטורעמט און געקאָכט מיט דער דאָזיגער באַוועגונג. אין 7 שטאַטען האָבען די רעגירונגען זיך געמוזט בויגען און נאָכגעבען דעם פּארלאַנג נאָך פּאַפּיר־געלט. די שטאַט־רעגירונגען האָבען אויך אָנגענומען פּארשידענע מיטלען צו ווירקען אויף די גרויסע סוחרים און די רייכע קרעדיטאָרען ייי

*) נעווינס, „די אַמעריקאַנער שטאַטען פון 1775—1789".

זאָלען דאָס פּאַפּיר־געלט נעמען. אין נאָרט קאראָליינא, צום ביישפּיל, האָט די רעגירונג געקויפט טאַבאַק מיט'ן פּאַפּיר־געלט און געצאָלט צוויי מאָל טייערער ווי עס איז געווען דער פּרייז אין מעטאַל־געלט. אין רהאָוד איילענד איז אַרויפגעלייגט געוואָרען א שווערע שטראָף פאר אָפּזאָגען זיך צו נעמען פּאַפּיר־געלט, און דער שולדיגער האָט אויך פארלאָרען זיין בירגער־רעכט. אין סאוט קאראָליינא האָבען די אָרימע פארמער אָרגאַניזירט א געהיימען קלוב מיט דעם נאָמען „אָנצוהערעניש קלוב” („הינט קלאָב”), וועלכער האָט אנגעווענדט טעראָר־מיטלען געגען יעדען איינעם, וואָס האָט ניט געוואָלט אנערקענען דאָס פּאַפּיר־געלט.

אָבער די אַלע מיטלען האָבען ווייניג־וואָס געהאָלפען. דאָס פּאַפּיר־געלט איז פריהער אָדער שפּעטער געזונקען אין ווערט. דער עולם האָט מורא געהאט דאָס געלט צו נעמען, און אויב מען האָט א סוחר געצוואונגען צו נעמען פּאַפּיר־געלט, האָט ער געהעכערט דעם פּרייז פון זיין סחורה. דאָס פּאַפּיר־געלט האָט געבראַכט א שרעקליכען יקרות. די נויט איז געוואָרען נאָך גרעסער ווי פריהער.

אין די ניו־ענגלאנד שטאַטען האָט די באַוועגונג פאר פּאַפּיר־געלט, און די שווערע צייטען אין אַלגעמיין, געפירט צו ראַיאָטען און אויפשטאנדען. אין מאַסאַטשוזעטס האָט אויסגעבראָכען אַן אמת'ער רעוואָלט, וואָס האָט אָנגעהאַלטען עטליכע מאָנאַטען. די נייעס וועגען דעם רעוואָלט האָט זיך פארשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד און אָנגעוואָרפען א שרעק אויף אַלע געלט־מענשען.

די ראַיאָטען זיינען פאָרגעקומען ארום די לעדזשיסלייטשורס און די געריכטען. פון די לעדזשיסלייטשורס האָבען די אָרימע מאַסען געפאָדערט פּאַפּיר־געלט; פון די געריכטען האָבען זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלען אויפהערען צו משפּט'ן די אָרימע פאר ניט באַצאָלען חובות און „מאָרטגיידזשעס”. די געריכטען זיינען געווען געפּאַקט מיט קלאַגען געגען אָרימע פארמער, און יעדען טאָג פלעגען די ריכטער ארויסגעבען „וואָררענטס” אוועקצונעמען די ערד און די הייזער פון די פארשולדיגטע. די מאַסען האָבען דעריין געזען א פארשווערונג צווישען די ריכטער, די אדוואָקאַטען

און די קרעדיטאָרען זיי צו רואינירען. זיי האָבען געפאָדערט, אז צו דער פארשווערונג זאָל געמאכט ווערען א סוף, און דאָס בעסטע מיטעל וואָס זיי האָבען פאָרגעלייגט דערויף איז געווען — ארויס־צעווארפען אלע קלאגען געגען די פארמער און איינגאנצען צו שליסען די געריכטען.

אין סעפטעמבער, 1786, האָט א מחנה פון 400 מענשען מיט ביקסען און שווערדען אין די הענט אריינגעמארשירט אין דער שטעטעל עקסטער, ניו העמשיר, וואו די לעדזשיסלייטשור איז געזעסען. זיי האָבען ארומגערינגעלט דעם לעדזשיסלייטשור־זאַל און אריינגעשיקט א קאָמיטע מיט א צעטעל פון פאָדערונגען. די הויפט־פאָדערונג איז געווען — פאפיר־געלט. די אונטערשטע קאמער פון דער לעדזשיסלייטשור איז געווען גרייט נאָכצוגעבען, אָבער דער סענאט האָט זיך אנטזאגט. די מחנה האָט דאן ערקלערט, אז קיינער פון די דעפוטאטען וועט ניט פארלאָזען דעם זאַל, איידער עס וועלען דורכגעפירט ווערען די געפאָדערטע געזעצען. דער פרעזידענט פון דער אסעמבלי האָט געפרואווט ארויסגיין, אָבער די פּאָסטען פון דער מחנה האָבען אים אָפּגע־שעלט ביי דער טיר. ער האָט געפרואווט האלטען א רעדע פאר'ן עולם, אָבער די מאסע האָט אים אונטערבראָכען מיט געשרייען: „פאפיר־געלט!" „גלייכע צוטיילונג פון אייגענטום!" „אויסמעקען אלע חובות!" „באפרייען פון די צינזען!"

דורך דער נאכט איז אָבער געלונגען דער רעגירונג צו ברענגען מיליץ־סאָלדאטען, וועלכע האָבען צוטריבען די מחנה און ארעס־טירט די אָנפירער.

דער צאָרן פון עולם איז געווען געריכט הויפטזעכליך געגען די רייכע סוחרים און די אדוואָקאטען. די סוחרים זיינען פאר־האסט געווארען דערפאר, וואָס זיי האָבען געקויפט סחורה אין אויסלאנד און ארויסגעשיקט פון לאנד דאָס מעטאל־געלט; די אדוואָקאטען זיינען פארהאסט געוואָרען, ווייל זיי האָבען געפירט די פּראָצעסען געגען די אָרימע בעל־חובות. אין די מלחמה־יאָרען זיינען די געריכטס־הייזער כמעט אינגאנצען געשלאָסען געוואָרען. עס האָבען זיך דערפאר אָנגעזאמעלט א ריזיגע צאָל פּראָצעסען.

דערצו האָט די שלעכטע צייט פון נאָך דער מלחמה אוממעגליך געמאכט פאר טויזענטער פארמער צו באַצאָלען זייערע „מאָרט־גיידזשעס". ווען די געריכטען האָבען זיך איצט ווידער געעפענט, האָבען זיך אַ שאָט געטאָן קלאַגען אזוי ווי א האָגעל. די אדוואָ־קאַטען האָבען זיך ניט געקענט ספּראַווען, און זיי האָבען געריסען הויכע פּרייזען פאר זייערע דינסטען. זיי האָבען געפאָדערט גרויסע באַלוינונגען פאר פארטיידיגען די אָרימע. יעדער אדוואָ־קאַט האָט געמאכט געלד, אין דער צייט ווען די גרויסע מאסען זיינען געווען אין נויט. דערפאר זיינען זיי פארהאסט געוואָרען. מען האָט זיי גערופען „באנדיטען", „קעשענע גנבים", „בלוט־זייגער". מאַנכע צייטונגען אין מאסאטשוזעטס האָבען אפילו געפאָדערט, אז אדוואָקאטען זאָלען אינגאנצען אָפּגעשאפט ווערען.

צוזאמען מיט זיי זיינען אויך פארדאמט געוואָרען די ריכטער. דער עולם האָט געשריען, אז די ריכטער קריגען אַ צו־הויכען געהאַלט, און אז זיי שטייען שטענדיג אויף דער זייט פון די רייכע נעגען די אָרימע.

די אומרוהען אין מאסאטשוזעטס האָבען זיך אָנגעפאנגען אין סעפּטעמבער, 1786. מיט אַ פּאָר מאָנאטען פריער האָט זיך די לעדזשיסלייטשור אנטזאגט דורכצופירען די פאָדערונג וועגען פּאַפּיר־געלט און וועגען באגרענצען די רעכט פון לאָיערס. האָבען זיך די מאסען באַנוצט מיט דעם אלטען כּלי־זין וואָס איז געברויכט געוואָרען פריער צו אָרגאניזירען דעם ווידערשטאנד געגען ענגלאַנד: זיי האָבען פאררופען א צוזאמענפאָר פון אלע שטעט־לאך. די „קאָנווענשאָן" איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אויגוסט. זי האָט באַשלאָסען אז דער סענאַט זאָל אין גאנצען אָפּגעשאפט ווערען; אַז געוויסע געריכטען זאָלען זיך צושליסען; אז דאָס געהאַלט פון די ריכטער זאָל פארקלענערט ווערען; אז די רעכט פון די אדוואָקאטען זאָל באַגרענצט ווערען; אז די שטייערען זאָלען אזוי איינגעטיילט ווערען, אז די אָרימע זאָלען ניט דארפען טראָגען אזא שווערען יאָך; און אז די רעגירונג זאָל דרוקען פּאַפּיר־געלט.

די קאָנווענשאָן איז געווען דער סיגנאַל, און גלייך האָבען אויסגעבראָכען אומרוען. אין דער לעצטער וואָך פון אויגוסט האָט אַ באַוואפענטע מחנה פון 1,500 מאַן פארכאפט די געריכטס־געביידע אין נאָרטהעמפטאָן און ניט אריינגעלאָזען די ריכטער. דאָס געריכט האָט זיך געמוזט שליסען. דעם 5טען סעפּטעמבער האָט ענליכעס פּאסירט אין וואוסטער. אַ באַוואפענטער עולם האָט באַלאַגערט דעם געריכטס־זאַל, און ווען דער ריכטער איז געקומען, האָט מען אים ניט אריינגעלאָזט. דער ריכטער האָט געשריען, געזידעלט, געסטראשעט, אָבער ענדליך האָט ער געמוזט אליין אונטערשרייבען אַ פּאַפּיר, אַז דאָס געריכט איז געשלאָסען. ענליכע סצענען האָבען זיך אָפּגעשפּילט אין אנדערע שטעטלאך אין דעם שטאַט.

אין מיטען סעפּטעמבער האָט זיך אין ספּרינגפילד, מאַסאַטשוזעטס, געדראפט עפענען דער סופרים־קאָורט, דאָס העכסטע געריכט פון שטאַט. די בונטאָוושטשיקעס האָבען באַשלאָסען ניט צו דערלאָזען, אַז אפילו דער סופרים קאורט זאָל האָבען סעסיעס. די רעגירונג ווידער האָט באַשלאָסען אַז אין דעם פאַל טאָרען די בונטאָווטשיקעס ניט אויספירען. דער גאָווערנאָר האָט געשיקט 600 מיליץ־סאָלדאטען, זיי זאָלען באַזעצען דעם געריכט־זאַל איידער די בונטאָווטשיקעס קומען אָן. די בונטאָווטשיקעס האָבען אויך צונויפגעשטעלט אַן ארמיי פון אַ 600 מאַן. געפירט האָט זי דעניעל שעיס, וועלכער איז געווען אַן אָפיצער אין דער רעוואָלוציאָנערער ארמיי. ווען שעיס איז אָנגעקומען מיט זיינע מענשען, האָט ער אין געריכט־זאַל געטראָפען די מיליץ. ער האָט זיך צוריקגעצויגען, אָבער דאָס געריכט האָט מען ניט געוואגט צו עפענען. אין צוויי טעג ארום האָבען די ריכטער אליין דעם זאַל צוגעשלאָסען.

דער גאָווערנאָר האָט איצט באַשלאָסען צו אָרגאַניזירען אַ גרויסע מיליץ־ארמיי, אויסראָטען די בונטאָווטשיקעס און מאַכען אָרדנונג אין שטאַט. צו קריגען מענשען פאַר דער מיליץ איז ניט שווער געווען. עס האָט זיך נאָר געפאָדערט געלט, און קיין געלט האָט די רעגירונג ניט געהאַט. האָט זיך דער גאָווערנאָר

געווענדט צו די רייכע סוחרים פון באָסטאָן, און זיי האָבען איהם צוגעשטעלט די נויטיגע סומע. אין יאַנואַר, 1787, האָט דער גאָווערנאָר שוין געהאַט אַן אַרמיי פון 4,500 גוט־באַוואָפּענטע סאָלדאַטען.

דער ווינטער איז געווען זייער אַ קאַלטער. די בונטאָווער־שטשיקעס אונטער דער קאָמאַנדע פון דעניעל שעיס, זיינען געווען שרעקליך אָרים, זיינען געגאַנגען אין צוריסענע קליידער, און האָבען ניט געהאַט קיין פּראָוויאַנט. שעיס'עס אַרמיי איז אויך געווען אַ סך קלענער, ווי דעם גאָווערנאָר'ס אַרמיי, אינגאַנצען אַרום 2,000 מאַן. דערפאַר איז קיין וואונדער ניט, וואָס עס איז דער רעגירונגס־אַרמיי ניט אָנגעקומען שווער שעיס'ן צו שלאָגען. עס זיינען פאַרגעקומען אייניגע צוזאַמענשטויסען. שעיס'עס אַרמיי איז צוקלאַפּט געוואָרען. אין דער לעצטער שלאַכט, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אַ שרעקליך־קאַלטען טאָג אין פעברואַר, איז שעיס, צוזאַמען מיט 150 פון זיינע נאָכפאָלגער, אַריינגעפאַלען אין די הענט פון פיינט. די איבעריגע פון דער אַרמיי זיינען זיך צולאָפען און זיינען אַריבער די גרענעצען — טייל אין ווער־מאָנט, טייל אין רהאָוד איילענד. די געפאַנגענע זיינען געמ'משפט געוואָרען אַלס בונטאָווטשיקעס, און פערצען פון די פירער זיינען פאַר'משפט געוואָרען צום טויט. דער גאָווערנאָר האָט אָבער געוואוסט, אַז די סימפּאַטיע פון די מאַסען איז אויף דער זייט פון די פאַראורטיילטע, און ער האָט די הינריכטונגען אָפּגעלייגט אויף נאָך די וואַלען. ביי די וואַלען איז דער גאָווערנאָר דורכגע־פאַלען, און אויף זיין אָרט איז ערוויילט געוואָרען דזשאָן הענקאָק, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען סימפּאַטיע צו די רעבעלען און האָט זיי אַלעמען באַגנאַדיגט.

דער דאָזיגער אויפשטאַנד ווערט אין דער אַמעריקאַנישער געשיכטע באַצייכענט מיט'ן נאָמען „שעיס' רעבעליאָן" (שעיס'עס בונט).

קאפיטעל 2.

יעדער שטאַט טוט וואָס ער וויל

דעם פרידען מיט ענגלאַנד האָט געשלאָסען דער קאָנגרעס, וועלכער איז דאַן געווען די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען, אָבער די איינצעלנע שטאַטען האָבען זיך פונקט אַזוי וויניג גערעכענט מיט'ן ווילען פון קאָנגרעס אין אויסלענדישע אָנגעלע־גענהייטען ווי אין אינלענדישע. אין דעם פרידענס־אָפּמאַך זיינען געווען צוויי פונקטען, אויף וועלכע ענגלאַנד איז באַשטאַנען. איין פונקט איז געווען, אַז די אַמעריקאַנער סוחרים זאָלען באַ־צאָלען די ענגלישע סוחרים די חובות וואָס זיי זיינען זיי שולדיג געווען פאַר דער מלחמה; דער צווייטער פונקט האָט געלויטעט, אַז די אַמעריקאַנער זאָלען צורו לאָזען די „לאָיאַליסטען", ד. ה. די אַמעריקאַנער, וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט ענגלאַנד און איר געהאָלפען אין צייט פון דער רעוואָלוציע. מען האָט זיי ניט געטאָרט אַרויסטרייבען פון לאַנד און ניט קאָנפיסקירען זייער אייגענטום; יענע לאָיאַליסטען, וואָס זיינען אין די מלחמה־יאָרען אַנטלאָפען, אָדער זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון אַמעריקע, זאָלען מעגען צוריקקומען און זיך באַזעצען אין זייערע אַלטע היימען.

גלייך ווי די צוויי פונקטען זיינען באַקאַנט געוואָרען אין די שטאַטען, האָבען זיך אויפגעהויבען פּראָטעסטען. אמת, אין פרידענס־אָפּמאַך איז ניט געשטאַנען, אַז דער קאָנגרעס מוז די פונקטען דורכפירען. עס איז אבער געשטאַנען ,אַז דער קאָנגרעס איז זיך מתחיב צו רעקאָמענדירען צו די באַזונדערע שטאַט־רעגירונגען, אַז זיי זאָלען די פונקטען פאָלגען. און דער קאָנגרעס

האָט אזעלכע רעקאָמענדאציעסווירקליך געמאכט. אָבער סיי די מאסען, סיי די שטאַט־רעגירונגען האָבען צוריקגעוויזען די רעקאָמענדאציעס.

די אַלטע חובות האָט קיינער ניט געצאָלט. די לאָיאַליסטען זיינען אטאקירט געוואָרען מיט שרעקליכע זידעל־ווערטער אין די צייטונגען. זיי זיינען באַליידיגט געוואָרען אין די גאסען און אין געזעלשאפט. יעדער, אויף וועמען עס איז געווען אַ חשד, אַז ער האָט, אין די מלחמה־יאָרען, געהאָלפען ענגלאנד, אָדער סימפּאַטיזירט מיט איר, איז ארייַנגעלייגט געוואָרען אין חרם. טויזענטער האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען און זיינען אוועקגעפאָרען, טייל קיין קענעדע, טייל קיין ענגלאנד, און טייל אויף די וועסט־אינדישע אינזלען.

אם ברוטאַלסטען זיינען די לאָיאַליסטען באהאנדעלט געווארען אין דער סאוט, ווייל דאָרטען האָבען זיי אין די לעצטע יאָרען פון דער רעוואָלוציע געהאָלפען דעם ענגלישען „קאמפּיין פון שרעקליכקייט”. זיי האָבען געהאָלפען רויבען, ברענען און מאָרדען די קאָלאָניסטען. איצטער האָבען זיך די קאָלאָניסטען מיט זיי אָפּגערעכענט. אין סאוט קאראָליינא זיינען 12 לאָיאַליסטען אויפגעהאנגען געווארען, דערפאר וואס זיי האָבען ניט געפאָלגט דעם באפעל פון די איינוואוינער צו פארלאָזען דעם שטאַט אין פארלויף פון דריי וואָכען צייט.

מיט די לאָיאַליסטען האָבען סימפּאַטיזירט די אריסטאָקראטען און די רייכע. זיי האָבען אגיטירט, אז מען זאָל די לאָיאַליסטען מוחל זיין זייערע אמאָליגע זינד און זיי אנערקענען פאר אמעריקאַנער בירגער (די מערסטע לאָיאַליסטען האָבען געהערט צום זעלבען קלאס פון רייכע און אריסטאָקראטען). דער שארפסטער פאל האָט פאסירט אין ניו יאָרק. דאָרטען איז דורכגעפירט געוואָרען א געזעץ, אז אויב א לאָיאַליסט האָט אין די מלחמה־יאָרען פארנומען דאָס הויז פון א רעוואָלוציאָנער, אָדער זיך באנוצט מיט אייגענטום פון א רעוואָלוציאָנער, קען דער רעוואָלוציאָנער ביי אים איצט אויפמאָנען שאָדענערזאַץ, און אז דער לאָיאַליסט קען זיך ניט פארטיידיגען דערמיט, וואָס ער וועט זאָגען, אז ער האָט געהאַנ־

דעלט לויט'ן באפעל פון די ענגלישע מיליטער באַמטע און האָט זיך ניט געקאָנט העלפען. אויפ'ן גרונד פון דעם געזעץ האָט אַן אָרימע אלמנה אָנגעקלאָגט א רייכען לאָיאַליסטישען סוחר. ווען די ענגלישע ארמיי איז אריין אין ניו יאָרק, אין 1777, איז די אלמנה אַנטלאָפען און דער רייכער סוחר האָט פארנומען איר אייגענטום. ער האָט עס געטאָן אויפ'ן באפעל פון ענגלישען קאָמענדאַנט.

דער רייכער סוחר האָט געדונגען אלס אדוואָקאַט דעם באַרימטען אלעקסאנדער האמילטאָן, א רעוואָלוציאָנער פון דעם אריסטאָקראטיש־קאָנסערוואטיווען פליגעל. האמילטאָן האָט אָנגענומען דעם פראָצעס טיילווייז טאקע צוליב דאָס געלט, וואָס דער אָנגעקלאָגטער האָט אים אָנגעבאָטען, און טיילווייז צוליב זיין אייגענער סימפאטיע צו די פארפאָלגטע לאָיאַליסטען. האמילטאָנ'ס האנדלונג האָט ארויסגערופען געגען אים די ביטערסטע געפילען פון די מאסען. אָבער אים האָט עס ניט געקימערט; ער האָט זיין קליענט פארטיידיגט און האָט געוואונען דעם פראָצעס.

די שטאַטען האָבען געקוקט איינע אויף די אנדערע מיט קנאה און חשד. זיי האָבען זיך געקריגט צווישען זיך איבער פראגען פון שטייערען, גרענעצען און טעריטאָריע. ניו יאָרק און ניו־העמשיר האָבען זיך געריסען איבער ווערמאָנט. יעדע פון זיי האָט גע'טענה'ט, אז די טעריטאָריע פון ווערמאָנט געהערט צו איר. (ווערמאָנט אליין האָט גע'טענה'ט, אז זי וויל ניט געהערען צו קיינעם און אז זי וויל זיין א שטאַט פאר זיך). קאָנעטיקאט און ניו־דזשוירזי האָבען ביידע פראָטעסטירט געגען ניו יאָרק דערפאר, וואָס זי האָט ארויפגעלייגט שטייערען אויף שיפען, וואָס האָבען געפירט סחורה אין איר האפען. די צוויי שטאַטען, ניו־דזשוירזי און קאָנעטיקאט, גרענעצען זיך מיט ניו יאָרק, און זיי האָבען אימפּאָרטירט סחורה דורך דעם ניו יאָרקער האפען. האָבען זיי גע'טענה'ט, אז אינדירעקט רייסט ניו יאָרק שטייערען פון זיי. די שטאַטען ווירדזשיניא, מערילענד און פענ־

סילווייניא האָבען זיך געקריגט איבער דעם פּאָטאָמעק טייך, ווער פון זיי זאָל איבער דעם טייך האָבען די דעה.

צוליב די קריגערייען צווישען זיך האָבען די שטאַטען גאָר־נישט געטאָן געגען ענגלאַנד דערפאַר, וואָס זי האָט ניט אַריינגעלאָזען קיין אמעריקאַנישע שיפען אין אירע האפענס, און האָט פאַרווערט דעם אַמעריקאַנישען האנדעל אין די וועסט־אינדיעס. איין שטאַט האָט געשטערט דעם צווייטען. אזוי, צום ביישפּיל, האָבען די דריי ניו־ענגלאַנד שטאַטען, מאַסאַטשוזעטס, ניו־העמשיר און רהאָוד־איילענד, פאַרבאָטען ענגלישע שיפען אַרויסצופיהרען אַמעריקאַנישע סחורה פון זייערע האַפענס. האָט קאָנעטיקאַט געלאָזט וויסען די ענגלישע שיפען, אז אירע האַפענס זיינען פריי פאַר זיי. איינינע שטאַטען האָבען אַרויפגעלייגט א שטייער אויף אימפּאָרטירטע ענגלישע סחורה, האָבען די אַנדערע שטאַטען זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און אַריינגעלאָזען די סחורה פריי, כדי צוצוציען צו זיך דעם האנדעל. דער קאָנגרעס האָט געבעטען ביי די שטאַטען דאָס רעכט אַרויפצולייגען אַ שטייער פון 5 פּראָצענט אויף אַריינגעפירטע סחורה. דאָס געלט וואָלט געבראַכט דאָפּעלטע נוצען: ערשטענס, וואָלט דאָס געשלאָ־גען ענגלאַנד, און, צווייטענס, וואָלט דער קאָנגרעס געהאַט מיטלען פאַר רעגירונגס־צוועקען. צוועלף שטאַטען האָבען זייער צושטימונג געגעבען, אבער דער איין שטאַט, רהאָוד־איילאנד, האָט זיך איינגעשפּאַרט אויף ניין, און עס איז געבליבען ניין. צווינגען האָט מען זי ניט געקענט, און אָן איר איז אוממעגליך געווען דעם שטייער דורכצופירען, ווייל אַלע ענגלישע שיפען וואָלטען דאָך זייער סחורה אַריינגעפירט דורך די פרייע האפענס פון רהאָוד־איילאַנד. שפּעטער איז א צווייטער ענליכער פאַרזוך געמאַכט געוואָרען. דעם מאָל האָט זיך ניו יאָרק איינגעשפּאַרט אויף ניט, און דער פּלאַן איז ווידער צו־נישט געוואָרען.

קאפיטעל 3.

די רייכע קלאַסען ווילען א שטאַרקע נאַציאָנאַלע רעגירונג

ווענען דער פראגע פון שטארקער מאכען די נאציאָנאַלע רעגירונג, געבען מער מאכט און רעכט דעם קאָנגרעס, האָט מען גערעדט און געשריבען יאָרען נאָכאַנאַנד. נאָך אפילו איידער דער פרידען מיט ענגלאַנד איז געשלאָסען געוואָרען האָט אזא וויכטיגער מענש ווי דזשאָרדזש וואַשינגטאָן ארויסגעשטעלט די פאָדערונג, אז דער קאָנגרעס זאָל אויפהערען צו זיין א נאָמינעלע מאכט און זאָל ווערען א פאַקטישע מאַכט; אז דער קאָנגרעס זאָל קריגען די מעגליכקייט צו צווינגען די שטאטען אים צו פאָלגען. אז פרידען איז געשלאָסען געוואָרען איז די באַוועגונג פאר א שטאַר־קער נאציאָנאַלער רעגירונג נאָך מער געוואַקסען, הויפטזעכליך צווישען יענע קלאסען, וואָס האָבען געהאָפט צו געווינען עקאָנאָ־מיש פון אזא רעגירונגס־סיסטעם. עס זיינען ווענען דעם געשריבען געוואָרען פאמפלעטען און אָפהאנדלונגען אין די צייטונגען. די אומרוען אין די ניו־ענגלאַנד שטאַטען, דער קריזיס אין דער אינדוסטריע און אין דעם האַנדעל צוליב ענגלאַנד'ס געזעצען און קאָנקורענץ — דאָס אַלץ האָט אין יאָר 1786 געבראַכט די פראגע צו א קריטישען פונקט. די פאָרשטייער פון די פאבריקאנטען און האנדעלס־קלאַסען, די באַזיצער פון ווערט־פאַפּירען און פון וועקסלען און מאָרטגיידזשעס, האָבען דערפילט, אז עפּעס מוז שנעל געטאָן ווערען, אויב ניט, שטייט זיי פאָר די סכנה מאַטעריעל רואינירט צו ווערען.

מען האָט גערעדט, אז עס זאָל גערופען ווערען א קאָנ־ווענשאָן פון די דרייצען שטאַטען צו באַטראַכטען די פראגע ווענען

געבען דעם קאָנגרעס מער מאַכט. מען האָט שוין פריער עטליכע מאָל געפּרואווט ווירקען אויף דעם קאָנגרעס, ער זאָל אזא קאָנ־ווענשאָן פאררופען. אָבער די פארזוכען האָבען זיך ניט איינגע־געבען. איצטער אָבער, אז די צייט איז געווען אזוי רייף דערפאַר, איז ניט נויטיג געווען צו זוכען ספּעציעלע מיטלען ווי אזוי די קאָנווענשאָן צו פאררופען. יעדער מיטעל איז געווען גענוג. גראָד האָט זיך דעמאָלט געמאַכט, אז די צוויי שטאַטען, ווירדזשיניא און מערילענד, האָבען געהאַט אַ קאָנפערענץ צווישען זיך וועגען זייער אַלטען סכסוך איבער דעם טייך פּאָטאָמעק. האָט מערילענד פאָרגעשלאָגען, אז עס זאָל פאררופען ווערען א צווייטע קאָנפע־רענץ, א גרעסערע, צו וועלכען די שכנ׳ישע שטאַטען — פּענסיל־ווייניא און דעלעווער — זאָלען אויך געלאַדען ווערען און אז די קאָנפערענץ זאָל פארהאנדלען אויך אלגעמיינע האנדעלס־פראַגען וואָס רירען אָן די אלע שטאַטען. ווירדזשיניא האָט צוגעשטימט דערצו. אירע דעלעגאַטען זיינען געגאַנגען נאָך א שריט ווייטער. זיי האָבען צו דער קאָנפערענץ איינגעלאַדען אלע דרייצען שטאַטען. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין אַנאַפּאָלים, מערילענד, אין הערבסט פון 1786.

די אַנאַפּאָלים׳ער קאָנפערענץ איז געווען א דורכפאַל. בלויז פינף שטאַטען האָבען געשיקט פאָרשטייער. די עטליכע דעלעגאַטען וואָס זיינען דאָרטען געווען האָבען אָבער ניט פארלאָרען דעם מוט. זיי האָבען אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג און אָנגענומען א רעזאָלוציע, וואָס אַלעקסאַנדער האַמילטאָן האָט פארפאַסט, אז עס זאָל אָפּגע־האַלטען ווערען א קאָנווענשאָן פון אלע שטאַטען אין פילאַדעלפיע, און אז די קאָנווענשאָן זאָל זיך עפענען דעם צווייטען מאָנטאָג אין מאַי, 1787, און אז די אויפגאַבע פון דער קאָנווענשאָן זאָל זיין „אויסצואַרבייטען פּראָיעקטען וואָס זאָלען מאַכען די פעדעראַלע רעגירונג אזוי שטאַרק ווי די אומשטענדען פאָדערען“.

די רעזאָלוציע האָט ווייטער געלויטעט, אז די פּראָיעקטען וואָס די קאָנווענשאָן וועט אָננעמען זאָלען פאָרגעלייגט ווערען פאר׳ן קאָנגרעס; אז אויב דער קאָנגרעס וועט זיי גוטהייסען, זאָלען זיי פאָרגעלייגט ווערען פאר די לעדזשיסלייטשורס פון די

דרייצען שטאטען, און אויב די אלע דרייצען לעדזשיסלייטשורס וועלען צושטימען צו זיי, זאלען זיי דאן אריין אין קראפט.

די רעזאלוציע איז פאנאנדערגעשיקט געווארען צו די דרייצען שטאטען און צום קאנגרעס. אין פארלויף פון עטליכע מאנאטען האבען צוועלף שטאטען די רעזאלוציע גוט־געהייסען און באשטימט דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן. דער איינציגער שטאט וואס האט זיך אנטזאגט דאס צו טאן איז געווען רהאוד־איילאנד. אין פעברואר, 1787, האט דער קאנגרעס אויך גוטגעהייסען די קאנווענשאן.

וועלכע קלאסען אין דער אמעריקאנער געזעלשאפט פון 1786 זיינען געווען עקנאמיש פאראינטערעסירט אין דעם, אז עס זאל געגרינדעט ווערען א שטארקע צענטראלע אדער נאציאנאלע רעגירונג?

אין אלגעמיין גערעדט זיינען דאס געווען די רייכע קלאסען, די געלט־מענשען. אבער ווער זיינען עס געווען די פארשיידענע געלט־גרופען פון יענער צייט און וואס האט יעדע פון זיי געהאפט צו געווינען פון א שטארקער רעגירונג?

ערשטענס, זיינען עס געווען די רייכע לאנד־באזיצער, די קאמפאניעס וואס האבען אויפגעקויפט לאנד אין דער וועסט, ווייט איבער די גרענעצען. זיי האבען דאס לאנד אפגעקויפט ביי די שטאט־רעגירונגען פאר קליינע סומען געלט, און די ארימע וואס האבען זיך דארטען באזעצט האבען געמוזט קויפען דערנאך ביי די קאמפאניעס און צאלען פיל העכערע פרייזען און זיך צו די קאמפאניעס פאר׳משכונ׳ען. פאר די לאנד־ספעקולאנטען איז וויכטיג געווען צו האבען א שטארקע צענטראלע רעגירונג, וועלכע זאל זיי העלפען פארטרייבען די אינדיאנער פון זייער לאנד און אויך העלפען צווינגען די קליינע פארמערס וואס האבען געקויפט ביי זיי לאנד צו צאלען די מארטגיידזשעס.

צווייטענס, די אייגענטימער פון די גרויסע טאבאק־פלאנטאציעס אין דער סאוט. די רייכע „פלענטארס" האבען זיך גענויטיגט אין א שטארקער רעגירונג אלס שוץ געגען די נעגער־

שקלאפען. די מורא פאר א נעגער־אויפשטאנד האָט שטענדיג געשוועבט פאר זייער געדאנק, און זיי האָבען געוואָלט האָבען הינטער זיך די אייזערנע האנט פון א פאראייניגטער מאכט פון אַלע שטאטען. אויסער דעם, זיינען אַ סך פון די פּלאַנטאַציע־אייגענטימער געווען שותפים אין לאַנד־קאָמפּאַניעס און האָבען געהאט זייער געלט אריינגעלייגט אין מאָרטגיידזשעס אויף קליינע פארמס אין דער וועסט, און זיי האָבען זיך אויך גענויטיגט אין א שטארקער רעגירונג אַלס אַ וואפע געגען די אָרימע בעל־חובות.

עס דארף באמערקט ווערען, אז די רייכע לאַנד־אַריסטאָקראַטיע פון ניו יאָרק איז געווען אַן אויסנאַם אין דעם פּרט. די אריסטאָקראַטען האָבען דאָ געהאט גרויסע מאַיאָנטקעס, וואו עס האָבען געוואוינט און געארבייט קליינע פארמער, וועלכע האָבען זיך געטיילט מיט זיי מיט די פּראָדוקטען. די לאנד־באַזיצער האָבען דאָ פון א שטארקער נאַציאָנאַלער רעגירונג ניט געהאט וואָס צו געווינען. זיי וואָלטען נאָך, מערסטענס, פון איר געליטען. וואָרים כל־זמן ניו יאָרק איז געווען אַ רעגירונג פאר זיך, זיינען די רייכע ערד־באַזיצער געווען פריי פון גרויסע שטייערען. די שטאַט־רעגירונג האָט אירע נויטיגע שטייערען באַקומען דורך אַ טאַריף אויף סחורות. אין ניו יאָרקער האַפען פלעגען דאן אָנקומען אַ סך שיפען מיט סחורה, און דער שטאַט האָט פון זיי קאָלעקטירט גרויסע סומען געלט אַלס טאַריף. די ערד־באַזיצער האָבען מורא געהאט, אז אויב עס וועט געגרינדעט ווערען אַן אלגעמיינע נאַציאָנאַלע רעגירונג, וועלען זיי דורך איר געצוואונגען ווערען צו צאָלען שטייערען פאַר זייער לאַנד.

דריטענס, די באַזיצער פון ווערט־פּאַפּירען, די וואָס האָבען געהאַלטען די וועקסלען (באָנדס) פון דעם קאָנגרעס און פון די פארשידענע שטאַט־רעגירונגען. אין פארלויף פון דער רעוואָלוציע האָט דער קאָנגרעס אנגעבאָרגט אין אויסלאַנד אַן ערך פון 10 מיליאָן דאָלאר און אין לאַנד גופא — אַן ערך פון 27 מיליאָן דאָלאר. צוזאמען מיט די הינטערשטעליגע פּראָצענטען האָט דער אויסלענדישער חוב באַטראָפען נאָענט צו 12 מיליאָן, און דער אינלענדישער חוב — איבער 40 מיליאָן. די שטאַט־רעגירונגען

זיינען נאך באזונדער שולדיג געווען ארום 25 מיליאָן. א טייל פון די חובות האָט געקומט די סאָלדאטען און אָפיצערען אלס געהאלט פאר דינען אין דער רעוואָלוציאָנערער ארמיי.

די אָרימע אינוועסטאָרס, וועלכע האָבען געהאלטען רעגירונגס־באָנדס אָדער ווערט־פּאַפּירען, און די אָרימע סאָלדאטען, האָבען זייערע פּאַפּירען פארקויפט אין פארלויף פון די קריזיס־יאָרען. דער ווערט פון די פּאַפּירען איז דאן געווען זייער נידעריג. די רייכע ספּעקולאַנטען, וואָס האָבען די וועקסלען אויפגעקויפט, האָבען געצאָלט פון א פערטעל ביז א צענטעל פון דעם אָפיציעלען ווערט. אָט די ספּעקולאַנטען זיינען געווען בלוטיג פאראינטערע־סירט, אז א שטארקע נאַציאָנאַלע רעגירונג זאָל געגרינדעט ווערען. אזא רעגירונג וואָלט אויפגעהויבען דעם ווערט פון די פּאַפּירען, און זי וואָלט געקענט זאמלען די נויטיגע שטייערען אויף צו באצאָלען די רעגירונגס־חובות.

די אָפיצערען זיינען אויך געווען פאר א שטארקער נאַציאָ־נאַלער רעגירונג. זיי האָבען זייערע וועקסלען ניט פארקויפט צו ספּעקולאַנטען, ווי דאָס האָבען געטאָן די אָרימע סאָלדאטען. די אָפיצערען האָבען געהערט צו די רייכערע קלאסען און זיי זיינען ניט געצוואונגען געווען צו פארקויפען זייערע וועקסלען אין די שלעכטע יאָרען. זיי האָבען געוואַרט אויף א צייט, ווען זייער ווערט וועט שטייגען. איצטער זיינען די אָפיצערען געווען צווישען די שטארקסטע אַגיטאַטאָרען פאר א נאַציאָנאַלער רעגירונג, און זייער מאַכט האָבען זיי אויסגעאיבט דורך זייער פארבאנד, „די סאָסייעטי אָוו סינסינעטי”.

די פערטע גרופּע זיינען געווען די פאַבריקאַנטען, די רייכע הענדלער און די שיף־אייגענטימער. זיי אלע האָבען שטארק געלי־טען פון אויסלענדישער קאָנקורענץ. די פאַבריקאַנטען האָבען געהאָפט, אז די נאַציאָנאַלע רעגירונג וועט דורך הויכע טאַריפען אוממעגליך מאַכען פאר אויסלענדישע סחורות צו פארפלייצען דעם היגען מארק. די סוחרים האָבען אויך גערעכענט, אז אויב די פּרייזען פון סחורות וועלען זיך הויבען דורך א טאַריף, וועלען זיי קענען מאַכען גרעסערע פּראָפיטען. די שיף־קאָמפּאַניעס האָבען

געהאָפט, אַז אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע רעגירונג וועט פאַר זיי קענען עפענען די מערק אין אויסלאַנד, וואָס זיינען איצט פאַר זיי געווען כמעט אינגאַנצען פאַרשפאַרט. אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג וועט האָבען די מעגליכקייט צו שטעלען פאָדערונגען און אַרויפ־לייגען אַן עקאָנאָמישען שטראָף אויף יענע לענדער, וואָס באַהאַנד־לען אַמעריקאַנישע שיפען ערגער ווי אַמעריקע באַהאַנדעלט זייערע שיפען.

די אָרימע פאַרמערס, די וואָס זיינען געווען שולדיג געלט און וועמענס פאַרמס עס זיינען געווען פאַר'משכונ'ט צו די רייכע, האָבען, פאַרקערט, מורא געהאַט פאַר אַ שטאַרקער נאַציאָנאַלער רעגירונג, צוליב דיזעלבע אורזאַכען. זיי האָבען געוואוסט, אַז אַזאַ רעגירונג וועט אָפּשאַפען דאָס ביליגע פאַפיר־געלט, וועט זיי צווינגען צו צאָלען די חובות, וועט מיטברענגען אַז ערד זאָל טייערער ווערען, וועט פאַרגרעסערען די שטייערען, וועט מאַכען זייער לאַגע שווערער. פאַרקערט, ווידער, די ארבייטער זיינען געווען גענויגט אַז אַ שטאַרקע רעגירונג זאָל יע געגרינדעט ווערען. זיי האָבען געהאָפט, אַז מיט דער הילף פון אַ שטאַרקער צענט־ראַלער רעגירונג וועט לייכטער זיין אויפצובויען אינדוסטריען דאָ, אין לאַנד. עס וואָלט געוואָרען מער ארבייט, איבערהויפט ביי שיף־בויעריי. די ארבייטער האָבען אָבער דעמאָלט נאָך קיין מעגליכקייט ניט געהאַט אויסצודריקען זייער ווילען, ווייל זיי האָבען קיין שטים־רעכט ניט געהאַט. די קליינע פאַרמער אָבער האָבען טיילווייז יע געהאַט שטים־רעכט. זיי האָבען געקענט ווירקען, אַז זייער שטימע זאָל זיך הערען.

קאַפּיטעל 4.

די קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן

די דעלעגאַטען צו דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנווענשאָן זיי־נען ניט געוויילט געוואָרען דורכ'ן פאָלק. זיי זיינען אויסגע־קליבען געוואָרען פון די לעדזשיסלייטשורס פון די דרייצען שטאַ־טען. אין די לעדזשיסלייטשורס זיינען געזעסען מייסטענס רייכע לייט, ווייל לויט די געזעצען פון יענער צייט האָט אַן אָרימער גאָר ניט געקענט זיין קיין דעפּוטאַט אין לעדזשיסלייטשור. עס איז דערפאַר גאַנץ נאַטירליך, אז די מענשען וואָס זיי האָבען גע־שיקט אַלס דעלעגאַטען זאָלען זיין פאַרטרעטער פון זייער געזעל־שאַפטליכען קלאַס. א חוץ דעם האָבען די רייכע פארשטאַנען די וויכטיגקייט פון דער קאָנווענשאָן. זיי האָבען געוואוסט, אז דורך איר וועט מעגליך זיין צו פאַרווירקליכען זייער שטרעבונג צו א פעסטער נאַציאָנאַלער רעגירונג און אז דורך אזא רעגירונג וועלען זיי עקאָנאָמיש געווינען. זיי האָבען דערפאַר אָנגעווענדט אַלע מיטלען אז נאָר זייערע מענשען זאָלען געשיקט ווערען צו דער קאָנווענשאָן.

געוויילט געוואָרען אַלס דעלעגאַטען זיינען עטליכע און זיי־בעציג פּערזאָן. צו די זיצונגען זיינען אָבער געקומען ניט מער ווי פינף־און־פופציג. איינציגע שטאַטען זיינען געווען פארטראָ־טען פון זיבען דעלעגאַטען, אנדערע פון פיר, א טייל פון דריי, און א טייל גאָר פון צוויי. די צאָל פאָרשטייער וואָס א שטאַט האָט געשיקט האָט ניט אויסגעמאַכט, ווייל סיי־ווי־סיי האָט יע־דער שטאַט געהאַט בלויז איין שטימע.

וואָס פאַר אַ מענשען זיינען געווען די פינף־און־פופציג דע־לעגאַטען?

פּראָפעסאָר ביערד, אין זיין בארימט ווערק „די עקאָנאָמישע אויסטייטשונג פון דער קאָנסטיטוציע״, גיט אָפּ אַ לאַנגען און גרינטליכען קאַפּיטעל אויף אָט דער פראַגע. ער פאָרשט אויס דעם עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען שטאַנד פון יעדען דע־לעגאַט באַזונדער. ביים שלוס פון דעם קאַפּיטעל מאַכט ער דעם פאָלגענדען סך הכל:

„די מאַיאָריטעט פון די דעלעגאַטען זיינען געווען אַדוואָ־קאַטען.

„די מערסטע דעלעגאַטען זיינען געקומען פון די גרעסערע שטעדט ביים אַטלאַנטישען ברעג, דאָרט וואו די געלט־אינטערע־סען זיינען געווען אַם שטאַרקסטען קאָנצענטרירט.

„קיין איינציגער פון די דעלעגאַטען האָט ניט באַלאַנגט צום קלאַס פון קליינע פאַרמער אָדער אַרבייטער.

„אַ ריזיגע מאַיאָריטעט, ווייניגסטענס פינף־זעקסטעל פון זיי, איז געווען דירעקט, אוממיטעלבאַר און פערזענליך פאַראינ־טערעסירט אין דעם רעזולטאַט פון דער קאָנווענשאָן, און יעדער פון זיי האָט עקאָנאָמיש מער אָדער ווייניגער געוואונען פון דעם וואָס די קאָנסטיטוציע איז פאַרפאַסט געוואָרען.

„פון די פינף־און־פופציג דעלעגאַטען האָבען ניט ווייניגער ווי פערציג פאַרמאָגט רעגירונגס־ווערט־פּאַפּירען. די פּאַפּירען זיינען געווען ווערטלאָז אַזוי לאַנג ווי די נאַציאָנאַלע רעגירונג איז געווען שוואַך.

„פערציג פון די דעלעגאַטען האָבען ספּעקולירט מיט לאַנד.

„פיר־און־צוואַנציג פון די דעלעגאַטען האָבען געהאַט וועקס־לען און מאָרטגיידזשעס.

„עלף פון די דעלעגאַטען זיינען געווען סוחרים, פאַברי־קאַנטען און שיף־אייגענטימער.

„פופצען פון די דעלעגאַטען זיינען געווען אייגענטימער פון נעגער־שקלאַפען.״

דער חשוב׳סטער דעלעגאט אויף דער קאָנווענשאָן איז געווען דזשאָרדזש וואשינגטאָן און ער איז ערווײלט געוואָרען אַלס פאָר־זיצער. וואשינגטאָן איז געווען דער רייכסטער מאַן אין אמע־ריקע. ער איז געווען אי אַ שקלאַפען־אייגענטימער, אי אַ לאַנד־ספּעקולאַנט, אי אַ מלוה. ער האָט אויך געהאַט ווערט־פּאַפּירען און וועקסלען*).

זעקס פון די דעלעגאַטען זיינען געווען אימיגראַנטען, ניט קיין אַמעריקאַנער־געבאָרענע. פון די זעקס זיינען דריי געווען צווישען די סאַמע וויכטיגסטע אויף דער קאָנווענשאָן: אַלעק־סאַנדער האַמילטאָן, ראָבערט מאָררים און דזשיימס ווילסאָן.

די קאָנווענשאָן האָט זיך געדאַרפט עפענען דעם צווייטען מאָנטאָג אין מאַי, וועלכער איז אויסגעפאַלען אין יענעם יאָר דעם 14טען אין מאָנאַט. די דעלעגאַטען האָבען זיך אָבער ניט געאײלט. מען האָט געמוזט וואַרטען ביז דעם 15טען איידער

*) דער היסטאָריקער האַרלאָו שרייבט: „עס איז טאַקע אמת, אַז אַלע דעלעגאַטען זיינען געווען פאַרמעגליכע מענשען. אַלס רייכע לייט האָבען טייל פון זיי געהאַט רעגירונגס־ווערט־פּאַפּירען, און אַלס אינטעליגענטע מענשען האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז אַ שטאַרקע רעגירונג וועט אויפ־הויבען דעם ווערט פון די פּאַפּירען. דאָך דאַרף מען ניט דענקען, ווי איניגע היסטאָריקער טוען, אַז דער גרונט־מאָטיוו פון די דעלעגאַטען, ווען זיי האָבען פאַררופען די קאָנווענשאָן, איז געווען רייכער צו מאַכען זייער קעשענע.״

פּראָפעסאָר ביערד פילט זיך אויך אומבאַקוועם פון די באַווייזען, וואָס ער האָט אַליין געפונען, און ער שרייבט טאַקע אין זעלבען קאַפּיטעל: „דער ציל פון מיין אונטערזוכונג וועגען דעם מאַטעריעלען שטאַנד פון די דעלעגאַטען איז ניט צו באַווייזען, אַז די קאָנסטיטוציע איז פאַרפאַסט געוואָרען צוליב דעם פּערזענליכען געלט־געווינס פון די מיטגלידער פון דער קאָנווענשאָן. ניין, דאָס ניט.״

ער באַמערקט ווייטער דאָס פאָלגענדע: „דער פונקט וואָס איך וויל דאָ פעסטשטעלען איז, אַז די דעלעגאַטען זיינען ניט געווען באַאיינפלוסט בלויז פון אַבסטראַקטע פּרינציפּען. זיי האָבען פאַרטראָטען באַשטימטע געזעלשאַפטליכע גרופּען, וועמעס עקאָנאָמישע אינטערעסען זיי האָבען ניט נאָר באַגריפען, נאָר אויך געפילט, ווייל זיי האָבען פּערזענליך געהאַט דיזעלבע ערפאַרונגען ווי יענע קלאַסען.״

עס האָבען זיך פאַרזאַמעלט דעלעגאַטען פון זיבען שטאַטען, אַ מאַיאָריטעט, הייסט עס, און דאַן ערשט האָט מען אָנגעהויבען די קאָנווענשאָן צו אָרגאַניזירען. רהאוד־איילאַנד האָט גאָר קיין דעלעגאַטען ניט געשיקט. די דעלעגאַטען פון ניו העמשיר האָבען זיך פאַרשפעטיגט אויף גאַנצע צוויי מאָנאַטען.

אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטען האָבען זיך באַצויגען גלייכגילטיג צו דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט און האָבען אויסגעלאָזט אַ סך זיצונגען. אויף יעדער זיצונג זיינען געווען דורכשניטליך ניט מעהר ווי דרייסיג דעלעגאַטען. דאָס הייסט, נאָהענט פון אַ העלפט פון די דעלעגאַטען האָבען שטענדיג געפעלט.

די קאָנווענשאָן האָט זיך געצויגען פון דעם 25טען מאַי ביז'ן 17טען סעפּטעמבער. די זיצונגען פלעגען זיך אָנפאַנגען 10 אין דער פרי און זיך ענדיגען 3 נאָכמיטאַג. זונטאָג איז די קאָנווענשאָן געווען געשלאָסען.

גלייך פון אָנפאַנג איז באַשטימט געוואָרען, אַז די זיצונגען זאָלען זיין שטרענג אין געהיים, הינטער פאַרשלאָסענע טירען. עס זיינען געשטעלט געוואָרען וועכטער פון ביידע זייטען טיר, קיין פרעמדען ניט אריינצולאָזען. עס איז אויך אָנגענומען געוואָרען אַ באַשלוס, אַז קיין דעלעגאַט זאָל ניט טאָרען אויסזאָגען אין דרויסען וואָס ביי די זיצונגען ווערט גערעדט. קיינער פון די דעלעגאַטען האָט ניט געטאָרט קאָפּירען אַ וואָרט פון די פּראָטאָקאָלען אָן דער ערלויבניש פון דער קאָנווענשאָן.

דער באַשלוס איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרען. ביז מיט דרייסיג יאָר שפּעטער האָט דער גרויסער אַמעריקאַנער עולם קיין שום באַגריף ניט געהאַט פון די פאַרהאַנדלונגען, רעדעס און דעבאַטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי דער קאָנווענשאָן. ערשט אַרום יאָר 1812 האָט דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן אָפּגעדרוקט די פּראָטאָקאָלען פון דער קאָנווענשאָן און ערלויבט דעם עולם זיי צו לעזען. ליידער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז די פּראָטאָקאָלען זיינען שרעקליך שלעכט געפירט געוואָרען. דער סעקרעטער פון דער קאָנווענשאָן האָט בלויז פאַרצייכענט די פאָרמעלע פאָרשלאָגען און דעם רעזולטאַט פון די אָפּשטימונ־

גען איבער די פארשלאגען. וועגען די פארהאנדלונגען גופא, די דיסקוסיעס, די ארגומענטען, די מיינונגען פון איינצעלנע דעלע־גאטען איז אין די פראקטאקאלען כמעט גארניט געווען.

דערוואוסט וועגען דעם אלעם האט מען זיך ערשט שפעטער, ווען איינצעלנע דעלעגאטען האבען גענומען פארעפענטליכען זייערע פריוואטע טאג־ביכער און זייערע עראינערונגען וועגען דער קאנווענשאן. דעם בעסטען און אויספירליכסטען באריכט פון דער קאנווענשאן האט ארויסגעגעבען איינער פון די סאמע וויכ־טיגסטע דעלעגאטען, דזשיימס מעדיסאן. ער האט פארשטאנען די וויכטיגקייט פון דער קאנווענשאן גלייך ווי זי האט זיך גע־עפענט, און ער האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו פירען אין געהיים א פראטאקאל פון אלע פארהאנדלונגען. אט וואס ער אליין שרייבט וועגען דעם ווי אזוי ער האט די אויפגאבע דורכגעפירט:

„איך האב פאר זיך אויסגעקליבען א פלאץ נעבען דעם פארזיצער. פון דארטען האב איך געקענט הערען אלץ, וואס איז גערעדט געווארען. איך האב געמאכט קורצע נאטיצען פון אלץ וואס יעדער איינציגער האט ארויסגעזאגט. גלייך ווי די זיצונג פלעגט זיך שליסען, ווען אלץ איז נאך געווען פריש ביי מיר אין מח, פלעג איך מיינע נאטיצען איבערשרייבען". פאר א פריינט האט מעדיסאן שפעטער דערציילט, אז זיין ארבייט אלס דעלעגאט ביי דער קאנווענשאן און אלס היסטאריקער פון די זיצונגען איז אים געפאלען אזוי שווער, אז ער האט שיער ניט צוזאמענגעבראכען. ער האט אבער זיין אויפגאבע דורכגעפירט אויף א וואונדערבארען אופן, אויפריכטיג און קארעקט. זיין פריוואטער זשורנאל איז איצט דער קוואל פון וועלכען אלע ווי־סענשאפטס־לייט און היסטאריקער שעפען זייער מאטעריאל ווע־גען דער קאנסטיטוציאנעלער קאנווענשאן און וועגען די דע־לעגאטען צו דער קאנווענשאן.

פון די רעוואלוציאנערע פירער, פון יענע וואס האבען אין די רעוואלוציאנערע יארען אגיטירט פאר די הויכע אידעאלען פון

מענשען־רעכט און פרייהייט, איז קיינער אויף דער קאָנווענשאָן ניט געווען.

סעמיועל עדעמס איז געווען געגען דער קאָנווענשאָן. פּעט־ריק הענרי איז ערווײלט געוואָרען אלס דעלעגאַט, אָבער ער האָט זיך אנטזאגט אָנצונעמען, אויך דערפאַר וואָס ער איז געווען גע־גען דער קאָנווענשאָן. טהאָמאַס דזשעפערסאָן איז גראָד דע־מאָלט געווען דער אמעריקאַנישער אמבאַסאַדאָר אין פּאַריז. דזשאָהן עדעמס איז געווען דער אמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד. די דריי וויכטיגסטע דעלעגאַטען אויף דער קאָנווענשאָן זיינען גע־ווען יונגע לייט: אלעקסאַנדער האַמילטאָן, 30 יאָר אַלט, דזשיימס מעדיסאָן, 36 יאָר, און דזשיימס ווילסאָן, 45 יאָר אַלט.

קאַפּיטעל 5.

די קאָנסטיטוציע.

די קאָנסטיטוציע איז פאַרפאַסט געוואָרען פון די פאָרשטייער פון די רייכע קלאַסען אין די פאַרשידענע שטאַטען, כדי, דורך איר הילף, אָפּצושאַפען די איבלען פון וועלכע די דאָזיגע קלאַסען האָבען דעמאָלט געליטען. די רייכע קלאַסען האָבען זיך געשראָקען פאַר דער פּאָליטישער מאַכט פון די גרויסע מאַסען. זיי האָבען אויך מורא געהאַט אז די גרויסע מאַסען זאָלען ניט פאַרכאַפּען די באַזונדערע שטאַט־רעגירונגען, און דורך זיי מאַכען אומגינסטיגע געזעצען פאַר די רייכע. זיינען אין דער קאָנסטיטוציע דעריבער אריינגעשטעלט געוואָרען פּונקטען אוממעגליך צו מאַכען אזעלכע זאַכען.

וועגען דעם איז די קאָנווענשאָן כמעט געווען אייניג. קיין ערנסטע דעבאַטען זיינען וועגען דעם ניט פאָרגעקומען. עס זיינען אָבער געווען פראַגען, אין וועלכע די אינטערעסען פון די פאַרשידענע גרופּען צווישען די רייכע גופא זיינען געווען צוטיילט. וועגען אָט די פראַגען זיינען פאָרגעקומען היציגע דעבאַטען, און זיי זיינען ענדליך געלייזט געוואָרען דורך קאָמפּראָמיסען.

די קאָנסטיטוציע שרייבט פאָר, אז די נאַציאָנאַלע רעגירונג זאָל זיין צונויפגעשטעלט פון דריי טיילען: די געזעצגעבערישע אָדער די „לעדזשיסלייטשור”, די אדמיניסטראַטיווע אָדער „עקזעקוטיוו”, און די געריכטליכע אָדער די „דזשודישיאַרי”. די לעדזשיסלייטשור איז צוטיילט געוואָרען אויף צוויי צווייגען: א סענאַט (העכערעס הויז) און א „האַוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס” (נידעריגערעס הויז). הייסט עס, אז פאַקטיש

באַשטייט די רעגירונג פון פיר צווייגען. די ערוויילונג פון דריי פון אָט די פיר צווייגען ווערט דעם פאָלק ניט אָנגעטרויט: דער סענאַט דאַרף ערוויילט ווערען פון די סטייט־לעדזשיסלייטשורס, דער פּרעזידענט — דורך ווײלער אָדער „עלעקטאָרס“, און די ריכטער ווערען באַשטימט אָדער „אַפּאָינטעד“ דורכ'ן פּרעזידענט מיט דער צושטימונג פון סענאַט. בלויז דאָס נידעריגערע הויז פון קאָנגרעס דאַרף ערוויילט ווערען פון פאָלק גופא. דערביי דאַרף מען אויך ניט פאַרגעסען, אז „דאָס פאָלק“ דעמאָלט איז ניט געווען דאָסזעלבע וואָס היינט. די קאָנסטיטוציע זאָגט, אז פאַר די דעפּוטאַטען פון דער „האוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס“ זאָלען שטימען דיזעלבע בירגער, וועלכע האָבען דאָס רעכט צו שטימען פאַר די לעדזשיסלייטשורס אין די באַזונדערע שטאַטען. אָבער דעמאָלט, בשעת די קאָנסטיטוציע איז פאַרפאַסט געוואָרען, איז דאָס שטימרעכט אין די שטאַטען געווען שטאַרק באַגרעניצט די וואָס האָבען ניט געהאַט קיין לאַנד אָדער ניט געצאָלט אַ געוויסען יערליכען שטייער אויף זייער אייגענטום, האָבען ניט געטאָרט שטימען.

דאָס הייסט, אז די קאָנסטיטוציע האָט דריי טיילען פון דער רעגירונג אינגאַנצען אָפּגעצאַמט פון דעם פאָלק'ס דעה. אין דעם פערטען צווייג האָט זי צוגעלאָזען די דעה פון יענע בירגער, וועלכע האָבען פאַרמאָגט מער אָדער ווייניגער אייגענטום.

אין די דיסקוסיעס ביי דער קאָנווענשאָן וועגען דער פראַגע וויפיל דעה די מאַסען זאָלען האָבען אין דער רעגירונג, האָבען די דעלעגאַטען אָפען אַרויסגעוויזען זייער פאַראַכטונג און שרעק פאַר'ן פאָלק. דזשיימס מעדיסאָן האָט געזאָגט: „די דריי הויפּט קלאַסען אין וועלכע אונזערע בירגער זיינען איינגעטיילט, זיינען: ערד־באַזיצער, סוחרים און פאַבריקאַנטען“. די אַרבייטער, הייסט עס, זיינען דאָ אינגאַנצען אויסגעשלאָסען. דזשאהן דיקינסאָן האָט פאָרגעשלאָגען, עס זאָל אַריינגעשריבען ווערען אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע, אז בלויז גוט־באַזיצער זאָלען מעגען שטימען. אין אַ רעדע וועגען דעם פאָרשלאַג האָט ער געזאָגט אַזוי: „די וואָס האָבען אייגענטום זיינען די

בעסטע וועכטער פון פרייהייט; מען מוז זיי איבערגעבען דאָס גאַנצע רעכט פון שטימען, כדי צו באַשיצען דאָס לאַנד געגען דעם געפערליכען איינפלוס פון די גרויסע מאַסען, וועלכע פאַרמאָגען ניט קיין אייגענטום און ניט קיין פרינציפּען, און וועלכע וועלען מיט דער צייט אָנפילען דאָס לאַנד". נאָך זיין מיינונג, פאַרמאָגען אָרימעלייט ניט קיין פרינציפּען און דעריבער טאָרען זיי ניט אָנ־פאַטרויט ווערען מיט שטימרעכט.

בלויז איין דעלעגאַט האָט עס געפונען פאַר זיין פליכט צו פאַרטיידיגען די גרויסע מאַסען און פאָדערען פאַר זיי שטימ־רעכט. דאָס איז געווען דער אַלטער בענדזשאַמין פרענקלין. ער האָט וועגען דעם געהאַלטען צוויי רעדעס. ער האָט אָנגע־וויזען אַז די אַרבייטער, די אָרימע, וועלכע באַזיצען גאָרניט, האָ־בען מקריב געווען זייערע לעבענס אין דער רעוואָלוציע. ער האָט אויך געזאָגט, אַז אַזאַ באַשרענקונג פון שטימרעכט וועט שאַפען אומרוהען אין לאַנד. קיינער ביי דער קאָנווענשאָן האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צו ענטפערען אויף זיינע רעדעס.

די אַלגעמיינע שטימונג אויף דער קאָנווענשאָן איז געווען, אַז אין דער קאָנסטיטוציע זאָל אַריינגעשריבען ווערען אַ פּונקט, אַז די אָרימע זאָלען ניט צוגעלאָזען ווערען צום שטים־קאַסטען. עס איז אָבער שווער געווען פאַר די דעלעגאַטען זיך אויסצוגלייכען וועגען דעם, ווי אַזוי די באַגרענצונג זאָל געמאַכט ווערען. טייל האָבען געפאָדערט, אַז בלויז לאַנד־באַזיצער זאָלען מעגען שטי־מען; האָבען געגען דעם געקעמפט די פאָרשטייער פון די סוחרים און פאַבריקאַנטען. אַנדערע האָבען געפאָדערט אַז בלויז געלט־באַזיצער זאָלען האָבען שטימרעכט; האָבען געגען דעם גע־קעמפט די פאָרשטייער פון די לאַנד־באַזיצער. און ווייל עס איז שווער געווען זיך צו אייניגען אויף דעם באַשרענקונגס־פּונקט, איז געבליבען אַז די קאָנסטיטוציע זאָל זאָגען, אַז שטימען מעגען בלויז די, וואָס האָבען שטימרעכט אין די שטאַט־רעגירונגען. דאָס הייסט, מען האָט זיך באַנוגענט מיט די באַגרענצונגען, וואָס האָ־בען דעמאָלט געהערשט אין די פאַרשידענע שטאַטען.

די מורא פאר דעמאָקראַטיע האָט זיך אויך ארויסגעוויזען ווען עס איז געקומען צו דער פראגע, ווי אזוי דער פרעזידענט און די סענאַטאָרען זאָלען געווײלט ווערען, און ווי לאנג זאָלען זיין זייערע טערמינען. עס איז אפילו געווען איין פאָרשלאַג, אז דער פרעזידענט זאָל באַשטימט ווערען אויפ׳ן גאַנצען לעבען, אזוי ווי די ריכטער פון העכסטען געריכט, דעם סופרים קאורט. טשארלס פינקני, פון סאוטה קאראָליינא, האָט פאָרגעשלאָגען, אז א פרעזידענט קאנדידאַט זאָל מוזען פארמאָגען וויינינגסטענס הונדערט טויזענט דאָלאר; אז ריכטער זאָלען מוזען פארמאָגען וויינינגסטענס פופציג טויזענט דאָלאר, און אז אויך די מיטגלי־דער פון רעפּרעזענטאנטען־הויז, אָדער „קאָנגרעסלייט", און סע־נאטאָרען, זאָלען מוזען זיין פארמעגליכע מענשען. גאָווערניער מאָררים, פון פענסילוועניא, האָט געמאַכט א פאָרשלאַג אז סע־נאַטאָרען זאָלען ניט קריגען קיין געהאַלט פון דער רעגירונג. דאָס וואָלט אוממעגליך געמאַכט פאר ניט־פארמעגליכע אָנצו־נעמען דעם אמט. די אַלע פאָרשלאַגען זיינען דורכגעפאַלען, הויפּטזעכליך דערפאר, וואָס די דעלעגאַטען האָבען מורא געהאַט, אז דאָס פאָלק וועט זיך אנטזאגען גוטצוהייסען א קאָנסטיטוציע מיט אזוינע אריסטאָקראַטישע געזעצען.

אַלס א שוץ געגען דעמאָקראַטיע איז באַשלאָסען געוואָרען, אז די טערמינען פון די פארשידענע רעגירונגס־צווייגען זאָלען ניט זיין גלייך, כדי עס זאָל אוממעגליך זיין צו מאַכען א פלוצ־לינגע איבערקערעניש אין דער רעגירונג. עס איז באַשלאָסען גע־וואָרען, אז סענאַטאָרען זאָלען געווײלט ווערען אויף זעקס יאָר, אָבער ניט אַלע סענאַטאָרען מיט אמאָל. יעדע צוויי יאָר זאָלען פאָרקומען וואַלען פאר בלויז א דריטעל פון סענאַט. עס איז באַשלאָסען געוואָרען אז קאָנגרעסלייט זאָלען געווײלט ווערען אַלע צוויי יאָר, און דער פרעזידענט אַלע פיר יאָר, און אז די ריכטער פון „סופרים קאורט", פון העכסטען געריכט, זאָלען באַשטימט ווערען אויפ׳ן גאַנצען לעבען.

דריי פונקטען זיינען אריינגעשריבען געוואָרען אין דער קאָנ־סטיטוציע צו באַשיצען די רייכע געגען זייערע אָרימע בעל־

חובות. דאס איז געטאן געווארען כדי אוממעגליך צו מאכען אזוינע געשעהענישען ווי די באוועגונגען פאר פאפיר־געלט, דער שעיס־אויפשטאנד, וואס זיינען נאך פריש געווען אין זכרון פון די דעלעגאטען, און וואס האבען אייגענטליך געפירט צו דער קאנווענשאן.

דער ערשטער פון די פונקטען לויטעט, אז די שטאט־רעגירונגען זאלען ניט טארען ארויסגעבען אייגענע געלט און זאלען ניט טארען געבען די בעל־חובות די גנזעצליכע מעגליכקייט צו צאלען מיט אנדערע זאכען ווי מיט געלט וואס איז אנערקענט פון דער רעגירונג. דער פונקט האט אוממעגליך געמאכט פאר די שטאט־רעגירונגען צו דרוקען ביליגע פאפיר־געלט ארויסצוהעלפען ארימע בעלי־חובות, אזוי ווי זיי האבען עס געטאן מיט א קורצער צייט פריער.

דער צווייטער פונקט לויטעט, אז די רעגירונג פון א שטאט טאר ניט מאכען קיין געזעץ, וואס שעדיגט די „פארפליכטונגען פון קאנטראקטען”. אין די אומרוהיגע יארען האבען געוויסע שטאט־רעגירונגען דורכגעפירט געזעצען וועלכע האבען מבטל געמאכט אלטע קאנטראקטען, אלטע וועקסלען. געליטען דערפון האבען נאטירליך די רייכע. עס זיינען אויך דורכגעפירט געווארען געזעצען אין געוויסע שטאטען, וועלכע האבען ערלויבט בעלי־חובות צו באצאלען ניט מיט געלט נאר מיט לאנד, אדער מיט חפצים. דער צווייטער פונקט אין דער קאנסטיטוציע האט געצילט אזא האנדלונג פון א שטאט־רעגירונג אוממעגליך צו מאכען.

דער דריטער פונקט זאגט, אז דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען מעג שיקען א נאציאנאלע ארמיי צו אונטערדריקען אן אויפשטאנד אין א שטאט, אויב ער ווערט אויפגעפאדערט פון דער לעדזשיסלייטשור אדער דעם גאווערנאר פון דעם שטאט דאס צו טאן. דער פונקט איז אריינגעשטעלט געווארען כדי די נאציאנאלע רעגירונג זאל קענען אונטערדריקען אזוינע אויפשטאנדען ווי „שעיס'עס רעבעליאן”.

וואָס זיינען געווען די פראַגען, איבער וועלכע די אינטע־רעסען פון די הערשענדע קלאַסען אין די פאַרשידענע שטאַטען זיינען געקומען אין צוזאַמענשטויס און וועלכע זיינען ענדליך אויסגעגליכען געוואָרען דורך קאָמפּראָמיסען?

די ערשטע וויכטיגע פראַגע איז געווען: ווי אַזוי זאָל די פאַרטרעטערשאַפט אין די צוויי צווייגען פון קאָנגרעס איינגע־טיילט ווערען? זאָל די פאַרטרעטערשאַפט זיין לויט די שטאַטען אָדער לויט דער באַפעלקערונג פון די שטאַטען?

דער קאַמף איבער דער פראַגע איז אייגענטליך געווען מער א פּאָליטישער. קיין עקאָנאָמישע גרונדען האָט ער ניט געהאַט. די קליינע שטאַטען האָבען זיך אין אַלגעמיין געשראַקען פאַר א שטאַרקער נאַציאָנאַלער רעגירונג, טאָמער וועלען זיי אין אַזא רעגירונג ניט האָבען גענוג דעה. זיי האָבען דערפאַר פון אָנפאַנג געזוכט צו ווירקען אַז די נאַציאָנאַלע רעגירונג זאָל בכלל האָבען וואָס ווייניגער מאַכט. אָבער די דעלעגאַטען פון די גרעסערע שטאַטען האָבען באַוויזען אַז אַ שוואַכע רעגירונג וועט ניט באַ־שיצען די מאַטעריעלע אינטערעסען פון די רייכע קלאַסען; אַז זי וועט ניט פאַרענטפערען די מאַטעריעלע פראַגען, צוליב וועל־כע די קאָנווענשאָן איז לכתחילה גערופען געוואָרען. זיינען די קליינע שטאַטען איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז די נאַציאָנאַלע רע־גירונג זאָל זיין אַ שטאַרקע, אָבער זיי זיינען באַשטאַנען דערויף, אַז אין דער רעגירונג זאָלען אַלע שטאַטען האָבען אַ גלייכע דעה. די פאַרטרעטערשאַפט אין דער רעגירונג זאָל זיין לויט דעמזעל־בען סיסטעם ווי אין דער קאָנפעדערייִשאָן, דאָס הייסט, אין דעם קאָנגרעס, וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט. דאָרטען האָט יעדער שטאַט, ווי גרויס אָדער ווי קליין ער איז ניט געווען, געשיקט פון צוויי ביז זיבען דעלעגאַטען, און געהאַט איין שטימע. די קליינע שטאַטען האָבען געפאָדערט, אַז אויך אין דעם נייעם קאָנגרעס, אונטער דער קאָנסטיטוציע, אין ביידע צווייגען פון קאָנגרעס, זאָל יעדער שטאַט האָבען דיזעלבע צאָל שטימען און דיזעלבע דעה.

די גרויסע שטאטען האָבען, פארשטייט זיך, געקעמפט גע־
גען דעם. די רעבאטען זיינען געווען היציגע, און עס האָט גע־
האַלטען דערביי אז די גאנצע קאָנוועגשאָן זאָל פאנאנדערפאַלען.
ענדליך איז געמאכט געוואָרען א פשרה: עס איז געבליבען, אז
אין איין צווייג פון קאָנגרעס, אין דער „האוז אָוו רעפּרעזענ־
טאטיווס”, זאָל די פארטרעטערשאפט זיין לויט דער באפעל־
קערונג, און אין דעם צווייטען צווייג — אין דעם סענאט —
זאָל די פארטרעטערשאפט זיין גלייך: אין סענאט זאָל יעדער
שטאט, צי קליין, צי גרויס, שיקען ניט מער און ניט ווייניגער
ווי צוויי פאָרשטייער.

א מער ערנסטער צוזאמענשטויס האָט זיך אנטוויקעלט צווי־
שען די שטאטען פון די נאָרטה און די שטאטען פון די סאוטה.
אין די נאָרטה זיינען די געלט־קלאסען געווען הויפטזעכליך
סוחרים, שיף־אייגענטימער און ספעקולאנטען; אין די סאוטה זיי־
נען זיי געווען הויפטזעכליך אייגענטימער פון גרויסע גיטער,
פלאנטאציעס, אויף וועלכע עס האָבען געארבייט שווארצע שקלא־
פען. די סאוטה האָט מורא געהאט, אז א נאציאָנאלע רעגירונג,
וועלכע וועט קאָנטראָלירט ווערען פון די נאָרטה, וועט שעדי־
גען אירע אינטערעסען אויף פארשידענע אופנים.

זי האָט מורא געהאט הויפטזעכליך פאר פאָלגענדע דריי מעג־
ליכקייטען:

ערשטענס, אז די רעגירונג וועט פארבאָטען דעם אריינפיר
פון שווארצע שקלאפען;

צווייטענס, אז די רעגירונג וועט ארויפלייגען א שטייער
אויף עקספּאָרט (די סאוטה האָט געלעבט פון דעם עקספּאָרט פון
טאבאק און רייז און אנדערע פּראָדוקטען);

דריטענס, אז די רעגירונג וועט צווינגען אז דער האנדעל
מיט אויסלאנד זאָל געפירט ווערען אין אמעריקאנישע שיפען,
און אז דאן וועט די סאוטה מוזען אָנקומען צו די שיף־קאָמ־
פאניעס פון די נאָרטה און מוזען צאָלען אזוינע פרייזען פאר
פירען זייער סחורה ווי די שיף־קאָמפאניעס וועלען פאָדערען.

וועגען יעדע פון אָט די פראגע זיינען פארגעקומען הייסע

וכוחים, און יעדע פון זיי איז אויסגעגליכען געוואָרען דורך א פשרה.

טייל דעלעגאטען האָבען געפאָדערט אז דער אריינפיר פון שקלאפען זאָל גלייך פארבאָטען ווערען. דער פאָרשלאג איז געשטיצט געוואָרען פון צוויי שטאטען פון די סאוטה: ווירדזשיניא און נאָרטה קאראָליינא. אין יענע צוויי שטאטען איז שוין דעמאָלט געווען אן איבערפלוס פון נעגערס, און פאר זיי האָט זיך בעסער געלוינט אז מען זאָל פארמאכען די טירען געגען נייע שקלאפען. געקעמפט געגען דעם האָבען די דעלעגאטען פון סאוטה קאראָליינא און דזשאָרדזשיא. א דעלעגאט פון קאָננעטיקוט האָט ערקלערט, אז עס איז אייגענטליך ניטאָ וועגען וואָס זיך צו קריגען. „אין דער צוקונפט", האָט ער געזאָגט, „וועט זיך די באפעלקערונג אין לאנד אזוי פארמערען, אז עס וועלען זיין גענוג אָרימע ארבייטער און מען וועט ניט מער דארפען קיין שקלאפען".

די דעבאטען האָבען זיך געענדיגט מיט פאָלגענדער פשרה: עס איז אריינגעשריבען געוואָרען אין דער קאָנסטיטוציע, אז די נאציאָנאלע רעגירונג זאָל ניט טאָרען פארבאָטען דעם אריינפיר פון נעגער־שקלאפען אין משך פון די נעקסטע 20 יאָר, און אז זי זאָל ניט טאָרען ארויפלייגען אויף אימפּאָרטירטע שקלאפען קיין העכערען שטייער ווי צען דאָלאר אויף א קאָפּ. נאָך מעהר, כדי צו באפרידיגען די שקלאפען־שטאטען, איז אויך אריינגעשריבען געוואָרען א פונקט, אז אויב א שקלאף אנטלויפט פון איין שטאט אין א צווייטען, איז דער צווייטער שטאט מחויב אים צו כאפען און אים צוריקשיקען צו זיין באלעבאָס.

וועגען דער פראגע פון האנדעל האָט די סאוט לכתחילה גענומען אן עקסטרעמע שטעלונג. זי האָט געפאָדערט, אז די נאציאָנאלע רעגירונג זאָל ניט האָבען קיין רעכט צו מאכען קיין שום געזעצען וועגען האנדעל. געגען דעם האָבען געקעמפט דעלעגאטען פון די נאָרט, און עס איז ווידער געמאכט געוואָרען א פשרה. עס איז אריינגעשריבען געוואָרען אין דער קאָנסטיטוציע, אז די רעגירונג זאָל יע האָבען קאָנטראָל איבער־

האנדעלס־פראגען, נאָר מיט געוויסע באגרענצונגען. ערשטענס, זאָל די רעגירונג ניט טאָרען ארויפלייגען קיין שטייערען אויף עקספּאָרט. דאָס האָט פארזיכערט די סאוט, אז זי זאָל קענען אירע פּראָדוקטען ארויסשיקען קיין אויסלאנד אָן שטערונגען. צווייטענס, אז אלע אָפּמאכען מיט אויסלאנד זאָלען מוזען גוט־געהייסען ווערען פון צוויי־דריטעל פון סענאט. דאָס האָט פאר־זיכערט די סאוט, אז אָן איר צושטימונג וועלען קיין האנדעלס־אָפּמאכען מיט אויסלאנד ניט דורכגעפירט ווערען. א דריטעל פון סענאט, האָט די סאוטה גערעכענט, וועט זי שטענדיג קענען קאָנטראָלירען.

א פּשרה איז אויך געמאכט געוואָרען אין דער פראגע, צי די נעגער שקלאפען זאָלען געציילט ווערען אלס מענשען אדער ניט. די סאוטה האָט געפאָדערט אז מען זאָל זיי יע ציילען, כאָטש זיי האָבען קיין שום מענשליכע רעכט ניט געהאט, מען זאָל זיי ציילען אלס א טייל פון דער באפעלקערונג, כדי די סאוט זאָל בארעכטיגט זיין צו מער פאָרשטייער אין דער „האוז אוו רעפּ־רעזענטאטיווס". די נאָרט האָט גע'טענה'ט, אז וויבאלד די נעגערס ווערען באטראכט ווי בהמות, דארף מען זיי ניט ארייג־רעכענען אין דער באפעלקערונג. איז געמאַכט געוואָרען אַ פּשרה, אז א נעגער זאָל געציילט ווערען אלס דריי־פינפטעל פון א מענשען.

די סאוטה האָט אויך אויסגעפירט, אז דירעקטע שטייערען זאָלען איינגעטיילט ווערען ניט לויט דעם רייכטום פון די שטאַ־טען אָדער דעם אייגענטום פון די איינוואוינער, נאָר לויט דער צאָל פון די איינוואוינער. אין דער נאָרטה זיינען די פארמס געווען קליינע; אין דער סאוטה זיינען זיי געווען גרויסע. ווען די שטייערען וואָלטען איינגעטיילט געוואָרען לויט דעם ווערט פון די פארמס, לויט דעם אייגענטום פון די פארמער, וואָלטען די פארמער אין דער סאוטה געמוזט צאָלען מער. עס איז אויך געווען אין די אינטערעסען פון די רייכע לייט אין דער נאָרטה. אָז דירעקטע טעקסעס זאָלען ניט געצאָלט ווערען לויט אייגענטום,

נאָר לויט דער צאָל פון נפשות אין יעדען שטאַט. דאָס הייסט, אַז די אָרימע און רייכע זאָלען צאָלען גלייך. די פאָרשטייער פון די רייכע קלאַסען אין דער נאָרטה האָבען דעריבער ניט שטארק געקעמפט געגען דער פאָדערונג פון דער סאוטה, און אַזוי איז איינגעשריבען געוואָרען דער פונקט אין דער קאָנסטיטוציע, אַז דירעקטע שטייערען זאָלען איינגעטיילט ווערען לויט דער באַפעל־קערונג פון די שטאַטען*).

די פראַגע וועגען נייע שטאַטען וואָס וועלען שפּעטער אריינגענומען ווערען — צי זיי זאָלען אין דער נייער רעגירונג האָבען גלייכע רעכט מיט די אַלטע שטאַטען — האָט אויך אַרויסגערופען דיסקוסיעס. די רייכע מאכט־האָבענדע קלאַסען האָבען זיך געשראָקען פאַר די נייע שטאַטען פון די וועסט, ווייל דאָרטען האָבען זיך באַזעצט אָרימע. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז אויב מען וועט יענע שטאַטען געבען גלייכע רעכט, קענען זיי מיט דער צייט קריגען אַ מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס און סוף־כל־סוף אריינקריגען די רעגירונג אין זייערע הענט. עס זיינען געמאַכט געוואָרען פאַרשידענע פאָרשלאַגען. טייל דעלעגאַטען האָבען גע־וואָלט באַוואָרענען אין דער קאָנסטיטוציע, אַז די נייע שטאַטען, ווי גרויס זייער צאָל זאָל ניט זיין, זאָלען ניט טאָרען האָבען מער פאַרטרעטער אין קאָנגרעס ווי די ערשטע דרייצען שטאַטען. די מערסטע דעלעגאַטען האָבען אָבער אויף אַזוינע פאָרשלאַגען ניט געוואָלט איינגיין.

און עס איז ווידער געמאַכט געוואָרען אַ מין פשרה. עס איז אָנגענומען געוואָרען דער פונקט, אַז נייע שטאַטען קענען

---

*) צוליב אָט דעם פונקט אין דער קאָנסטיטוציע איז שפּעטער אומ־מעגליך געווען דורכצופירען דעם הכנסה־שטייער, אדער „אינקאָם־טעקס" געזעץ. מען האָט געמוזט פריער מאכען אן אמענדמענט צו דער קאָנ־סטיטוציע און ענדערען דעם פונקט. ערשט נאָכדעם, ווי מען האָט דעם אמענדמענט דורכגעפירט, און דאָס האָט געדויערט שיינע עליכע יאָר, האָט מען געקענט איינפירען אַן „אינקאָם־טעקס", וועלכער נעמט שטייערען ביי די בירגער לויט זייערע פאַרדינסטען.

אריינגענומען ווערען אין די פאראייניגטע שטאטען דורך דעם קאָנגרעס. דאָס הייסט, אז דער קאָנגרעס האָט דאָס רעכט אריינצונעמען אָדער ניט אריינצונעמען א נייעם שטאט. די דער־לענגאטען האָבען געהאָפט, אז דער קאָנגרעס וועט שוין אכטונג געבען, אז עס זאָל קיינמאָל ניט געשאפען ווערען א לאגע, וואו די אָרימע שטאטען פון די וועסט זאָלען קריגען א גרעסערע דעה אין דער רעגירונג ווי די רייכע שטאטען פון די איסט.

קאַפּיטעל 6.

ווי אַזוי די שטאַטען האָבען גוטגעהייסען די קאָנסטיטוציע.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסען אז די קאָנסטיטוציע זאָל דורך דעם קאָנגרעס איבערגעגעבען ווערען צו די שטאַט־לעדזשיסלייטשורס מיט דער רעקאָמענדאַציע אַז די לעדזשיסלייטשורס זאָלען פאַררופען ספּעציעלע שטאַט־קאָנווענשאָנס צו באַשטימען אויב די קאָנסטיטוציע זאָל אָנגענומען אָדער צוריקגעוויזען ווערען. דער דאָזיגער באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן איז, נאָך דער מיינונג פון אַזאַ גרויסען אויטאָריטעט איבער קאָנסטיטוציאָנעלען געזעץ ווי פּראָפעסאָר באָירדזשעס, געווען א „קו־ד׳עטאַ", אַן אומגעזעצליכע איבערקערעניש. די קאָנווענשאָן איז לכתחילה פאַררופען געוואָרען צו מאַכען „אַמענדמענטס", ענדערונגען, אויסבעסערונגען אין דער עקזיסטירענדער קאָנסטיטוציע, אין די „ארטיקלס אָוו קאָנפעדערעיישאָן". לויט דעם אַלטען געזעץ האָבען אַלע אַזוינע ענדערונגען געמוזט קריגען די צושטימונג פון אַלע דרייצען לעדזשיסלייטשורס פון אַלע דרייצען שטאַטען. די קאָנווענשאָן איז אָבער אַריבערגעשפּרונגען די אויטאָריטעט פון די לעדזשיסלייטשורס און געהייסען פאַרלייגען די נייע קאָנסטיטוציע פאַר ספּעציעלע שטאַט קאָנווענשאָנס. „ווען א נאַפּאָלעאָן" — זאָגט באָירדזשעס — „וואָלט אַזוי געהאַנדעלט וואָלט מען דעם אַקט פאַרדאַמט אַלס אַ קו־ד׳עטאַ".

צוליב פיר אורזאַכען האָט די קאָנווענשאָן אַרויסגענומען דעם שיקזאַל פון דער קאָנסטיטוציע פון די הענט פון די שטאַט־

לעדזשיסלייטשורס און איהר איבערגעגעבען אין די הענט פון ספעציעלע קאנווענשאנס.

ערשטענס, ווען די שטאט־לעדזשיסלייטשורס וואלטען גע־שטימט וועגען דער קאנסטיטוציע, דאן וואלט געווען גענוג אז איין שטאט זאל שטימען געגען, אז זי זאל איינגאנצען דורכפאלען. דער אלטער געזעץ האט דאך געלויטעט, אז אלע ענדערונגען אין די „ארטיקלס אוו קאנפעדעריישאן" מוזען אנגענומען ווערען איינשטימיג. אבער אז עס איז באשטימט געווארען א נייע סיס־טעם פון גוט־הייסונג, האט דער קאנגרעס שוין אויך געקענט באשטימען נייע רעגעלען, און ער האט טאקע באשלאסען, אז אויב ניין שטאטען וועלען גוטהייסען די קאנסטיטוציע, דאן איז זי אנ־גענומען און זי גייט אריין אין קראפט. עס פארשטייט זיך, אז זי וועט דעמאלט זיין גילטיג בלויז פאר יענע שטאטען, אבער די ניין וועלען זיך ניט דארפען רעכענען מיט די איבעריגע פיר און וועלען קענען אליין גרינדען די נייע פעסטע רעגירונג אונטער דער נייער קאנסטיטוציע.

צווייטענס, אזוי ווי די קאנסטיטוציע האט באגרעניצט די מאכט פון די שטאט־רעגירונגען, האט די קאנווענשאן מורא גע־האט, אז די לעדזשיסלייטשורס וועלען זיין אומצופרידען מיט איהר און וועלען זי צוריקווייזען, ווייל זיי וועלען דאך ניט וועלען אפפערען זייער אייגענע מאכט.

דריטענס, איינע פון די הויפט־צילען פון די פארפאסער פון דער קאנסטיטוציע איז געווען, אז די נאציאנאלע רעגירונג זאל איבערנעמען אלע חובות און זיי באצאלען. די גרויסע מאסען זיינען געווען געגען דעם, און די פראקטיק אין די „קריטישע יארען" האט באוויזען, אז די לעדזשיסלייטשורס האבען אין א סך פעלע מורא געהאט, אין דער פראגע פון חובו־, צו האנדלען געגען דעם ווילען פון פאלק. די קאנווענשאן זאט דעריבער אויסגערעכענט, אז ווען עס וועלען גערופען ווער־ען ספעציעלע שטאט־קאנווענשאנס צו באשטימען דעם שיקזאל פון דער פאר־געשלאגענער קאנסטיטוציע, וועט עס געלינגען צו ערוויילען אזוי־נע מענשען פאר דעלעגאטען, וועלכע וועלען זיך ניט שרעקען

פאר'ן ווילען אָדער צאָרן פון די מאסען און ווען די קאָנסטי־
טוציע גוטהייסען.

פערטענס, די קאָנווענשאָן האָט גערעכענט, אַז דערמיט וואס
עס ווען גערופען ווערען ספּעציעלע שטאַט־קאָנווענשאָנס, ווען
די קאָנסטיטוציע קריגען אַ גרעסערען פּרעסטיזש. עס וועט היי־
סען, אַז זי האָט אונטער זיך דעם פעסטען באָדען פון דער צו־
שטימונג און גוטהייסונג פון „גאַנצען פאָלק".

די פריינט און אָנהענגער פון דער קאָנסטיטוציע זיינען גע־
ווען אין אַ סך א בעסערער פּאָזיציע ג׳לייך פון אָנפאַנג. זיי
האָבען געהאַט אַלע נויטיגע מיטלען אָנצופירען זייער אַגיטאַציע.
די קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן איז געווען אַ געהיימע, היגטער
פאַרשלאָסענע טירען. די דרויסענדיגע וועלט האָט ניט געוואוסט
וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען. עס האָט געדויערט אַ צייט איי־
דער די מאסען זיינען באַקאַנט געוואָרען מיט דעם אינהאַלט פון
דער קאָנסטיטוציע און פאַרשטאַנען ריכטיג די באַדייטונג פון
יעדען פּונקט. די אַגיטאַציע פון די געגנער האָט געמוזט אָפּגע־
לייגט ווערען ביז וואַנען זיי האָבען זיך באַקאַנט מיט דעם אינ־
האַלט, בשעת די אַגיטאַציע פון די פריינט האָט זיך געקענט אָנ־
הויבען פון ערשטען מאָמענט אָן. אין אַ טייל שטאַטען האָבען די
מאַכטהאָבענדע זיך באַנוצט מיט דער סיטואַציע. זיי האָבען
געזען אַז די שטאַט־קאָנווענשאָנס זאָלען וואָס שנעלער גערופען
ווערען, און זאָלען די קאָנסטיטוציע גוטהייסען, נאָך איידער די
אָפּאָזיציע האָט צייט געהאַט צו אָרגאַניזירען אירע כחות.

אָבער דער עיקר איז, וואָס אין דער קאָנסטיטוציע זיינען
געווען פאַראינטערעסירט די אַריסטאָקראַטען, די רייכע, די פּאָ־
ליטיש־מעכטיגע. און זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, צווי־
בערע און ניט קיין זויבערע, זייער ציל צו דערגרייכען. די גאָר
אָרימע האָבען אייגענטליך גאָר קיין דעה ניט געהאַט, ווייל פאַר
די דעלעגאַטען צו די קאָנווענשאָנס האָבען געשטימט בלויז יענע
בירגער וועלכע האָבען געהאַט שטימרעכט, און, ווי שוין געזאָגט,
אין יענער צייט האָבען די גאָר־אָרימע קיין שטימרעכט ניט
געהאַט. אָבער אפילו צווישען די שטים־באַרעכטיגטע זיינען גע־

ווען גרויסע צאלען, וואס האבען מורא געהאט פאר א שטארקער נאציאנאלער רעגירונג, ווייל זיי האבען געוואוסט אז אזא רעגירונג וועט ביי זיי נעמען שטייערען צו באצאלען די וועקסלען, וועלכע זיינען איצט געווען אין די הענט פון ספעקולאנטען און רייכע געלט-מענשען. זיי האבען זיך אויך געשראקען, אז אזא רעגירונג וועט העלפען די לאנד-ספעקולאנטען, די גרויסע שיף-קאמפאניעס, די רייכע פאבריקאנטען — און אלץ אויפ'ן חשבון פון די קליינע פארמער און קליינע הענדלער. דעריבער זיינען דיזעלבע קלאסען, וואס האבען אין די פריערדיגע יארען געפאדערט פאפיר-געלט און פארטריבען די ריכטער און אדוואקאטען פון די געריכטען און געמאכט די אלע אומרוהען, איצט ארויס-געטראטען געגען דעם, אז די קאנסטיטוציע זאל גוטגעהייסען ווערען. די סטראטעגיקע פון די רייכע קלאסען און זייערע פאר-שטייער איז געווען געצילט אט די געגנער צו באזיגען.

ווי אזוי איז דאס געטאן געווארען?

דער ערשטער שטאט וואס האט זיך אפגערופען איז געווען ניו-העמשיר. זיין לעדזשיסלייטשור האט אנגענומען די רעזאלו-ציע צו רופען א קאנווענשאן אין מיטען מאנאט דעצעמבער. וואלען פאר דעלעגאטען זיינען אפגעהאלטען געווארען עטליכע וואכען נאך דער רעזאלוציע. די קאנווענשאן איז פאררופען גע-ווארען אין מיטען מאנאט פעברואר, 1788. די מערסטע דעלע-גאטען זיינען געווען אויסגעשפראכען געגען דער קאנסטיטוציע. אבער די פייאיגע און איינפלוסרייכע דעלעגאטען זיינען געווען פאר דער קאנסטיטוציע. זיי איז געלונגען איבערצורײדען א טייל פון די געגנער. יענע האבען אבער מורא געהאט צו שטי-מען געגען דעם ווילען פון זייערע וויילער. איז באשלאסען גע-ווארען צו שליסען די זיצונג אויף א פאר מאנאט צייט, כדי צו געבען די דעלעגאטען א געלעגענהייט צו פארען צוריק אין זיי-ערע שטעדטלעך און זיך דורכריידען מיט די בירגער. ביי דער

צווייטער זיצונג איז די קאָנסטיטוציע גוטגעהייסען געוואָרען מיט 57 שטימען נעגען 47*).

מאַסאַטשוזעטס האָט איר קאָנווענשאָן פּאַררופען אין דער צווייטער וואָך פון יאַנואַר. דאָרטען האָט פּאַסירט דאָסזעלבע וואָס אין ניו־העמשיר. אָט וואָס דער היסטאָריקער פון מאַסאַטשוזעטס, האַרדינג, שרייבט:

„ווען די פראַגע וואָלט געגומען געוואָרען צו אַן אָפּשטימונג גלייך ווי די דעלעגאַטען האָבען זיך פאַרזאַמעלט, איז קיין צווייפעל ניט, אַז די קאָנסטיטוציע וואָלט נידערגעשטימט געוואָרען מיט אַ ריזיגער מאַיאָריטעט". אַלערליי מיטלען זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען צו באַאיינפלוסען די דעלעגאַטען. מען האָט די אָפּשטימונג אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט. ווען עס איז ענדליך געקומען צום שטימען, זיינען ניין דעלעגאַטען ניט געווען. די ניין וואָלטען זיכער געשטימט נעגען. אָן זיי האָט דער רעזולטאַט געוויזען 187 דאַפיר און 168 דאַגעגען, — אַ מאַיאָריטעט פון בלויז 19. דערביי מוז באַמערקט ווערען, אַז 46 שטעטלאַך האָבען גאָר קיין דעלעגאַטען ניט געשיקט. עס איז קיין ספק ניט, אַז די מערסטע פון זיי, אויב ניט טאַקע אַלע, וואָלטען געווען דאַגעגען. די שטעטלאַך, וואו די פריינט פון דער קאָנסטיטוציע האָבען געהאַט די מאַכט, האָבען גוט אַכטונג נעגעבען אַז דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן זאָלען געשיקט ווערען. דער זעלבער היסטאָריקער האַרדינג שרייבט: „עס איז דאָ אַן

*) וואָס עס האָט אין פאַרלויף פון די עטליכע מאָנאַטען פּאַסירט — צי די דעלעגאַטען האָבען ווירקליך געקראָגען די צושטימונג פון זייערע וויילער צו ענדערען זייער שטעלונג, — ווייסט מען איצט ניט. עס ווערט אָבער דערציילט, אַז פיר דעלעגאַטען, וואָס וואָלטען זיכער געשטימט געגען, זיינען אין דעם טאָג פון דער אָפּשטימונג איינגעלאַדען געוואָרען צו אַ מאָלצייט צו אַ רייכען אָנהענגער פון דער קאָנסטיטוציע. דער מאָלצייט איז בכיון פאַרצויגען געוואָרען, ביז וואַנען די פראַגע איז ביי דער קאָנווענשאָן אָפּגעשטימט געוואָרען. יעדענפאַלס, ווען אַלע דעלעגאַטען וואָלטען גלייך אין אָנפאַנג געשטימט לויט דעם וואונש פון די בירגער, וואָלט ניו־העמשיר געווען געגען.

אויטאָריטעטע באהויפּטונג, אז פילע דעלעגאטען ביי דער מא־סאטשוזעטס'ער קאָנווענשאָן זיינען אונטערגעקויפט געוואָרען מיט געלט וואָס ניו יארקער גבירים האָבען אריינגעשיקט. קיין באשטימטע באווייזען זיינען אויף דעם ניטאָ". פּראָפעסאָר הארדינג זאָגט ווייטער, אז נאָך זיין מיינונג איז די באהויפּטונג ניט גענוג באגרינדעט.

די פיר שטאטען — קאָנעטיקוט, ניו־דזשוירזי, דזשאָרדזשיא און דעלאווער, האָבען פארופען זייערע קאָנווענשאָנס אין איילע־ניש, און אין איילעניש האָבען די קאָנווענשאָנס די קאָנסטיטו־ציע גוטגעהייסען. די זאַך איז דאָרטען אָפּגעטאָן געוואָרען אזוי שנעל, אז די אָפּאָזיציע האָט קיין צייט ניט געהאט צו אָרגאניזירען אירע קרעפטען.

א ביטערער קאמף איז פּאָרגעקומען אין ניו יארק. ווען די קאָנווענשאָן האָט זיך געעפענט, זיינען צוויי־דריטעל פון די דע־לעגאטען געווען געגען דער קאָנסטיטוציע. אין ניו יארק איז די לאגע געווען א גאנץ באזונדערע. דאָ זיינען ניט בלויז די אָרימע און די מיטעל־קלאסען געווען געגען דער קאָנסטיטוציע. עס זיינען געגען איהר אויך געווען די גרויסע לאנד־באזיצער ביים טייך האָד־סאָן. זיי האָבען ניט געוואָלט אז ניו יארק זאָל פארלירען די גרויסע סומען געלט, וואָס זי פלעגט קאָלעקטירען אלס שטייערען אין איר האפען. ווען עס ווערט געגרינדעט א שטארקע נאציאָ־נאלע רעגירונג, ווערען די שטייערען פארבאָטען, ווייל די קאָנ־סטיטוציע זאָגט בפירוש, אז בלויז די נאציאָנאלע רעגירונג קען ארויפלייגען און נעמען אזוינע שטייערען. די רייכע לאנד־איי־גענטימער האָבען מורא געהאט, אז ווען דער שטאט וועט פאר־לירען דעם דאָזיגען קוואל פון הכנסה, וועט ער ארויפלייגען שטיי־ערען אויף זיי, אויף די לאנד־באזיצער. דערפאַר זיינען זיי געווען געגען דער קאָנסטיטוציע. נאָכדעם אָבער, ווי די ארומיגע שטאטען, ניו־דזשוירזי און קאָנעטיקאָט, האָבען די קאָנסטיטוציע גוטגעהייסען, האָבען זיך א סך פון די ניו יארקער דעלעגאטען געבויגען. זיי האָבען איינגעזען, אז אויב די ארומיגע שטאטען וועלען אריינטרעטען אין דער נאציאָנאלער רעגירונג, וועט אומ־

מעגליך זיין פאר ניו יארק, פון א ריינעם געשעפטס־שטאנדפונקט, צו בלייבען פון דרויסען. אָבער טראָץ דער איבערצייגונג און טראָץ די אַלע מיטלען, וואָס זיינען אָנגעווענדט געוואָרען צו באאיינפלוסען די דעלעגאטען, איז די קאָנסטיטוציע ביי דער לעצטער אָפּשטימונג שיער, שיער ניט דורכגעפאלען. זי איז אָנגענומען געוואָרען מיט א מאיאריטעט פון בלויז דריי שטימען. עס זיינען געווען 30 פאַר און 27 נעגען.

א שטורמדיגער קאמף איז אויך פאָרגעקומען אין פענסילוויניא. די אָנהענגער פון דער קאָנסטיטוציע האָבען זיך באַנוצט מיט גוואלד מיטלען צו צווינגען די דעלעגאטען צו קומען צו די זיצונגען. מאנכע פון זייערע האנדלונגען זיינען אפילו געווען אומגעזעצליך. זיי האָבען ענדליך געוואונען מיט 46 שטימען געגען 23*).

נאָכדעם ווי די פענסילוויניער קאָנווענשאָן האָט זיך געענדיגט, האָבען 21 דעלעגאטען אונטערגעשריבען א פּראָטעסט־דערקלערונג. זיי האָבען דערציילט, אז די קאָנווענשאָן איז פאררופען געוואָרען אין אַזאַ איילעניש, אַז פון די זיבעציג טויזענט שטים־בארעכטיגטע בירגער אין דעם שטאַט, האָבען בלויז דרייצען טויזענט געשטימט אין די וואַלען פאר דעלעגאטען.

די צוויי שטאַטען, וואו אַלץ איז צוגעגאנגען כשורה, זיינען געווען מערילאנד און סאוטה קאראָליינא. דאָ האָבען די בירגער געהאַט גענוג צייט צו באַטראַכטען די גאַנצע פראַגע איידער

---

*) דער היסטאָריקער מעקמעסטער דערציילט דאָס פאָלגענדע אין פארבינדונג מיט דער פענסילווייניער קאָנווענשאָן: א געוויסער לאָיד האָט געלאָזט וויסען אין דער פּרעסע, אז ער וועט זיין ביי דער קאָנווענשאָן, וועט פארשרייבען אלע דעבאטען און אַלע פארהאנדלונגען און וועט זיי אָפּדרוקען אין ביכלעך. ער האָט אָנגעבאָטען צו פארקויפען די באריכטען פון דער קאָנווענשאָן פאר דעם פּרייז פון א דאָלער פאר יעדע הונדערט בלעטער. ער האָט אָבער זיין פארשפּרעכען ניט דערפילט. די רייכע דאָבען איהם אונטערגעקויפט. פון יוצא וועגען האָט ער אָפּגעדרוקט אַ דינעם ביכעל, אין וועלכען עס זיינען געווען באַריכטעט די רעדעס פון בלויז צוויי דעלעגאטען. ביידע רעדעס זיינען געווען לטובת דער קאָנסטיטוציע.

זיי האָבען געוויילט די דעלעגאטען. די דעלעגאטען האָבען גע־
האט גענוג געלעגענהייט זיך צו באקענען מיט דער קאָנסטיטור־
ציע איידער די קאָנווענשאָן האָט זיך געעפענט. איןביידע שטאַ־
טען איז די קאָנסטיטוציע גוטגעהייסען געוואָרען מיט גרויסע
מאיאָריטעטען.

אין ווירדזשיניא איז אויך פאָרגעקומען א הייסער קאמף.
טראָץ דעם וואָס אין דעם שטאט זיינען געווען די גרעסטע און
איינפלוסרייכע פאָרקעמפער פאר דער קאָנסטיטוציע, וואשינג־
טאָן און מעדיסאָן, איז זי אָנגענומען געוואָרען מיט א מאיא־
ריטעט פון בלויז 10 שטימען — 89 פאר און 79 געגען. דער
אָנפירער פון די געגנער איז געווען דער גרויסער רעוואָלוציאָנער
פעטריק הענרי.

נאָרטה קאראָליינא האָט די קאָנסטיטוציע צוריקגעוויזען מיט
184 שטימען געגען 84. רהאוד איילאנד האָט לכתחילה ניט גע־
שיקט קיין דעלעגאטען צו דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנווענשאָן,
און זי האָט איצטער אויך קיין שטאט־קאָנווענשאָן ניט פאררופען
די קאָנסטיטוציע צו פארהאנדלען.

די צוויי שטאטען האָבען זיך אָן דער נייער רעגירונג אָנ־
געשלאָסען נאָכדעם ווי די קאָנסטיטוציע איז שוין געווען אין
קראפט. די ארומיגע שטאטען האָבען זיי פשוט געצוואונגען דאָס
צו טאָן דורך סטראשונקעס און דורך עקאָנאָמישען דרוק. נאָרטה
קאראָליינא האָט זיך אָנגעשלאָסען אין נאָוועמבער, 1789, און
רהאוד איילאנד אין מאי, 1790.

פראָפעסאָר בירד, אין זיין ווערק „די עקאָנאָמישע אויס־
טייטשונג פון דער קאָנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען"
קומט צו די פאָלגענדע שלוסען וועגען דעם ווי אזוי די קאָנ־
סטיטוציע איז פארפאסט געוואָרען און ווי זי איז אָנגענומען גע־
ווארען:

1) די באוועגונג צו שאפען די קאָנסטיטוציע איז אָנגעהוי־
בען און דורכגעפיהרט געוואָרען פון פיר געלט־קלאסען, וועלכע
האָבען אונטער דער פריערדיגער רעגירונגס־סיסטעם געליטען עקאָ־
נאָמיש. די קלאסען זיינען געווען: די באזיצער פון געלט, די

באזיצער פון רעגירונגס־וועקסלען, פאבריקאנטען און סוחרים, און שיף־אייגענטימער.

2) די ערשטע שריט צו שאפען א קאָנסטיטוציע זיינען געמאכט געווארען פון א קליינער אָבער אקטיווער גרופע מענ־שען, וואָס זיינען אין דעם געווען פערזענליך פאראינטערעסירט פון א ריין־עקאָנאָמישען שטאנדפונקט.

3) די פראגע, צי עס זאָל גערופען ווערען א קאָנסטיטו־ציאָנעלע קאָנווענשאָן, איז ניט אָפגעשטימט געוואָרען פון פאָלק, ניט דירעקט און ניט אינדירעקט.

4) די מיטגלידער פון דער פילאדעלפיער קאָנווענשאָן, וועל־כע האָט פארפאסט די קאָנסטיטוציע, זיינען, מיט געציילטע אויסנאמען, געווען דירעקט און פערזענליך פאראינטערעסירט אין דער קאָנסטיטוציע. זיי האָבען עקאָנאָמיש געוואונען פון דער גרינדונג פון דער נייער רעגירונג.

5) די קאָנסטיטוציע איז אין גרונד אַן עקאָנאָמישער דאָ־קומענט. ער שטיצט זיך אויף דעם געדאנק, אז די רעכט פון פריוואט אייגענטום טאָרען ניט אָנגערירט ווערען פון פאָלק.

6) אין דער אָפּשטימונג וועגען גוטהייסען די קאָנסטיטו־ציע האָבען דריי־פערטעל פון דער מענער־באפעלקערונג פון אי־בער 21 יאָר, זיך ניט באטייליגט. בלויז א פערטעל פון די מענער פון דעם עלטער האָבען איינטייל גענומען אין די וואלען פאר דעלעגאטען צו די שטאט קאָנווענשאָנס וואָס האָבען איבער דער קאָנסטיטוציע געדארפט שטימען.

7) די קאָנסטיטוציע איז גוטגעהייסען געווארען דורך די שטימען פון ניט מער ווי א זעקסטעל פון דער דערוואקסענער מענער־באפעלקערונג אין לאנד.

8) עס איז א גרויסער ספק, צי די מאיאָריטעט פון די וואָס האָבען געשטימט פאר די דעלעגאטען צו די קאָנווענשאָנס אין ניו יאָרק, מאסאטשוזעטס, ניו העמשיר, ווירדזשיניא און סאוטה קאראָליינא, האָבען געוואָלט אז די קאָנסטיטוציע זאָל אָנגענומען ווערען.

9) די פירער, וועלכע האָבען ביי די שטאַט־קאָנווענשאָנס געקעמפט פאר אָננעמען די קאָנסטיטוציע, האָבען פארטראָטען דיזעלבע געלט־קלאַסען ווי די דעלעגאַטען ביי דער קאָנווענשאָן אין פילאדעלפיא.

ק א פ י ט ע ל 7.

מחלוקות, אינטריגעס, סקאַנדאַלען איבער טעריטאָריע ביי די גרעניצען.

איינע פון די שווערע פראַגען מיט וועלכע דאָס לאַנד האָט זיך געראַנגעלט אין פאַרלויף פון דער „קריטישער עפּאָכע" איז געווען די פראַגע פון גרעניצען. אין דער דאָזיגער פראַגע זיינען געווען פאַרוויקעלט אי אויסלענדישע סכסוכים, אי אינלענדישע רייסערייען. דאָס לאַנד, אלס גאַנצעס, פאַראייניגט אונטער דעם קאָנגרעס, האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט די צוויי גרעניץ־לענדער — ענגלאַנד און שפּאַניען, און די שטאַטען צווישען זיך האָבען זיך געקריגט איבער זייערע לאָקאַלע גרעניצען און איבער די טעריטאָריעס וואָס זיינען געלעגען ווייטער, אריבער די גרעניצען.

די דרייצען שטאַטען זיינען אַלע געלעגען ביים אטלאַנטישען ברעג. די ישובים האָבען זיך געצויגען פון ברעג ביז אַ פּאָר הונדערט מייל אין לאַנד אריין. דאָרט האָבען זיי זיך אָנגעשלאָגען אָן אַ קייט פון בערג און דאָ האָבען זיי זיך געענדיגט. אויף יענער זייט פון די בערג האָבען געוואוינט אינדיאַנישע שבטים. עס האָבען זיך דאָרטען אויך געפונען האַנדעלס־פּאָסטענס, וואָס די פראַנצויזישע פוטער־הענדלער האָבען אויפגעשטעלט אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָהרען. אז ענגלאַנד האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פראַנצויזישער הערשאַפט אין אמעריקא, זיינען די פּאָסטענס אריבער צו ענגלאַנד. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָבען די פּאָסטענס געדינט פאַר ענגלישע פעסטונגען.

נאָך איידער די רעוואָלוציע איז געקומען האָט זיך שוין אָנ־

געהויבען אן אויסוואנדערונג פון די קאָלאָניעס צו דער נייער טעריטאָריע אויף יענער זייט פון די בערג. די ענגלישע רעגי־רונג, די דאָרטיגע פראנצויזישע איינוואוינער, און די אינדיאנער, זיינען אַלע געווען געגען דער אימיגראציע. ענגלאנד האָט מורא געהאט, אז ווען די אמעריקאנער וועלען זיך אויסשפרייטען אויף ווייטע שטרעקעס לאנד, וועט זי פארלירען דעם קאָנטראָל איבער זיי. די פראנצויזען האָבען מורא געהאט, אז די אמעריקאנער קאָלאָניסטען וועלען אויסהאקען די וועלדער און פארטרייבען די פוטער־חיות. די אינדיאנער האָבען סתם ניט געוואָלט ליידען אז נאָך ווייסע זאָלען פארכאפּען זייער לאנד. אָט דער פאר־אייניגטער ווידערשטאנד האָט פיל געווירקט צוריקצוהאלטען דעם שטראָם פון אימיגראציע אריבער די בערג, כאָטש אינגאנצען אים אָפּצאמען איז אוממעגליך געווען.

אין צייט פון דער רעוואָלוציע האָט ענגלאנד אויסגענוצט די אינדיאנער אין יענעם געגענד. זי האָט זיי אויפגעהעצט צו פּאָגראָמען אויף די קאָלאָניסטען. די אמעריקאנער איינוואוי־נער ביי די גרעניצען האָבען שטארק געליטען פון די אינדיאנישע אָנפאלען. זיי האָבען אָבער אויך ניט געשוויגען. זיי האָבען אָרגאניזירט עקספּעדיציעס, זיינען אריינגעדרונגען אין יענער טע־ריטאָריע און האָבען פארכאפּט פיל פון די וויכטיגע פּאָסטענס. די געשיכטע פון יענע עקספּעדיציעס איז פול מיט שטוינענדע און אומגלויבליכע העלדען־טאטען פון די אמעריקאנער.

ביים שלום אָפּמאך האָט ענגלאנד איינגעשטימט, אז די גאנ־צע טעריטאָריע אויף יענער זייט פון די בערג ביז דעם מיסיסיפּי טייך זאָל געהערען צו די פאראייניגטע שטאטען. אויף דער צפון זייט איז אַלס גרעניץ באשטימט געווארען די וואסערען און דאָס לאנד צווישען די וואסערען, וואָס ליגען ביי קענעדע. אלס דרום־גרעניץ איז באשטימט געווארען פלאָרידא (וועלכע האָט דעמאָלט איינגעשלאָסען א פיל גרעסערע שטיק לאנד ווי דער איצטיגער שטאט פלאָרידא). דאָס לאנד אויף יענער זייט מיסיסיפּי, און אויך פלאָרידא, האָבען באלאנגט צו שפּאניען. די פאראייניגטע שטאטען האָט זיך אלזאָ געגרעניצט אויפ'ן צפון זייט מיט ענג־

לישער טעריטאָריע, אויפ'ן מערב זייט און אויפ'ן דרום זייט מיט שפּאַנישער טעריטאָריע.

און מיט אָט די צוויי לענדער האָבען די פאראייניגטע שטאַטען איצט געהאט א היבש ביסעל צרות. ענגלאַנד האָט צוגעזאָגט צוריקצוציהען אירע סאָלדאַטען פון די פּאָסטענס אין דער טעריטאָריע אונטער קענעדע, אָבער זי האָט איר וואָרט ניט געהאַלטען. דאָ איז געווען א פראַגע פון געשעפט. דורך די פּאָסטענס איז געפירט געוואָרען דער פוטער־האַנדעל מיט די אינדיאַנער אין דער גאַנצער געגענד. ענגלאַנד האָט געוואוסט, אַז אזוי שנעל ווי די פּאָסטענס וועלען אריבערגיין אין אַמעריקאַנישע הענט, וועט דער פוטער־האַנדעל אויך אריבערגיין צו די אַמעריקאנער. פריהער פלעגט דער האַנדעל געפירט ווערען דורך קענעדע, — דורך מאָנטרעאַל. איצט אָבער וועט ער אָפּגעווענדט ווערען און וועט גיין דורך ניו יארק — דורך אָלבאַני. די ענגלישע רעגירונג האָט געוואוסט, אַז די דרייצען שטאַטען זיינען צווישען זיך ניט אייניג און אַז די פעדעראַלע רעגירונג איז שוואַך, און דערפאַר האָט זי זיך ניט געאיילט ארויסצוגיין פון די פּאָסטענס. פאַר אַן אָפיציעלען תירוץ האָט ענגלאַנד אָנגעוויזען דאַרויף, וואָס די אַמעריקאַנישע רעגירונג האָט ניט געהאַלטען דעם אָפּמאַך בנוגע די אַלטע חובות וואָס אַמעריקאַנישע סוחרים זיינען שולדיג געווען די ענגלישע סוחרים, און אויך ניט בנוגע די פאַרפאָלגונגען אויף די לאָיאַליסטען. ערשט נאָכדעם ווי די אַמעריקאַנישע רעגירונג איז געוואָרען א פעסטע רעגירונג אונטער דער קאָנסטיטוציע, האָט ענגלאַנד זיך גענומען צוהערען צו אַמעריקאַ'ס פאָדערונגען, און עס האָט געדויערט ביז 1796 איידער די אַלע פּאָסטענס זיינען אָפּגעליידיגט געוואָרען פון ענגלישע סאָלדאַטען.

די סכסוכים מיט שפּאַניען זיינען געווען פון א מער ערנסטען כאַראַקטער. די פלאָרידאַ־פּראָווינץ אין די סאוטה האָט איינגעשלאָסען דעם טייל לאַנד, וואו דער מיסיסיפּי טייך פאַלט אריין אין דעם „גאָלף אָוו מעקסיקאָ". אין יענער געגענד זיינען ביידע זייטען פון דעם מיסיסיפּי געלעגען איז שפּאַנישער טעריטאָריע.

אין 1786 האָט שפאניען פארשפארט דעם טייך פאר די אמע־ריקאנישע פיאָנערען, וואָס האָבען זיך באזעצט אויף יענער זייט פון די בערג. פאר די אמעריקאנער קאָלאָניסטען איז דאָס גע־ווען א גרויסער שטער. קיין שאָסייען איבער'ן לאנד זיינען דע־מאָלט כמעט ניט געווען. דער גאנצער פארקער איז אָנגעגאנ־גען דורך די וואסערען. פאר די איינוואוינער ארום דעם מי־סיסיפי איז דער טייך געווען דער וויכטיגסטער, אויב ניט דער איינציגער האנדעלס־שליאך. דערמיט וואָס שפאניען האָט דעם טייך פאר זיי פארשפארט, האָט זי זיי אָפּגעשניטען פון דער וועלט.

ביידע לענדער, ענגלאנד און שפאניען, האָבען געהאָפט אז דערמיט וואָס זיי מאכען שטערונגען פאר די קאָלאָניסטען ביי די גרעניצען, וועלען זיי ווירקען אז די קאָלאָניסטען זאָלען זיך איינגאנצען אָפּרייסען פון די פאראייניגטע שטאטען און זיך אָנ־שליסען אָן זיי. ענגלאנד האָט געהאָפט אויף אזא אופן צו געווי־נען די באפעלקערונג און די טעריטאָריע וואָס געפינט זיך ניט וווייט פון קענעדע. שפאניען האָט געהאָפט צו געווינען די טע־ריטאָריע ביים מיסיסיפי טייך. און עס איז גאנץ מעגליך גע־ווען, אז זייערע פלענער זאָלען זיך איינגעבען. די קאָלאָניסטען זיינען דעמאָלט ניט געווען קיין צו גרויסע פאטריאָטען. עס איז א פאקט, אז שפאניען האָט אין געהיים געפירט אנטערהאנד־לונגען מיט די איינפלוסרייכסטע קאָלאָניסטען אין דער טעריטאָ־ריע. טייל האָט זי אפילו אונטערגעקויפט. עס איז געווען ניט מעהר ווי א צופאל וואָס די פלענער האָבען זיך ניט איינגעגעבען.

די רייסערייען צווישען די שטאטען גופא זיינען כמעט אַלע געשליכטעט געוואָרען נאָך איידער די קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנ־ווענשאָן איז פאררופען געוואָרען. אין די מחלוקות זיינען פאר־מישט געווען זיבען שטאטען, און דאָס איז געווען דאָס גליק. די איבעריגע פינף, די וואָס האָבען ניט געהאט פון די מחלוקות וואָס צו געווינען, האָבען באנוצט זייער איינפלוס צו העלפען די איבעריגע צו קומען צו א פשרה.

דער ערשטער וויכטיגסטער סכסוך איז פאָרגעקומען איבער׳ן שטיק לאַנד וואָס איז איצט דער שטאַט ווערמאָנט. דריי שטאַטען האָבען זיך איבער דער דאָזיגער טעריטאָריע געקריגט: ניו יאָרק, מאַסאַטשוזעטס און ניו־העמשיר. דאָס זיינען די דריי שטאַטען וואָס גרענעצען זיך מיט ווערמאָנט. יעדער פון זיי האָט גע׳טענה׳ט אז ווערמאָנט דאַרף באַלאַנגען צו אים און זיין א טייל פון זיינע גרעניצען, און יעדער האָט זיין טענה באַגרינדעט אויף דאָקומענטען וואס ער האָט אמאָל באַקומען פון ענגלאַנד. אָבער די באַפעלקערונג פון ווערמאָנט האָט ניט געוואָלט באַלאַנגען צו קיינעם פון די דריי. די ווערמאָנטער האָבען געוואָלט זייער טעריטאָריע זאָל זיין א שטאַט פאַר זיך. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבען א צען יאָר פאַר דער רעוואָלוציע. מער פון אַלע איז ניו יאָרק געווען איינגע׳עקשנ׳ט. עס זיינען אפילו פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסען צווישען די ניו יארקער רעגירונגס־בעאַמטע און די ווערמאָנטער איינוואוינער. ענדליך האָבען אַלע צדדים איינגעוויליגט אז דער קאָנגרעס זאָל שליכטען די פראַגע. אין 1780 האָט דער קאָנגרעס גע׳פסק׳ענט אז ווערמאָנט האָט א רעכט צו ווערען א שטאַט פאַר זיך. ניו יאָרק האָט אָבער איר קאַמף אזוי שנעל ניט אויפגעגעבען. זי האָט דורך פארשידענע מאַנעוורעס ניט צוגעלאָזען אז ווערמאָנט זאָל אריינגענומען ווערען אלס א שטאַט. ערשט אין 1790 איז ניו יארק מיד געוואָרען פון דעם קאַמף, און ווערמאָנט איז אריינגענומען געוואָרען אַלס א שטאַט אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

א ביטערער קאַמף איז אויך פאָרגעקומען צווישען פענסילווייניא און קאָנעטיקוט איבער א שטיק לאַנד, וואָס איז איצט דער וועסטליכער טייל פון פענסילווייניא. א קאָנעטיקוט׳ער קאָמפאַניע האָט דאָס שטיק לאַנד אָפּגעקויפט ביי די אינדיאַנער נאָך אין 1754, און זי האָט דאָרטען קאָלאָניזירט א צאָל פאַמיליעס. פענסילווייניא האָט אָבער גע׳טענה׳ט, אז די טעריטאָריע געהער איר. די פראַגע איז אויך איבערגעגעבען געוואָרען צום קאָנגרעס. א געריכט פון פינף ריכטער איז באַשטימט געוואָרען, וואָס האָט גע׳פסקנ׳ט אז פענסילווייניא איז גערעכט, און דאָס

לאנד געהערט איר. איצט איז געווען א פראגע — וואס טוט מען מיט די קאנעטיקוט׳ער קאלאניסטען וואס האבען זיך דאר־טען באזעצט? זיי האבען דאס לאנד געקויפט ביי דער קאנע־טיקוט׳ער קאמפאניע מיט יארען פריער. זיי האבען דארטען אריינגעלייגט זייער געלט און זייער פראצע. זיי האבען אויס־געהאקט די וועלדער, אויפגעבויט הייזער, פארטריבען די אינדיאנער. וואס זיינען זיי שולדיג, אז מען האט זיי אפגע־נארט און פארקויפט לאנד וואס געהערט צו פענסילווייניא?

די מענשליכקייט האט געפאדערט אז מען זאל די קאלא־ניסטען ניט שטערען. עס האבען זיך אבער אריינגעמישט געלט־אינטערעסען. די פענסילווייניא לאנד־ספעקולאנטען האבען גע־וואלט די ערד פאר זיך, און זיי האבען געווירקט אויף דער רעגירונג זי זאל שיקען מיליטער ארויסצוטרייבען די קאנעטי־קוטער קאלאניסטען. די קאלאניסטען האבען זיך פארטיידיגט מיט געווער אין די הענט. עס איז געקומען צו בלוט־פארגיסונג. די פענסילווייניער מיליץ האט געמאכט פאגראמען אויף די קאלא־ניסטען, אונטערגעצונדען די הייזער, ראבירט, געמארדעט. די נייעס וועגען דער דאזיגער ברוטאליטעט האט זיך צוטראגען אי־בער׳ן גאנצען לאנד. די עפענטליכע מיינונג האט אויפגעשוי־דערט. פענסילווייניא האט זיך געכאפט אז זי איז פארקרא־כען צו ווייט און זי האט די געוואלטטאטען אפגעשטעלט. די קאלאניסטען זיינען פארבליבען אויף זייער לאנד.

דער וויכטיגסטער פון אלע איז אבער געווען דער סכסוך אי־בער דער טעריטאריע וואס איז געלעגען אויף יענער זייט פון די בערג, דאס נייע לאנד, וואו ענגלאנד האט נאך געהאלטען אירע ארמיי־פאסטענס. כאטש ענגלאנד איז נאך פון דארטען ניט געווען ארויס, האבען פיר שטאטען זיך שוין גענומען רייסען איבער דער טעריטאריע: ניו יארק, ווירדזשיניא, קאנעטיקוט און מאסאטשוזעטס. די טעריטאריע ליגט צווישען קענעדע און דעם אהייא טייך, צווישען דעם אטלאנטישען ברעג און דעם מיסיסיפי טייך. זי איז דעמאלט באצייכענט געווארען מיט דעם נאמען „נארטה וועסט טעריטארי״.

מאַסאַטשוזעטס און קאָנעטיקוט האָבען זיך באַנוגענט מיט פאָדערען בלויז א טייל פון דער טעריטאָריע. זיי האָבען זייערע טענות באַגרינדעט אויף אַלטע דאָקומענטען, אויף די טשאַרטערס, וואָס זיי האָבען באַקומען פון ענגלישע בעאַמטע. ניו יאָרק און ווירדזשיניא אָבער האָבען געפאָדערט די גאַנצע טעריטאָריע. זייערע טענות האָבען געהאַט א שטאַרקערען יסוד. ניו יאָרק, צום ביישפּיל, האָט באַוויזען, אַז זי האָט די טעריטאָריע אָפּגעקויפט ביי אינדיאַנישע שבטים און אַז זי האָט אין די אַלע מלחמות מיט פראַנקרייך געשיקט אהין אירע ארמייען און האָט דאָרטען באַקעמפט די פראַנצויזען. די אינדיאַנישע שבטים פון דער געגענד האָבען ווירקליך געהאַט פרידענס־אָפּמאַכען מיט ניו יאָרק און האָבען אנערקענט די הערשאַפט פון ניו יאָרק. ווירדזשיניא האָט איר טענה באַגרינדעט דערויף, וואָס אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט זי ארייגעשיקט אירע סאָלדאַטען אין דער טעריטאָריע, און איינגענומען דאָרט א סך וויכטיגע פונקטען. דיביידע שטאַטען זיינען פעסט באַשטאַנען דערויף, אַז די נאָרטה־וועסט זאָל ווערען א טייל פון זייער טעריטאָריע.

די קלענערע שטאַטען, וואָס גרענעצען זיך מיט ניו יאָרק און ווירדזשיניא, האָבען זיך געשראָקען פאַר דעם, אַז די צוויי שטאַטען זאָלען צוקריגען אַזעלכע שטיקער לאַנד. אַם־שטאַרקסטען האָט פּראָטעסטירט מערילאַנד. זי האָט גע'טענה'ט אזוי: אויב ווירדזשיניא וועט צוקריגען די נייע טעריטאָריע, וועט זי דאָרטען פאַרקויפען לאַנד צו קאָלאָניסטען. די ווירדזשיני'ער רעגירונג וועט פון דעם האַנדעל אריינקריגען גרויסע סומען געלט, און זי וועט קענען פאַרלייכטערען די שטייערען אויף אירע איינוואוינער. ווירדזשיניא וועט אַלזאָ האָבען צוויי פאָרציגע לגבי די אַרומיגע שטאַטען: ערשטענס — קלענערע שטייערען, און צווייטענס, ביליגערע ערד. די איינוואוינער פון די אַנדערע שטאַטען וועלען דעריבער נעמען לויפען קיין ווירדזשיניא, און די אַנדערע שטאַטען וועלען פאַראָרימט ווערען.

די קליינע שטאַטען האָבען געהאַט נאָך א טענה: די נאָרטה־וועסט טעריטאָריע איז געוואונען געוואָרען דורך דער

רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע איז אויסגעקעמפט געוואָרען פון אַלע שטאטען צוזאמען. דארף די דערוואָרבענע טעריטאָריע גע־הערען צו אַלעמען בשותפות.

מערילאנד האָט זיך ניט באנוגענט מיט פראָטעסטען. זי האָט ערקלערט, אז אזוי לאנג ווי ווירדזשיניא און ניו יאָרק וועלען זיך ניט אָפּזאָגען פון דער נאָרטה וועסט, וועט זי ניט אריינטרעטען אין דער „קאָנפעדערייישאָן". זי וועט, הייסט עס, בלייבען אָפּגעזונדערט, און וועט זיך ניט אונטערווארפען אונטער דער רעגירונג פון דעם קאָנגרעס.

דער סכסוך האָט זיך געצויגען יאָרען לאנג. ענדליך האָט זיך ניו יאָרק געבויגען. אין אָנפאנג פון יאָהר 1780 האָט זי באשלאָסען, אז זי זאָגט זיך אָפּ אינגאנצען פון אירע רעכט אויף דער טעריטאָריע. דאָס האָט געמאכט א שטארקען איינדרוק. דער קאָנגרעס האָט זיך דאן געווענדט צו די איבעריגע שטאטען, זיי זאָלען נאָכטאָן ניו יאָרק. א יאָר שפּעטער האָט ווירדזשי־ניא געלאָזט וויסען, אז זי וועט פאָלגען דעם קאָנגרעס אויף גע־וויסע באדינגונגען. קאָנעטיקוט און מאסאטשוזעטס האָבען גע־טאָן דאָסזעלבע. עטליכע יאָהר זיינען אָנגעפירט געוואָרען אונ־טערהאנדלונגען. אין יאָר 1784 איז די טעריטאָריע געוואָרען פאקטיש דאָס אייגענטום פון דעם קאָנגרעס פון דער נאציאָנאַלער רעגירונג.

נאָך דער מיינונג פון געוויסע היסטאָריקער איז דער דאָ־זיגער פאקט געוועזען איינער פון די שטארקסטע קרעפטען, וואָס האָבען מיטגעבראכט אַז די דרייצען שטאטען זאָלען זיך פעס־טער פארבינדען אונטער דער רעגירונג פון דער קאָנסטיטוציע. דער פאקט אז דער קאָנגרעס האָט איצט געהאט אלס אייגענ־טום און אונטער זיין הערשאפט א ריזיגע שטיק לאנד האָט אים צוגעגעבען פּרעסטיזש. די נאציאָנאַלע רעגירונג איז שוין איצט ניט געווען מער א רעגירונג נאָר אויפ'ן פּאפּיר. זי איז געווען א רעגירונג וואָס האָט באהערשט א שטיק לאנד, איבער וועל־כען קיין אנדער רעגירונג האָט קיין געזעצליכע דעה ניט גע־האָט.

אין 1787 האָט דער קאָנגרעס דורכגעפירט דאָס געזעץ ווי אזוי די נאָרטה־וועסט טעריטאָריע זאָל פארוואלטעט ווערען. דאָס געזעץ איז בארימט געוואָרען אין דער אמעריקאנישער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „די אָרדינענס אָוו 1787״. דאָס דאָזיגע געזעץ האָט אָנגעצייכענט דעם וועג, אויף וועלכען אמע־ריקע איז פון דעמאָלט אָן געגאנגען בנוגע נייע טעריטאָריעס וואס זי האָט זיך צוגענומען. אָט זיינען די וויכטיגסטע פונקטען פון דער „ארדינענס״:

ערשטענס, די טעריטאָריע זאָל מיט דער צייט אָרגאניזירט ווערען אין שטאטען; זי זאָל איינגעטיילט ווערען אין ניט ווייניגער ווי דריי און אין ניט מעהר ווי פינף שטאטען.

צווייטענס, ביז די טעריטאָריע וועט אָרגאניזירט ווערען אין שטאטען זאָל זי שטיין אונטער דער הערשאפט פון ספעציעלע בעאמטע, באשטימט פון קאָנגרעס: א גאָווערנאָר, א סעקרע־טער און דריי ריכטער.

דריטענס, אזוי שנעל ווי די טעריטאָריע וועט האָבען א באפעלקערונג פון 5,000, זאָל אָרגאניזירט ווערען א געזעצגע־בערישע קערפערשאפט, א לעדזשיסלייטשור, געוויילט פון די בירגער. די לעדזשיסלייטשור זאָל אָננעמען געזעצען פאר דער טעריטאָריע מיט דער צושטימונג פון דעם גאָווערנאָר. די טע־ריטאָריע זאָל דאַן אויך האָבען דאָס רעכט צו שיקען א פאָר־שטייער אין קאָנגרעס, וועלכער זאָל זיך מעגען באטייליגען אין די דיסקוסיעס און דעבאַטען, אָבער אָן שטימרעכט.

פערטענס, ווען די צאָל פון דער באפעלקערונג אין א טייל פון דער טעריטאָריע וועט גרייכען 60,000, מעג דער טייל אָר־גאניזירט ווערען אַלס א שטאט. עס פארשטייט זיך, אז דער קאָנגרעס האָט א רעכט דעם שטאט צו אנערקענען אָדער ניט. קוים אָבער ווערט ער אנערקענט, האָט ער דיזעלבע רעכט און פריווילעגיעס ווי אַלע אַנדערע שטאטען.

פינפטענס, די איינוואוינער פון דער טעריטאָריע זאָלען האָ־בען פאָלשטענדיגע רעליגיעזע פרייהייט. קינדער זאָלען דאָרטען ירש'ענען גלייכע חלקים אין זייערע עלטערענ'ס אייגענטום. עס

זאָלען דאָרט געגרינדעט ווערען קהל׳שע צוואנג־שולען פאַר די קינדער. שטימרעכט זאָלען האָבען אַלע די וואָס פארמאָגען פופ־ציג אקער לאַנד.

זעקסטענס, נעגער־שקלאַפעריי זאָל זיין פארבאָטען אין דער טעריטאָריע און אין די שטאַטען וועלכע וועלען פון דער טע־ריטאָריע שפּעטער אָרגאַניזירט ווערען. ווען אָבער א שקלאַף פון אן אנדער שטאַט אַנטלויפט אַהין, מוז מען אים אומקערען צו זיין באַלעבאָס.

מען דאַרף אין זינען האָבען, אַז די נאָרטה־וועסט טערי־טאָריע, וואָס די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט איצט באַקומען, איז געווען א מין קאָלאָניע. מיט דעם „אָרדינענס" האָט די אַמע־ריקאַנישע רעגירונג גענומען א גאַנץ אַנדער שטעלונג בנוגע צו קאָלאָניעס, ווי די רעגירונגען אין אייראָפּאַ אין יענער צייט. זי האָט די קאָלאָניע אַוועקגעשטעלט אין דער לאַגע פון א קינד וואָס דאַרף דערצויגען ווערען כדי צו קענען ווערען א גלייכען מיט די איבעריגע שטאַטען. כל זמן די באַפעלקערונג איז נאָך קליין, גיט די אַלגעמיינע רעגירונג אויף איר אַכטונג. אָבער אַזוי שנעל ווי זי וואַקסט אויס און קריגט ערפאַרונג אין רעגירונג און פאַר־וואַלטונג, ווערט זי אריינגענומען אַלס א גלייכער שותף אין די פאַראייניגטע שטאַטען.

אין דערזעלבער צייט וואָס דער קאָנגרעס האָט פאַרהאַנדעלט די פראַגע פון דעם „ארדינענס", האָט זיך שוין דאָרט אָפּגעשפּילט דער ערשטער לאַנד־סקאַנדאַל, אָדער „לענד־דושאַב" אין דער גע־שיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטען. מיר זאָגען דער ערשטער, ווייל די געשיכטע פון לאַנד אין די שפּעטערע יאָרען איז פול מיט אַזעלכע סקאַנדאַלען. מיר וועלען דאָ איבערגעבען די פּאַסירונג מיט איי־ניגע איינצעלהייטען, ווייל זי איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע פון אַמעריקא.

אין יאַנואר, 1786, איז אין עטליכע צייטונגען פון מאַסאַ־טשוסעטס ערשינען אן אַנאָנסע אונטער דער קעפּעל „אינפאָר־מאַציע". די אַנאָנסע האָט געלויטעט, אַז עס ווערט אָרגאַניזירט א קאָמפּאַניע צו קויפען לאַנד אין דער נאָרט־וועסט טעריטאָריע.

די קאָמפּאַניע וועט זיך רופען „די אָהייאָ קאָמפּאַני". אַלע אירע מיטגלידער וועלען זיין איינוואוינער פון מאַסאַטשוסעטס סטייט. פאַר דעם צוועק וועט אָפּגעהאַלטען ווערען אַ קאָנפערענץ אין באָסטאָן דעם 15טען פעברואַר. אַלע די וואָס זיינען פּאַראַינטע־רעסירט זאָלען קומען אָדער שיקען דעלעגאַטען. אונטערגעשריבען אויף דער אַנאָנסע זיינען געווען צוויי אָנגעזעענע איינוואוינער פון מאַסאַטשוסעטס, רופוס פּוטנעם און בענדזשאַמין טאָפּער, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט אַלס גענעראַלען אין דער רעוואָלוציע.

די אַנאָנסע האָט אַרויסגערופען גרויס אינטערעס אין דעם שטאַט. צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען דעלעגאַטען פון אַכט ראַיאָנען. עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו שאַפען אַ פאָנד פון אַ מיליאָן דאָלאַר, צו פאַרקויפען אַקציעס צו גרופּעס פון צוואַנציג פערזאָן, יעדע גרופּע זאָל קויפען פאַר 20 טויזענט דאָלאַר אַקציעס, און זאָל פאַרטראָטען זיין פון אַן אַגענט. די אַגענטען זאָלען אויס־קלייבען אַ טרעזשורער, קאַסירער און דירעקטאָרען.

בעלנים אויף די אַקציעס זיינען געווען אַ סך. אין משך פון אַ יאָר צייט איז געזאַמעלט געוואָרען אַ גרויסע סומע געלט. אַלס דירעקטאָרען זיינען אויסגעוויילט געוואָרען רופוס פּוטנעם, סעמיועל פּאַרסאָן און מנשה קאַטלער. קאָטלער איז געשיקט געוואָרען צום קאָנגרעס, וועלכער איז דאַן געזעסען אין ניו יאָרק, צו פירען די נויטיגע אונטערהאַנדלונגען און קויפען דאָס לאַנד.

דער הויפּט־געדאַנק פון די צוויי גענעראַלען איז געווען צו גרינדען אַ שטאַט פון געוועזענע סאָלדאַטען. צו דער קאָנפערענץ זיינען געקומען מיטגלידער פון דער אָפיצערסקער אָרגאַניזאַציע „סאָסייעטי אָוו סינסינעטי". די סאָלדאַטען האָבען פאַר זייער־דינסט געקראָגען באַצאָלט מיט רעגירונגס וועקסלען, וואָס האָבען איצט אויף'ן מאַרק כמעט קיין ווערט מער ניט געהאַט. די קאָנפערענץ האָט געפּלאַנעוועט צו קויפען דאָס לאַנד מיט אָט די ווערטלאָזע פּאַפּירען. דער קאָנגרעס האָט דאָך אַליין די פּאַפּירען אַרויסגעגעבען, און ער וועט זיי מוזען אָנערקענען פאַר גוט געלט.

קאָטלער איז געווען אַ מאַן מיט אויסערגעוויינליכע פעיאיג־קייטען. ער האָט שטודירט פאַר אַדוואָקאַט און דערנאָך פאַר גלח.

ער האט אין ניו יארק פארבראכט עטליכע וואכען, און אין דער צייט האט ער געארבייט שווער און ביטער ביז וואנען ער האט זיין פלאן דורכגעפירט. די ארבייט איז באשטאנען אין איבער־געווינען די קאנגרעסלייט, זיי זאלען איינגיין אויף זיין פארשלאג און זאלען אננעמען א געזעץ־פראיעקט, אז דאס לאנד זאל פאר־קויפט ווערען פאר דעם אנגעבאטענעם פרייז צו דער אהייא קאמפאניע. קאטלער האט זיינע פארהאנדלונגען געפירט אין געהיים. ער האט די איינפלוסרייכע קאנגרעסלייט געגעבען אלערליי הבטחות, אז ער וועט זיי געבען גוטע גמטער אין דער נייער קאלאניע און ענליכע זאכען. ער האט אויך אנגעשטעלט א גאנצע ארמיי פון שתדלנים, וועלכע האבען „באארבייט" די געגנערישע קאנגרעסלייט, איינגע'טענה'ט מיט זיי ביי זיי אין דער היים, אין די קלובס, אין גאס. צום סוף האט קאטלער איינגעשטימט צו א פארשלאג פון א גרופע איינפלוסרייכע פאליטיקער אין קאנגרעס און אין דער שטאט. דער פארשלאג איז געווען, אז ער זאל פארלאנגען פון קאנגרעס ניט איין מיליאן, נאר פינף מיליאן אקער לאנד ; אז פאר זיין „אהייא קאמפאני" זאל ער דערפון נעמען בלויז אנדערהאלבען מיליאן, און די איבעריגע דריי־און־א־האלב מיליאן זאל ער איבערגעבען צו א קאמפאניע פון ספעקו־לאנטען, וואס די איינפלוסרייכע לייט האבען אין געהיים ארגא־ניזירט. אין דער געהיימער גרופע פון ספעקולאנטען זיינען געווען אזוינע מענשען, ווי סעינט קלער, דער פרעזידענט פון קאנגרעס, אלעקסאנדער האמילטאן, איינער פון די וויכטיגסטע פאליטיקער פון ניו יארק.

ענדליך האט דער קאנגרעס גוטגעהייסען קאטלער'ס פלאן. לכתחילה, ווען קאטלער האט זיין פארשלאג פארגעלייענט פאר'ן קאנגרעס, האט עס אויסגעוויזען, אז די רעגירונג וועט קריגען א היבשע סומע געלט. דאס האט אויף א סך קאנגרעסלייט געהאט א גינסטיגע ווירקונג. קאטלער'ס פארגעשלאגענער פרייז איז געווען א דאלאר אן אקער. פינף מיליאן אקער וואלט געבראכט פינף מיליאן דאלאר. אין יענער צייט איז פינף מיליאן געווען א

סך געלט, איבערהויפּט נאָך פאַר׳ן קאָנגרעס, וועלכער איז געווען אַזוי אָרים און אַזוי פאַרזונקען אין חובות.

ווען עס איז אָבער געקומען צו געבען די געלט, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מען האָט דעם קאָנגרעס אָפּגענאַרט. קאַטלער האָט אַרונטערגערעדט אַ דריטעל דאָלאַר פאַר הוצאות און פאַר שלעכט לאַנד. איז פון דעם דאָלאַר שוין געבליבען נישט מער ווי 66־און־צוויי־דריטעל סענט. די צוויי־דריטעל דאָלאַר האָט קאַטלער באַצאָלט ניט מיט געלט, נאָר מיט די פּאַפּירען וואָס דער קאָנגרעס האָט געגעבען די סאָלדאַטען. ווי שוין געזאָגט, זיינען די פּאַפּירען געווען אַזוי געפאַלען אין ווערט, אַז מען האָט פאַר זיי געצאָלט ניט מער ווי 12 סענט אויפ׳ן דאָלאַר. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז קאַטלער האָט באַצאָלט צווישען 8 און 9 סענט אַן אַקער לאַנד.

מילא, איז פאַר דער ערשטער „אָהייאָ קאָמפּאַני“ האָט מען נאָך דעם שווינדעל געקענט פאַרענטפערען. אַ סך פון די שער־האָלדערס (אַקציאָנערען) פון דער קאָמפּאַניע זיינען געווען געוועזענע סאָלדאַטען, און זיי האָבען געהאַט אַ טענה צו דער רעגירונג, אַז מען האָט זיי פאַר זייערע דינסטען אויפ׳ן שלאַכטפעלד ניט באַצאָלט. וואָס פאַר אַ תירוץ איז אָבער דאָ פאַר די דריי־און־אַ־האַלב מיליאָן אַקער לאַנד וואָס קאַטלער האָט געקויפט פאַר דער קליקע ספּעקולאַנטען? פאַרוואָס האָט זיי געקומט אַזאַ ריזיגע שטיק טעריטאָריע פּאַקטיש אומזיסט, (מיט יאָרען שפּעטער האָט דער קאָנגרעס געמאַכט אַן אונטערזוכונג וועגען דעם, און האָט די גאַנצע שולד אַרויפגעוואָרפען אויף איינעם פון דער קאָמפּאַניע, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען טויט.)

אין דער טעריטאָריע וואָס איז געלעגען צו דרום צו, הינטער דעם אָהייאָ טייך, זיינען געווען אַנדערע אומשטענדען ווי אין דער נאָרט־וועסט טעריטאָריע. אהין האָט זיך אָנגעהויבען אַן אימי־גראַציע נאָך מיט יאָרען פריער. אין דעם טייל וואָס ליגט הינטער נאָרט קאַראָליינאַ (איצטער איז עס דער שטאַט טענעסי) האָט זיך נאָך אין די 60ער יאָרען אָנגעפאַנגען אַן אימיגראַציע. אויך אין

דעם טייל וואָס ליגט הינטער ווירדזשיניא (דער איצטיגער שטאַט קענטאָקי) האָבן קאָלאָניסטען אָנגעהויבען אריינצודרינגען צום סוף פון די 70ער יאָרען. נאָך דער רעוואָלוציע האָט אין דער געגענד א גאַנס געטאָן א שטראָם פון טויזענטער קאָלאָניסטען. זיי האָבן זיך באַזעצט ביי די טייכען, ארום די בערג און אין די וועלדער. זייער צאָל איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג.

אויפ'ן נייעם פּלאַץ זיינען פאר די קאָלאָניסטען אויפגע־שוואומען איינינע שווערע פּראָבלעמען. ערשטענס, זיינען דאָרטען געווען א סך אינדיאַנישע שבטים פון דעם ווילדסטען סאָרט, און די קאָלאָניסטען האָבן זיך גענויטיגט אין שוץ געגען זיי. צווייטענס, זיינען אהין אָנגעלאָפען די ערגסטע און געפערליכסטע מענשען פון די ארומיגע שטאַטען. איבערהויפּט איז עס אזוי געווען מיט דער געגענד הינטער נאָרט קאראָליינא. גנבים, מערדער, אנטלאָפענע ארעסטאַנטען, אוואַנטוריסטען — אלע די, וואָס זיינען אנטרונען פון געזעץ, אָדער האָבן געזוכט צו לעבען פון רויב און גזלה, זיינען געקומען אהין מאַסענווייז. די ערליכע און פרידליכע קאָלאָניסטען זיינען געווען אין שטענדיגער מורא און סכנה. קיין אייגענע רעגירונג, קיין אייגענע פּאָליציי און געריכטען האָבן זיי ניט געהאַט. ווער, אלזא, זאָל אויפהאַלטען ארדנונג און זיי באַשיצען?

דריטענס, האָט די שפּאַנישע רעגירונג, וואָס האָט געהערשט איבער דער טעריטאָריע אויף דער וועסטליכער זייט ביים מיסי־סיפּי ניט געוואָלט ליידען וואָס די אמעריקאַנער פּארשפּרייטען זיך ווייטער אין די וועסט. זי האָט געהאָפט, אז די אמעריקאַנער וועלען בלייבען ביי זייער לאַנד, לעבען ברעג פון אַטלאַנטישען ים, און דאָס איבעריגע לאַנד וועט ביסלעכווייז אריבערגיין צו איר אין די הענט. די שפּאַניער האָען דערפאר געהעצט די אינדיאַנער און אליין אויך אָנגעטאָן די קאָלאָניסטען אלערליי צרות.

די קאָלאָניסטען האָבן זיך געווענדט צו זייערע מוטער־שטאַטען נאָך הילף. אָבער ניט ווירדזשיניא און ניט נאָרט קאראָ־ליינא האָבן זיך אָפּגערופען. נאָרט קאַראָליינא האָט אין 1784 דורכגעפירט א באַשלוס, אז זי גיט איבער די טעריטאָריע פון דער

איצטיגער טענעסי דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. דאָס האָט אויפגעוועקט אַ שטורעם צווישען די דאָרטיגע קאָלאָניסטען. זיי האָבען אָפּגעהאַלטען קאָנווענשאָנס און באַשלאָסען גלייך צו אָרגאַ־ניזירען אַן אייגענעם שטאַט און זיך ווענדען צום קאָנגרעס, ער זאָל דעם שטאַט אָנערקענען און אריינגעמען. דערווייל האָט נאָרט קאראָליינא חרטה געהאַט אויף איר באַשלוס. האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אַ נייער טומעל. די באַפעלקערונג האָט זיך צוטיילט אין צוויי פּאַרטייען: איינע האָט געוואָלט, אַז די טעריטאָריע זאָל פאַרבלייבען אַ טייל פון נאָרט קאראָליינא; די צווייטע איז באַשטאַנען אויף דעם באַשלוס אַז זי זאָל בלייבען אַ באַזונדער שטאַט. עס איז געקומען צו אַ מין בירגער־קריג. ענדליך האָט די ערשטע פּאַרטיי אויסגעפירט.

אין 1786 האָט שפּאַניען פאַרבאָטען די קאָלאָניסטען צו פירען סחורה איבער'ן מיסיסיפּי טייך. זי האָט פאַר זיי פאַרשפּאַרט דעם האַפען פון ניו־אָרליענס, וואָס ליגט ביים מויל פון טייך. דאָס האָט ארויסגערופען אַ נייעם שטורם צווישען די קאָלאָניסטען. דער קאָנגרעס האָט זיך אריינגעמישט און געפירט דיפּלאָמאַטישע פאַר־האַנדלונגען מיט שפּאַניען. דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין די פאַרהאַנדלונגען איז געווען דזשאָן דזשעי, איינער פון די פאָר־קעמפער פאַר דער קאָנסטיטוציע. ער האָט פאַרטראָטען די אינטערעסען פון די רייכערע קלאַסען אין די איסט, און יענע קלאַסען זיינען אין הארצען געווען צופרידען פון שפּאַניען'ס האַנדלונג. זיי האָבען געוואָלט אַז די קאָלאָניסטען אין די וועסט זאָלען זיך ניט קענען באַניצען מיט פרעמדע האַפענס. פאַר זיי איז געווען בעסער, אַז די ווייטע קאָלאָניסטען זאָלען געצוואונגען זיין צו פירען זייער מסחר דורכ'ן לאַנד, דורך די אַטלאַנטישע האַפענס. דזשאָן דזשעי האָט, נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען, איינ־געשטימט צו שפּאַניען'ס פאָדערונג, אַז דער מיסיסיפּי טייך זאָל בלייבען פאַרשפּאַרט פאַר די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען אין די וועסט.

דאָס האָט אויפגערייצט דעם צאָרן פון די קאָלאָניסטען. פיל פון זיי האָבען איצט געפאָדערט, אַז די געגענד זאָל זיך אין גאַנצען

אפרייסען פון די פאראייניגטע שטאטען און איבערגיין צו שפאניען. טייל האבען געוואלט צוריק ווערען ענגלישע אונטער־טאנען. די שפאניער האבען געפירט געהיימע אינטריגעס. זיי האבען אונטערגעקויפט אייניגע פון די איינפלוסרייכסטע לייט פון דער קאלאניע זיי זאלען העלפען אין דער אגיטאציע פאר אריבערגיין צו שפאניען.

ביכלעסווייז אבער האט זיך דער טומעל איינגעשטילט. מיט עטליכע יאר שפעטער האבען ווירדזשיניא און נארט קאראליינא איבערגעגעבען זייערע וועסטליכע טיילען צו דער נאציאנאלער רעגירונג. פון דער טעריטאריע זיינען ארגאניזירט געווארען צוויי נייע שטאטען — קענטאקי און טענעסי. ווירדזשיניא האט זיך אפגעזאגט פון איר טייל אין 1788, און מיט פיר יאר שפעטער איז קענטאקי געווארען א שטאט. נארט קאראליינא האט נאכגעטאן דעם ביישפיל פון ווירדזשינא אין 1790, און אין זעקס יאר ארום איז די טעריטאריע געווארען דער שטאט טענעסי.

קאפיטעל 8.

די שרעק פאר מיליטאַריזם

באלד נאָכדעם ווי פרידען איז פראָקלאמירט געווארען האָט דער קאָנגרעס די ערשטע זאך באשלאסען צו מאכען א סוף צו די מיליטערישע קאָסטען, וואָס האָבען באטראפען ארום 400 טויזענט דאָלאר א מאָנאט, און האָט גלייך פאנאנדערגעלאָזען די ארמיי. אויסער דעם איז דאָ ניט געווען בלויז די פראגע פון קאָסטען, נאָר דאָס פאָלק האָט סתם ניט ליב געהאט די ארמיי און האָט זיך פאר איר געשראָקען. איבערהויפט האָט דער עולם מורא געהאט פאר די אָפיצערען, וועלכע האָבען זיך געהאלטען פאר א העכערער מיליטערישער קאסטע. די פראגע, צי די נאציאָנאלע רעגירונג זאָל אויפהאלטען אן ארמיי נאָכדעם ווי די מלחמה איז שוין געווען פאָראיבער, איז דעבאטירט געוואָרען אין קאָנגרעס. איינינגע האָבען אָנגעוויזען דערויף, אז די ענגלענדער האָבען זיך נאָך ניט צוריקגעצויגען פון א סך פאסטענס אין די וועסט, און אז די אינדיאנער זיינען א שטענדיגע סכנה פאר די איינוואוינער ביי די גרעניצען. אָבער די אלגעמיינע שטימונג איז געווען אנטשיידען נעגען אן ארמיי. דער עולם האָט געקוקט מיט שרעק און פאר־אכטונג אויף מיליטערישע ארגאניזאציעס. ער האָט געציטערט, אז עס זאָל זיך דאָ ניט אנטוויקלען קיין מילעטרישע קליקע. יעדער פאָרשלאג אין קאָנגרעס צו אָרגאניזירען א נאציאָנאלע ארמיי איז נידערגעשטימט געווארען. אין 1784 איז די רעוואָלוציאָנערע ארמיי פאַנאַנדערגעלאָזען געווארען. עס זיינען פארבליבען אין דינסט בלויז 85 מאן צו היטען די מיליטערישע זאפאסען אין צוויי פעסטונגען.

די אָפיצערען האָבען זיך יאָרען לאנג געבונטעוועט געגען קאָנגרעס. זיי האָבען געפאָדערט מען זאָל זיי באצאָלען פאר זייער דינסט אין דער רעוואָלוציע און אז עס זאָל פאר זיי באשטימט ווערען אַ פענסיע אויף שפּעטער. מיט דער פראגע פון באלוינונג און פענסיע פאר׳ן מיליטער האָט דאָס לאנד געקאָכט אַ לאנגע צייט. נאָך אין 1778 האָט דער קאָנגרעס באשלאָסען, מיט אַ מאיאָריטעט פון איין שטימע, אז די אָפיצערען זאָלען באקומען אַ העלפט פון זייער יערליכען געהאלט אלס פענסיע אויפ׳ן גאנצען לעבען. דאָס האָט ארויסגערופען גוואלדיגע פּראָטעסטען. אין די נעקסטע פיר יאָר זיינען פאָרגעשלאָגען געוואָרען אין קאָנגרעס פארשידענע בילס וועגען דער זעלבער פראגע. יעדער פאָרשלאג האָט געענדערט און מבטל געמאכט דעם פריערדיגען. די אָפיצערען האָבען זיך צום קאָנגרעס באנומען אזוי ווי אַ קרעדיטאָר צו אַ בעל־חוב וואָס אַנטזאגט זיך צו באצאָלען זיינע שולדען. אין 1783 האָט אין ניובוירג, ניו יאָרק, שיער ניט אויסגעבראָכען אַ בונט. עס איז דאָרטען צווישען די אָפיצערען פארשפּרייט געוואָרען אַן אויפרוף, אָן אַן אונטערשריפט, אין וועלכען זיי זיינען אויפגעפאָדערט געווארען צו שטיין אייניג און זיך אנטזאגען זיך פאנאנדערצוגיין ביז דער קאָנגרעס וועט ניט נאָכגעבען זייערע פאָדערונגען. וואשינגטאָן אליין האָט זיך געמוזט אריינמישען און ווירקען אויף די אָפיצערען זיי זאָלען זיין איינגעהאלטענער. אומגעפער אין דערזעלבער צייט זיינען 80 סאָלדאטען ארויס אין אַ מארש פון לענקסטער קיין פילאדעלפיע. אויפ׳ן וועג האָבען זיך נאָך סאָלדאטען אָנגעשלאָסען אָן זיי. צוזאמען האָבען זיי ארומגערינגעלט די געביידע, וואו דער קאָנגרעס איז געזעסען, און האָבען געפאָדערט מען זאָל זיי גלייך באצאָלען זייער געהאלט. דער קאָנגרעס האָט זיך דערשראָקען און איז אנטלאָפען קיין פּרינסטאָן.

די אלע אומרוען האָבען זיך געענדיגט דערמיט, וואָס דער קאָנגרעס האָט באשלאָסען צו געבען די סאָלדאטען און אָפיצערען אלס פענסיע פינף יאָר צייט פולע געהאלט. קיין געלט האָט דער קאָנגרעס ניט געהאט, האָבען די סאָלדאטען און אָפיצערען באקומען וועקסלען פון קאָנגרעס. דער דאָזיגער באשלוס האָט אויך

אַרויסגערופען שטאַרקע פּראָטעסטען צווישען עולם, און ווען ניט די באַמיאונג פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וואָלט דער ביל וואַר־שיינליך ניט דורכגעגאַנגען. די אַלגעמיינע מיינונג פון פאָלק איז געווען, אַז פאַר מיליטערישער דינסט אין א צייט פון געפאַר דאַרף מען קיין געלט ניט צאָלען. מען מוז דינען אויס ריינעם פּאַטריאָטיזם.

אין דער צייט וואָס די אָפיצערען האָבען אָנגעפירט די בונטען און אומרוען האָט זיך אָרגאַניזירט א מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעוואָרפען א שרעק אויפ'ן לאַנד. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך גערופען „די אָרדער אָוו סינסינעטי", און עס זיינען אַריינגענומען געוואָרען אַלס מיטגלידער בלויז אָפיצערען וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער רעוואָלוציע. זי איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין אַפּריל, 1783, דורך גענעראַל נאָקס. זי האָט אירע געשעפטען געפירט אין געהיים. יעדער מיטגליד האָט געטראָגען א בלויע לענטע, וואָס האָט געדינט אַלס צייכען פון „מיליטערישען אַדעל", פון א מיליטערישע אַריסטאָקראַטיע. עס איז באַשטימט געוואָרען אַז די קינדער און קינדס־קינדער פון די מיטגלידער זאָלען ירש'ענען די מיטגלידערשאַפט, דעם טיטעל פון דער „בלויער לענטע". פראַנצויזישע אָפיצערען וואָס האָבען געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי זיינען אויך אַריינגענומען געוואָרען אַלס מיטגלידער, און דער פראַנצויזישער קעניג האָט אַנערקענט דעם אָרדער אַלס אַן אַמעריקאַנישע אַריסטאָקראַטיע. די פראַנ־צויזישע אָפיצערען וואָס האָבען געהערט צום אַמעריקאַנישען אָרדער, זיינען אין פראַנצויזישען קעניגליכען הויף אויפגענומען געוואָרען אַלס אַריסטאָקראַטען און זיינען באַערט געוואָרען מיט א טיטעל. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איז פון אָנפאַנג געווען א מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע און האָט זי א לאַנגע צייט פאַרטיידיגט נעגען אירע געגנער.

דער „אָרדער אָוו סינסינעטי" איז אַטאַקירט געוואָרען פון אַלע זייטען. דער עולם האָט אין דעם אָרדער געזען א פּאַרזוך צו גרינדען אַן אַריסטאָקראַטישע קאַסטע אין אַמעריקע. מאַנכע פון די וויכטיגסטע אַמעריקאַנישע שטאַטסלייט און רעוואָלו־

ציאנערע פירער זיינען עפענטליך ארויסגעטראטען געגען אים. בענדזשאמין פרענקלין האט דעם ארדער פארדאמט און פון אים חוזק געמאכט אין א בריף וואס ער האט געשריבען פון פראנקרייך. סעמיועל עדעמס און דזשאן עדעמס האבען געטאן דאסזעלבע. „מיר האבען געמאכט א רעוואלוציע געגען אייראפעאישע קעניגען און אריסטאקראטען, און איצט וויל מען דא גרינדען אן ארים־טאקראטיע" — דאס איז געווען דער געשריי פון די מאסען. די צוויי פונקטען וואס האבען ארויסגערופען דעם גרעסטען ווידער־שטאנד זיינען געווען: ערשטענס, וואס דער טיטעל גייט אריבער בירושה צו די קינדער, און צווייטענס, וואס אין דעם ארדער זיינען אלס מיטגלידער ארייננגענומען געווארען אפיצערען פון פרעמדע לענדער. דאס איז געווען דער בעסטער באווייז אז דער ארדער האט זיך געשטעלט העכער איבער'ן פאלק.

דער עולם האט גענומען פאדערען, אז דער ארדער זאל אונטערדריקט ווערען. ביי די וואלען אין באסטאן איז איינער פון די קאנדידאטען פאר סענאטאר געווען א „סינסינעטיער", האט ער געקראגען צו וויסען, אז קיינער וועט פאר אים ניט שטימען, סיידען ער וועט זיך עפענטליך פון דעם ארדער צוריקציען. און ער האט דאס געטאן. די לעדזשיסלייטשור פון מאסאטשוסעטס האט אנגענומען א רעזאלוציע, אז דער ארדער איז א סכנה פאר'ן פרידען, פאר דער פרייהייט און זיכערקייט פון לאנד. רהאוד איילאנד האט דורכגעפירט א געזעץ, אז יעדער מיטגליד פון דעם ארדער פארלירט זיין בירגער רעכט.

די פראטעסטען האבען געהאלפען. דער ארדער איז ביסלעכ־ווייז אונטערגעגאנגען.

קאפיטעל 9.

די נאַציאָנאַלע רעגירונג אונטער דער קאָנסטיטוציע ווערט אָרגאַניזירט.

נאָכדעם ווי די קאָנסטיטוציע איז גוטגעהייסען געוואָרען פון ניין שטאַטען, האָט דער אַלטער קאָנגרעס זיך גענומען אָרגאַניזירען די נייע רעגירונג און זיך אַליין אויפלייזען. ער האָט געלאָזט וויסען די שטאַטען, אַז זיי זאָלען דעם ערשטען מיטוואָך פון יאַנואַר, 1789, אויסקלייבען די פּרעזידענט-עלעקטאָרס, און אַז די עלעקטאָרס זאָלען דעם ערשטען מיטוואָך אין פעברואַר שטימען פאַר פּרעזידענט קאַנדידאַטען, און זאָלען זייערע שטימען אַריינשיקען צום נייעם סענאַט. דער ערשטער מיטוואָך אין מערץ איז באַשטימט געוואָרען אַלס דער טאָג ווען דער נייער קאָנגרעס אונטער דער קאָנסטיטוציע זאָל זיך עפענען, דאָס הייסט, ווען די נייע רעגירונג זאָל אַריינטרעטען אין מאַכט. (אין יענעם יאָהר איז גראַד דער ערשטער מיטוואָך אין מערץ אויסגעפאַלען דעם 4טען אין מאָנאַט, און דערפאַר איז ביז היינטיגען טאָג געבליבען, אַז יעדע נייע אַדמיניסטראַציע פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג גייט אַריין אין קראַפט דעם 4טען מערץ).

די קאָנסטיטוציע זאָגט ניט, ווי אַזוי די עלעקטאָרס זאָלען אויסגעקליבען ווערען. זי לאָזט עס איבער פאַר די שטאַט-רעגירונגען צו באַשטימען. האָבען אין די ערשטע וואַלען די פאַרשידענע שטאַטען באַנוצט פאַרשידענע מעטאָדען. אין מאַנכע שטאַטען האָבען די לעדזשיסלייטשורס אַליין אויסגעקליבען די עלעקטאָרס. אין אַנדערע האָבען די בירגער געוויילט די עלעקטאָרס — אַלעמען מיט אַמאָל, דאָס הייסט, אַלע בירגער פון שטאַט האָבען געשטימט

פאר דער גאנצער צאָל פון די עלעקטאָרס, צו וועלכע דער שטאט איז געווען בארעכטיגט. אין אנדערע שטאטען, ווידער, איז דער שטאט איינגעטיילט געוואָרען אין דיסטריקטען, און די בירגער פון יעדען דיסטריקט האָבען אויסגעקליבען איין עלעקטאָר.

די סיסטעם דעמאָלט איז געווען, אז די עלעקטאָרס האָבען געשטימט אין געהיים — יעדערער פאר צוויי קאנדידאטען. דער עלעקטאָר האָט ניט אָנגעוויזען, וועמען פון די צוויי ער וויל פאר פרעזידענט און וועמען פאר וויים־פרעזידענט. די עלעקטאָרישע שטימען פון די אַלע שטאטען זיינען אָפּגעשיקט געוואָרען פאר־חתמ'עטע צום סענאט. דאָרט האָט מען זיי געעפענט און איבער־געציילט. דער קאנדידאט, וואָס האָט באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען איז ערקלערט געוואָרען אַלס פרעזידענט (אויב די צאָל האָט באטראָפען מער ווי א העלפט פון די אַלע אָפּגעגעבענע עלעקטאָר־שטימען). דער קאנדידאט, וואָס האָט באַקומען די צווייטע גרעסטע צאָל שטימען, איז ערקלערט געוואָרען אַלס וויים־פרעזידענט.

אזוי ווי די עלעקטאָרס האָבען צווישען זיך ניט אָפּגעמאַכט פריער פאר וועמען צו שטימען, און אזוי ווי עס איז דאַן נאָך ניט געווען קיין באשטימטע פּאָליטישע פארטייען, וואָס האָבען ארויס־געשטעלט פרעזידענט־קאנדידאטען, האָט מען געגלויבט, אז די עלעקטאָרס וועלען זעלטען־ווען קענען אויסקלייבען א פרעזידענט; אז עס וועט זעלטען פּאַסירען, אז ניט־צונויפגערעדטערהייט וועלען א מאיאָריטעט פון די עלעקטאָרס אין אַלע שטאטען שטימען פאר דער זעלבער פערזאָן. מען האָט גערעכענט, אז די שטימען פון די עלעקטאָרס וועלען זיין אזוי צעוואָרפען צווישען פארשידענע קאנ־דידאטען, אז קיין איין קאנדידאט וועט ניט קריגען די נויטיגע מאיאָריטעט. אין אזא פאַל, זאָגט די קאָנסטיטוציע, דארף דאָס נידעריגע הויז פון קאָנגרעס אויסקלייבען דעם פרעזידענט פון צווישען די פינף קאנדידאטען, וואָס האָבען געקראָגען די העכסטע צאָל עלעקטאָר'שע שטימען. די פארפאסער פון דער קאָנסטיטוציע האָבען בכיון אויסגעטראַכט די סיסטעם פון עלעקטאָרס, ווייל זיי

האָבען געוואָלט, אַז דער פּרעזידענט זאָל אַזוי אָפט ווי מעגליך אויסגעקליבען ווערען פון קאָנגרעס *).

די ערשטע פּרעזידענט און קאָנגרעס וואָלען זיינען צוגעגאַנגען שווער און לאַנגזאַם. קיין פּאַרטייען זיינען נאָך ניט געווען, אָבער די בירגער זיינען געווען צוטיילט אין צוויי פראַקציעס: די „פעדע־ראַליסטען" און די „אַנטי־פעדעראַליסטען". די ערשטע זיינען געווען אָנהענגער פון דער קאָנסטיטוציע, די צווייטע זיינען געווען געגנער פון דער קאָנסטיטוציע. איצט, פאַרשטייט זיך, איז שוין קיין פראַגע ניט געווען וועגען דער קאָנסטיטוציע גופא, וועגען גוט־הייסען זי אָדער זי צוריקווייזען. די פראַגע איז שוין געווען געשלאָ־סען. דאָך האָבען די פראַקציעס עקזיסטירט. די געוועזענע געגנער פון דער קאָנסטיטוציע האָבען ניט געוואָלט טרויען די הייסע פריינט פון דער קאָנסטיטוציע, און האָבען בעסער געוואָלט אויסקלייבען אין קאָנגרעס זייערע אייגענע מענשען. איבער די וואָלען צום קאָנגרעס און צום סענאַט זיינען פאָרגעקומען ביטערע קאַמפּען. די וואָלען פאַר עלעקטאָרס זיינען אויך ניט אָפּגעלאָפען רואיג. אין ניו יאָרק האָט זיך דער קאַמף פאַרצויגען ביז נאָך דעם טאָג ווען די עלעקטאָרס האָבען געדאַרפט אויסגעקליבען ווערען. דער רעזול־טאַט איז געווען, אַז ניו יאָרק האָט פאַר דעם ערשטען פּרעזידענט גאָר ניט געשטימט.

אַלץ איז צוגעגאַנגען לאַנגזאַם, אַלץ האָט זיך פאַרשפּעטיגט. דער קאָנגרעס האָט געדאַרפט זיך פאַרזאַמלען דעם 4טען מערץ, אָבער מען האָט געמוזט וואַרטען ביז דעם 30טען איידער אַ קוואָרום איז צונויפגעקומען — 30 פון 59. איידער דער קאָנגרעס האָט זיך אָרגאַניזירט און איבערגעציילט די שטימען פון די עלעקטאָרס, האָט ווידער גענומען עטליכע טעג. דעם 6טען אַפּריל האָט מען ענדליך

*) אויסגעלאָזט האָט זיך עס גאַנץ אַנדערש. איצט שפּילען די עלעק־טאָרס קיין ראָלע ניט; זיי שטימען פאַר יענע קאַנדידאַטען, וואָס זייער פּאַרטיי קלייבט פריער אויס. אַלע עלעקטאָרס פון דערזעלבער פּאַרטיי זיינען מאָראַליש פאַרפליכטעט צו שטימען פאַר'ן זעלבען פּאַרטיי־קאַנדידאַט. אונטער דער איצטיגער סיסטעם קען עס זייער זעלטען פּאַסירען, אַז דער קאָנגרעס זאָל דאַרפען וויילען אַ פּרעזידענט.

איבערגעקוקט די שטימען. אלע עלעקטארס האבען געשטימט פאר וואשינגטאנ'ען. די גרעסטע צאהל שטימען, נאך וואשינגטאנ'ען, האט געקראגען דזשאן עדעמס. וואשינגטאן איז דעריבער ערקלערט געווארען פאר פרעזידענט, און דזשאן עדעמס — פאר וויס-פרעזידענט. דער קאנגרעס האט געשיקט שלוחים צו ברענגען די אויסגעוויילטע. דעם 30-טען אפריל זיינען זיי איינגעשווארען געווארען אין זייערע עמטער. די הויפטשטאדט פון דער נייער רעגירונג איז דעמאלט געווען ניו יארק. די רייכע איינוואוינער פון דער שטאדט האבען געזאמעלט א פאנד פון 32,500 דאלאר, און מיט די געלט



די ערשטע היים פון דער נאציאנאלער רעגירונג

איבערגעבויט דעם אלטען סיטי האל, וועלכער איז געשטאנען אויף וואל סטריט קארנער נאססאו, און אים א נאמען געגעבען „די פעדעראל האל". די געביידע איז איצט געווארען די היים פון דער נאציאנאלער רעגירונג.

דער מזל האט צוגעשפילט דער נייער רעגירונג. דער עקאנאמישער קריזיס, וואס האט געבראכט אזוי פיל אומצופרידענקייט

און אומאָרדנונג אין די ערשטע יאָרען נאָך דער רעוואָלוציע, האָט זיך בּיסלאַכווייז אויף אַ נאַטירליכען אופן אויסגעוועבט. אומ־געפער אין דערזעלבער צייט, ווען עס איז פאַררופען געוואָרען די קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן, האָט זיך די לאַגע אין לאַנד געגומען פאַרבעסערען; און ביז די נייע רעגירונג איז עטאַבּלירט געוואָרען, האָט שוין דאָס לאַנד זיך געבּאָדען אין שפע. די אָנהענגער פון דער נייער קאָנסטיטוציע און פון דער נייער רעגירונג האָבען פאַר־זיכערט דעם עולם, אַז די לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט אַ דאַנק דעם, וואָס עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ פעסטע נאַציאָנאַלע רעגירונג. אַ סך פון עולם האָבען עס געגלויבט. דאָס האָט דער רעגירונג אין די ערשטע יאָרען, ווען זי איז נאָך געווען פאַקטיש אַן עקספּע־רימענט, פיל געהאָלפען. אין אַ בּריף, וואָס וואַשינגטאָן האָט אין 1788 געשריבען צו לאַפאָלעט'ן, האָט ער אליין צוגעגעבען, אַז אַזוי איז עס דער פאַל. ער שרייבט דאָרט אַזוי: „איך ערוואַרט, אַז אַ סך בּרכות זאָלען צוגעשריבען ווערען צו אונזער נייער רעגירונג, כאָטש זיי שטאַמען אין אמת'ן פון דער טיכטיגקייט און שפּאָרזאַמ־קייט, צו וועלכע דאָס פאָלק האָט זיך איינגעוואוינט דורך דער נויט".

וואַשינגטאָנ'ס מיינונג איז ניט געווען אינגאַנצען ריכטיג. די בעסערע צייטען זיינען ניט געקומען פון דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך אויסגעלערענט צו אַרבּייטען שווערער און צו שפּאָרען מער. די אורזאַכען זיינען געווען גאַנץ אַנדערע. דער קריזיס פון די פריערדיגע יאָרען איז געקומען הויפּטזעכליך פון דעם, וואָס דער אַמעריקאַנער האַנדעל איז געווען פּאַראַליזירט, און וואָס דער אימ־פּאָרט איז געווען אַ סך גרעסער ווי דער עקספּאָרט. ענגלאַנד האָט ניט ערלויבט אַמעריקאַנישע שיפען צו פירען סחורה צו אירע אינזלען, די וועסט אינדיס. שפּאַניען און פראַנקרייך האָבען געטאָן דאָסזעלבע. און דער האַנדעל מיט די וועסט אינדיס איז דעמאָלט פאַר אַמעריקאַ גראַד געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. פירען סחורה קיין אייראָפּאַ איז אויך שווער געווען צוליב די פּיראַטען, וואָס האָבען געלויערט ביי די ברעגען פון מיטלענדישען ים. אָט די לאַגע האָט זיך איצט בּיסלאַכווייז געענדערט. פּונקט ווי אַמעריקאַ האָט זיך גענויטיגט אין די וועסט אינדיס, אַזוי האָבען די וועסט

אינדים זיך גענויטיגט אין אמעריקא. אין די זיבען יאָר — פון 1780 ביז 1787 — איז אין די וועסט אינדים געווען א שרעקליכער הונגער. איין שטורם נאָכ'ן אנדערען האָט דאָרט פארוויסטעט די פעלדער. די וועסט אינדים האָבען לייכט געקענט קויפען עסענווארג פון אמעריקא, אָבער ענגלאנד האָט עס ניט דערלויבט. דער סוף איז געווען, אז אין די עטליכע יאָר זיינען טויזענטער נעגער־שקלאפען אויף די אינזלען אויסגעשטאָרבען פון הונגער. אויף דעם איין אינזעל, דזשאמייקא, אליין האָט די צאָל פון די אומ־געקומענע דערגרייכט ביז 15,000. די וועסט אינדים האָבען פראָטעסטירט געגען די האנדעלס־געזעצען, און ווען די פראָטעסטען האָבען ניט געהאָלפען, האָבען זיי זיך גענומען צו דעם אלטען מיטעל—שמוגלעריי. אמעריקאנישע תבואה איז ארייגעשמוגעלט געוואָרען מאסענווייז אין די אלע אינזלען פון די וועסט אינדים: ענגלישע, שפאנישע, פראנצויזישע. אין 1788 איז דער האנדעל מיט די וועסט אינדים שוין געווען כמעט אזוי גרויס ווי פאר דער מלחמה, און ער האָט געהאלטען אין וואקסען. אין דערזעלבער צייט האָבען זיך די אמעריקאנער שיפס־קאפיטאנען אויסגעלערענט די קונץ ווי אויסצודרייען זיך פון די פיראטען. זיי האָבען געפעלשט פאפירען און זיינען געפאָרען אויפ'ן ים אלס ענגלישע שיפען. די פיראטען האָבען די ענגלישע שיפען ניט געטשעפעט, ווייל זיי האָבען מורא געהאט פאר דער גרויסער ענגלישער קריגס־פלאָטע.

דער פארבעסערטער עקספאָרט־האנדעל האָט ארייגעבראכט ניי לעבען אין דעם גאנצען אינדוסטריעלען צושטאנד. עס איז געוואָרען א גרעסערע נאָכפראגע אויף תבואה און די פארמער האָבען גוט פארדינט. מען האָט גענומען בויען מער שיפען, און שיף־בויעריי איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריען. עס איז געוואָרען מער געלט. פריער איז די מעטאלענע געלט ארויס־געשיקט געוואָרען אין אויסלאנד צו דעקען דעם באלאנץ פאר די אימפאָרטירטע סחורה. איצט האָט אויסלאנד געשיקט געלט קיין אמעריקא. אין די גרויסע שטאטען, אין ניו יאָרק, פענסילווייניא און ניו־ענגלאנד, האָט זיך אָנגעפאנגען א פאבריקאציע פון סחורה.

דאָס לעבען איז געוואָרען גערעמער, דאָס לאנד איז געוואָרען

רואיגער, און אַ סך האָבען עס צוגעשריבען צום חשבון פון דער נייער רעגירונג.

די ערשטע אויפגאַבע, וואָס דער קאָנגרעס האָט זיך געשטעלט, איז געווען, פאַרשטייט זיך, צו אָרגאַניזירען די רעגירונג. דער סענאַט האָט זיך דעמאָלט נאָך באַטראַכט אַלס אַ העכערע קערפּער־שאַפט, אַלס אַ מין ראַט צום פּרעזידענט. דערפאַר האָט דער סענאַט זיינען זיצונגען אָפּגעהאַלטען אין געהיים. ער האָט געוואָרט, אַז די נידעריגערע הויז, די „האַוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס", זאָל פריער אָננעמען פאָרשלאַגען, און דאַן ערשט וועט ער זיי באַטראַכטען, צי זיי זיינען גוט צי שלעכט, און וועט זיי ענטוועדער גוטהייסען, אָדער צוריקווייזען. אַלע וויכטיגע „בילס" (געזעץ־פּראָיעקטען) זיינען דעריבער, אין די ערשטע צייטען, פריער אריינגעטראָגען געוואָרען אין דער נידעריגערער הויז, און דאָרטען זיינען וועגען זיי פאָר־געקומען די דעבאַטען, מיט וועלכע דאָס לאַנד האָט זיך אינטע־רעסירט *).

איינע פון די ערשטע פראַגען, וואָס דער קאָנגרעס האָט פאַר־האַנדעלט, איז געווען: וואָס פאַר אַ טיטעל דער פּרעזידענט זאָל טראָגען. איבער דעם זיינען פאָרגעקומען היציגע דעבאַטען. די מאַיאָריטעט אין סענאַט איז געווען דער פאַר, אַז דער פּרעזידענט זאָל באַגריסט ווערען מיט אַ קעניגליכען טיטעל, ווי צום ביישפּיל, „זיין האָכהייט", „זיין מעכטיגקייט", „זיין ווירדיגקייט". עס איז דאָרט אויך געווען אַ צווייטע מיינונג, אַז פאַר'ן פּרעזידענט זאָל אויפגעשטעלט ווערען אַ טראָן, און ער זאָל זיין געקליידט אין קעניג־ליכע בגדים. די „האַוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס" האָט דאָס שטאַרק באַקעמפט, און ניט וואַרטענדיג אויף די רעזולטאַטען פון דער דעבאַטע אין סענאַט, האָט די „האַוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס" גע־שיקט צום פּרעזידענט אַ באַגריסונג מיט דעם איינפאַכען טיטעל:

*) מיט דער צייט האָט דער סענאַט זיך פון זיין גדולה אַליין אַראָפּ־געלאָזען. ער האָט געעפענט זיינע טירען און גענומען האַנדלען אויפ'ן זעלבען דעמאָקראַטישען שטייגער ווי דאָס נידעריגערע הויז, כאָטש ביז היינטיגען טאָג האַלט זיך דער סענאַט פאַר אַ גרעסערען יחסן ווי די „האַוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס".

„מיסטער פרעזידענט" (הער פרעזידענט). דאס האט די פראגע געשלאסען. ביי דעם דאזיגען פראסטען טיטעל „מיסטער" איז דער פרעזידענט געבליבען ביז היינטיגען טאג.

וואשינגטאן אליין איז געווען אן אריסטאקראט, און איהם איז שווער געווען צו באשליסען, ווי אזוי ער זאל זיך פיהרען אין זיין נייעם אמט. ער האט זיך געווענדט צו דזשאן ערדעמס, אלעקסאנדער האמילטאן און אנדערע, זיי זאלען אים געבען אן עצה. עס איז אינטערעסאנט, אז גראד האמילטאן, וועלכער איז געווען אן עקס־טרעמער פעדעראליסט, און וועלכער האט געהאסט דעמאקראטיע, האט געראטען וואשינגטאנ'ען, ער זאל זיך פירען וואס ווייניגער אריסטאקראטיש, כדי נישט אויפצורעגען די מאסען. וואשינגטאן האט געמאכט א פשרה. ער האט געהאט זיין ספעציעלע שטאט־קארעטע, א באגילטע און א באצירטע, אין וועלכער ער פלעגט פארען צום קאנגרעס און אויף עפענטליכע פאראדען. אויף שפאציר פלעגט ער פארען אין א געוויינליכער קארעטע, אדער רייטענדיג אויף א פערד, באגלייט פון א גאנצער סוויטע דינער. אין גאס פלעגט ער זיך זעלטען באווייזען אליין. צו־פוס גיין אין גאס פלעגט ער קיינמאל ניט. געוואוינט האט וואשינגטאן אין א הויז, וואס איז געשטאנען דארט וואו היינט איז טשערי קארנער פוירל סטריט. יענע געגענד איז דעמאלט געווען די רייכסטע אין שטאדט. ער האט באשטימט איין שטונדע אין וואך, יעדען דינסטאג, פון 3 ביז 4, ווען ער פלעגט אויפנעמען באזוכער. די אויפנאמע איז באשטאנען אין דעם, וואס א דינער פלעגט דעם באזוכער פאר־שטעלען און וואשינגטאן פלעגט זיך פארנויגען. יעדען פרייטאג אווענט פלעגט מרס. וואשינגטאן עמפפאנגען געסט אין איר סאלאן. דארט פלעגט מען זיך שוין א ביסעל אונטערהאלטען, אבער זיך לאזען וואויל גיין אויף אן אמת, פלעגט וואשינגטאן בלויז ביי די אויפנאמען, וואס ער פלעגט געבען לכבוד די פארטרעטער פון אויס־לענדישע רעגירונגען און מיטגלידער פון קאנגרעס. וואשינגטאן פלעגט ביי יענע געלעגענהייטען טרינקען איין כוס פאר יעדען גאסט וואס איז געזעסען ביים טיש. וואשינגטאנ'ס געבורטס־טאג איז

געפייערט געוואָרען אלס א נאַציאָנאַלער יום טוב, ווי דער געבורטס־טאָג פון א קעניג.

ביי די ערשטע זיצונגען האָט דער קאָנגרעס באַשטימט אלס געהאַלט פאַר דעם פרעזידענט 25 טויזענט דאָלאַר א יאָהר, פאַר'ן וויס־פרעזידענט 5 טויזענט דאָלאַר, און פאַר די מיטגלידער פון קאָנגרעס — 10 דאָלאַר א טאָג אזוי לאנג ווי די זיצונגען זיינען אָנגעגאַנגען.

עס איז דורכגעפירט געוואָרען א געזעץ, אז עס זאָלען אָרגאַניזירט ווערען פיר דעפּאַרטאַמענטען פאַר'ן פרעזידענט: דעפּאַרטאַמענטען פאַר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען, פאַר פינאַנץ, פאַר קריג און פאַר יוריספּרודענץ, און אז בראש פון יעדער דעפּאַרטאַמענט זאָל שטיין א סעקרעטאַר. אין דער קאָנסטיטוציע ווערט ניט דערמאָנט, אז דער פרעזידענט זאָל האָבען א קאַבינעט מיט מיניסטאָרען. וואשינגטאָן האָט זיך אָבער שטענדיג באַראַטען מיט די סעקרעטאַרען איבער אַלע פראַגען, און אויף אזא אופן זיינען זיי פון זיך אליין געוואָרען א מין קאַבינעט. און אזוי איז עס פאַרבליבען ביז היינטיגען טאָג.

אלס „סעקרעטערי אָוו סטייט" (אויסערן מיניסטער) איז באַשטימט געוואָרען טהאָמאַס דזשעפערסאָן; אלס „סעקרעטערי אָוו די טרעזשורי" (פינאַנץ מיניסטער) — אלעקסאַנדער האַמילטאָן; אלס „סעקרעטערי אָוו וואָר" (קריגס מיניסטער) — גענעראַל הענרי נאָקס; אלס „אַטוירני דזשענעראַל" (מיניסטער פון יוריספּרודענץ) — עדמאָנד רענדאָלף.

צווישען די ערשטע זאַכען האָט דער קאָנגרעס אויפגענומען די פראַגע פון נאַציאָנאַלע געריכטען. אין דער קאָנסטיטוציע שטייט, אז עס זאָל אָרגאַניזירט ווערען א „סופּרים קאָורט" (א העכסטער געריכט) און אזעלכע קלענערע געריכטען, ווי דער קאָנגרעס וועט געפינען פאַר נויטיג". א סופּרים קאָורט, אלזאָ, האָט געמוזט אָרגאַניזירט ווערען. די פראַגע איז אָבער געווען, צי עס זאָלען אויך אָרגאַניזירט ווערען נידעריגערע געריכטען. איבער דעם איז פאָרגעקומען א שאַרפער קאַמף. די געוועזענע אַנטי־פעדעראַליסטען, די וואָס האָבען פון אָנפאַנג אָן מורא געהאַט פאַר א שטאַרקער

נאציאָנאלער רעגירונג, האָבען גע׳טענה׳ט, אז מען קען זיך באגיין אָן נידעריגערע געריכטען. זיי האָבען געזאָגט, אז די „סטייט קאָורטס" (שטאט געריכטען) מעגען און קענען פירען אלע פראָצעסען, אפילו אזעלכע וואָס האָבען צו טאָן מיט נאציאָנאלע געזעצען, און דער סופרים קאָורט וועט האָבען די מעגליכקייט צו רעווידירען זייערע אורטיילען. די פעדעראליסטען, די וועלכע האָבען געגלויבט אין א שטארקער נאציאָנאלער רעגירונג, האָבען געוואָלט, אז די נאציאָנאלע רעגירונג זאָל האָבען אייגענע געריכטען פאר פראָצעסען, וואָס האָבען צו טאָן מיט נאציאָנאלע געזעצען און נאציאָנאלע אנגעלעגענהייטען. נאָך לאנגע, הייסע דעבאטען האָבען די פעדעראליסטען געזיגט. עס איז באשלאָסען געוואָרען, אז אויסער דעם סופרים קאָורט זאָלען געגרינדעט ווערען זיבעצען נידעריגערע געריכטען.

דער קאָנגרעס האָט ביי דער זיצונג אויך פארהאנדעלט די פראגע וועגען „אמענדמענטס" (ענדערונגען) צו דער קאָנסטיטוציע. איינינגע פון די שטאטען האָבען גוטגעהייסען די קאָנסטיטוציע אויסדריקליך מיט׳ן תנאי, אז עס זאָלען אריינגעשריבען ווערען אין איר געוויסע פונדאמענטאלע געזעצען וועגען די רעכט פון די איינצעלנע בירגער. איצט האָבען זיי געפאָדערט, אז די „אמענדמענטס" זאָלען גלייך אָנגענומען ווערען. די פארשידענע שטאטען האָבען פאָרגעלעגט פארשידענע אמענדמענטס. ארום און ארום האָט די צאָל דערגרייכט ביז זיבען און זיבעציג. דער קאָנגרעס האָט זיי אלע באטראכט און פון די זיבען און זיבעציג האָט די „האַוז אָוו רעפּרעזענטאטיווס" אויסגעקליבען נאָר זיבעצען. דער סענאט האָט פון די זיבעצען ארויסגעוואָרפען זיבען, און עס זיינען געבליבען בלויז צען. די צען זיינען דורכגעגאנגען מיט דער נויטיגער מאיאָריטעט פון צוויי־דריטעל איןביידע צווייגען פון קאָנגרעס, און זיינען גוטגעהייסען געוואָרען פון דריי־פערטעל פון די שטאטען, און זיינען געוואָרען א טייל פון דער קאָנסטיטוציע. דאָס זיינען די צען ערשטע אמענדמענטס צו דער קאָנסטיטוציע. זיי האָבען אלע צו טאָן מיט פערזענליכע פרייהייטען און מיט געוויסע רעכט, וואָס דאָס פאָלק דארף האָבען, כדי זיך צו באשיצען געגען א דעספּאָטישער רעגירונג.

דער ערשטער אַמענדמענט גאַראַנטירט פרייהייט פון רעליגיע, פרייהייט פון רעדע און שריפט, פרייהייט פון פאַרזאַמלונג. דער צווייטער אַמענדמענט זאָגט, אַז די נאַציאָנאַלע רעגירונג טאָר ניט אַוועקנעמען דאָס רעכט פון די בירגער פון די שטאַטען צו טראָגען וואַפען (דער ציל פון דעם דאָזיגען אַמענדמענט איז, אַז די בירגער זאָלען ניט פאַרלירען די מעגליכקייט צו מאַכען אַ רעוואָלוציע געגען דער רעגירונג, אויב זי וועט ווערען דעספּאָטיש). די ווייטערדיגע אַמענדמענטס פאַרביטען צו משפט'ן אַ פאַרברעכער אונטער די אויגען, ארויפצולעגען אויף אים אַ צו הויכען „בעיל" (גאַראַנטיע־געלט), א. ז. וו.

דער קאָנגרעס האָט זיין ערשטע זיצונג געשלאָסען אין סעפּ־טעמבער, און אין אָנהויב פון נעקסטען יאָר, 1790, האָט ער זיך ווידער פאַרזאַמעלט און גענומען פאַרהאַנדלען דעם פינאַנציעלען פּראָגראַם, וואָס דער „סעקרעטערי אָוו די טרעזשורי", האַמילטאָן, האָט פאַר אים אויסגעאַרבייט.

קאפיטעל 10.

אלעקסאנדער האמילטאָן. — זיין פינאנציעלער פראָגראם.

אין וואשינגטאָנ'ס קאבינעט זיינען געווען פארטראָטען ביידע ריכטונגען, די דעמאָקראטישע און אריסטאָקראטישע, און עס זיינען דאָרט פארגעקומען צוזאמענשטויסען, פונקט ווי אין קאָנגרעס. די אריסטאָקראטישע גרופע איז געווען די שטארקערע, און אין וויכטיגע פראגען האָט זי אויסגעפירט. דאָס איז געווען דערפאר וואָס וואשינגטאָן אליין האָט אויך סימפאטיזירט מיט'ן אריס־טאָקראטישען צד.

די אמת'ע קאָפּ, דער מוח פון דער רעגירונג אין וואשינגטאָנ'ס אדמיניסטראציע, איז געווען דער פינאנץ־מיניסטער (סעקרעטערי אָוו די טרעזשורי) אלעקסאנדער האמילטאָן. די וויכטיגסטע קראפט וואָס איז געשטאנען געגען האמילטאָנ'ען און זיין פראָגראם איז געווען א צווייטער קאבינעט־מיניסטער — דער מיניסטער פון אויסלענדישע אָנגעלעגענהייטען (סעקרעטערי אָוו סטייט), טאָמאס דזשעפערסאָן. האמילטאָן האָט פארטראָטען די אריסטאָקראטישע ריכטונג; דזשעפערסאָן — די דעמאָקראטישע.

אלעקסאנדער האמילטאָן איז, אָן ספק, געווען איינער פון די גרעסטע קעפּ אין דער אמעריקאנער געשיכטע. ער האָט פאר זיך אויפגעבויט א פילאָזאָפיע וועגען שטאט, רעגירונג, געזעלשאפט־ליכע עקאָנאָמיע, וואָס איז געווען אויסגעהאלטען אין אלע פּרטים. פון אָנהויב ביז'ן סוף איז זיין פילאָזאָפיע געווען אַן אריסטאָקראטישע, אָדער, בעסער געזאגט, א ריין־קאפּיטאליסטישע. ער האָט זיך באטייליגט אין דער רעוואָלוציע. ער איז געווען אין

וואשינגטאָנ'ס גענעראל־שטאַב. ער האָט געקעמפט מיט'ן שווערד אין האנט אויפ'ן שלאַכטפעלד. אָבער אפילו דעמאָלט איז ער געווען אן אויסגעשפּראָכענער אריסטאָקראַט, וועלכער האָט געקוקט מיט פאראכטונג אויף די מאַסען און ניט געגלויבט אז די מאַסען דארפען האָבען פּאָליטישע רעכט און פרייהייט. שפּעטער האָט ער זיין שטאנדפונקט פארטיידיגט אויף דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנווענשאָן. נאָך שפּעטער האָט ער לויט דעם זעלבען שטאנד־



אַלעקסאַנדער האַמילטאָן

פונקט אויסגעארבייט זיין פינאנציעלע פּראָגראַם — די פּראָגראַם, וואָס ער האָט מיט שוועריגקייט דורכגעפירט אין קאָנגרעס.

אַלעקסאַנדער האַמילטאָן איז געבוירען געוואָרען אויף איינעם פון די ענגלישע אינזלען אין די וועסט־אינדיס — אויפ'ן אינזעל נעוויס. וועגען זיין געבורט הערשען צווישען די היסטאָריקער

מיינונגס־פארשיידענהייטען. די לעצטע אויספארשונגען ווייזען אבער באשטימט, אז ער איז געווען אן אומגעזעצליך קינד. זיין מוטער, די טאכטער פון א רייכען פלאנטאטאר, א פראנצויז, האט צו זעכצען יאר געהייראט מיט א דענישען אריסטאקראט. קורץ נאך דער חתונה האט זי אים פארלאזען. גט'ן זי האט ער ניט געוואלט, איז זי געזעסען אן עגונה ביי אירע עלטערען. מיט עטליכע יאר שפעטער האט זי זיך באקענט מיט אן ענגלישען יונגענמאן, דזשיימס האמילטאן. זיי האבען זיך איינע אין די אנדערע פארליבט.ביידע זיינען זיי נאך יונג געווען — ער 21 יאר און זי 20. אזוי ווי געזעצליך הייראטען האבען זיי ניט געקענט, האבען זיי באשלאסען צו לעבען צוזאמען אן הייראט. פון דעם צוזאמענלעבען איז געבוירען געווארען אלעקסאנדער האמיל־טאן, דעם 11טען יאנואר, 1757.

מיט'ן צווייטען מאן איז האמילטאנ'ס מוטער אויך ניט גליקליך געווען. ער איז געווען א טויגעניכץ, און זיי זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען. ווען אלעקסאנדער איז אלט געווען א יאר עלף, איז זיין מוטער געשטארבען.

די פארמעגליכע קרובים האבען דעם אינגעל געגעבען א גוטע ערציאונג. ווען ער איז אלט געווארען פופצען יאר, האבען זיי אים געשיקט קיין ניו יארק לערנען (אויף די אינזלען זיינען קיין העכערע שולען ניט געווען). ער איז געווען זייער א פייאיגער, געהאט א גוטע קאפ און גרויס חשק צום לערנען. ער האט שנעל דורכגעמאכט די צוגרייטונגס־קורסען און איז אריינגעטראטען אין קינג'ס קאלעדזש (דער איצטיגער קאלאמביא אוניווערזיטעט).

ווען האמילטאן איז אנגעקומען אין די קאלאניעס, איז די לופט שוין פול געווען מיט רעוואלוציאנערער שטימונג. ניו יארק איז גראד ניט געווען שטארק רעוואלוציאנער. קינג'ס קאלעדזש איבערהויפט האט זיך אויסגעצייכענט מיט לאיאליטעט צו ענג־לאנד; אבער האמילטאן, כאטש ער איז געווען א פרעמדער און נאך אזוי יונג, האט זיך גלייך אריינגעווארפען אין דעם רעוואלו־ציאנערען שטראם. אין 1774 האט ער אונטער א פארשטעלטען נאמען אנגעשריבען א פאמפלעט געגען ענגלאנד, וואס האט

געמאכט אַ רושם אין די אינטעליגענטע קרייזען. קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דער פּראָפעסער איז אַ יונגער סטודענט. מען האָט דעם פּאַמפלעט צוגעשריבען צו די פּראָמינענטסטע פּערזאָנען אין די ניו יאָרקער קאָלאָניעס.

אָבער שוין אין די ערשטע פּאַמפלעטען, פאַרפאַסט אין דעם ברען פון רעוואָלוציאָנערער שטימונג, אין דער היץ פון יוגענדליכען אידעאַליזם, זעט זיך אַרויס האַמילטאָנ׳ס אַריסטאָקראַטישע נשמה. אין זיינע פּאַמפלעטען זוכט האַמילטאָן צו באַווייזען, אַז די קאָלאָניעס האָבען אַ געזעצליכע רעכט ניט צו פאָלגען דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט אין דערזעלבער צייט וואָס זיי בלייבען געטריי דעם ענגלישען קעניג. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז די קאָלאָ־ניעס געהערען צום קעניג; אים דאַרפען זיי פאָלגען, און ניט דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט.

מיט שרייבען אַליין האָט זיך האַמילטאָן ניט באַנוגענט. ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, האָט ער פאַרלאָזען דעם אוני־ווערזיטעט און אריין אין דער אַרמיי. ער האָט אָרגאַניזירט אַ רע־גימענט, פון וועלכען ער איז געוואָרען דער אָפיצער. אין די ערשטע פּאָר יאָהר האָט ער זיך באַטייליגט אין עטליכע שלאַכטען און האָט אַרויסגעוויזען מוט און פייאיגקייט. אין 1777 האָט וואַשינגטאָן איינגעלאַדען האַמילטאָנ׳ען ער זאָל אריינטרעטען אין זיין פּער־זענליכען שטאַב. וואַשינגטאָן האָט זיך דאַן גענויטיגט אין אַ סעקרעטער, וועלכער זאָל פאַר אים שרייבען זיינע דאָקומענטען און באַריכטען און פירען פאַר אים דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנד־לונגען. וואַשינגטאָן אַליין איז מיט׳ן פּעדער געווען אַ קליינער בריה. איינער פון וואַשינגטאָנ׳ס געהילף־גענעראַלען האָט איינמאָל געשריבען וועגען וואַשינגטאָנ׳ען: „זיין שרייבען איז פול מיט גרייזען אין גראַמאַטיק און אין אויסלייגען”. האַמילטאָן איז געווען דער ריכטיגער מענש פאַר דער שטעלע. ער האָט געפירט וואַשינגטאָנס קאָרעספּאָנדענץ, האָט אים פאַרטראָטען אין דיפּלאָ־מאַטישע ענינים. האַמילטאָן איז געווען מער ווי אַ סעקרעטאַר וואַשינגטאָן האָט זיך מיט אים באַראַטען אין אַלע וויכטיגע אנגע־לעגענהייטען, און זייער אָפט האָט ער זיך איינגאַנצען פאַרלאָזען

אויף האמילטאָנ׳ען. א סך פון די סאמע וויכטיגסטע דאָקומענטען, וואָס וואשינגטאָן האָט צוגעשטעלט צום קאָנגרעס, און וואָס ווערען איצט געהאלטען אלס מוסטערס, זיינען געשריבען געוואָרען ניט פון וואשינגטאָנ׳ען, נאָר פון האמילטאָנ׳ען.

אין 1780, ווען האמילטאָן איז נאָך געווען פארבונדען מיט וואשינגטאָנ׳ס שטאב, האָט ער געהייראט מיט דער יונגער טאָכטער פון גענעראל סקיילער. די סקיילערס האָבען געהערט צו דער רייכסטער ניו יאָרקער לאנד־אריסטאָקראטיע. האמילטאָנ׳ס שווער איז געווען איינער פון די גרעסטע לאנד־באזיצער. קורץ נאָך דער חתונה האָט האמילטאָן זיך צוקריגט מיט וואשינגטאָנ׳ען און האָט רעזיגנירט פון זיין אמט. אין א בריף צום שווער האָט ער ערקלערט אז ער האָט אייגענטליך די גאנצע צייט וואשינגטאָנ׳ען ניט ליב געהאט, און אז ער האָט נאָר געווארט אויף א געלעגענהייט זיך צו באפרייען פון זיין דינסט. וואשינגטאָן האָט אים געבעטען ער זאָל זיין רעזיגנאציע צוריקציען, דער שווער האָט זיך געסטא־רעט ער זאָל דאָס טאָן, אָבער האמילטאָן איז געבליבען איינגע־שפארט. ער האָט זיין אמט פארלאָזען און איז ווידער ארייגגע־טראָטען אין דער ארמיי.

נאָך דער רעוואָלוציע האָט ער אויסגעשטודירט אדוואָקאט. אין א קורצער צייט איז ער געווארען איינער פון די גרעסטע אדוואָקאטען אין ניו יאָרק. אים האָט אָבער געצויגען צו פּאָליטיק און צו געזעלשאפטליכער ארבייט. ער האָט זיך ארייננעוואָרפען מיט לייב און לעבען אין דער באוועגונג צו שאפען א שטארקע פעדעראלע רעגירונג. ער איז געווען איינער פון דער קליינער גרופּע מענשען, וואָס האָבען מיטגעבראכט, אז די קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן זאָל פאררופען ווערען. און ער איז געווען איינער פון די דריי דעלעגאטען וואס ניו יאָרק האָט געשיקט צו דער קאָנ־ווענשאָן. אין דער קאָנווענשאָן גופא האָט ער זיך ווייניג וואָס באטייליגט. זיין גאנצע ארבייט האָט ער געטאָן הינטער די קוליסען. איין רעדע אָבער האָט ער אויף איר געהאלטען, א זעהר לאנגע, וואָס האָט געדויערט פון פינף ביז זעקס שטונדען. אין יענער רעדע האָט ער אויסגעדריקט זיין גאנצע פילאָזאָפיע וועגען

דעם שטאַט, וועגען רעגירונג, און וועגען קלאַסען אין דער געזעל־שאַפט. אַזוי ווי די קאָנווענשאָן איז געפירט געוואָרען הינטער פאַרשלאָסענע טירען, האָט דאָס פאָלק פון דער רעדע ניט געוואוסט. ווען זי וואָלט פאַרעפענטליכט געוואָרען, וואָלט זי פאַראורזאַכט צווישען די מאַסען אַ שטורם פון צאָרן און פּראָטעסט און וואָלט פיל פאַרשטאַרקט די אָפּאָזיציע צו דער קאָנווענשאָן און צו דער קאָנסטיטוציע.

האַמילטאָן האָט אין דער רעדע געזוכט צו באַווייזען, אַז די בעסטע רעגירונג איז אַן אַריסטאָקראַטישע, דאָס הייסט אַ רעגירונג אין וועלכער בלויז די רייכע האָבען די מאַכט און די דעה. ער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז דער פּרעזידענט און דער סענאַט זאָלען אויסגעקליבען ווערען נאָר פון בירגער, וועלכע באַזיצען אַ גרויסען קאַפּיטאַל. ער האָט געוואָלט נאָך מער: אַז די העכסטע באַאַמטע, דער פּרעזידענט און די סענאַטאָרען, זאָלען זייערע עמטער האַלטען דאָס גאַנצע לעבען. בלויז ווען זיי פאַרזינדיגען זיך אָדער באַ־גייען אַ פאַרברעכען, זאָלען זיי געצוואונגען זיין צו רעזיגנירען. ער איז אויך געווען דערפאַר, אַז דער פּרעזידענט זאָל באַשטימען די גאָווערנאָרס פאַר אַלע שטאַטען, און אַז די גאָווערנאָרס זאָלען האָבען דאָס רעכט מבטל צו מאַכען די געזעצען וואָס די לעדזשיס־לייטשורס נעמען אָן.

דאָס פאָלק, די גרויסע מאַסען, וואָלטען, לויט האַמילטאָנ׳ס פּלאַן, כמעט קיין שום דעה ניט געהאַט אין דער רעגירונג. זיי וואָלטען אויסגעקליבען בלויז די מיטגלידער פון דער נידעריגערער הויז אין קאָנגרעס און אין די לעדזשיסלייטשורס אין די שטאַטען. די אמת׳ע מאַכט וואָלט געלעגען אין די הענט פון דעם פּרעזידענט, דעם סענאַט און די גאָווערנאָרס. און די באַאַמטע וואָלטען געוויילט געוואָרען פון די רייכע אַריסטאָקראַטען, וועלכע וואָלטען געפירט די רעגירונג לויט די אינטערעסען פון די רייכע אַריסטאָ־קראַטען. האַמילטאָן האָט נאָך אפילו אין זיינע גאָר יונגע יאָרען, ווען ער איז נאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנער, ניט געגלויבט אין פאָלק אָדער אין דעמאָקראַטיע. איצטער, ווען ער איז עלטער געוואָרען, איז זיין אַריסטאָקראַטיזם נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען. זיין פּאַר־

שלאג האט אויסגענומען ביי א סך דעלעגאטען. אבער זיי האבען געוואוסט, אז אזא מין קאנסטיטוציע וועט זיכער פארוואָרפען ווערען פון פאָלק, און זיי האבען ניט געוואגט זי אנצונעמען.

נאך דער רעדע האט האמילטאן ביי דער קאנווענשאן גופא מער גארנישט ניט געטאן. ער האט שפעטער זיך געשטעלט אן דער שפיץ פון דער פעדעראלער באוועגונג, וואס האט געפירט א מעכטיגען קאמף אין פארשיידענע שטאטען, אז די קאנסטיטוציע זאל גוטגעהייסען ווערען. צוזאמען מיט דזשיימס מעדיסאן האט ער ארויסגעגעבען א רייע פאמפלעטען אונטער'ן נאמען „די פעדעראליסט", אין וועלכע די שרייבער האבען פארטיידיגט און אויסגעטייטשט יעדען פונקט אין דער קאנסטיטוציע. די מערסטע און די וויכטיגסטע פאמפלעטען אין דער סעריע זיינען געשריבען געווארען פון האמילטאן'ען (ביז היינטיגען טאג ווערען די דאזיגע פאמפלעטען באטראכט אלס דאס בעסטע ווערק איבער דער קאנסטיטוציע). אין ניו יארק, וואו דער קאמף איבער דער קאנסטיטוציע איז געווען זייער א ביטערער, האט האמילטאן זיך ניט באנוגענט מיט שרייבען און ריידען. ער האט געפירט די גאנצע פראקטישע פאליטיק פון די פעדעראליסטען. ער האט ארגאניזירט, געמאכט פאליטישע מאנעווערס. אן אים וואלט אוממעגליך געווען איבערצוגעווינען ניו יארק אויף דער זייט פון דער קאנסטיטוציע.

אבער די גרויסע ארבייט, די ארבייט פאר וועלכער זיין נאמען איז גרויס געווארען אין דער געשיכטע פון לאנד, און פאר וועלכער ער האט געקראגען דעם טיטעל „מייסטער-בויער", האט ער געטאן נאכדעם ווי די רעגירונג איז שוין געגרינדעט געווארען, נאכדעם ווי די קאנסטיטוציע איז אריין אין קראפט, דעמאלט, ווען ער איז געווארען פינאנץ-מיניסטער אין וואשינגטאן'ס קאבינעט.

אלעקסאנדער האמילטאן איז אריינגעטראטען אין זיין אמט אלס סעקרעטערי אוו די טרעזשורי דעם 11טען סעפטעמבער, 1789. מיט זעקס טעג שפעטער האט דער קאנגרעס אים געבעטען ער זאל צושטעלען א באריכט וועגען די פינאנסען פון דער רעגי- רונג. אלס ענטפער האט האמילטאן אין משך פון די נעקסטע

צוויי יאָר אריינגעשיקט צום קאָנגרעס פיר דאָקומענטען: די ערשטע צוויי וועגן רעגירונגס־קרעדיט, דער דריטער וועגן א נאציאָנאַלער באנק, דער פערטער וועגן פאבריקאציע. די פיר דאָקומענטען אנטהאלטען האמילטאָנ׳ס פינאנציעלע און עקאָנאָמישע פּראָגראַם, זיין גאנצע פילאָזאָפיע וועגן שטאַט און רעגירונג. איבער זיינע פּראַקטישע פארשלאָגען אין די באריכטען זיינען אין קאָנגרעס אָנגעגאַנגען ביטערע קאמפען מאַנאַטען לאנג, און אויף זיי איז געלייגט געווארען דער פונדאמענט פאר די ערשטע פּאָליטישע פּארטייען אין אמעריקע.

האמילטאָנ׳ס ערשטער באריכט האָט זיך באַשעפטיגט מיט דער פראגע פון די רעגירונגס־חובות. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט די רעגירונג, די קאָנפעדעראציע, ווי אויך די איינצעלנע שטאַט־רעגירונגען זיך פארשולדיגט אויף אַן ערך פון 65 מיליאָן דאָלאר אין לאַנד גופא און אַן ערך פון 10 מיליאָן אין אויסלאַנד. א טייל פון דעם געלט האָבען די רעגירונגען געבאָרגט און א טייל זיינען זיי שולדיג געווען סוחרים און פאַרמער, ביי וועלכע זיי האָבען געקויפט פּראָוויאַנט און מלחמה־מאַטעריאַלען. נאָך א טייל זיינען זיי שולדיג געווען די אָפיצערען און סאָלדאטען, וועלכע האָבען געדינט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. ווי עס איז שוין דערציילט געווארען פריער, האָט די נאציאָנאַלע רעגירונג, ווי אויך די שטאַט־רעגירונגען ארויסגעגעבען וועקסלען אויף די שולדען. מיט דער צייט איז דער ווערט פון די וועקסלען שטאַרק געפאַלען. פילע פון די אָרימע סאָלדאטען און קליינע הענדלער און פארמער זיינען געצוואונגען געווען צו פאַרקויפען זייערע וועקסלען צו רייכע געלט־מענשען און ספעקולאַנטען פאַר א פערטעל, א פינפטעל, און אפילו א צענטעל פון זייער ערשטען ווערט. אבער די רייכע סוחרים און די רייכע אָפיצערען האָט געהאַט די מעגליכקייט צו האַלטען די פּאַפּירען און וואַרטען ביז די רעגירונגען וועלען האָבען די מיטלען זיי אויסצוקויפען.

אין א פּאָרינען קאַפּיטעל איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען, אַז אָט די באַזיצער פון רעגירונגס־וועקסלען זיינען עס געווען צווישען די פירער אין דער באַוועגונג פאַר דער קאָנסטיטוציע און אַז אויף

דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנווענשאָן זיינען די מערסטע דעלעגאַטען געוועזן איינגענטימער פון אזוינע ווערט־פּאַפּירען. זיי האָבען גערעכענט, אַז אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע רעגירונג וועט האָבען די מעגליכקייט צו זאַמלען גענוג שטייערען צו באַצאָלען די חובות, און אַז זי וועט זיך שטעלען די אויפגאַבע דאָס צו טאָן. האַמילטאָן, אַלס דער ערשטער פינאַנץ־מיניסטער, האָט זיך איצט אונטערגענומען אָט די ערוואַרטונג צו פאַרווירקליכען. אין זיין ערשטען באַריכט האָט ער פאָרגעשלאָגען, אַז די רעגירונג זאָל איבערנעמען די אַלע חובות, סיי די נאַציאָנאַלע, סיי די חובות פון די שטאַט־רעגירונגען, און אַז זי זאָל די אַלע ווערט־פּאַפּירען אויסלייזען לויט זייער ערשטען פולען ווערט, און נאָך מיט די אָנגעוואַקסענע פּראָצענטען.

דער ערשטער טייל פון דעם באַריכט האָט זיך באַצויגען בלויז אויף די חובות פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, און וועגען זיי האָט דער קאָנגרעס צום ערשטען פאַרהאַנדעלט. וועגען די צען מיליאָן, וואָס די רעגירונג איז שולדיג געוועזן אין אויסלאַנד, זיינען קיין דעבאַטען ניט געוועזן. עס איז איינשטימיג באַשלאָסען געוואָרען, אַז דאָס גאַנצע געלט זאָל באַצאָלט ווערען. וועגען די אינלענדישע חובות האָט זיך אָבער אויפגעהויבען אַ שטורם. כמעט אַלע האָבען איינגעשטימט, אַז די וועקסלען דאַרפען אויסגעלייזט ווערען. אָבער אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע איז אויפגעשטאַנען נעגען האַמילטאָנ׳ס פּראָיעקט, אַז די רעגירונג זאָל פאַר די פּאַפּירען באַצאָלען זייער פולען, ערשטען פּרייז.

די הויפּט טענה פון דער אָפּאָזיציע איז געוועזן, אַז די מענשען, וואָס האַלטען איצט די וועקסלען, זיינען כמעט אַלע ספּעקולאַנטען; אַז זיי האָבען פאַר די וועקסלען באַצאָלט אַ קליינינקייט; און אַז עס איז דערפאַר ניט רעכט, אַז זיי זאָלען קריגען די פולע סומען. עס איז אויך אָנגעוויזען געוואָרען, אַז אין אַ סך פאַלען האָט די רעגירונג לכתחילה ניט געקראָגען דעם פולען ווערט פון די וועקסלען. ווען די רעגירונג האָט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע געקויפט מלחמה מאַטעריאַלען, האָבען די סוחרים איר געשטעלט העכערע פּרייזען טאָקע דערפאַר, וואָס מען האָט זיי ניט געצאָלט מיט מזומנ׳ע

געלט. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט די געלט־הלוואות, וואָס די רעגירונג האָט געקראָגען. זי האָט ניט באַקומען קיין גאָלד אָדער זילבער, נאָר פּאַפּירענע געלט אַלס הלואה, און די פּאַפּירענע געלט איז שוין דעמאָלט ווערט געווען ווייניגער ווי די אָנגעגעבענע סומע. פאַרוואָס, אַלזאָ, קומט די ספּעקולאַנטען און די שווינדלערישע סוחרים און קרעדיטאָרען, מען זאָל זיי איצט צאָלען מער געלט ווי די רעגירונג האָט לכתחילה פון זיי געקראָגען?

נאָך א לאַנגער דעבאַטע האָט די אָפּאָזיציע פאָרגעשלאָגען א פּשרה. זי האָט געוואָלט, אַז צום ווייניגסטען זאָל ניט דערלאָזט ווערען, אַז די ספּעקולאַנטען זאָלען רייך ווערען אויפ׳ן חשבון פון די אָרימע, וואָס זיינען געצוואונגען געווען צו פאַרקויפען די וועקסלען. דזשיימס מעדיסאָן, פון ווירדזשיניא (ער אַליין האָט קיין וועקסלען ניט געהאַט), האָט פאָרגעלעגט פאָלגענדען פּשרה־פּלאַן: די ערשטע אייגענטימער פון די וועקסלען, די וואָס האָבען, הייסט עס, קיינמאָל די וועקסלען ניט פאַרקויפט, זאָלען באַקומען די פולע סומע. יענע אָבער, וואָס האָבען די פּאַפּירען געקויפט ביי אַנדערע, זאָלען קריגען בלויז אַזוי פיל, ווי די פּאַפּירען זיינען ווערט געווען בשעת דער קאָנגרעס האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרהאַנדלען די פראַגע. (דאָס וואָלט זיי אויך געגעבען א היבשען פּראָפיט, וויל גלייך ווי האַמילטאָן האָט אריינגעטראָגען זיין פּראָיעקט, זיינען די פּאַפּירען געשטיגען אין פּרייז). דאָס איבעריגע געלט, דאָס הייסט, דער חילוק צווישען דעם אָריגינעלען פּרייז און דעם איצטיגען, זאָל אויסגעצאָלט ווערען צו די ערשטע אייגענטימער, די וואָס האָבען די ערשטע דער רעגירונג אַרויסגעהאָלפען.

מעדיסאָן האָט זיין פּלאַן פאַרטיידיגט מיט שטאַרקע אַרגו־מענטען און פייערדיגע רעדעס. ער האָט געמאַכט א שטאַרקען אַפּיל פאַר די אָרימע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געצוואונגען געווען צו פאַרקויפען זייערע פּאַפּירען. זיי זיינען דאָך געווען די יעניגע, וואָס האָבען זיך ווירקליך מקריב געווען פאַר דער רעוואָלוציע. די ספּעקולאַנטען האָבען ביי זיי די פּאַפּירען אָפּגעקויפט פאַר א פערטעל אָדער פאַר א צענטעל פון דעם ווערט; פאַרוואָס זאָלען די סאָל־דאַטען איצט ניט צוריקקריגען דאָס וואָס זיי האָבען פאַרלאָרען?

דער קאָמף האָט אָנגעהאַלטען עטליכע וואָכען. ווען די פראַגע איז גענומען געוואָרען צום אָפּשטימען, איז מעדיסאָנ'ס פּאָרשלאָג דורכגעפאַלען מיט 36 שטימען געגען 13. 29 מיטגלידער פון קאָנ־גרעס האָבען אַליין געהאַט רעגירונגס־וועקסלען. ווי די 29 האָבען געשטימט אין דער פראַגע, איז איצט אוממעגליך אויף ריכטיג צו זאָגען, ווייל עס איז אין ערגעץ ניט פאַרשריבען געוואָרען, ווער עס האָט געשטימט דערפאַר און ווער געגען. מען קען זיך אָבער לייכט פאָרשטעלען, אויף וועלכער זייט די 29 זיינען געווען.

פאַרטיג דערמיט, האָט מען גענומען פאַרהאַנדלען די צווייטע פראַגע, צי די נאַציאָנאַלע רעגירונג זאָל באַצאָלען אויך די חובות, וואָס די באַזונדערע שטאַט־רעגירונגען האָבען אָנגעבאָרגט אין די יאָרען פון דער רעוואָלוציע. האַמילטאָנ'ס פּאָרשלאָג איז געווען, אַז יע. די חובות פון די באַזונדערע שטאַטען האָבען אָנגעטראָפען אומגעפער אַ העלפט פון די חובות פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. געגען דעם צווייטען פּאָרשלאָג איז די אָפּאָזיציע געווען נאָך שטאַר־קער ווי געגען דעם ערשטען.

די אָפּאָזיציע איז געקומען הויפּטזעכליך פון די שטאַטען פון דער סאַוט, אויך פון די קלענערע שטאַטען אין די נאָרט. זייערע פאָרשטייער האָבען גע'טענה'ט, אַז די שטאַטען האָבען זייער וויניג אייגענע חובות, דעריבער זיינען זיי אַליין אימשטאַנד צו צאָלען. מאַנכע פון די שטאַטען אין די סאַוט האָבען דוקא געבאָרגט געלט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, אָבער די ספּעקולאַנטען, פון די גרויסע שטעט אין די נאָרט האָבען אויפ־געקויפט די פּאַפּירען און די שטאַטען פון די סאַוט האָט דעריבער ניט געאַרט אויב די ספּעקולאַנטען וועלען זייער געלט טיילוויז אָדער אַפילו אינגאַנצען פאַרלירען. די שטאַטען, וואָס האָבען קיין חובות איבערהויפּט ניט געהאַט, האָבען גע'טענה'ט אַז זיי זעהען ניט פאַרוואָס זיי זאָלען געצוואונגען ווערען צו צאָלען די חובות פון אַנדערע שטאַטען. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז עס קען דאָך ניט באַוויזען ווערען, אַז די שטאַטען האָבען דאָס געבאָרגטע געלט ווירקליך באַנוצט פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקען. אַ גרויסער טייל פון דעם געלט, האָבען זיי געזאָגט, איז זיכער באַנוצט געוואָרען

פאר לאָקאלע הוצאות, און איצט, אז די נאַציאָנאלע רעגירונג וועט זיי איבערנעמען, וועלען די אנדערע שטאַטען, וואס האָבען פון די חובות גארניט גענאָסען, מוזען געבען זייער חלק צו צאָלען פרעמדע חובות.

די אָפּאָזיציע איז געווען זייער שטארק. צוויי מאָל איז האַמילטאָנ׳ס פּאָרשלאג גענומען געוואָרען צו אפּשטימונג אוןביידע מאָל איז ער דורכגעפאלען. דאן האָט זיך האמילטאָן באַנוצט מיט א פּאָליטישען קונץ: ער האָט געוואוסט אז טהאָמאס דזשעפערסאָן, זיין קאָלעגע אין קאבינעט, האָט א גרויסען איינפלוס ביי די אנטי־פעדעראליסטישע קאָנגרעסלייט. האָט ער פאָרגעשלאָגען דזשעפערסאָנ׳ען א „מסחר׳ל״: אויב דזשעפערסאָן וועט אים העלפען דורכפירען זיין פּאָרשלאג, וועט ער, האמילטאָן, העלפען דזשעפערסאָנ׳ען דורכצופירען, אז די הויפּט־שטאָדט פון דער רעגירונג זאָל געבויט ווערען אין דער סאוטה. דזשעפערסאָן איז אליין געווען פון דער סאוטה, פון ווירדזשיניא. די פראגע וואו די הויפּט־שטאָדט זאָל זיין איז שוין איינמאָל באַשלאָסען געוואָרען ביי א פּאָריגער זיצונג. נאָך א לאנגער היציגער דעבאַטע איז דאן אָנגענומען געוואָרען, אז די הויפּט־שטאָט זאָל זיך געפינען א מייל פון פילאדעלפיא. דער באַשלוס איז געווען א גרויסער זיג פאר דער נאָרטה. די שטאַטען פון דער סאוטה האָבען געוואָלט אז די הויפּט־שטאָדט זאָל געבויט ווערען אויף דעם פּאָטאָמאק טייך, וועלכער ליגט ביים גרעניץ פון ווירדזשיניא. די סאוטה האָט זיך געפילט טיף באַליידיגט וואָס זי האָט דעם קאמף פארלוירען. מיט אָט דער סיטואַציע האָט זיך האמילטאָן באַנוצט. ער האָט פּאָרגעשלאָגען דזשעפערסאָנ׳ען אז ער וועט ווירקען דער קאָנגרעס זאָל ענדערען דעם באַשלוס וועגען דער הויפּט־שטאָדט, אז זי זאָל געבויט ווערען אויף דעם פּאָטאָמאק טייך, ווי די סאוטה פארלאנגט, אויב דזשעפערסאָן וועט ווירקען אויף א פּאָר קאָנגרעסלייט פון דער סאוטה זיי זאָלען ענדערען זייערע שטימען צו גונסטען דער הלואה־פראגע. דזשעפערסאָן איז אויף דעם פּאָרשלאג איינגעגאנגען. צוויי קאָנגרעסלייט האָבען זיך געלאָזט איבעררעדען און זיינען אריבער

צום צווייטען צד. די צוויי שטימען האָבען געגעבען א מאיאריטעט פאר האמילטאָן׳ס פראָיעקט אז די שטאט־חובות זאָלען איבערגענומען ווערען פון דער נאציאנאלער רעגירונג. וועגען דער הויפּט־שטאָדט האָט האמילטאָן געהאלטען וואָרט. דער קאָנגרעס האָט באשלאָסען אז זי זאָל אריבערגעפירט ווערען פון ניו יאָרק קיין פילאדעלפיא אויף 10 יאָר צייט און אז אין פארלויף פון די יאָרען זאָל אויפגעבויט ווערען א נייע הויפּט־שטאָדט אויפ׳ן דרום זייט פון דעם פּאָטאָמאק טייך. דאָרטען איז דאָס טאקע אויפגעבויט געווארען די שטאָדט וואשינגטאָן אלס די הויפּט־שטאָדט פון דער רעגירונג.

דזשעפערסאָן האָט אין די שפּעטערע יאָרען חרטה געהאט פאר זיין טאט און האָט זיך שטארק פארענטפערט. זיין תירוץ איז געווען, אז בשעת די גאנצע אנגעלעגענהייט איז פאָרגעקומען, איז ער געווען ניט געניט באקאנט מיט די אלע פאקטען, מיט די אלע איינצעלהייטען. ער האָט דעמאָלט געהאט זיך נאָר־וואָס צוריקגעקערט פון פראנקרייך, וואו ער האָט א לאנגע צייט געדינט אלס אמבאסאדאָר. דערפאר איז עס לייכט געווען, זאָגט ער, פאר האמילטאָנ׳ען אים אריינצונארען. ער דערציילט, אז האמילטאָן האָט אים איינגערעדט, אז אויב דער פאָרשלאג וועט דורכפאלען, וועלען די שטאאטען פון די נאָרט זיך אָפּרייסען און די גאנצע רעגירונג וועט צופאלען. ער האָט אויף אים אויך, זאָגט ער, גע־ווירקט מיט דער טענה, אז דער פרעזידענט איז אין דעם פאָרשלאג געווען פאראינטערעסירט, און אז אלס קאבינעט־מיניסטער איז עס געווען זיין, דזשעפערסאָנ׳ס, פליכט צו שטיצען דעם פרעזידענט.

דער דריטער פּראָיעקט אויף האמילטאָנ׳ס פּראָגראם איז געווען, אז די רעגירונג זאָל גרינדען א נאציאָנאלע באנק. דער פּלאן איז געווען אזוי: דער קאפּיטאל פון דער באנק זאָל באטרעפען 10 מיליאָן דאָלער. די רעגירונג זאָל אין דער באנק קויפען אקציעס אויף א פינפטעל פון דער סומע, 2 מיליאָן. די איבעריגע אקציעס זאָלען פארקויפט ווערען צום פאָלק. די קויפער זאָלען אָבער ניט מחויב זיין צו באצאָלען פאר די אקציעס מיט מזומן. זיי האָבען א רעכט צו באצאָלען דריי־פערטעל פון דעם פרייז פון זייערע

אקציעס מיט די פּאַפּירען פון די רעגירונגס־חובות. בלויז איין פערטעל מוזען זיי איינצאָלען מזומן. די באַנק האָט, אַלזאָ, גע־געבען די געלעגענהייט די באַזיצער פון די חוב־וועקסלען, וואָס די רעגירונג האָט איבערגענומען, גלייך אַריינצולעגען זייערע וועקסלען אין אַ באַנק־געשעפט. דער פּראָיעקט האָט ווייטער געלויטעט, אַז די באַנק זאָל האָבען אַ מאָנאָפּאָל אויף די רעגירונגס־געלדער. אַלע געלדער, וואָס די רעגירונג וועט זאַמלען אַלס שטייערען, זאָלען מיזען געלעגט ווערען אין דער נאַציאָנאַלער באַנק. נאָך אַ פּונקט האָט געזאָגט, אַז די רעגירונג זאָל ניט האָבען קיין רעכט צו גרינדען אַנדערע באַנקען.

די אַנטי־פעדעראַליסטען האָבען אויך דעם פּראָשלאַג באַ־קעמפט. זייער טענה איז געווען, אַז פון איהם וועלען געניסען בלויז די רייכע, די וואָס וועלען קויפען די אַקציעס. זיי האָבען אָנגעוויזען, אַז די באַנק וועט שאַפען אַ מאָנאָפּאָל אויף געלט. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז אַזאַ געזעץ איז געגען דער קאָנסטיטוציע; אַז די קאָנסטיטוציע גיט דעם קאָנגרעס קיין רעכט ניט צו גרינדען בענק. נאָך לאַנגע, היציגע דעבאַטען איז אָבער דער פּראָיעקט אָנגענומען געוואָרען.

דער פערטער וויכטיגער פּונקט אין האַמילטאָנ׳ס פּראָגראַם איז געווען אַ טאַריף. האַמילטאָן האָט באַוויזען, אַז עס איז נויטיג אַרויפצולעגען אַן אָפּצאָלונג אויף געוויסע סחורות, כדי די אינ־דוסטריען זאָלען זיך קענען אַנטוויקלען אין אַמעריקאַ. די פאַרמער, איבערהויפּט פון די סאַוט, וועלכע האָבען אַליין ניט פאַבריצירט און האָבען געמוזט קויפען אַלע נויטיגע סחורות, האָבען מורא געהאַט פאַר אַ טאַריף, ווייל דאָס וואָלט דאָך אויסגעשלאָסען די קאָנקורענץ פון אויסלאַנד און מעגליך געמאַכט פאַר די היגע פאַב־ריקאַנטען צו נעמען הויכע פּרייזען. דער טאַריף־פּראָשלאַג איז אָבער אויך אָנגענומען געוואָרען.

האַמילטאָנ׳ס פינאַנציעלער פּראָגראַם האָט, אַלזאָ, געזיגט אויף דער גאַנצער ליניע *).

*) האַמילטאָן האָט אין זיין באַריכט געזוכט צו באַווייזען, אַז עס וועט זיין אַ גליק פאַר׳ן לאַנד, ווען די רעגירונג וועט איבערנעמען די

חובות. זיין פּלאַן איז געווען, אַז די רעגירונג זאָל אַרויסלאָזען נייע פּאַפּירען, „באַנדס“, און מיט זיי אויסקויפען די אַלטע. די נייע באַנדס, האָט ער געזאָגט, וועלען דינען אַלס געלט. די באַזיצער פון די באַנדס וועלען קענען האַנדלען דערמיט, באָרגען געלט אין די באַנקען, א. ז. וו. דאָס הייסט, אַז דורכדעם וועט געשאַפען ווערען פון זיך אַליין אַ גרויסער קאַפּיטאַל, אַ באַוועגליכער קאַפּיטאַל, און מיט דעם קאַפּיטאַל וועט דאָס לאַנד זיך קענען באַנוצען פאַר אויפבויאונגס־ארבייט.

אַ צווייטער אַרגומענט פון האַמילטאָנ׳ען איז געווען אַ פּאָליטישער. און אָט דער אַרגומענט איז געווען אין אנקלאַנג מיט זיין גרונד־געדאַנק וועגען שטאַט און רעגירונג. ער האָט ניט געגלויבט אין דעמאָקראַטיע. ער האָט געהאַלטען, אַז די גרויסע אָרימע מאַסען אין לאַנד מוזען גע־האַלטען ווערען אין צוים. זיי טאָרען אין דער רעגירונג קיין דעה ניט האָבען. די דעה און די מאַכט מוז האָבען די אַריסטאָקראַטיע, דער געלט־קלאַס, און דעריבער איז נויטיג, אַז די רעגירונג זאָל די אַריסטאָקראַטיע צופרידענשטעלען, כדי זי זאָל זיין טריי דער רעגירונג און זאָל זיין פאַראינטערעסירט זי אויפצוהאַלטען. אין אַנדערע ווערטער, האַמילטאָנ׳ס הויפּט געדאַנק איז געווען, אַז מיט איבערנעמען די חובות וועט זיך די נייע רעגירונג איינקויפען ביי דער אַריסטאָקראַטיע און די אַריסטאָ־קראַטיע וועט ווערען איר פריינט.

פּראָפעסאָר בירד שרייבט: „די ספּעקולאַנטען פון ניו יאָרק האָבען אָנגעפּאַקט די גאַלערייען פון קאָנגרעס בשעת מען האָט דאָרטען פאַר־האַנדעלט די פראַגע. און קאָנגרעסמאַן סעדזשוויק, פון מאַסאַטשוסעטס, אַ באַזיצער פון וועקסלען, האָט, אָנצייגענדיג אויף דער גאַלעריע, אויס־געשריען: ‚דער בעסטער באַווייז ווי נייגעריג דאָס פאָלק איז, אַז דער פּאָרשלאַג זאָל דורכגעהן, איז די גרויסע צאָל בירגער, וואָס זיינען דאַ פאַרזאַמעלט‘. אַ צווייטער קאָנגרעסמאַן, אויך אַ באַזיצער פון פּאַפּירען, פישער עימס, פון מאַסאַטשוסעטס, האָט געשריבען אין אַ בריף: ‚אויב דער פּאָרשלאַג וועט ניט דורכגעהן ביי דער איצטיגער זיצונג, האָב איך מורא, אַז די שטורמישע געגנערשאַפט צווישען די מאַסען וועט עס אומ־מעגליך מאַכען אים דורכצופירען אויף אַ שפּעטערדיגער זיצונג. אָן אַ שטאַרקען יסוד פון אַ קרעדיט־סיסטעם גלויב איך ניט, אַז די רעגירונג וועט זיך לאַנג האַלטען‘“.

פּראָפעסאָר בירד איז מיט דער מיינונג, אַז די אייגענטימער פון די פּאַפּירען וואָלטען געווען צוברעכען דאַן די רעגירונג, ווען זי וואָלט ניט געווען איבערנעמען די חובות. צוליב די חובות האָבען זיי דאָך אייגענטליך די רעגירונג לכתחילה געגרינדעט.

קאפיטעל 11.

דער קאמף פאר פראָגרעסיווע געזעצען אין די פארשידענע שטאַטען.

די רעוואָלוציע איז געווען א קאמף פאר פאָליטישע אומאָפּ־הענגיגקייט פון ענגלאנד, זי האָט אָבער אויך געהאט א מעכטיגען איינפלוס אויף די סאָציאַלע איינריכטונגען אין לאנד גופא. אין פארלויף פון די רעוואָלוציאָנערע יאָרען און אין דער פעריאָדע באלד נאָך דער רעוואָלוציע האָבען די פארשידענע שטאטען דורכגעפירט פראָגרעסיווע געזעצען וועגען רעליגיעזער פרייהייט, וועגען בילדונג, וועגען שטראָף פאר פארברעכער, וועגען נעגער־שקלאפעריי, א. ז. וו. די רעוואָלוציע האָט געגעבען דאָס לאנד א שטויס פאָרווערטס אין דער ריכטונג פון מענשליכקייט, ליבעראַליזם און טאָלעראַנץ. זי האָט צוטרייסעלט די קאָנסערוואטיווע כחות און טראדיציעס, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג פון פאָרטשריט. זי האָט פארשפרייט פראָגרעסיווע געדאנקען וועגען מענשליכע רעכט. זי האָט ארויס־גערוקט פון פאָרענט די קלאסען, וואָס האָבען אַם מייסטען געליטען פון די קאָנסערוואטיווע געזעצען און אינסטיטוציעס.

גרינג איז עס אָבער ניט אָנגעקומען. אין יעדען שטאט איז פאר יעדען פראָגרעסיווען געזעץ אָנגעפירט געוואָרען א שווערער קאמף. און ניט אין אַלע שטאטען, און ניט אין אַלע רעפאָרמען איז דער ערפאָלג גלייך געווען. אין טייל שטאטען איז דער פאָרט־שריט געגאנגען א סך לאנגזאמער ווי אין אנדערע.

אין קיין איינער פון די קאָלאָניעס, מיט דער אויסנאַם פון ראָוד איילאנד, האָט ניט עקזיסטירט קיין פאָלשטענדיגע רעליגיעזע פרייהייט בשעת די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען. די ערגסטע

לאגע איז געווען אין די דריי ניו־ענגלאנד שטאטען: מאסאטשו־סעטס, ניו־העמשיר און קאנעטיקוט. דארטען איז די פוריטא־נישע קירכע געווען אנערקענט אלס די שטאט־קירכע. יעדע שטאדט און שטעדטעל האט געמוזט אויסהאלטען איין פוריטאניישע קירכע; דאס געלט דערויף איז געזאמעלט געווארען דורך אן אלגעמיינעם שטייער. אין מאסאטשוסעטס זיינען קאטויליקען שטארק פאר־פאלגט געווארען. דער הייליגער זונטאג האט געמוזט שטרענג אפ־געהיט ווערען פון יעדען איינעם. אין ניו־העמשיר און קאנע־טיקוט האט עקזיסטירט א געזעץ, אז יעדערער מוז גיין רעגעלמעסיג אין קירכע. אלע האבען געמוזט צאלען שטייערען אויף אויסצו־האלטען די פוריטאנישע גלחים.

דער קאמף פאר רעליגיעזער גלייכבארעכטיגונג, פאר דעם, אז אלע קריסטליכע סעקטען זאלען האבען דיזעלבע רעכטע און זאלען קריגען א חלק פון די שטייערען פאר זייערע קירכעס, האט זיך אנ־געפאנגען אין די קאלאניעס מיט עטליכע צעהנדליג יאר פאר דער רעוואלוציע. אבער כאטש די קעמפער האבען באקומען הילף פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע איז געווען געגען דער פוריטאני־שער קירכע, האט דער קאמף זייער ווייניג ערפאלג געהאט. אייניגע סעקטעס האבען יע באקומען געוויסע רעכט, אבער די פוריטאנישע רעגירונגס־באאמטע האבען זיך באנוצט מיט אלערליי מיטלען די רעכט צו איגנארירען. מיט'ן אנקומען פון דער רעוואלוציע האט דער קאמף אנגענומען א שטארקערען כאראקטער און האט געהאט א פיל גרעסערען ערפאלג. אין מאסאטשוסעטס איז ביי דער קאנ־סטיטוציאנעלער קאנווענשאן פון 1780 אריינגעטראגען געווארען א פארשלאג צו געבען פאלשטענדיגע רעליגיעזע פרייהייט. דער פארשלאג האט ארויסגערופען הייסע דעבאטען, און ער איז גע־ענדערט געווארען. דער פונקט, ווי ער איז ענדליך אריינגעשריבען געווארען אין דער קאנסטיטוציע פון דעם שטאט, לויטעט: „עס זאל קיינמאל ניט דורכגעפירט ווערען א געזעץ אין שטאט, וואס שטעלט איין רעליגיעזע סעקטע אונטער א צווייטער". רעליגיע איז נאך אלץ פארבליבען פארבונדען מיט'ן שטאט; די רעגירונג האט נאך געזאמעלט שטייערען אויסצוהאלטען די קירכע, און אלע

האָבן די שטייערן געמוזט צאָלן. אָבער עס איז דאָך געווע־
א שטיקעל פאָרטשריט אויף אַזוי ווייט, אַז אַלע רעליגיעזע גרופע־
און סעקטען האָבן באַקומען גלייכבארעכטיגונג. די פּוריטאַנישע
קירכע האָט אויפגעהערט צו זיין די איינציגע שטאַט־קירכע. פאָל־
שטענדיגע רעליגיעזע פרייהייט האָט מאַסאַטשוסעטס געגעבן אירע
איינוואוינער ערשט מיט דרייסיג יאָר שפּעטער.

אין ניו־העמשיר איז אין 1784 דורכגעפירט געוואָרען אַן
ענליכע רעפאָרם ווי אין מאַסאַטשוסעטס. אין קאָנעטיקוט איז
דער פאָרטשריט געגאַנגען פיל לאַנגזאַמער. דאָרטען האָט דער
נייער געזעץ בלויז געגעבן אַלע רעליגיעזע סעקטען דאָס רעכט צו
דינען גאָט אויף זייער שטייגער. אַלע איינוואוינער אָבער האָבן
געמוזט צאָלען שטייערן אויסצוהאַלטען די אנערקענטע פּוריטאַ־
נישע קירכע. עס האָט געדויערט א לאַנגע צייט איידער די אַנדערע
סעקטען האָבן, נאָך א ביטערען קאַמף און דורך מאַרטירערטום,
געקראָגען פאָלשטענדיגע גלייכהייט.

אין די מיטעלע שטאַטען — ניו יאָרק, פּענסילווייניא, ניו
דזשוירזי און דעלאַווער—איז די לאַגע שטענדיג געווען א גינסטיגע
אפילו נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. אין ניו יאָרק האָט ענגלאַנד
געזוכט אַרויפצוצווינגען די ענגלישע קירכע אויפ׳ן פאָלק. אָבער
אַזוי ווי די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג זיינען געווען
אָנהענגער פון אַנדערע קירכען, האָט ענגלאַנד ווייניג געקענט אויס־
פירען. ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, איז די ענגלישע
קירכע פון זיך אַליין פאַרשוואונדען, און אַלע קירכעס אין שטאַט
זיינען ממילא געוואָרען גלייכבארעכטיגט. אין 1777 איז אַריינ־
געשריבען געוואָרען א פּונקט אין דער ניו יאָרקער שטאַט־קאָנסטי־
טוציע, אַז די רעגירונג טאָר ניט אויסהאַלטען איין ספּעציעלע קירכע
אָדער אירע גלחים. אַלע רעליגיעס און סעקטעס זיינען אין ניו יאָרק
געוואָרען גלייכע יחסנים.

אין די שטאַטען פון די סאַוט איז די הערשענדע שטאַט־
רעליגיע געווען די ענגלישע קירכע. אין מערילאַנד און אין וויר־
דזשיניא האָט יעדער גלח געקראָגען פון דער רעגירונג א שטיק
לאַנד און א הויז. און די איינוואוינער פון זיין קירך־טעריטאָריע

האָבען אים געמוזט אויסהאַלטען. די גלחים האָבען דאָרטען גע־לעבט אין לוקסוס און פאַרבראַכט זייער צייט אין טרינקען און אין הוליען. די באַפעלקערונג איז זייער ניט צופרידען געווען דער־פון, וואָס מען צווינגט זיי אויסצוהאַלטען שכורים און הולטאַיעס. איבערהויפּט האָט עס אויפגעבראַכט די אָנהענגער פון די אַנדערע סעקטעס. עס זיינען פאָרגעקומען אַ סך מחלוקות איבער דעם, אָבער די רעגירונג איז געשטאַנען אויף דער זייט פון די גלחים.

די רעוואָלוציע האָט אַ סוף געמאַכט דערצו. אין 1776 איז אין מערילאַנד אָנגענומען געוואָרען אַ געזעץ, אַז מען טאָר ניט ארויפלעגען קיין שטייערען פאַר דער קירכע, און אַז מען טאָר קיינעם ניט צווינגען צו גיין אין אַ קירכע צו וועלכער ער געהערט ניט. די קירכע איז דאָרטען אינגאַנצען אָפּגעטיילט געוואָרען פון דעם שטאַט.

אין ווירדזשיניא איז פאָרגעקומען אַ ביטערער קאַמף. אין 1779 האָט דזשעפערסאָן פאַרפאַסט אַ רעזאָלוציע וועגען פאָל־שטענדיגע רעליגיעזע פרייהייט, און די רעזאָלוציע איז אריינגע־בראַכט געוואָרען אין דער לעגיסלייטשור (דזשעפערסאָן איז דאַן געוועזען דער גאָווערנאָר פון ווירדזשיניא). אין דער לעגיסלייטשור האָט דעם קאַמף פאַר דער רעזאָלוציע אָנגעפירט דזשיימס מעדיסאָן. עס האָט אָבער געדויערט זעקס יאָר, ביז 1785, ביז דזשעפערסאָנ׳ס רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען און איז געוואָרען דאָס געזעץ פון שטאַט.

דזשעפערסאָן האָט אין זיין רעזאָלוציע געגעבען די בעסטע, די פאָרטגעשריטענסטע אויפפאַסונג פון רעליגיעזער פרייהייט. די רעזאָלוציע שרייבט פאָר, אַז דער שטאַט טאָר זיך אַבסאָלוט ניט מישען אין רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, אין פראַגען וואָס האָבען צו טאָן מיט׳ן געוויסען; אַז דער שטאַט טאָר ניט באַגרענעצען דעם בירגער׳ס רעכטע און פרייהייטען דערפאַר, וואָס ער האָט גע־וויסע איבערצייגונגען וועגען רעליגיע. דזשעפערסאָן איז געגאַנגען אַ סך ווייטער ווי אַנדערע קעמפער פאַר רעליגיע־פרייהייט האָבען געוואגט צו גיין. זיין רעזאָלוציע איז בארימט געוואָרען איבער גאַנץ אַמעריקא און אויך אין אייראָפּא. זי איז שפּעטער קאָפּירט

געוואָרען אין אַ סך שטאַטען און אין אַנדערע לענדער. דזשעפער־סאָן אַליין האָט דאָס דאָזיגע געזעץ וועגען רעליגיעזער פרייהייט אין ווירדזשיניא באַטראַכט פאַר איינעם פון די דריי גרעסטע אויפ־טואָכצען אין זיין גאַנץ לעבען. אין זיין צוואה האָט ער געבעטען, אַז אויף זיין קבר זאָל מען אויפשרייבען, אַז „דאָ ליגט דער פאַר־פאַסער פון דער 'דעקלערייש‎אָן אָוו אינדעפּענדענס', דער פאַר־פאַסער פון דעם געזעץ פאַר רעליגיעזער פרייהייט און דער גרינ־דער פון דער 'יוניווערסיטי אָוו ווירדזשיניא'".

אין די אַנדערע דריי שטאַטען פון די סאָוט — נאָרט קאַראָ־ליינאַ, סאָוט קאַראָליינאַ און דזשאָרדזשיא — זיינען אויך גע־מאַכט געוואָרען געזעצען, וואָס האָבען געגעבען אַלע רעליגיעס גלייכע רעכט. אָבער אַזוי ווייט ווי ווירדזשיניא זיינען זיי ניט געגאַנגען.

אָט דער סענטימענט פאַר פאָרטגעשריטענע געזעצען וועגען רעליגיעזער פרייהייט, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין די אַלע שטאַטען, האָט עס מיטגעבראַכט, אַז אַ צאָל פון די שטאַטען זאָלען פאָדערען, אַז אין דער נאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע זאָל אריינגע־שריבען ווערען אַ פּונקט וועגען פרייהייט פון געוויסען און רעליגיע. די שטאַט־קאָנווענשאָנס פון ווירדזשיניא, נאָרט קאַראָליינאַ, ניו־העמשיר און ניו יאָרק האָבען די דאָזיגע פאָדערונג ארויסגעשטעלט. און דער ערשטער קאָנגרעס האָט די פאָדערונג באַוויליגט. דער ערשטער אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע איז וועגען רעליגיעזער פרייהייט.

דזשעפערסאָן האָט אויך אָנגעפירט און דורכגעפירט דעם קאַמף אַז די אַריסטאָקראַטישע ירושה־געזעצען זאָלען געענדערט ווערען. אין די קאָלאָניעס פון די סאָוט, וואו דאָס לאַנד איז געווען איינגע־טיילט אין גרויסע פּלאַנטאַציעס, וואָס האָבען באַלאַנגט צו אַ גרופּע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס, האָבען עקזיסטירט צוויי גע־זעצען צו פאַרזיכערען, אַז דאָס לאַנד זאָל זיך קיינמאָל ניט ארויס־גליטשען פון די הענט פון די פאַמיליעס. איין געזעץ האָט גע־לויטעט, אַז לאַנד טאָר קיינמאָל ניט פאַרקויפט ווערען; דער איינענטימער מעג דאָס לאַנד פאַרדינגען, אָבער עס מוז בלייבען

דאס אייגענטום פון דער פאמיליע. דער צווייטער געזעץ האט גע־ליויטעט, אז דאס לאנד מוז איבערגיין בירושה צום עלטסטען זון. דער צוועק פון צווייטען געזעץ איז געווען, אז די גרויסע פלאנ־טאציעס, די גרויסע מאיאנטקעס, זאלען קיינמאל ניט צוברעקעלט ווערען, נאר זאלען בלייבען גאנץ אין די הענט פון איין מיטגליד פון דער פאמיליע.

אט די צוויי אריסטאקראטישע געזעצען (איבערגענומען פון דער אריסטאקראטיע פון ענגלאנד) האט דזשעפערסאן זיך גע־שטעלט אלס אויפגאבע אפצושאפען אין ווירדזשיניא. קורץ נאכ־דעם ווי די רעוואלוציע האט אויסגעבראכען, האט ער אריינגע־טראגען א פראיעקט אין דער לעדזשיסלייטשור פון ווירדזשיניא, אז יעדער איינער זאל מעגען זיין לאנד פארקויפען. אין דער לע־דזשיסלייטשור זיינע דעמאלט געזעסען א סך אריסטאקראטען, און זיי האבען דעם פראיעקט ביטער באקעמפט. אבער דזשעפערסאן האט געזיגט. די דעמאקראטישע שטימונג, וואס די רעוואלוציע האט געשאפען, איז געקומען דזשעפערסאנ׳ען צו הילף. אבער דעם צווייטען געזעץ אפצושאפען איז אים ניט אנגעקומען אזוי גרינג. דזשעפערסאנ׳ס פראיעקט האט געלויטעט, אז אלע קינדער זאלען זיין בארעכטיגט צו א גלייכען חלק אין א לאנד־ירושה. ער האט דעם פארשלאג געמאכט אין 1777. עס האט אבער געדויערט ביז 1785 ביז עס איז געלונגען צו קריגען די נויטיגע מאיאריטעט פאר אים. ווען די געגנער האבען געזען, אז זיי האלטען ביים פארלירען, האבען זיי פארגעשלאגען אלס פשרה דאס ביבלישע געזעץ — אז דער עלטסטער זון זאל קריגען צוויי חלקים. דערויף האט דזשע־פערסאן געגעבען דעם פאלגענדען ענטפער: „דער עלטסטער זון וועט דעמאלט זיין בארעכטיגט צו צוויי חלקים ירושה, ווען ער וועט ארבייטען צוויי מאל אזוי פיל ווי די איבעריגע קינדער און ווען זיין קערפער וועט פאדערען צוויי מאל אזוי פיל שפייז ווי זייערע קערפערס“. אין 1788 האט וואשינגטאן געזאגט צו זיינעם א פריינד, אז זייט דזשעפערסאנ׳ס רעפארמען זיינען אנגענומען געווארען, האט די לאנד־אריסטאקראטיע פון ווירדזשיניא אנגע־הויבען פארשווינדען.

די אַנדערע שטאַטן פון די סאַוט — דזשאָרדזשיא, נאָרט קאַראָליינאַ און סאַוט קאַראָליינאַ — האָבן נאָכגעטאָן דעם ביי־שפּיל פון ווירדזשיניא. אין יאָר 1790 איז שוין אין די די סאַוט מער קיין זכר ניט געווען פון די אַריסטאָקראַטישע ירושה־געזעצן.

אין ניו יאָרק זיינען די ירושה־געזעצן געווען דיזעלבע ווי אין די סאַוט, ווייל אויך אין דער ניו יאָרקער קאָלאָניע זיינען געווען גרויסע לאַנד־באַזיצער. אין כמעט אַלע איבעריגע קאָלאָניעס פון די נאָרט האָט דער עלטסטער זון גע'ירשנ'ט אַ דאָפּעלטען חלק, אַזוי ווי עס שטייט אין חומש. נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע זיינען די געזעצן איבעראַל אָפּגעשאַפט געוואָרען.

די רעוואָלוציע האָט קאָנפיסקירט פילע פון די גרעסטע מאַיאָנטקעס אין די פאַרשידענע קאָלאָניעס, ווייל זיי האָבן באַ־לאַנגט צו „לאָיאַליסטען" און צו ענגלישע אונטערטאַנען. דאָס לאַנד איז צושניטען געוואָרען אויף קליינע פאַרמס און פאַרקויפט געוואָרען צו אָרימע פאַמיליעס. דאָס, צוזאַמען מיט דעם אָפּשאַפען פון די אַלטע ירושה־געזעצן, האָט געגעבען אַ טויט־קלאַפּ צו דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע. אין ניו יאָרק האָבען די גרויסע לאַנד־באַזיצער געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס, און האָבען אפילו גע־טראָגען אַריסטאָקראַטישע טיטלען. דאָס אַלץ האָט די רעוואָלוציע בטל געמאַכט.

דאָס איז, נאַטירליך, געווען אַ גרויסער געווינס פאַר דעמאָ־קראַטיע. מיט דער פאַרשווינדונג פון דער קאָלאָניאַלער אַריסטאָ־קראַטיע האָט דער גרויסער המון געקראָגען אַ פרייערע האַנט. עס האָט געדויערט צייט ביז וואַנען עס האָט זיך ביסלאַכווייז אַנטוויי־קעלט אַ נייע געלט־אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער קאָלאָניאַנער ערד־אַריסטאָקראַטיע.

דער אויסברוך פון דער רעוואָלוציע האָט אויך געעפענט די אויגען פון לאַנד צו זען די אומגערעכטיגקייט פון נעגער־שקלאַפעריי. עס איז שוין אין אַ פריערדיגען באַנד אָנגעוויזען געוואָרען, אַז ענגלאַנד האָט ניט דערלאָזט די קאָלאָניעס צו שטערען דעם שקלאַ־פען־האַנדעל, ווייל ענגלישע קאַפּיטאַליסטען זיינען אין דעם מסחר געווען פאַראינטערעסירט. איצט אָבער, אַז מען האָט זיך מער

אין די קאָלאָניעס ניט געדארפט רעכענען מיט ענגלאנד׳ס ווילען, האָט די באוועגונג פאר א מער מענשליכער באהאנדלונג פון די נעגער שטארק פארשפרייט. אין די לעדזשיסלייטשורס פון אלע שטאטען זיינען אריינגעטראָגען געוואָרען ספעציעלע פראָיעקטען וועגען פארלייכטערען די לאגע פון די נעגער, און אין דעם נעקסטען צענדליג יאָר, פון 1776 ביז 1786, איז אין דעם פרט געמאכט געוואָרען באדייטענדער פאָרטשריט.

דער ערשטער שריט איז געווען אָפצושאפען דעם אריינפיר פון נייע נעגער שקלאפען אין לאנד. איין שטאט נאָכ׳ן אנדערען האָט אָנגענומען אזא געזעץ. טייל שטאטען האָבען עס אפילו אריינגעשריבען אין זייערע קאָנסטיטוציעס. בלויז צוויי אויסנאמען זיינען געווען: סאוט קאראָליינא און דזשאָרדזשיא. זיי האָבען זיך גענויטיגט אין נעגער־שקלאפען פאר זייערע רייז און „אינדיגא"־פעלדער, און זיי האָבען דעריבער ניט געוואָלט שווער מאכען פאר זיך די מעגליכקייט צו באקומען שקלאפען.

דער צווייטער שריט איז געווען איינגאנצען צו פארבאָטען שקלאפעריי. דאָס איז שוין אָנגעקומען א סך שווערער. דער איינציגער שטאט, וואו שקלאפעריי איז פון אלע מאָל געווען אומגעזעצליך, איז געווען ראָוד איילאנד. נאָך אין 1741 האָט די קאָלאָניע אריינגעשריבען אין איר געזעץ־בוך, אז „קיין שווארצער אָדער ווייסער מענש זאָל ניט דינען אלס שקלאף מער ווי צען יאָר צייט און נאָכ׳ן עלטער פון 25 יאָר" (אין יענער צייט איז אין ערגעץ אין דער וועלט ניט געווען אזא פאָרטגעשריטענער געזעץ געגען שקלאפעריי). ענגלאנד האָט ניט געקענט שטערען דעם שטאט ראָוד־ איילאנד, ווייל ראָוד איילאנד האָט געהאט אן אייגענע קאָנסטיטוציע און האָט זיך רעגירט כמעט ווי זי וואָלט געווען איינגאנצען אומאָפהענגיג פון ענגלאנד.

דער ערשטער שטאט, וואָס האָט נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע איינגאנצען פארבאָטען שקלאפעריי, איז געווען ווערמאָנט (כאָטש ווערמאָנט איז נאָך דעמאָלט ניט געווען אנערקענט אלס א שטאט). זי האָט דאָס געזעץ דורכגעפירט אין 1777. מאסאטשוסעטס האָט געטאָן דאָסזעלבע מיט דריי יאָר שפעטער. ניו־

העמשיר איז געווען דער דריטער שטאַט אין דער פרייהייטס־פּראָ־צעסיע. זי האָט דאָס געזעץ דורכגעפירט אין 1784. נאָך איידער די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז פאַרפאַסט געוואָרען, זיינען שוין אַלזאָ געווען דריי שטאַטען, וואו נעגער־שקלאַפעריי איז געווען איינגאַנצען פאַרבאָטען.

אין די אַנדערע שטאַטען פון די נאָרט איז עס ניט צוגעגאַנגען אַזוי גרינג. פּענסילוויינִיא און קאָנעקטיקוט האָבען דורכגעפירט געזעצען, אַז די נעגער זאָלען באַפרייט ווערען ניט מיט אַמאָל, נאָר ביסלאַכווייז. די געזעצען האָבען געלויטעט, אַז נעגער, וועלכע וועלען געבוירען ווערען נאָך דעם ערשטען מערץ, 1784, מוזען באַ־פרייט ווערען איידער זיי גרייכען דעם עלטער פון 25 יאָר. ניו יאָרק און ניו דזשוירזי האָבען אָנגענומען ענליכע געזעצען מיט יאָרען שפּעטער.

אין די שטאַטען פון די סאַוט זיינען פאָרגעקומען היציגע דעבאַטען אין די לעדזשיסלייטשורס וועגען דער פראַגע, אָבער אין ערגעץ איז דאָרט ניט געלונגען דורכצופירען געזעצען אָפּצושאַפען שקלאַפעריי. דאָס גרעסטע וואָס איז דערגרייכט געוואָרען אין אַ טייל פון יענע שטאַטען, איז געווען אַ געזעץ, אַז אַ באַלאַבאָס מעג זיין שקלאַף באַפרייען. דער שטאַט ווירדזשיניא, וועלכער האָט אַזאַ געזעץ דורכגעפירט, האָט עס צוריקגערופען נאָך איידער צען יאָר זיינען פאַרביי.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די פאַרשידענע טיילען פון לאַנד האָט באַשטימט די שטעלונג צו דער שקלאַפען־פראַגע. די נאָרט איז געשטאַנען דערפאַר, אַז נעגער־שקלאַפעריי זאָל איינגאַנצען אָפּ־געשאַפט ווערען, ווייל זי האָט זיך ניט גענויטיגט אין קיין שקלאַפען. די צוויי שטאַטען — ווירדזשיניא און מערילאַנד — פון די סאַוט זיינען געווען דערפאַר, אַז דער אַריינפיר פון נייע שקלאַפען זאָל פאַרבאָטען ווערען, ווייל די דאָזיגע צוויי שטאַטען האָבען געהאַט מער ווי גענוג נעגער. ווירדזשיניא האָט נאָך געהאָדעוועט נעגער פאַר'ן מאַרק, און פאַר איר האָט זיך דעריבער געלוינט, אַז מען זאָל מער ניט טאָרען אַריינפירען קיין שקלאַפען פון אויסלאַנד. די אַנדערע שטאַטען פון די סאַוט, איבערהויפּט סאַוט קאַראָליינאַ

און דזשארדזשיא, האבען זיך גענויטיגט אין שקלאפען. זיי זיינען געשטאנען דערפאר, אז קיין שום שטערונג אין דעם האנדעל און אין דעם באזיץ פון נעגער־שקלאפעריי זאל ניט געמאכט ווערען.

די רעוואלוציע האט אבער פיל געווירקט צו שאפען א סענטימענט פאר גערעכטיגקייט און מענשליכקייט צום נעגער, אפילו אין די סאוט. באוועגונגען אפצושאפען שקלאפעריי האבען זיך נעגרינדעט אין אלע שטאטען. די ארגאניזאציעס זיינען געווען ריין־אידעאליסטישע. אין 1794 האבען די „אפשאפונגס־סאסייטיס" (אבאלישאן סאסייטיס) אפגעהאלטען דעם ערשטען נאציאנאלען קאנגרעס.

צוזאמען מיט דעם אויסברוך פון דער רעוואלוציע האט זיך אנגעהויבען א מענשליכע באציהונג אויך צו פארברעכער. די קאלאניעס האבען געהאט אומגעפער דיזעלבע קרימינאל־געזעצען וואס ענגלאנד. זיי האבען פאקטיש קאפירט דעם ענגלישען „קאדעקס". אין דעם אכטצענטען יארהונדערט זיינען די ענגלישע געזעצען געווען שוידערליך־גרויזאם. ניט ווענינער ווי 160 סארטען פארברעכענס זיינען געווען, פאר וועלכע מען האט באשטראפט מיט'ן טויט. אין דיזעלבע יארען, ווען דא איז פארגעקומען די רעוואלוציע, האט מען אין לאנדאן אויפגעהאנגען א יונגע יוייבעל, א מוטער פון צוויי עופ'עלאך, דערפאר. וואס זי האט גע'גנב'עט א שטיקעל לייוונט צו קויפען ברויט פאר אירע קינדער. איר מאן האט דעמאלט געדינט אין דער ענגלישער פלאטע און ער האט ניט געקענט מפרנס זיין די פאמיליע.

די קאלאניעס האבען, ווי געזאגט, געלערענט פון ענגלאנד. אין ניו יארק האט מען באשטראפט מיט'ן טויט פאר אזוינע פארברעכענס ווי רויבען, פעלשען, אונטערצינדען. אין דעלאווער זיינען אויפ'ן צעטעל פון טויט־שטראף געשטאנען צוואנציג סארטען פארברעכענס. רהאוד איילאנד, וואס איז געווען מענשליכער אין אירע געזעצען ווי אלע אנדערע קאלאניעס, האט אויך באשטראפט מיט'ן טויט פאר גנבה און רויב.

נאכ'ן אויסברוך פון דער רעוואלוציע האט מען זיך גענומען אויסצובעסערען די דאזיגע גרויזאמע געזעצען. אין צוויי שטאטען,

ווירדזשיניא און פּענסילוויינא, איז אין דעם פּרט געמאַכט געוואָרען באַדייטענדער פּראָגרעס. די באַוועגונג אין ווירדזשיניא איז אָנגעפירט געוואָרען פון דזשעפערסאָנ׳ען. אין 1776 האָט ער אריינגעטראָגען אַ פאָרשלאַג אין דער ווירדזשיניא׳ר לעדזשיסלייטשור, אַז די קרימינעלע געזעצן זאָלען רעפאָרמירט ווערען. אַ קאָמיטע איז באַשטימט געוואָרען פאַר דעם צוועק. דזשעפערסאָן אַליין איז געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמיטע און האָט געטאָן דעם וויכטיגסטען טייל פון דער ארבייט. עס האָט אָבער געדויערט גאַנצע צוואַנציג יאָר ביז עס איז געלונגען דורכצופירען דזשעפערסאָנ׳ס מענשליכע געזעצן דורך דער לעדזשיסלייטשור. אין 1796 האָט דזשעפערסאָן אַליין געפירט דעם קאַמף אין דער לעדזשיסלייטשור און האָט געוואונען. טויט־שטראָף פאַר פאַרברעכענס געגען אייגענטום איז ענדליך אָפּגעשאַפט געוואָרען אין ווירדזשיניא.

אין פּענסילוויינא האָט זיך די באַוועגונג פאַר ענליכע רעפאָרמען אָנגעהויבען אין 1790, און אין 1794 איז זי געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. בלויז פאַר מאָרד איז געבליבען טויט־שטראָף. אין די אַנדערע שטאַטען האָט מען געמוזט ווארטען נאָך אַ סך יאָרען איידער די גרויזאַמע קרימינאַל־געזעצן זיינען געענדערט געוואָרען, כאָטש די שטימונג איז איבעראַל געווען פאַר רעפאָרמען.

פּענסילוויינא האָט זיך נאָך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס זי האָט געטאָן עטוואָס צו פאַרבעסערען די לאַגע אין די געפענגענישען גופא. מיר האָבען אין אַ פריערדיגען באַנד געשילדערט די שוידערליכע לאַגע, וואָס האָט געהערשט אין די געפענגענישען אין די קאָלאָניעס. אין פּענסילוויינא האָבען נאָך דער רעוואָלוציע זיך אָרגאַניזירט געזעלשאַפטען צו העלפען די אומגליקליכע ארעסטאַנטען, און דורך זייער ארבייט איז אין 1790 געלונגען דורכצופירען אַ סך אויסבעסערונגען. דזשעפערסאָן האָט אין ווירדזשיניא אויך שטאַרק געארבייט פאַר דעם און האָט געבראַכט געוויסע רעפאָרמען. אין די אַנדערע שטאַטען איז אָבער אין דעם פּרט וועניג־וואָס אויסגעטאָן געוואָרען.

קאפיטל 12

דער „שנאפּס־אויפשטאַנד".

נאָך איידער דער פּאָרשלאָג צו גרינדען אַ נאַציאָנאַלע באַנק איז דורכגעפירט געוואָרען, איז אויף האַמילטאָנ׳ס רעקאָמענדאַציע, אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ געזעץ־פּראָיעקט אין קאָנגרעס אַרויפצולעגען אַ שטייער אויף שנאַפּס. דער פּאָרשלאַג איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען אין יאַנואַר, 1791, און דאָ איז אויך פּאָרגעקומען אַ ביטערער קאַמף, אויף די זעלבע ליניעס ווי ביי די פריערדיגע פּראָיעקטען פון דעם פינאַנץ־מיניסטער. די שטאַטען פון די סאַוט זיינען אַרויסגעטראָטען געגען דעם פּאָרשלאַג. זיי האָבען אין אים געזען נאָך אַ פאַרזוך אַרויסצופרעסען געלט פון די פאַרמער פון די סאַוט פאַר די קאַפּיטאַליסטען פון די נאָרט. אויף וואָס דאַרפט איר די שטייערען? האָבען זיי גע׳טענה׳ט, און האָבען געענטפערט: צו באַצאָלען די מלחמה־חובות, וואָס האַמילטאָן האָט אַרויפגעצוואונגען אויפ׳ן לאַנד. דער יאָך פון דעם שנאַפּס־שטייער וועט פאַלען הויפּטזעכליך אויף די סאַוט. אין די שטאַטען פון די נאָרט זיינען דאָ פרוכט־גערטנער און דאָרטען טרינקען די פאַרמער סאַידער (קוואַס) און ביר. אין די סאַוט אָבער זיינען קיין סעדער ניטאָ, זיינען די פאַרמער געצוואונגען צו טרינקען שנאַפּס, וועלען זיי דאַרפען צאָלען די שטייערען. עס הייסט אַלזאָ, אַז דער שנאַפּס־שטייער ווערט בכיון געפּלאַנעוועט כדי די סאַוט זאָל באַצאָלען די חובות צו די קאַפּיטאַליסטען פון די נאָרט.

אין די דעבאַטען האָבען די געגנער אויך אויפגעוואָרפען האַמילטאָנ׳ען און זיינע נאָכפאָלגער, אַז זיי זוכען נאָכצומאַכען ענגלאַנד; אַז זיי זוכען דאָ איינצופיהרען אַ שנאַפּס־שטייער, ווייל

אזא שטייער עקזיסטירט אין ענגלאַנד. אַט דער גלויבען, אז האמילטאָן און זיין פּארטיי זיינען אין הארצען ענגלענדער, אז זיי האָבען ליב ענגלאַנד און אַלץ וואָס שמעקט מיט ענגלאַנד און ענגלישע אינסטיטוציעס, האָט זיך איצט גענומען שטארק פּאר־שפּרייטען צווישען האמילטאָנ'ס געגנער און די געגנער פון וואַ־שינגטאָנ'ס אדמיניסטראַציע.

דער פאָרשלאָג וועגען דעם שנאַפּס־שטייער איז ענדליך אָנגע־נומען געוואָרען מיט א היבשער מאַיאָריטעט. האמילטאָן האָט ווידער געזיגט.

דאָס געזעץ האָט געטראָפען די קליינע פּארמער פון די סאַוט און פון וועסט פּענסילווייניא. אין ניו־ענגלאַנד זיינען געווען גרויסע ברייזער, וואָס האָבען פּאבריצירט שנאַפּס פאר'ן מאַרק. די שטייערען זיינען טאַקע דירעקט געצאָלט געוואָרען פון זיי, אָבער זיי האָבען דאָס געלט ארויסגענומען פון די פּארברויכער. זיי האָבען געהעכערט די פּרייזען אויף שנאַפּס. די קליינע פּארמער אין די נאָרט האָבען, ווי שוין געזאָגט, זיך אינגאַנצען באַגאַנגען אָן שנאַפּס. זיי האָבען געטרונקען ביר און קוואַס, וואָס זיי האָבען אליין פּאב־ריצירט. אין די סאַוט אָבער זיינען קיין ברייזער ניט געווען. די פּארמער האָבען ענטוועדער אליין געמאַכט שנאַפּס פאר זיך פון די תבואה אויף זייערע פּעלדער, אָדער זיי האָבען די סחורה אימפּאָר־טירט פון ניו־ענגלאַנד. זיי האָבען גלייך דערפילט דעם טעם פון די שטייערען ענטוועדער דירעקט, ווען זיי האָבען זייער אייגענע שנאַפּס געוואָלט פּארקויפען, אָדער אינדירעקט — ווען זיי האָבען געקויפט. דאָסזעלבע איז געווען אין וועסט פּענסילווייניא.

גלייך ווי דאָס געזעץ איז אריין אין קראַפט, האָט זיך פּאנאַנ־דערגעפלאַקערט דער צאָרן פון די פּארמער, וואָס זיינען פון אים געטראָפען געוואָרען. איבערהויפּט האָט עס געשטורעמט אין דעם וועסטליכען טייל פון פּענסילווייניא, אין דער געגענד ארום פּיטס־בורג. „אין ערגעץ אין לאַנד — זאָגט דער היסטאָריקער מעקמעס־טער — זיינען ניט געווען אזוי פיל ברייזלאַך, און אין ערגעץ האָט מען ניט געטרונקען אזוי פיל שנאַפּס ווי דאָרטען". אין יענער געגענד האָבען זיך גלייך אָנגעפאַנגען אומרוען. קאָנפערענצען פון

שנאַפּס־טרײבער זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען, וועלכע האָבען דאָס געזעץ שאַרף קריטיקירט. אַקציזניקעס האָבען געקראָגען אַ וואָר־נונג, אַז זיי זאָלען זיך ניט דערוועגען אריינצוקומען אין די ברייזלאַך. עטליכע, וואָס האָבען יע געוואַגט, זיינען באַפאַלען געוואָרען און זיי זיינען קוים מיט'ן לעבען אַנטלאָפען.

עטליכע יאָהר זיינען אַזוי פאַרבייגעגאַנגען. די אַקציזניקעס זיינען ניט געווען זיכער מיט זייערע לעבענס. אויב אַ פאַרמער האָט גע'מסר'ט אַ ברייזעל פון זיינעם אַ שכן, איז ער באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ שפּיאָן, און אַלס שטראָף פלעגט מען אונטערצינדען זיין שייער. די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט געמאַכט אַרעסטען און געשלעפּט די אָנגעקלאָגטע אין ווייטע שטעדט צום געריכט. פון מאָנאַט צו מאָנאַט איז די לאַגע געוואָרען אָנגעצויגענער. ביידע צדדים האָבען זיך באַנוצט מיט טעראָר־מיטלען, ביז ענדליך, אין זומער פון 1794, איז אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד, וועלכער איז באַקאַנט אין דער אמעריקאַנישער געשיכטע אַלס „די וויסקי רעבע־ליאָן" (דער שנאַפּס־אויפשטאַנד).

ווי ווייט ערנסט דער אויפשטאַנד איז געווען, איז נאָך פון היסטאָריקער אויף זיכער ניט באַשטימט געוואָרען. אין די פּראָ־ווינצען פון דעם וועסטליכען טייל פון פּענסילווייניא זיינען אָפּ־געהאַלטען געוואָרען קאָנפערענצען פון פאַרמער, אויף וועלכע עס זיינען אָנגענומען געוואָרען רעזאָלוציעס געגען דעם אַקציז. אַן אויפרוף איז אַרויסגעשיקט געוואָרען צו די מיליץ־סאָלדאַטען פון דער געגענד, זיי זאָלען זיך פאַרזאַמלען און מיט וואפען אין די הענט באַקעמפען די אַקציזניקעס און זייערע העלפער. עס זיינען פאָר־געקומען צוזאַמענשטויסען, ביי וועלכע עטליכע מענשען זיינען אומגעקומען. דאָך זיינען אַ סך געווען מיט דער מיינונג, אַז צו ערנסטע רעזולטאַטען וועט עס ניט פירען; אַז דער עולם וועט זיך מיט דער צייט באַרואיגען.

אַן אַנדער מיינונג האָט געהאַט אַלעקסאַנדער האַמילטאָן. נאָך אַן אויספאָרשונג האָט ער געמאָלדען פּרעזידענט וואַשינג־טאָן, אַז די לאַגע איז ערנסט, און אַז די רעגירונג מוז גלייך מאַכען אַן ערנסטזן און פעסטען שריט. ער האָט געראַטען, אַז די פעדע־

ראַלע רעגירונג זאָל די זאַך אַריינגעמען אין אירע הענט און זאָל שיקן אַן אַרמיי צו „אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד".

האָט האַמילטאָן באמת געגלויבט, אַז די לאַגע איז אַזוי ערנסט? איבער דער דאָזיגער פראַגע זיינען היסטאָריקער צו־טיילט. עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז האַמילטאָן האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט כדי צו געבן אַ קלאַפּ די געגנער פון דער אַדמיניסטראַציע, די געגנער פון זיין פּאָליטיק. ער האָט געוואוסט, אַז דער אויפשטאַנד איז ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון אומצו־פרידענהייט מיט דער הערשאַפט פון די געלט־מענטשן אין דער רעגירונג. האָט ער געוואָלט באַווייזן, אַז די נאַציאָנאַלע רעגירונג איז אַזוי מעכטיג, אַז זי קען אַריינדרינגען אין יעדן שטאַט און אונטערדריקן אירע שונאים.

וואַשינגטאָן האָט געפאָלגט האַמילטאָנ'ס עצה. ער האָט אַרויס־געלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע צו די גאָווערנאָרס פון די פיר שטאַטן: ניו דזשוירזי, ווירדזשיניאַ, פּענסילווייניאַ און מערילאַנד, און זיי אויפגעפאָדערט אים צוצושטעלן אַן אַרמיי פון 13,000 סאָלדאַטן. די גאָווערנאָרס האָבן געפאָלגט. זיי האָבן אַרויסגעשיקט אַ באַפעל אין אַלע שטעט און שטעטלאַך, אין אַלע דערפער, אַז יעדע פון זיי זאָל צושטעלן אַ געוויסע צאָל רעקרוטן. די רייכע לייט האָבן געהאָלפן אין דער מאָביליזאַציע דורך די באַקאַנטע פּאַט־ריאָטישע מיטלען: זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן זאָרגן פאַר די פאַמיליעס פון די רעקרוטן אַזוי לאַנג ווי די פּאָטערס וועלן זיך געפינען אין דינסט. אין אייניגע געגענדן האָט מען די רעקרוטן פאַרשפּראָכן „באָנוסען". דאָך איז עס ניט אָנ־געקומען אַזוי לייכט צונויפצושטעלן די אַרמיי. אין אייניגע טיילן פון דער וועסט זיינען פאָרגעקומען ראַיאָטען. מחנות מענטשן זיינען באַפאַלן די מיליטער־באַאַמטע און זיי געשלאָגן. „דער גאַנצער וועסטליכער טייל פון לאַנד"—שרייבט מעקמעסטער — „איז פול געווען מיט אַנאַרכיסטישע שטאַנגען. דאָס זיינען געווען הויכע שטאַנגען, אויף וועלכע עס האָבן געפלאַטערט רויטע פאָנען מיט אַזעלכע אויפשריפטען ווי: „פרייהייט און גלייכהייט", „פרייהייט אָדער טויט", „קיין אַקציז", און אַנדערע.

אָבער די ארמיי איז דאָך צונויפגעשטעלט געוואָרען. אונטער דער קאָמאנדע פון וואשינגטאָן און האמילטאָן האָט זי אוועקגע־מארשירט קיין וועסט־פּענסילווייניא. זי איז אהין אָנגעקומען אין די הערבסט מאָנאטען אין 1794. די ארמיי האָט זיך צוטיילט אין קליינע גרופּען, וועלכע האָבען פארנומען די פּונקטען, וואו עס האָבען זיך געפונען די „וויסקי באָיס״ (די שנאפּס־חברה). קיין אָרגאניזירטען אויפשטאנד האָבען די סאָלדאטען אין ערגעץ ניט געפונען. פונדעסטוועגען זיינען זיי באפאלען הייזער און האָבען געמאכט א סך ארעסטען. די געפאנגענע זיינען באהאנדעלט געוואָרען אָן רחמנות. נאקעטע און באָרוועסע האָט מען זיי ארויס־געשלעפּט פון די בעטען אין מיטען נאכט און זיי געשליידערט אין נאסע קעלערען און שטאלען. דערנאָך האָט מען זיי, ווי בהמות, געטריבען געבונדענע מיט די רוקענס איינע צו די אנדערע דורך זומפּען און טייכען, ביז מען האָט זיי געבראכט אין די גרעסערע שטעט און זיי פארשפּארט אין די תפיסות. אכטצען פון זיי האָט מען דורכגעפירט דורך די גאסען פון פילאדעלפיא, כדי די שטאָט זאָל זען ווי אזוי די רעגירונג באגייט זיך מיט בונטאָווששיקעס.

די סאָלדאטען וואָס האָבען דעם אויפשטאנד אונטערדריקט זיינען פון די פּאטריאָטען אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פּאראד, אזוי ווי זיי וואָלטען געראטעוועט דאָס לאנד פון א שרעקליכען שונא. די סוחרים און געלט־מענשען האָבען פאר זיי געפּראוועט באנקעטען. מען האָט פאר זיי געמאכט פּאראדען, געקלונגען אין די גלעקער און סאלוטירט מיט שיסערייען פון הארמאטען.

די ארעסטירטע זיינען גע׳משפּט געוואָרען, און זיינען אלע באפרייט געוואָרען. בלויז צוויי זיינען געפונען געוואָרען שולדיג און זיינען פאר׳משפּט געוואָרען צום טויט. אָבער אויך זיי האָט דער פּרעזידענט שפּעטער באגנאדיגט.

קאפיטעל 13.

די פעדעראליסטען און די רעפובליקאנער.

דער קאמף איבער האמילטאָנ'ס פינאנציעלען פראָגראם האָט אויסקריסטאליזירט צוויי באשטימטע פּאָליטישע פארטייען אין קאָנגרעס און אין לאנד. עס איז איצט קלאָר געוואָרען, אז עס זיינען פאראן פארשיידענע אינטערעסען צווישען געוויסע קלאסען און גרופּען, און אז די קלאסען און גרופען מוזען פירען א קאמף אויפ'ן פּאָליטישען פעלד. עס זיינען געבאָרען געוואָרען די ערשטע צוויי פּאָליטישע פארטייען: די פעדעראלע פארטיי מיט האמיל־טאָן אלס פירער, און די רעפובליקאנישע פארטיי, אָדער דעמאָ־קראטישע (אָפיציעל האָט זי זיך גערופען די דעמאָקראטיק־רע־פּאָבליקען פארטי) מיט דזשעפערסאָנ'ען אלס פירער.

די פעדעראלע פארטיי האָט אלס איר טעאָרעטישען פונדא־מענט אוועקגעלעגט דעם פרינציפּ, אז די נאציאָנאלע רעגירונג דארף אריינמישען אין אירע הענט וואָס מער מאכט, אז זי דארף טאָן אלעס וואָס קען הויבען איר פרעסטיזש, איר דעה און איינ־פלוס. זי האָט געגלויבט, אז די נאציאָנאלע רעגירונג איז וויכ־טיגער ווי די באזונדערע שטאַט־רעגירונגען. האמילטאָן האָט געהאלטען, אז די קאָנסטיטוציע דארף אזוי אויסגעטייטשט ווערען, אז אלץ וואָס די נאציאָנאלע רעגירונג געפינט פאר נויטיג צו טאָן, זאָל זי מעגען טאָן; די אויסטייטשונג פון דער קאָנסטיטוציע זאָל, הייסט עס, זיין א „ליבעראלע, א לויזע".

די רעפובליקאנישע פארטיי האָט אלס איר פונדאמענט אוועק־געלעגט דעם פרינציפּ, אז די נאציאָנאלע רעגירונג דארף האָבען וואָס ווייניגער מאכט, דארף זיין וואָס שוואכער. זי האָט געגלויבט,

אז די נאציאנאלע רעגירונג מעג טאן בלויז יענע זאכען, וואס ווערען אויסדריקליך פארגעשריבען פאר איר אין דער קאנסטי־טוציע. דזשעפערסאן האט געהאלטען, אז די קאנסטיטוציע דארף אויסגעטייטשט ווערען שטרענג און קאנסערוואטיוו.

אין די דעבאטען אין קאנגרעס איבער די פארשיידענע פונקטען פון האמילטאן'ס פינאנציעלען פראגראם איז אט די מיינונגס־פארשיידענהייט אפט ארויסגעבראכט געווארען. אין דער פראגע פון דער באנק, צום ביישפיל. האמילטאן האט פארגעשלאגען, אז די נאציאנאלע רעגירונג זאל גרינדען א באנק, אבער אין דער קאנ־סטיטוציע איז קייןווארט ניטא וועגען א באנק. האבען די רעפוב־ליקאנער גע'טענה'ט, אז וויבאלד אין דער קאנסטיטוציע ווערט ניט געזאגט, אז די נאציאנאלע רעגירונג מעג גרינדען א באנק הייסט עס, אז זי טאר עס ניט טאן. האמילטאן'ס אנהענגער האבען גע'טענה'ט פארקערט, וויבאלד עס שטייט ניט אין דער קאנסטיטוציע, אז די נאציאנאלע רעגירונג טאר ניט גרינדען קיין באנק, הייסט עס, אז זי מעג עס טאן.

הינטער די דאזיגע טענות זיינען געשטאנען די ברייטערע פילאזאפישע טעאריעס, די אלגעמיינע וועלט־אנשויאונגען פון די צוויי פירער. האמילטאן האט ניט געגלויבט אין דעמאקראטיע. ער האט מורא געהאט פאר די מאסען. ער האט געגלויבט, אז בלויז א פעסטע רעגירונג, וואס האט די גאנצע מאכט קאנצענט־רירט אין אירע הענט וועט קענען האלטען ארדנונג אין לאנד און וועט קענען דורכפירען די אויפגאבען פון א רעגירונג. דזשעפערסאן האט געגלויבט פארקערט, אז וויכטיגער ווי אלץ איז דעמאקראטיע און אז א פעסט־קאנצענטרירטע רעגירונג מיט א סך מאכט איז א געפאר פאר דעמאקראטיע. „דער וועג צו קריגען א גוטע רעגירונג”, האט דזשעפערסאן געזאגט, „איז ניט אנצוטרויען די מאכט צו איין רעגירונג, נאר פאנאנדערטיילען די מאכט צווישען עטליכע רעגירונגען. דער נאציאנאלער רעגירונג דארף איבערגעגעבען ווערען בלויז די אויפגאבע צו פארטיידיגען דאס לאנד געגען שונאים און צו פירען אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען. די שטאט־רעגירונגען זאלען אנפארטרויט ווערען מיט די אנדערע אויפגאבען — מיט

ציווילע רעכטע, געזעצען, פּאָליציי און ענליכע אנגעלעגענהייטען. די ראַיאָנען (קאונטיס) אין די שטאַטען זאָלען יעדע האָבען א לאָקאַלע רעגירונג פאר לאָקאַלע אנגעלעגענהייטען, א. ז. וו." האמילטאָן האָט געגלויבט, אז דאָס פאָלק קען זיך אליין ניט רע־גירען און אז דערפאר דארף די גאנצע מאכט איבערגעגעבען ווערען צו א קליין הייפעלע „אויסדערוויילטע", וועלכע שטייען בראש פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. דזשעפערסאָן האָט געגלויבט, אז דאָס פאָלק קען יע רעגירען, און אז אויב אפילו ניט, איז גלייכער דאָס פאָלק זאָל אליין ליידען דורך זיינע טעות'ן און בלייבען פריי, איידער עס זאָל זיך איבערגעבען אין די הענט פון א גרופּע אריסטאָקראַטען.

די פעדעראַליסטען האָבען באַטראַכט די רעפּובליקאַנער פאר אנאַרכיסטען, און די רעפּובליקאַנער האָבען געהאַלטען די פעדע־ראַליסטען פאר מאָנאַרכיסטען. האמילטאָן איז באַשולדיגט גע־וואָרען פון די רעפּובליקאַנישע צייטונגען, אז ער וויל איינפירען אין אמעריקע די זעלבע רעגירונג ווי אין ענגלאַנד; אז ער צילט דאָ אויפצושטעלען א טראָן מיט א קעניג און גרינדען א לאָרדען־הויז. די פעדעראַליסטען האָבען באַשולדיגט דזשעפערסאָנ'ען, אז ער וויל די נאַציאָנאַלע רעגירונג איננאַנצען אומוואַרפען און איבערלאָזען די בירגער אויף הפקר, אָן שום געזעץ, אָן אָרדנונג, אָן דיסציפּלין.

אין די פּרעזידענט וואַלן פון 1792 זיינען די צוויי פּאַרטייען געווען אָרגאַניזירט. דאָך האָבען אלע עלעקטאָרס געשטימט פאר וואַשינגטאָן אלס פּרעזידענט, כאָטש אלע האָבען געוואוסט, אז וואַשינגטאָן איז א פעדעראַליסט. אָבער א קאַמף איז פאָרגעקומען איבער דעם וויים־פּרעזידענט. די פעדעראַליסטען האָבען געזוכט צו דערוויילען דזשאָן עדעמס'ן, און די רעפּובליקאַנער האָבען געזוכט צו דערוויילען דזשאָרדזש קלינטאָנ'ען פון ניו יאָרק. עדעמס האָט געזיגט. ער האָט באַקומען 77 שטימען געגען קלינטאָנ'ס 50.

אין דעם צווייטען טערמין פון וואַשינגטאָנ'ס אדמיניסטראַציע האָט זיך דער קאַמף צווישען די צוויי פּאַרטייען נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערגעפלאַקערט. דער פּאָליטישער האַס האָט פיליכט קיינ־

מאָל ניט אָנגענומען אזא גיפטיגען כאראקטער ווי אין יענע יאָרען. וואשינגטאָן אליין איז אויך ניט געשאנעוועט געוואָרען. עס זיינען אויף אים געמאכט געוואָרען אלערליי אטאקעס. אין זיין ערשטער אדמיניסטראציע האָט וואשינגטאָן זיך געסטארעט צו שטיין איבער די פארטייען, איבער די פראקציעס. אלס באווייז האָט ער אין זיין קאבינעט אפגעגעבען די צוויי וויכטיגסטע עמטער צו די צוויי געגנער — האמילטאָן און דזשעפערסאָן. אין דעם צווייטען טער־מין האָט ער שוין אָפען דערקלערט, אז ער וועט אין זיין קאבינעט ניט אריינלאָזען קיין מענשען, וואָס זייערע מיינונגען שטימען ניט מיט די מיינונגען פון דער רעגירונג. דזשעפערסאָן האָט דאַן געמוזט רעזיגנירען פון קאבינעט. ער איז ארויס אין 1793.

עס פארשטייט זיך, אז ניט איבער טעאָרעטישע פרינציפען איז דער פארטיי־קאמף פאָרגעקומען. די פרינציפען, די פילאָ־זאָפישע מיינונגען, זיינען געווען בלויז א באגרינדונג פון קאָנ־קרעטע, מאטעריעלע אינטערעסען. די צוויי פארטייען האָבען פארטראָטען די אינטערעסען פון צוויי קלאסען. די פעדעראלע פארטיי איז געשטאנען פאר די אינטערעסען פון די דאמאָלסטדיגע קאפיטאליסטען: די רייכע סוחרים, די באנקירען, די באזיצער פון ווערט־פאפירען, פאבריקאנטען און שיף־אייגענטימער. די רעפובליקאנישע פארטיי האָט פארטראָטען די אינטערעסען פון די פארמער אין די סאוט און אין דער דאמאָלסטדיגער וועסט, אין די וועסטליכע טיילען פון די אלטע שטאטען און אין די נייע שטאטען, ארום דעם אָהייאָ טייך און ארום די בערג. מיר וועלען ווייטער זען, אז אין יעדער וויכטיגער פראגע האָבען די אינטערעסען פון די צוויי קלאסען זיך צוזאמענגעשטויסען און דער צוזאמענ־שטויס האָט געשאפען דעם פאָליטישען פייער, וואָס האָט אזוי העליש געברענט אין די נעקסטע אכט יאָר.

קאפיטעל 14.

דער שטורם אין אמעריקא איבער דער פראנצויזישער רעוואלוציע.

דער שטורם, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין אייראָפּאַ אין 1789 דורך דער פראנצויזישער רעוואלוציע, האָט דערגרייכט די אַמעריקאַנישע ברעגען מיט פיר יאָר שפּעטער, ווען וואשינגטאָן איז אַריינגעטראָטען אין זיין צווייטען פּרעזידענטען־טערמין. ווילענדיג, ניט־ווילענדיג איז אַמעריקא אַריינגעצויגען געוואָרען אין סכסוכים מיט צוויי אייראָפּעאישע לענדער, און ביי אַ פּאָר געלעגענהייטען איז זי אפילו געשטאַנען אויפ'ן שוועל פון קריג מיט זיי. די גאַנצע פּאָליטיק פון לאַנד האָט זיך אין משך פון יענע יאָרען געדרייט דער עיקר אַרום אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען. די פּאָליטישע ליידענשאַפטען אין אַמעריקא זיינען געווען אַן אָפּקלאַנג פון די ליידענשאַפטען אויף יענער זייט ים.

דער אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז דאָ באַגריסט געוואָרען מיט גרויס באַגייסטערונג. דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק האָט דאָך ערשט אַליין געהאַט דורכגעמאַכט אַ רעוואָלוציע; די לופט איז נאָך וואַרים געווען פון די הייסע רעוואָלוציאָנערע פראַזען און שלאַג־ווערטער. דערצו האָט דאָך פראַנקרייך גע־האָלפען אַמעריקא אין איר רעוואָלוציאָנערען קאַמף, און דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק האָט דערפאַר געפילט אַ ליבע און אַ דאַנק־באַרקייט צו פראַנקרייך. איצט, ווען אָט דער געטרייער ברודער האָט אָנגעהויבען אַן ענליכען קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכ־טיגקייט, איז גאַנץ נאַטירליך געווען, אַז ער זאָל דאָ געפינען אַ הייסען אָפּקלאַנג.

די פראנצויזישע רעוואָלוציע האָט זיך פאנאנדערגעשפילט אויף אַן אמת ערשט אין 1793, דעם זעלבען יאָר ווען וואשינגטאָן איז אריינגעטראָטען אין זיין צווייטען טערמין. אין יאנואר פון יענעם יאָר האָבען די פראנצויזישע רעוואָלוציאָנערען הינגעריכטעט דעם קעניג אויף דער גיליאָטינע און האָבען פראָקלאמירט א רע־פובליק אין פראנקרייך. יענעם יאָר האָבען זיי ארויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו אַלע פעלקער, זיי זאָלען אראָפּוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון טיראנען, פון די געקרוינטע קעפּ, און צושטיין צום קאמף פאר פרייהייט. יענעם יאָר האָבען די געקרוינטע קעפּ פון אייראָפּא זיך פאראייניגט צו דערשטיקען די פראנצויזישע רעוואָלוציע. וואָס איז שייך אַמעריקא, איז די וויכטיגסטע פּאסירונג פון יענעם יאָר געווען דאָס, וואָס ענגלאנד האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם קרייץ־צוג געגען פראנקרייך, און עס איז געקומען די מלחמה צווישען פראנקרייך און ענגלאנד.

די באגייסטערטע שטימונג אין אמעריקא פאר דער רעוואָ־לוציע אין פראנקרייך איז אין די ערשטע יאָרען געווען אַן אַלגע־מיינע: אַלע האָבען מיט דער רעוואָלוציע סימפּאטיזירט — אפילו די רייכע, און אפילו די אריסטאָקראטישע פעדעראליסטען. די ערשטע צייטען איז די פראנצויזישע רעוואָלוציע געווען „אַן אנ־שטענדיגע”, אָן טעראָריסטישע אַקטען געגען די רייכע און די יחסנים. אָבער אין 1793, ווען די רעוואָלוציע איז אריינגעטראָטען אין איר טעראָריסטישער פאזע און ווען דער טעראָר איז נאָך דערצו געווען געריכטעט געגען די גרויסע און די מעכטיגע, איז דאָ גלייך פאָרגעקומען אַן ענדערונג. דער קלאסען־געפיהל האָט זיך דאָ אזוי ווי פון שלאָף אויפגעכאפּט. די הויכע אריסטאָקראטען און געלט־מענשען, די פעדעראליסטען, האָבען פלוצלינג דערפילט, אַז זייערע קלאסען־קרובים ווערען עס געמאָרדעט אין פראנקרייך. פאַרקערט, די גרויסע מאסען, די פארמער און ארבייטער, זיינען געוואָרען נאָך מער באגייסטערט פאר דער רעוואָלוציע. אין די קרייזען פון די פעדעראליסטען איז פון דעמאָלט אָן די רעוואָלוציע פארדאמט געוואָרען, אָבער אין די קרייזען פון די רעפּובליקאנער איז זי, פאַרקערט, געבענשט געוואָרען. די רעגירונג, וועלכע איז

געווען אַ פעדעראַליסטישע, האָט אין הארצען געהאסט די רעוואָ־לוציע און געהאַלטען מיט אירע באַקעמפער. זי האָט אָבער גע־וואוסט די באַגייסטערטע שטימונג פון די גרויסע מאַסען און האָט ניט געוואַגט אָפען אַרויסצואווייזען אירע געפילען. זי האָט די געפילען געשטיקט אין זיך, ביז וואַנען די פּאַסירונגען האָבען זי געצוואונגען צו נעמען אַן אָפענע שטעלונג. און דעמאָלט האָט זי געהאַנדעלט אַזוי ווי אירע אינערליכע איבערצייגונגען האָבען איר דיקטירט.

כדי ריכטיג צו פאַרשטיין די פאַרשיידענע סכסוכים און גע־שעהענישען פון די נעקסטע עטליכע יאָר, איז וויכטיג צו האָבען אין זינען פאָלגענדעס: ווען פראַנקרייך האָט אין 1778 איינ־געשטימט צו שיקען הילף צו די אַמעריקאַנישע רעוואָלוציאָנערען, איז צווישען די צוויי לענדער, אַמעריקא און פראַנקרייך, גע־שלאָסען געוואָרען אַן אָפּמאַך. אין דעם אָפּמאַך זיינען אַריינגע־שריבען געוואָרען צוויי פּונקטען: ערשטענס, אַז אַמעריקא איז זיך מתחיב צו העלפען פראַנקרייך געגען אַ שונא, וואָס וועט זוכען אוועקצונעמען ביי איר די קאָלאָניעס, וואָס זי האָט געהאַט אַרום אַמעריקא; און צווייטענס, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה צווישען פראַנקרייך און אַן אַנדער לאַנד, דאַרפען די אַמעריקאַנישע האַפענס זיין אָפען פאַר פראַנצויזישע קריגס־שיפען אַריינצוברענגען אַהין געפאַנגענע שיפען. אָבער פראַנקרייכ'ס שונא טאָר אַזאַ רעכט ניט האָבען אין די אַמעריקאַנישע האַפענס.

גלייך ווי עס איז אין אַמעריקא דערהאַלטען געוואָרען די נייס, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך זיינען אין קריג, האָט וואַשינג־טאָן פאַררופען אַ קאַבינעט־זיצונג. עס איז געווען קלאָר, אַז לויט'ן אַמעריקאַניש־פראַנצויזישען אָפּמאַך, איז אַמעריקא איצט געווען אַ פאַרבינדעטער, אַן „עלאַי" פון פראַנקרייך און איז מחויב גע־וואָרען פראַנקרייך צו העלפען. דער פּונקט וועגען די פראַנצויזישע קאָלאָניעס אין די אַמעריקאַנישע וואַסערען איז געווען פון גרויס וויכטיגקייט. פראַנקרייך האָט געהאַט אינזלען אין די וועסט־אינדיעס; ענגלאַנד האָט דאָרט אויך געהאַט אינזלען. עס איז קיין צווייפעל ניט געווען ביי קיינעם, אַז ענגלאַנד וועט אַטאַקירען

די פראנצויזישע אינזלען, און עס איז גלייך פון אָנפאנג קלאָר געווען, אז לויט'ן דערמאָנטען ערשטען פונקט פון אָפמאך, וועט אמעריקא מוזען באשיצען די פראנצויזישע אינזלען געגען ענגלאנד. הייסט עס, אז אמעריקא וועט אריינגעצויגען ווערען אין א קריג מיט ענגלאנד.

דזשעפערסאָן (ער איז נאָך דעמאָלט געווען אויסלענדישער מיניסטער) האָט געהאלטען, אז דאָס איז טאקע די פליכט פון אמעריקא, און אז זי מוז גיין פראנקרייך צו הילף. אָבער וואשינגטאָן און די אנדערע מיניסטאָרען האָבען געהאלטען, אז ניין. זיי האָבען אויסגע'פשט'לט אזוי: דער אָפמאך אין 1778 איז געשלאָסען געוואָרען ניט מיט פראנקרייך, נאָר מיט דער אלטער פראנצויזישער רעגירונג, מיט'ן קעניג. און אזוי ווי דער קעניג איז אראָפגעזעצט געוואָרען, איז דער אָפמאך ממילא בטל. זיי האָבען אויך גע'טענה'ט, אז אמעריקא איז מחויב צו העלפען פראנקרייך בלויז אין א פארטיידיגונגס־קריג, ווען א שונא פאלט אויף איר אָן דער ערשטער. אָבער יענע מלחמה, האָבען זיי גע־טענה'ט, איז ניט פון אזא סאָרט, דעריבער דארף אמעריקא ניט גיין פראנקרייך צו הילף.

דער קאבינעט האָט באשלאָסען, אז דער פרעזידענט זאָל ארויסלאָזען א פראָקלאמאציע פון נייטראליטעט, און ערקלערען, אז אמעריקא שטייט אָן א זייט און אז ביידע צדדים זיינען איר גלייכע פריינט. עס איז אָבער אויך באשלאָסען געוואָרען, אז אמעריקא זאָל אויפנעמען דעם נייעם פראנצויזישען אמבאסאדאָר, וואָס די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט אהער ארויסגעשיקט. דאָס הייסט, אז אמעריקא זאָל אנערקענען די פראנצויזישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג.

נאָכדעם ווי דער דאָזיגער באשלוס איז אָנגענומען געוואָרען, איז דער נייער פראנצויזישער אמבאסאדאָר, „בירגער" זשענעי, אָנגעקומען קיין אמעריקא, דורך טשארלסטאָן, סאוט קאראָליינא. ער איז געווען א יונגערמאן פון 28 יאָר, פול מיט באגייסטערונג פאר דער רעוואָלוציע און פול מיט ענטוזיאזם פאר דער אמעריקאנישער רעפובליק. ער איז געקומען קיין אמעריקא מיט דעם

גטראנק, אַז די רעגירונג וועט אים דאָ אויפנעמען ווי אַן אייגענעם, ווי א שליח פון א „בונד"־געגנאָסע. ער איז געפאָרען אהער מיט פלענער, ווי אַזוי אויסצונוצען די אַמעריקאַנישע מאַכט, די אַמע־ריקאַנישע הילף, אין דעם קאַמף געגען ענגלאנד. עס איז ביי אים קיין ספק ניט געווען, אַז אַמעריקא וועט טאָן אַלעס צו העלפען פראַנקרייך, אַזוי ווי דער אָפּמאַך האָט זי פארפליכטעט.

אָבער גלייך ווי זשענעי איז אַראָפּ פון שיף אין טשאַרלסטאָן, האָט וואַשינגטאָן אַרויסגעלאָזען זיין פראָקלאַמאַציע וועגען נייטראַ־ליטעט. אין דער פּראָקלאַמאַציע איז געשטאַנען, אַז די בירגער פון לאַנד טאָרען ניט העלפען קיין איינעם פון די צוויי קריגערישע צדדים און אַז דער וואָס וועט יע העלפען איין צד אָדער דעם אַנדערען, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערען.

זשענעי איז דערווייל אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד פון דער לאָקאַלער רעגירונג אין טשאַרלסטאָן. דער גאָווערנאָר פון סאַוט קאַראָליינא האָט פאַר אים געמאַכט א יום־טוב. ער איז געווען דער ערען־גאַסט ביי באַנקעטען און פאַרזאַמלונגען, וואו די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז הייס באַגריסט געוואָרען. זשענעי האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט. ער האָט דאָ געקויפט שיפען, זיי באַוואָפענט אין טשאַרלסטאָנ'ער האַפען, און זיי אַרויס־געשיקט צו פאַנגען ענגלישע האַנדעלס־שיפען און זיי ברענגען אין האַפען פון טשאַרלסטאָן. ער האָט דאָ אויך געקויפט אַמוניציע און אָפּגעשיקט קיין פראַנקרייך.

דעם גאַנצען פרילינג און זומער האָט דאָס לאַנד געקאָכט מיט זשענעי. ער האָט שוין איצט גאַנץ גוט געוואוסט די שטימונג פון וואַשינגטאָנ'ס אַדמיניסטראַציע, ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז די גרויסע מאַסען זיינען פאַר פראַנקרייך, און ער האָט באַ־שלאָסען אויסצונוצען די עפענטליכע מיינונג. ער האָט בכיון געמאַכט זיין רייזע פון טשאַרלסטאָן קיין פילאַדעלפיא (וואו די אַמעריקאַנישע רעגירונג איז דעמאָלט געזעסען) ניט מיט'ן שיף, נאָר מיט דער יבשה. די רייזע איז פאַר אים געווען א טריאומף־צוג. אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל איז ער אויפגענומען גע־וואָרען ווי א נאַציאָנאַלער העלד. מען האָט פאַר אים געמאַכט

באַנקעטען, נעצונדען גרויסע פייערען אין די גאַסען, געהאַלטען באַגריסונגס־רעדעס. און ווען ער איז ענדליך אָנגעקומען קיין פילאַדעלפיא, זיינען טויזענטער מענשען אים געגאַנגען באַנעגענען. די גלאָקען אין די קלויסטערס האָבען געקלונגען. א פראַנצויזישע קריגס־שיף, וואָס האָט זיך געפונען אין פילאַדעלפיער האַפען, האָט אויסגעשאָסען א „סאַלוט".

קיין פילאַדעלפיא איז ער געקומען פאַרצולעגען זיינע דאָקו־מענטען, זיין באַפאָלמעכטיגונג, פאַר פרעזידענט וואַשינגטאָן און קריגען די אָפיציעלע אנערקענונג אלס דער נייער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר. וואַשינגטאָן האָט אים אויפגענומען קאַלט. ער איז געווען אומצופרידען מיט זשענעי'ס האַנדלונגען. ער האָט אָבער וועגען דעם פאָרלויפיג גאָרניט געזאָגט. ער האָט זשענעי'ן באַ־גריסט און אים געגעבען זיין אָפיציעלע אנערקענונג.

דערווייל האָט די ענגלישע רעגירונג אריינגעשיקט א פראָ־טעסט־נאָטע צו אַמעריקא דערפאַר, וואָס זי ערלויבט פראַנקרייך אויסצוריכטען שיפען אין איהרע האַפענס און צו קויפען דאָ אַמו־ניציע. אין יוני האָט וואַשינגטאָן ארויסגעגעבען א באַפעל צו אַלע גאָווערנאָרס אין אַלע שטאַטען, זיי זאָלען ניט ערלויבען די פראַנ־צויזען ארויסצושיקען קיין באַוואַפענטע שיפען פון זייערע האַפענס און אויך ניט אריינצופירען קיין געפאַנגענע שיפען. וואַשינגטאָנ'ס באַפעל האָט געווירקט ווי בוימיל אויף פייער.

זשענעי האָט פאָרגעשלאָגען וואַשינגטאָנ'ען, אז דער אַלטער בונד צווישען אַמעריקא און פראַנקרייך זאָל באַנייט ווערען, ביידע לענדער זאָלען „זיך פאַראייניגען אין איין פאַמיליע". ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אז אַמעריקא זאָל גלייך באַצאָלען פראַנקרייך די צוויי־און־א־דריטעל מיליאָן דאָלאַר, וואָס זי איז איר שולדיג גע־בליבען פון דער רעוואָלוציע. זשענעי האָט פאַרשפּראָכען, אז ער וועט דאָס געלט אויסגעבען אין אַמעריקא גופא ; אז ער וועט דאָ דערמיט קויפען אַמוניציע פאַר פראַנקרייך. דעם פאַרלאַנג האָט וואַשינגטאָן צוריקגעוויזען. וועגען די חובות האָט האַמילטאָן, דער פינאַנץ־מיניסטער, ערקלערט זשענעי'ן, אז, ערשטענס, האָט אַמע־ריקא איצט קיין געלט ניט, און צווייטענס, אפילו ווען זי וואָלט

יאָ געהאַט, וואָלט זי איצט ניט געצאָלט, ווייל ענגלאַנד וואָלט עס שלעכט אויסגעטײַטשט.

די רעפּובליקאַנישע מאַסען זיינען שרעקליך אויפגעבראַכט געוואָרען פאַר אַזעלכע האַנדלונגען מצד וואַשינגטאָן און האַמילטאָן. די רעפּובליקאַנישע צייטונגען האָבען וואַשינגטאָנ׳ען אַטאַקירט און געשימפּט. מאַסען־פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען, ביי וועלכע מען האָט געסטראַשעט די אַדמיניסטראַציע מיט געוואַלד. וויים־פּרעזידענט עדעמס האָט זיך אַזוי דערשראָקען, אַז ער האָט שטילערהייט אַריינגעפירט ביקסען צו זיך אין הויז.

די רעפּובליקאַנער האָבען גע׳טענה׳ט, אַז וואַשינגטאָן האָט אַליין, אָן דעם קאָנגרעס, ניט געהאַט קיין רעכט צו ערקלערען דאָס לאַנד נייטראַל. דזשיימס מעדיסאָן האָט אין אַ רייע פּאַמפּלעטען פאַרטיידיגט דעם רעפּובליקאַנישען שטאַנדפּונקט. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז די קאָנסטיטוציע זאָגט אויסדריקליך, אַז נאָר דער קאָנגרעס מעג ערקלערען קריג. וויבאַלד דער קאָנגרעס איז די איינציגע רעגירונגס־קערפּערשאַפט, וואָס קען אַריינפירען דאָס לאַנד אין מלחמה, איז דער קאָנגרעס אויך די איינציגע קערפּערשאַפט, וואָס קען באַשטימען, אַז דאָס לאַנד זאָל בלייבען נייטראַל אין אַ מלחמה. מעדיסאָן האָט אויך גע׳טענה׳ט, אַז וואַשינגטאָן האָט קיין רעכט ניט געהאַט אָפּצוברעכען די אַלטע אָפּמאַכען מיט פראַנקרייך.

אָבער די אַטאַקעס און פּראָטעסטען פון די רעפּובליקאַנער האָבען ניט געהאָלפען. דער באַפעל פון דעם פּרעזידענט איז אויסגעפאָלגט געוואָרען. די גאָווערנאָרס פון די שטאַטען האָבען ניט געלאָזען קיין פראַנצויזישע שיפען נעמען אין געפאַנגענשאַפט ענגלישע שיפען לעבען די אַמעריקאַנער ברעגען. זיי האָבען ניט דערלויבט די פראַנצויזישע שיפען זיך צו באַוואַפענען אין די אַמעריקאַנער האַפענס. אַמעריקאַנישע בירגער, וואָס זיינען אַריינגעטראָטען אין דער דינסט פון דער פראַנצויזישער פלאָטע, זיינען אַרעסטירט געוואָרען. זשענעי האָט אַ שטיק צייט איגנאָרירט וואַשינגטאָנ׳ס באַפעלען, און מיט דער הילף פון דער רעפּובליקאַנישער מאַסע און רעפּובליקאַנישע באַאַמטע איז אים געלונגען

ארויסצושמוגלען א סך שיפען און אמוניציע. די ערשטע צייט האט אים דזשעפערסאן שטילערהייט צוגעגעבען מוט, כאטש אלס קאבינעט מיניסטער איז זיין פליכט געווען אויסצופאלגען דעם פרעזידענט'ס באפעלען און דעם פרעזידענט'ס פאליטיק.

דער לעצטער אקט פון דער דראמע מיט זשענעי'ן איז ביז היינטיגען טאג איינגעהילט אין א געהיימניס. ער האט זיך אפ־געשפילט אין מאנאט אויגוסט. עס האט זיך דאן פלוצלינג פאנאנדערגעטראגען איבער'ן לאנד די נייס, אז זשענעי האט גע־סטראשעט וואשינגטאנ'ען, אז ער וועט אפעלירען געגען אים צום פאלק; אז ער וועט, הייסט עס, גיין איבער וואשינגטאנ'ס קאפ און זוכען צו ווירקען, אז דאס פאלק זאל צווינגען דעם פרעזידענט צו העלפען פראנקרייך.

דער קלאנג האט אויפגערודערט דאס לאנד. די געגנער פון פראנקרייך האבען גע'טענה'ט: וואס הייסט? עס קומט צופא־רען א פארשטייער פון א פרעמדער מלוכה, און וואגט צו סטרא־שען דעם פרעזידענט! דאס איז דאך א באליידיגונג פאר'ן גאנצען לאנד. דאס קען ניט געדולדעט ווערען פון א פאלק מיט זעלבסט־רעספעקט.

די פעדעראליסטען האבען פון דעם קלאנג געשלאגען קאפי־טאל. זיי האבען אויפגעהויבען א גערואלד אז זשענעי האט איבערגעטראטען אלע גרענעצען פון דיפלאמאטישער אנשטענדיג־קייט און אז ער מוז צוריקגערופען ווערען. אפילו רעפובליקא־נער האבען צוגעגעבען, אז זשענעי איז געגאנגען צו ווייט.

די פראגע וואס איז ביז היינטיגען טאג ניט געלייזט גע־ווארען איז די: פון וואנען האט זיך דער קלאנג גענומען? זשע־נעי האט געלייקענט שטיין און ביין. ער האט געפאדערט אן אונ־טערזוכונג. די ערשטע וואס האבען דעם קלאנג פארשפרייט זיי־נען געווען דזשאהן דזשעי און רופוס קינג, צוויי פון די אנגעזעענ־סטע בירגער פון ניו יארק. זיי האבען אבער צוגעגעבען, אז אליין האבען זיי דאס ניט געהערט, נאר אז זיי האבען עס געהערט פון האמילטאן און נאקס, די צוויי קאבינעט מיניסטארען. האמילטאן און נאקס האבען דאס אויך אליין ניט געהערט. זיי הא־

בען זיך פאררופען אויף אַנדערע. געדעדט האָט מען, אַז דער ערשטער וואָס האָט די נייעם פארשפּרייט איז גאָר געווען טהאָמאַס דזשעפערסאָן. געוויסע האַנדלונגען מצד זשענעי האָבען דזשעפּערסאָנ'ען שטארק באַליידיגט, און צווישען זיי איז שוין דעמאָלט געווען אַ רוגז.

אָבער, ווי די מעשה זאָל ניט זיין, זשענעי'ס פּראָטעסטען און אַפּעלירונגען האָבען ניט געהאָלפען. וואַשינגטאָן האָט פאַרלאַנגט פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אַז זשענעי זאָל צוריקגערופען ווערען, און אַן אַנדער אמבאַסאַדאָר זאָל געשיקט ווערען אויף זיין פּלאַץ. אייגענטליך איז וואַשינגטאָנ'ס מיה געווען אַן איבעריגע. אין פּאַריז איז שוין דאַמאָלס פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. די זשיראָנדיסטישע פּאַרטיי, צו וועלכער זשענעי האָט געהערט, איז געפאַלען, און די יאַקאָבינער זיינען אריין אין מאכט. די נייע רעגירונג וואָלט סיי־ווי זשענעי'ן צוריקגערופען; פאַר איר איז ער געווען גאָר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער.

זשענעי איז צוריקגערופען געוואָרען. אָבער ער איז ניט צוריקגעפאָרען קיין פראַנקרייך. ער האָט געוואוסט, אַז אויף אים וואַרט דאָרט די גילאָטינע. אַרויסשיקען אים מיט געוואַלד האָט אמעריקע ניט געוואָלט. איז ער געבליבען אין אמעריקא און האָט דאָ שפּעטער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון רעפּובליקאַנישען גאָווערנאָר פון ניו יאָרק, פריילין קאָרנעליא קלינטאָן. ער האָט דעם רעשט פון זיין לעבען פאַרבראַכט רוהיג און צוריקגעצויגען, אין דער רייכער געזעלשאַפט פון זיין פרוי'ס פאַמיליע.

קאפיטעל 15.

דער סכסוך מיט ענגלאנד — דזשעי'ס אפמאך.

מיט זשענעי'ס צוריקרופונג האט זיך די פאליטישע לאגע וויייניג וואס געענדערט. עס קען זיין, אז ווען עס וואלט זיך גע־ האנדעלט בלויז וועגען סענטימענטען, וועגען סימפאטיעס, וואלט דער עולם מיד געווארען און וואלט זיך אויפגעהערט צו קאכען. אבער הינטער די סימפאטיעס זיינען געוועזן שטארקע עקאנאמישע אינטערעסען, און זיי האבען ניט געלאזט די זאך זאל זיך איינ־ שטילען.

די עקאנאמישע פראגען זיינען געוועזן פארבונדען ניט מיט פראנקרייך, נאר מיט ענגלאנד.

ענגלאנד, גלייך ווי זי איז אריין אין מלחמה מיט פראנקרייך, האט פארעפענטליכט א רייע באפעלען וואס האבען געטראפען דעם אמעריקאנישען האנדעל און שיפ־אינדוסטריע. זי האט ער־ קלערט, אז אמעריקאנישע שיפען, וואס פיהרען האנדעל מיט פראנ־ צויזישע אינזלען אין די וועסט־אינדיס, וועלען פון ענגלאנד בא־ טראכט ווערען אלס פיינדליכע שיפען און וועלען קאנפיסקירט ווערען. א צווייטער באפעל איז געוועזן, אז אמעריקאנישע שיפען, וואס פירען סחורה פאר פראנצויזישע בירגער, וועלען געפאנגען און קאנפיסקירט ווערען.

אויפ'ן גרונד פון אט די באפעלען האט די ענגלישע פלאטע גענומען געפאנגען הונדערטע אמעריקאנישע האנדעלס־שיפען, וואס האבען געפירט סחורות אין די פראנצויזישע וועסט־אינדיס און צו די פראנצויזישע ברעגען אין אייראפא. אמעריקאנישע סחורה איז קאנפיסקירט געווארען אין ווערט פון הונדערטער

טויזענטער דאָלאַר. די מאַטראָזען אויף די געפאַנגענע אַמעריקאַנישע שיפען, און אפילו די פּאַסאַזשירען, זיינען גרויזאַם באַהאַנדעלט געוואָרען. אַט איז איין פאַל פון אַ סך אַזעלכע: אין פעברואַר, 1794, האָט אַן ענגלישע פלאָטע באַמבאַרדירט אַ פראַנצויזישען האַפען אויף'ן מאַרטיניק אינזעל און איהם איינגענומען. אין האַפען האָבען זיך געפונען אַמעריקאַנישע האַנדעלסשיפען. די ענגלענדער זיינען אַרויף אויף די שיפען, האָבען אַרונטערגעריסען די אַמעריקאַנישע פאָנען און אַריבערגעשלעפּט די מאַטראָזען אויף זייערע אַ געפענגניש־שיף. 250 פון די אַמעריקאַנישע מאַטראָזען זיינען דריי טעג צייט געהאַלטען געוואָרען געפאַנגען. ווען מען האָט זיי ענדליך אַרויסגעלאָזט פריי, איז געווען אַ שרעק אויף זיי צו קוקען: זייערע צינגער זיינען געווען געשוואָלען פון דורשט, זייערע קערפּער פאַר'חלש'ט פון הונגער. די אַמעריקאַנישע שיפען גופא האָבען די ענגלענדער אַ טייל פון זיי געזונקען, און אַ טייל האָבען זיי איבערגעלאָזט צום שיקזאַל פון די כוואַליעס.

ענגלאַנד האָט זיך דעמאָלט שטאַרק געניטיגט אין מאַטראָזען. עס זיינען געווען זייער ווייניג פרייוויליגע וואָס האָבען געוואָלט גיין דינען אויף ענגלישע קריגס־שיפען, ווייל די באַהאַנדלונג איז דאָרט געווען זייער אַ שלעכטע. און די וואָס מען פלעגט צווינגען מיט געוואַלד צו ווערען מאַטראָזען, ווי, צום ביישפּיל, פאַרברעכער, פלעגען ביי דער ערשטער געלעגענהייט אַנטלויפען. דאָס עסען אויף די ענגלישע קריגס־שיפען איז געווען שלעכט, עס פלעגען בושעווען קראַנקהייטען, די דיסציפּלין איז געווען אַ ברוטאַלע. דעריבער האָט ענגלאַנד אָנגעווענדט פאָלגענדען מיטעל צו קריגען מאַטראָזען: אירע קריגס־שיפען פלעגען אָפּשטעלען פרעמדע האַנדעלס־שיפען אין מיטען ים, דורכזוכען די מאַטראָזען און אַראָפּנעמען יעדען אויף וועמען מען האָט געקענט מאַכען אַ בלבול אַז ער האָט אַמאָל געדינט אין דער ענגלישער פלאָטע און האָט דעזערטירט. אַם לייכסטען איז עס געווען פאַר זיי צו מאַכען אַזעלכע בלבולים אויף אַמעריקאַנישע מאַטראָזען. די אַמעריקאַנער האָבען דאָך אַלע גערעדט ענגליש, און אַ סך פון זיי זיינען טאַקע געווען

ענגלענדער, וואס האבען אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע. אט דער געיעג אויף אמעריקאנישע מאטראזען איז אייגענטליך אנגעגאנגען א לאנגע צייט, אבער ווען די מלחמה מיט פראנקרייך האט אויסגעבראכען, האט זיך ער זיך שטארקט פארשארפט.

ענגלאנד'ס האנדלונג האט ארויפגעווארפען א שרעק אויף די אמעריקאנער שיף-אייגענטימער און סוחרים. דער עקספארט און אימפארט איז פאראליזירט געווארען. אין די האפען-שטעדט איז געווארען א חורבן. ארבייטער זיינען ארומגעגאנגען ליידיג. מאטראזען האבען מורא געהאט ארויסצופאהרען אויפ'ן ים. סוחרים און שיף-אייגענטימער האבען ניט געוואגט צו ריזיקירען מיט זייער אייגענטום. אין די שטעט זיינען פארגעקומען דעמאנסטראציעס. די מאסען האבען געפאדערט אז די רעגירונג זאל עפעס טאן. מען האט גענומען ריידען וועגען ערקלערען קריג געגען ענגלאנד.

די רעפובליקאנער האבען אויסגענוצט די שטימונג צו אטאקירען וואשינגטאנ'ס אדמיניסטראציע. וואשינגטאן האט געשיקט פראטעסט-נאטעס צו ענגלאנד, אבער זיי האבען וויינינג-וואס געהאלפען. די רעפובליקאנער האבען אריינגעטראגען רעזאלוציעס אין קאנגרעס, פאדערענדיג אז די רעגירונג זאל באהאנדלען די ענגלישע שיפען, אזוי ווי ענגלאנד באהאנדעלט די אמעריקאנישע שיפען. די רעזאלוציעס זיינען דורכגעגאנגען אין דער „האוז אוו רעפרעזענטאטיווס", וואו די רעפובליקאנער זיינען געווען שטארק, זיי זיינען אבער נידערגעשטימט געווארען אין סענאט. וואשינגטאן האט געפרובט אנשרעקען ענגלאנד דערמיט, וואס ער האט פארבאטען אירע שיפען אריינצופארען אדער ארויסצופארען פון די היגע האפענס. ער האט אבער באלד געמוזט צוריקרופען דעם פארבאט, ווייל דער אמעריקאנישער האנדעל האט דערפון שטארק געליטען. די רעפובליקאנער אין קאנגרעס, אין דער פרעסע און צווישען פאלק האבען פארטגעזעצט זייער אגיטאציע געגען ענגלאנד. די לאגע איז געווארען זייער ערנסט. וואשינגטאן האט איינגעזען, אז דאס לאנד ווערט דורך דער רעפובליקאנישער אגיטאציע געשטויסען אלץ נעענטער און נעענטער צו קריג מיט ענגלאנד. דערצו האט ער בשום אופן ניט געוואלט דערלאזען.

האָט ער באַשלאָסען צו שיקען אַ פאָרשטייער קיין ענגלאַנד אויס־צוארבייטען אַ פרידענס־אָפּמאַך, און שיקען אַזאַ מענשען, אויף וועמען ער האָט זיך געקענט פאַרלאָזען אַז ער וועט מיט ענגלאַנד ניט זיין צו־שטרענג אָדער צו־איינגעשפאַרט. פון אָנפאַנג האָט ער געוואָלט מאַכען האַמילטאָנ׳ען פאַר׳ן שליח. עס האָבען זיך אָבער אויפגעהויבען גרויסע פּראָטעסטען געגען דעם. האַמילטאָן איז אין לאַנד באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ לאַקיי פון ענגלאַנד. וואַשינג־טאָן האָט איינגעזען אַז עס איז ניט פּראַקטיש צו גיין געגען דער עפענטליכער מיינונג, און ער האָט באַשטימט אַלס שליח דעם ריכטער פון סופרים־קאָורט, דזשאָן דזשעי.

אין מיטען מאָנאַט מאַי, 1794, איז דזשעי אָפּגעפאָרען קיין ענגלאַנד. אין יוני איז ער אָנגעקומען אין לאָנדאָן. ער איז דאָ זייער שיין אויפגענומען געוואָרען פון דער רעגירונג. פיר מאָנאַטען האָבען געדויערט די פאַרהאַנדלונגען. אין נאָוועמבער איז דער אָפּמאַך אונטערגעשריבען געוואָרען. אין אַמעריקע זיינען די דאָקו־מענטען געבראַכט געוואָרען ערשט אין מאָנאַט מערץ, 1795. דער פּרעזידענט האָט גלייך פאַררופען אַ ספּעציעלע זיצונג פון סענאַט צו פאַרהאַנדלען דעם אָפּמאַך.

די האַנדעלס־סכסוכים וואָס די מלחמה אין אייראָפּע האָט געשאַפען זיינען ניט געווען די איינציגע וואָס דזשעי האָט גע־דאַרפט שליכטען. זיין אויפגאַבע איז אויך געווען צו פאַרהאַנדלען וועגען אַ סך אַנדערע קריוודעס צווישען אַמעריקאַ און ענגלאַנד. מאַנכע פון די קריוודעס האָבען זיך נאָך געצויגען פון דער רעוואָ־לוציע אָן. געוויסע טיילען פון לאַנד זיינען געווען מער פאַראינ־טערעסירט אין אָט די פראַגען, אין די תביעות וואָס ענגלאַנד און אַמעריקע האָבען געהאַט איינע צו דער אַנדערער אַלס רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע, איידער אין די פּראָבלעמען וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אין די יאָרען 1793 און 1794.

אָט זיינען די קריוודעס פון ביידע צדדים — אי די אַלטע, אי די נייע:

ערשטענס, ענגלאַנד האָט נאָך געהאַלטען די פאָסטענס אין דער וועסט. לויט׳ן פרידענס־אָפּמאַך פון 1783, האָט זי די

פאַסטענס נעדראַפט אַפּליידיגען, ווייל די טעריטאָריע האָט געהערט צו די פאַראייניגטע שטאַטען. ענגלאַנד האָט דאָס אָבער ניט געטאָן. אויסער דעם פּאָליטישען אומרעכט וואָס ענגלאַנד איז דערמיט באַגאַנגען געגען אמעריקע, האָט עס אויך געבראַכט אמעריקע עקאָנאָמישען שאָדען. עס האָבען דערפון געליטען די קאָלאָניסטען אין דער וועסט. די דאָרטיגע אינדיאַנישע שבטים האָבען געפילט אַ שטיצע אין די ענגלענדער, און האָבען געמאַכט אָפטע אָנפאַלען אויף די אמעריקאַנישע גרענעץ־קאָלאָניעס. עס האָבען דערפון אויך געליטען די רייכע לאַנד־קאָמפּאַניעס. די ספּעקולאַנטען וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט לאַנד אין יענער געגענד. זיי האָבען זייער מסחר ניט געקענט אָנפירען פריי, כל זמן עס האָט דאָרט געהערשט די ענגלישע מאַכט. עס האָבען אויך געליטען די פעליץ־סוחרים און די שיף־קאָמפּאַניעס פון דער איסט. ענגלאַנד האָט אויסגענוצט איר מאַכט צו ווירקען אויף די אינדיאַנער זיי זאָלען פאַרקויפען די פוטערוואַרג צו ענגלישע סוחרים, און די פלענען די סחורה שיקען קיין אייראָפּע דורך די ענגלישע האַפענס אין קענעדע. אויף אַזא אופן זיינען אין אָט דער פראַגע פון די פאָסטענס געווען פאַר־אינטערעסירט אי די אָרימע קאָלאָניסטען אין דער וועסט, אי די רייכע לאַנד־ספּעקולאַנטען, אי די סוחרים, אי די שיף־קאָמפּאַניעס פון דער איסט.

צווייטענס, די ענגלענדער האָבען געמאָנט ביי די אמעריקאַנער עטליכע מיליאָן דאָלאַר וואָס די היגע סוחרים און פאַרמערס זיינען שולדיג געבליבען ענגלישע סוחרים נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע. לויט דעם פרידענס־אָפּמאַך, האָט קיין געזעצליכע שטערונג ניט געטאָרט געמאַכט ווערען אויפצומאָנען דאָס געלט אין די אמע־ריקאַנישע געריכטען. איבער צען יאָר זיינען פאַרביי זינט דער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבען געוואָרען, אָבער אויפצומאָנען די חובות איז פאַר די ענגלישע סוחרים כמעט אוממעגליך געווען. די היגע געריכטען האָבען אויסגעקלערט אַלערליי תירוצים, געמאַכט אַלערליי דריידלאַך אין דעם געזעץ כדי צו באַשיצען די היגע בעל־חובות. אין די שטאַטען פון דער איסט איז נאָך געווען צו דער־ליידען. די דאָרטיגע בעל־חובות זיינען געווען כמעט אַלע סוחרים,

און זיי האָבען געמוזט קומען צו אן אויסגלייך מיט די קרעדיטאָרען אין ענגלאנד פשוט צוליב געשעפט. אלס סוחרים האָבען זיי זיך גענויטיגט אין נייעם קרעדיט אין ענגלאנד, האָבען זיי געמוזט פריער שליכטען די אלטע חובות. אָבער אנדערש איז עס געווען מיט די בעל־חובות אין דער סאָוט. דאָרטען זיינען עס געווען כמעט דורכאויס פארמערס. פאר דער רעוואָלוציע פלעגען די פארמערס אימפּאָרטירען פאבריצירטע סחורות פון ענגלאנד. אויך פלעגען זיי זייערע פּראָדוקטען פארקויפען צו ענגלישע סוחרים און פלעגען נעמען ביי די קויפער געלט אין פאָראויס. איצט אָבער האָבען זיי געהאט א מארק פאר זייערע פּראָדוקטען אין אמעריקע גופא און זיי האָבען אויך זייערע באַדערפנישען געקענט דאָ קויפען. צו וואָס, אלזאָ, צאָלען אלטע חובות? האָבען זיי טאַקע ניט געצאָלט. די הויפּט זינדערין אין דעם פּרט איז געווען ווירדזשיניא. אירע פארמערס זיינען שולדיג געבליבען צו די ענגלישע סוחרים כמעט אזוי פיל געלט, ווי אלע איבעריגע שטאַטען צוזאַמענגענומען*).

דריטענס, די אמעריקאנער האָבען געמאָנט ביי ענגלאַנד עטליכע טויזענט נעגער־שקלאַפען, וואָס די ענגלישע גענעראלען האָבען פארנומען פון דאנען בשעת זיי האָבען אפּגעליידיגט די שטאַטען פון דער סאָוט נאָך דער רעוואָלוציע. אין דעם פריערדיגען אָפּמאך איז געשטאנען אויסדריקליך, אז די ענגלישע סאָלדאטען טאָרען פון דאנען ניט ארויספירען קיין נעגערס. זיי האָבען אָבער

---

*) ווירדזשיניא פלעגט ארויסשיקען איהר טאַבאַק קיין ענגלאנד און עס האָט זיך אַנטוויקעלט אזא סיסטעם: דער ענגלישער סוחר פלעגט געבען דעם אמעריקאנישען פארמער געלט פאָראויס, ווען דער טאַבאַק איז נאָך געווען אויפ'ן פעלד. דער סוחר פלעגט בכיון מאַכען דעם אַוואַנס וואָס גרעסער. ער איז, הייסט עס, געווען זייער ליבעראל. יזען דער פאַרמער פלעגט אַראָפּנעמען דעם טאַבאַק פון פעלד, און אַריבערשיקען די סחורה צו זיין ענגלישען קויפער, פלעגט שטענדיג אויסקומען, אַז דער פאַרמער איז נאָך אלץ שולדיג געבליבען געלט. באַצאָלען דעם באלאנס מיט מזומן האָט דער אמעריקאנער פארמער ניט געקענט, ווארים דאָס געלט פלעגט שוין זיין פארטאָן. אויף אַזאַ אופן פלעגט דער חוב בלייבען שטיין אויף די ביכער, אויף איבער־א־יאָר, ביז דעם נייעם טאַבאַק־

ניט אפגעהיט דעם פונקט. די אייגענטימער פון די נעגער האבען געפאָדערט, אז די ענגלישע רעגירונג זאָל זיי ענטוועדער די נעגער אפשיקען צוריק, אָדער באצאָלען די געלט וואָס די נעגער זיינעןווערט געוועזן. אין דעם פונקט זיינען געוועזן פאראינטערעסירט בלויז די שטאטען פון דער סאוט. די נאָרט האָט זיך וועגען דעם יוייניג־וואָס געקימערט.

פערטענס, די סוחרים פון די נאָרט שטאטען האָבען געפאָדערט, אז ענגלאנד זאָל זיי ניט שטערען צו פירען סחורה פון די פראנצויזישע וועסט־אינדיס קיין פראנקרייך. זיי האָבען אויך געפאָדערט, אז ענגלאנד זאָל עפענען די האפענס אין אירע וועסט־אינדיס אינזלען פאר׳ן אמעריקאנישען האנדעל.

פינפטענס, די שיף־אייגענטימער האָבען געפאָדערט, אז ענגלאנד זאָל אויפהערען צו פארכאפען זייערע שיפען און אראפ־צונעמען פון זיי די מאטראָזען. די שיף־אייגענטימער זיינען אויך כמעט אלע געוועזן פון די נאָרט שטאטען.

אין דעם אָפמאך וואָס דזשאן דזשעי האָט צוריקגעבראכט פון ענגלאנד זיינען א פאָר פון אָט די וויכטיגע פונקטען אפילו ניט דערמאָנט געוואָרען: עס איז אין אים ניט געוועזן קיין איין וואָרט וועגען די נעגער־שקלאפען און קיין איין וואָרט וועגען אראָפנעמען מאטראָזען פון די שיפען. וועגען די איבעריגע פונקטען האָט אויך אמעריקע ניט געקראָגען קיין באפרידיגונג.

אָט זיינען די וויכטיגסטע פונקטען פון דזשעי׳ס אָפמאך:

סעזאָן. דורכ׳ן יאָר איז דער הוב ניט קלענער געוואָרען, נאָר פאר־קערט, נאָך פארגרעסערט געוואָרען, ווייל דער ענגלישער סוחר האָט אין משך פון יאָר געמאַכט נייע אַוואַנסען. די דאָזיגע סיסטעם איז אָנגע־גענאגען צענדליגער יאָרען נאָכאַנאַנד. א סך פארמער זיינען געוועזן פש׳ט פאר׳משכנ׳ט צו זייערע ענגלישע קרעדיטאָרס. די חובות זיינען אריבער פון עלטערען צו קינדער, פון איין דור צום צווייטען. אָט די אנגעזא־מעלטע חובות זיינען געוועזן איינע פון די באַהאַלטענע אורזאכען פון דער רעוואָלוציע. די פארמער פון ווירדזשיניא האָבען געהאָפט, אז די רעוואָלוציע וועט זיי געבען די געלעגענהייט זיך צו באפרייען פון דעם שווערען יאָך.

ערשטענס, די ענגלענדער זאָלען אָפּליידיגען די פּאָסטענס אין דער וועסט פאר יולי, 1796.

צווייטענס, עס זאָל געשאַפען ווערען אַ פּאַראייניגטע קאָמיסיע פון ביידע לענדער, וועלכע זאָל באַשטימען וויפיל געלט עס קומט די ענגלישע סוחרים, און אויב די היגע בעל־חובות וועלען דאָס געלט ניט באַצאָלען, זאָל די אמעריקאַנישע רעגירונג איבערנעמען די חובות אויף זיך.

דריטענס, א פאַראייניגטע קאָמיסיע זאָל אויך באַשטימען וויפיל די אמעריקאַנער סוחרים און שיף־אייגענטימער האָבען געליטען היזק פון דעם, וואָס ענגלאַנד האָט פאַרכאַפּט שיפען מיט סחורה אויף אַן אומגעזעצליכען אופן, און די ענגלישע רעגירונג זאָל די סומע אומקערען.

פערטענס, ענגלאַנד זאָל מעגען אימפּאָרטירען און עקספּאָר־טירען סחורה דורך די אמעריקאַנישע האַפענס. די אמעריקאַנישע האַפענס, הייסט עס, זאָלען זיין פריי פאַר אַלע ענגלישע שיפען.

פינפטענס, אַמעריקע אבער זאָל אין די ענגלישע וועסט־אינדיס מעגען שיקען בלויז קליינע שיפען, — שיפען פון וויי־ניגער ווי 70 טאָן.

זעקסטענס, אמעריקע זאָל ניט טאָרען פירען קיין אייראָפּע ניט קיין צוקער, ניט קיין קאַווע און ניט קיין באַוועל. (דער דאָזי־גער פּונקט איז געווען געצילט געגען פראַנקרייך. פראַנקרייך האָט זיך אין אָט די פּראָדוקטען זעהר שטאַרק גענויטיגט).

דער אָפּמאַך איז געווען כמעט אינגאַנצען צו גונסטען פון ענגלאַנד. ווען די פּונקטען זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען, האָט אין לאַנד אויסגעבראָכען אַ שטורם פון פּראָטעסטען. דער קאַמף געגען דעם אָפּמאַך האָבען געפירט די רעפּובליקאַנער. דזשעי איז פאַרדאַמט געוואָרען אלס אַ מאָנאַרכיסט, אלס אַן אַריסטאָקראַט, אלס אַ פאַררעטער. גרויסע פאַרזאַמלונגען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין פילע שטעט און שטעטלאַך, ביי וועלכע די רעדנער האָבען ערקלערט, אַז דזשעי האָט פאַרקויפט אַמעריקע צו ענגלאַנד. דזשעי׳ס בילד איז פאַרברענט געוואָרען אין די גאַסען. קאָפּיעס

פון דעם אָפּמאך זיינען פארברענט געווארען אין פילאדעלפיע, אין די גאסען, וואו עס האָבען געוואוינט דער ענגלישע אמבאסאדאָר און קאנסול.

דעם גאנצען מאָנאט וואָס די דעבאטען איבער דעם אָפּמאך זיינען אָנגעגאנגען אין סענאט איז צו וואשינגטאָנ'ען אָנגעקומען



דזשאן דזשעי

LIBRARY, TORONTO

א שטראָם מיט רעזאָלוציעס פון יעדער גרויסער שטאָט און פון א מאסע קליינע שטעטלאך, מיט דער פאָדערונג אז ער זאָל דעם אָפּ־מאך צוריקווייזען.

אָבער דער סענאט האָט אים גוטגעהייסען און וואשינגטאָן האָט אים אונטערגעשריבען. בלויז דער לעצטער פונקט, וועלכער האָט פאַרבאָטען דעם אריינפיר פֿון צוקער, קאווע און קאטאן קיין

אייראָפּע, איז אויסגעשטראָכען געוואָרען. די קאַטאָן אינדוסטריע האָט זיך שוין דאַן גענומען שטאַרק אַנטוויקלען, און דער דאָזיגער פּונקט וואָלט זי פּאַראַליזירט.

פאַרוואָס האָט דער סענאַט אַזוי געהאַנדעלט? פאַרוואָס זיינען וואַשינגטאָן און די פעדעראַליסטען געווען פאַר דעם אָפּמאַך?

דער שטאַרקסטער פאַרטיידיגער פון דעם אָפּמאַך איז געווען אַלעקסאַנדער האַמילטאָן. אין אַ סעריע אַרטיקלען, געשריבען אונטער דעם פאַרשטעלטען נאָמען „קאַמילוס”, האָט האַמילטאָן אָנגעגעבען די אַלע אַרגומענטען פאַרוואָס דער אָפּמאַך מוז אָנגענומען ווערען, טראָץ אַלע זיינע פעלערען. די אַרטיקלען האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די רייכע קלאַסען.

האַמילטאָנ'ס הויפּט־טענה איז געווען, אַז פאַר אַמעריקע לוינט זיך נאָכצוגעבען ענגלאַנד'ס פאָדערונגען, אפילו די אומגערעכטע, אַפילו די שעדליכע, אבי נאָר צו בלייבען פריינד מיט ענגלאַנד. דער הויפּט־האַנדעל פון אַמעריקע איז דעמאָלט געווען מיט ענגלאַנד. ביי די ענגלישע סוחרים האָבען אַמעריקאַנער הענדלער געקענט קויפען סחורה אויף קרעדיט. ענגלאַנד האָט געהאַט די סחורה, אין וועלכע אַמעריקע האָט זיך אַם שטאַרקסטען גענויטיגט. און ענגלאַנד האָט געהאַט דעם קאַפּיטאַל כדי צו קענען פאַרקויפען די סחורה אויף באָרג. פראַנקרייך און די אַנדערע לענדער אין אייראָפּע האָבען אין די דאָזיגע צוויי הינזיכטען ניט געקענט פאַרנעמען ענגלאַנד'ס פּלאַץ. ענגלאַנד איז אויך געווען אַ וויכטיגער מאַרק פאַר די אַמעריקאַנישע פּראָדוקטען.

האַמילטאָן האָט ווייטער גע'טענה'עט, אַז אויב דער אָפּמאַך וועט צוריקגעוויזען ווערען, וועט עס פירען דערצו, אַז דער האַנדעל מיט ענגלאַנד זאָל אָפּגעשטעלט ווערען, און דער הויפּט קוואַל פון שטייערען (די טאַריף־געלט) וועט אויסגעטריקענט ווערען. די רעגירונג וועט ניט האָבען מיט וואָס צו צאָלען די פּראָצענטען אויף די חובות וואָס זי האָט איבערגענומען. אַלע די, וואָס האַלטען

ווערט־פאפירען פון דער רעגירונג וועלען האבען גרויסע פאר־לוסטען. די פאפירען וועלען פאלען אין ווערט.

און, דריטענס, האט האמילטאן גע'טענה'עט, אויב דער אפמאך וועט צוריקגעוויזען ווערען, איז דא א גרויסע געפאר אז אמעריקע וועט אריינגעצויגען ווערען אין א מלחמה מיט ענגלאנד. א מלחמה איצטער, ווען דאס לאנד איז פול מיט פראנצויזישע פאטריאטען, וועט פירען צו א רעוואלוציע אין לאנד גופא. עס וועט דא געשען דאסזעלבע וואס אין פראנקרייך: די מאסען וועלען באפאלען די רייכע און וועלען ביי זיי אוועקנעמען אלץ וואס זיי פארמאגען.

האמילטאנ'ס ארגומענטען זיינען געצילט געווארען אריבער־צוגעווינען די רייכע, די סוחרים, די באזיצער פון ווערט־פאפירען, די לאנד־ספעקולאנטען. ער האט געזוכט זיי צו איבערצייגען, אז כאטש ענגלאנד האט זייערע פאדערונגען ניט נאכגעגעבען, לוינט זיך דאך פאר זיי בעסער דער אפמאך זאל אונטערגעשריבען ווערען. און זיינע ארגומענטען האבען געווירקט. די רייכע געשעפטסלייט פון דער נארט זיינען ביסלאכווייז ארויסגעקומען אפען פאר דעם אפמאך. זייער שטעלונג האט מיטגעבראכט, אז דער סענאט און פרעזידענט וואשינגטאן זאלען דעם אפמאך גוט־הייסען.

די סאוט איז געווען געגען דעם אפמאך. די צוויי פונקטען וואס האבען די סאוט אינטערעסירט אם מייסטען — די חובות און די שקלאפען — זיינען ביידע אנטשידען געווען געגען איר. דער אפמאך האט וועגען די שקלאפען קיין ווארט ניט דערמאנט, און וועגען די חובות האט דער אפמאך געזאגט, אז זיי מוזען צאלען.

דער „דזשעי אפמאך" האט פיל אפגעשוואכט די פעדעראליס־טישע פארטיי און פיל געשטארקט די רעפובליקאנישע פארטיי. די גאנצע סאוט איז איצט געווארען שטארק רעפובליקאניש. און אפילו אין דער נארט, אפילו צווישען די סוחרים און שיף־אייגענ־טימער, זיינען איצט געווען א סך וואס האבען מיט האמילטאנ'ען ניט געשטימט. דער אפמאך האט באשרענקט אמעריקע'ס האנדעל מיט אייראפע. ער האט איבערגעלאזט די אמעריקאנער מאטראזען,

אויף הפקר. א סך סותרים און שיף־אייגענטימער האָבען דאָס „ניט געקאָנט אראָפּשלינגען". טייל פון זיי האָבען אפילו גע'טענה'ט, אז עס איז בעסער צו גיין אין קריג און ריזיקירען אלץ צו פאר־לירען, איידער צו ערלויבען אזא ענגלאנד זאָל אזוי העזה'דיג באַ־לעבאטעווען איבער די ימ'ען.

דער „דזשעי אַפּמאַך" איז אויך געווען דער שטארקסטער קלאַפּ פאר'ן פּרעסטיזש פון וואשינגטאָנ'ס אדמיניסטראציע און פון וואשינגטאָנ'ען אליין. פּראָפעסאָר ביערד שרייבט: „נאָך דעם שטורם איבער דעם אַפּמאַך, האָט מען וועגען וואשינגטאָנ'ען גענומען ריידען, אז ער איז א ווערקצייג אין די הענט פון דער פעדעראַליסטישער פּארטיי, וואָס פּאראדירט אונטער דער מאַסקע פון פּאטריאָטיזם".

א קורצע צייט נאָכדעם ווי דער אַפּמאַך איז אונטערגעשריבען געווארען, האָט וואשינגטאָן פארעפענטליכט זיין באשלוס ניט צו לויפען פאר א דריטען טערמין אלס פּרעזידענט. צוזאמען מיט דעם באשלוס האָט ער אין דער פּרעסע אָפּגעדרוקט זיין אָפּשייד־רעדע („פערוועלל אדרעס"), וועלכע איז ביז היינטיגען טאָג פאר־רעכענט אלס א מין הייליגע צוואה. אין דער רעדע צייגט ער אָן אויף די דריי געפארען פון וועלכע דאָס פאָלק מוז זיך היטען: 1) איין טייל פון לאנד טאָר ניט קוקען מיט קנאה אָדער שנאה אויף א צווייטען טייל פון לאנד; 2) מען טאָר ניט דערלאָזען אז דאָ זאָל זיך אנטוויקלען א גייסט פון פּארטיי קאמף; 3) דאָס לאנד מוז זיך היטען ניט אריינגעפּלאָנטערט צו ווערען אין אייראָפּעי־אישער פּאָליטיק.

אויף דעם „אדרעס" האָבען די רעפּובליקאנער געענטפערט מיט א מבול פון אטאקעס און זלזולים. וואשינגטאָנ'ס באשלוס מער ניט צו לויפען פאר פּרעזידענט איז אויך באנוצט געוואָרען אלס א פּונקט פון אָנגריף. די רעפּובליקאנישע פּרעסע האָט ערקלערט, אז ער וויל ניט לויפען, ווייל ער ווייס אז ער וועט דורכפאלען. וואשינגטאָן איז פארגליכען געווארען צו די טיראנישע מאָנאר־כען, וואָס דאָס ענגלישע פאָלק האָט אראפּגעזעצט פון זייערע טראָנען. ער איז פארדאמט געוואָרען אלס א שונא פון די

מאסען, אלס א ווערקצייג פון די רייכע. די ביטערסטע אטאקע האט אויף אים געמאכט טהאמאס פעין, וועלכער איז דעמאלט געוועזן אין פראנקרייך. פעין האט אים אנגערופען „היפאקריט", „פאררעטער", „פעלשער". ער האט באשולדיגט וואשינגטאנ'ען, אז נאכדעם ווי ער איז געווארען פרעזידענט, האט ער פארראטען זיינע פריינד און האט אנטוויקעלט אין זיך א געפערליכען אפעטיט פאר חניפה, „און האט זיך ווי א משוגע'נער גענומען יאגען נאך כבוד".*)

אין דעם וואל־קאמף פאר פרעזידענט, אין יאר 1796, האט די פעדעראליסטישע פארטיי ארויסגעשטעלט אלס איר קאנדידאט פאר פרעזידענט דזשאן עדעמס. די רעפובליקאנישע פארטיי האט ארויסגעשטעלט טהאמאס דזשעפערסאן. די סיסטעם פון די וואלען איז נאך געוועזן די אלטע. דאס פאלק האט געוויילט עלעק־טארס, און די עלעקטארס האבען יעדערער געשטימט פאר צוויי קאנדידאטען. דער קאנדידאט וואס האט באקומען די גרעסטע צאל עלעקטארישע שטימען איז געווארען פרעזידענט, און דער וואס האט באקומען די נעקסטע גרעסטע צאל, איז געווארען וויים־פרעזידענט. דער רעזולטאט איז געוועזן, אז עדעמס האט געקראגען 71 עלעקטארישע שטימען און דזשעפערסאן 68. עדעמס האט זיך געפילט געקרענקט וואס זיין מאיאריטעט איז געוועזן אזא קליינע. די רעפובליקאנער האבען אים די אלע פיר יאר וואס ער איז געוועזן פרעזידענט געהאלטען אין איין אויפווארפען, אז ער איז „דער פרעזידענט מיט דריי שטימען".

---

*) טהאמאס פעין איז געוועזן אין פראנקרייך ווען די רעוואלוציע האט דארט אויסגעבראכען און ער האט זיך אין איר באטייליגט. שפעטער, ווען ראבעספיער איז ארויין אין מאכט, איז פעין ארעסטירט געווארען. ער האט אפעלירט צו וואשינגטאנ'ען, אבער וואשינגטאן האט זיך ניט געמיט פון זיינטוועגען. נאכ'ן טעראר איז פעין באפרייט געווארען, און וואשינגטאנ'ס פריינד זיינען מיט דער מיינונג, אז פעינ'ס אטאקעס זיינען געקומען פון דעם כעס וואס ער האט געטראגען אויף וואשינגטאנ'ען פון יענער צייט. ווען דזשעפערסאן איז געווארען פרע־זידענט, האט ער געשיקט א קריגס־שיף צו ברענגען פעינ'ען אהער פון פראנקרייך.

דעם 4טען מערץ, 1797, דעם טאָג ווען וואשינגטאָן איז ארונטער פון פרעזידענטען־שטול, האָט די רעפּובליקאַנישע צייטונג אין פילאדעלפיע, „די אָראָרא", געשריבען דאָס פאָלגענדע: „אויב עס איז ווען געווען א צייט פון פרייד, איז עס דער איצטיגער מאָמענט. יעדעס הארץ וואָס שלאָגט פאר פרייהייט און מיט א ווּאונש פאר'ן גליק פון פאָלק, מוז איצט פול זיין מיט שמחה, ווייל פון איצט אָן וועט וואשינגטאָנ'ס נאָמען מער ניט כשר'ן קיין פּאָליטישע פארברעכענס און מער ניט געזעצליך מאכען קיין קאָרופּציע".

קאפיטעל 16.

דזשאן עדעמס.

דזשאהן עדעמס איז געוועזן פון נאטור א קאבינעט מענש, ניט קיין פראקטישער טוער. פאר פאליטיק האט ער זיך אודאי ניט געפאסט. ער האט פיינט געהאט צו קהל'ן זיך, צו „מאכען זיך פריינט". ער האט נישט געהאט קיין שום פייאיגקייט צו בויען „פארטיי־מאשינען". ער איז געוועזן א צוריקגעצויגענער, אן עקשן, א מענש מיט פעסטע מיינונגען. ער האט א סך געלייענט, געלערענט און געדענקט. אלס דענקער איבער פאליטישע און עקאנאמישע פראגען, ווערט ער באטראכט צווישען די וויכטיגסטע פון זיין צייט אין די פאראייניגטע שטאטען.

נאך אין 1786 האט עדעמס אנגעשריבען א גרויס ווערק איבער רעגירונג און עקאנאמיע, וועלכעס איז דעמאלט בארימט געווארען אין אמעריקא און אין ענגלאנד. אין דעם דאזיגען ווערק צייגט זיך עדעמס ארויס פאר א קנאפען דעמאקראט. ער האלט ניט פון א רעגירונג אין וועלכער די גאנצע דעה און מאכט קומען פון די ברייטע פאלקס־שיכטען. אבער די פונדאמענטאלע פרינציפען, אויף וועלכע זיין פאליטישע פילאזאפיע שטיצט זיך, זיינען געזונטע און קלארע. אט איז א סך הכל פון זיין פאליטישער פילאזאפיע, ווי זי ווערט איבערגעגעבען פון פראפעסאר ביערד:

די געזעלשאפט איז איינגעטיילט אין קעמפענדיגע קלאסען, — די וויכטיגסטע פון די קלאסען זיינען צוויי: די רייכע און די ארימע.

די לײדענשאַפטן צו ערווערבען אייגענטום איז אזוי שטארק,

אַז זי באַזיגט אין דעם מענשען זיינע רעליגיעזע און מאָראַלישע געפילען.

די רייכע וועלען שטענדיג שטרעבען צו פארמערען זייער רייכטום אויפ'ן חשבון פון די אָרימע, און אויב מען וועט זיי ניט צוריקהאַלטען, וועלען זיי ווארשיינליך, דורך זייערע פייאיגקייטען, מיט דער צייט פארכאַפּען דאָס גאַנצע רייכטום פון לאַנד.

פון דעם עקאָנאָמישען קאַמף שטאַמען די פּאָליטישע קאַמפּען אין דער געזעלשאַפט, ספּעציעל צווישען די רייכע און די אָרימע. די קאַמפּען אין די מערסטע פאַלען ענדיגען זיך דערמיט, וואָס די אָרימע אונטערוואַרפען זיך אונטער א מאָנאַרך ער זאָל זיי באַשיצען געגען די רויבערישע רייכע. עס איז אויך דאָ אמאָל א מעגליכקייט, אז אַלס רעזולטאַט פון דעם עקאָנאָמישען קאַמף זאָלען די אָרימע אוועקרויבען דאָס אייגענטום פון די רייכע. דאָס פּאַסירט אין א לאַנד פון אַבסאָלוטער דעמאָקראַטיע, וואו די מאַיאָריטעט באַקומט די מעגליכקייט צו הערשען.

פרייהייט הייסט יענע סיסטעם אין וועלכער די אָרימע ווע־רען באַשיצט געגען די רויבערישע רייכע, און די רייכע ווערען באַשיצט געגען די אַטאַקעס פון די וואָס „ווילען אַלץ צוטיילען". פרייהייט הענגט אָפּ אָן דעם, אז אין לאַנד זאָל עקזיסטירען אָרד־נונג, און אַז די סיסטעם זאָל אויפגעהאַלטען ווערען אין א גלייכ־געוויכט, אָהן ענדערונג צו גונסטען דעם קלאַס אָדער יענעם קלאַס.

דורך פּרינציפּען פון מאָראַל אָדער רעליגיע, אָדער דורך טע־אָריעס וועגען פרייהייט, ווי ווייט זיי זאָלען ניט זיין פארשפּרייט צווישען עולם, קען קיין פרייהייט ניט דערגרייכט ווערען. די אַלע פּרינציפּען און טעאָריעס וועלען ניט צוריקהאַלטען איין קלאַס פון אַטאַקירען דעם אַנדערן קלאַס.

דערפאַר איז נויטיג א רעגירונג, אין וועלער די רייכע און די אָרימע זאָלען זיין פארטראָטען אַלס באַזונדערע קלאַסען. אי־בער די פאַרטרעטער פון אָט די צוויי גרופּען דאַרף שטיין אַן עקזעקוטיווע, וואָס זאָל זיין אומאָפּהענגיג, ניט געהערען צו קיין קלאַס. עס מוז אין דער רעגירונג אויך זיין אַן אומאָפּהענגיגע

גערעכטליכע מאכט, וועלכע זאָל האַלטען אין צוים די אַנדערע צווייגען פון דער רעגירונג.

אָט דאָס זיינען געווען די „פּרינציפּען" פון דעם צווייטען אַמעריקאַנישען פּרעזידענט.

דזשאָהן עדעמס האָט געגלויבט, אַז אין דער געזעלשאַפט גייט אָן אַ שטענדיגע מלחמה צווישען צוויי קלאַסען — אָרימע



דזשאָן עדעמס

און רייכע. אין אָט דעם גרונד־געדאַנק איז ער געווען וויסענשאַפטליך און פּראָגרעסיוו. פּראָגרעסיוו איז אויך זיין געדאַנק, אַז פון דעם עקאָנאָמישען קאַמף ווערען געבוירען פּאָליטישע פּאַרטייען. דער דריטער געדאַנק, אַז די עקאָנאָמישע אינטערעסען לאָזען זיך ניט באַאיינפלוסען פון מאָראַלישע און רעליגיעזע פּרינציפּען, איז אויך מאָדערן. דערביי אָבער שטעלט ער זיך

אָפּ. ער האָט געגלויבט, אז די בעסטע אָרדנונג איז די עקזיס־טירענדיגע, אן אָרדנונג וואו עס זיינען פאראַן רייכע און אָרימע. ער האָט געגלויבט אז די רייכע דאַרפען זיין רייך, ווייל זיי זיי־נען ענערגישער און פייאיגער און קליגער ווי די אָרימע, און אז דערפאַר איז פּריוואַט אייגענטום הייליג. ער האָט נאָר מורא גע־האַט, אז אויב מען וועט די רייכע געבען אַ פרייע האַנט, וועט־לען זיי גיין צו ווייט און וועלען צונעמען אלץ. די אויפגאַבע פון דער רעגירונג דאַרף דעריבער זיין, אַכטונג צו געבען אז אין דעם שטענדיגען קאַמף צווישען די צוויי קלאַסען זאָל דער אָדער יענער קלאַס ניט איבערטרעטען די גרענעצען, זאָל ניט רויבען די רעכטע פון דעם אַנדערן צד.

וואָס פאַר אַ רעגירונג קען אַמבעסטען דינען דעם דאָזיגען ציל? אַ רעגירונג וואָס האָט גלייכע פאַרטרעטער פון ביידע קלאַסען, און איבער די פאַרטרעטער אַ מאַכט וואָס שטייט אוי־סערהאַלב און איבער די ביידע קלאַסען.

עדעמס האָט דערפאַר געגלויבט, אז די רעגירונג דאַרף זיין אָרגאַניזירט אזוי: אַ קאָנגרעס פון צוויי צווייגען: אַ סענאַט, וואָס זאָל פאַרטרעטען די רייכע און אַ „האוז אָוו רעפּרעזענטאַ־טיווס" וואָס זאָל פאַרטרעטען די אָרימע; די סענאַטאָרען זאָ־לען זיין אַ מין אַריסטאָקראַטיע, געוויילט בלויז פון די רייכע. איבער דעם קאָנגרעס זאָל שטיין אן עקזעקוטיווע, אַ פּרעזידענט, וועלכער זאָל ניט ערוויילט ווערען פון פאָלק, ער זאָל ניט גע־הערען צו דעם אָדער יענעם קלאַס און זאָל ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר דעם אָדער יענעם קלאַס. דאָס זעלבע אויך מיט ריכטער: זיי זאָלען אויך שטיין אויסערהאַלב די קלאַסען. אראָפּ־זעצען אַ ריכטער זאָלען קענען בלויז ביידע צווייגען פון קאָנגרעס צוזאַמען. דאָס הייסט, איין צד אליין זאָל ניט האָבען די מעג־ליכקייט אראָפּצוזעצען אַ ריכטער פון זיין אַמט.

די רעפּובליקאַנער האָבען באַטראַכט עדעמס'ן אַלס אַ שונא פון דעמאָקראַטיע. זיי האָבען אים קריטיקירט מיט דיזעלבע ווערטער ווי האַמילטאָנ'ען: זיי האָבען אים גערופען „אַריס־טאָקראַט", „מאָנאַרכיסט". אין דער אמת'ן איז צווישען עדעמס'ן

און האַמילטאָנ׳ען געווען אַ גרויסער אונטערשייד. האַמילטאָן האָט געגלויבט, אַז די רעגירונג דאַרף זיין פון די רייכע און פאַר די רייכע. ער האָט געהאַלטען, אַז די רעגירונג קען בלויז דעמאָלט האָבען אַ פעסטען יסוד ווען עס איז פאַראַן אַ באַשטימטער קלאַס אין דער געזעלשאַפט וואָס איז פאַראינטערעסירט אין איר, וואָס דאַרף זי האָבען. האַמילטאָן האָט געשטרעבט דערצו, אַז די אַמעריקאַנישע רעגירונג זאָל מאַכען אַזעלכע געזעצען, דורך וועלכע זי זאָל ווערען די רעגירונג פון די רייכע; אַז די רייכע זאָלען פילען אַז עס איז פאַר זייער טובה די רעגירונג זאָל עקזיסטירען. האַמילטאָן האָט ניט געגלויבט, אַז די רעגירונג קען באַשיצען ביידע קלאַסען, קען זיין די אויפהאַלטערין פון גערעכטיגקייט פאַר ביידע קעמפּענדיגע צדדים. עדעמס האָט דאָס יאָ געגלויבט. עדעמס האָט ניט געוואָלט אַ רעגירונג בלויז פאַר די רייכע. ער האָט געוואָלט אַ רעגירונג פאַר ביידע קלאַסען, אַ רעגירונג וואָס זאָל באַשיצען די רייכע געגען די אָרימע און די אָרימע געגען די רייכע.

די גרונט־פּרינציפּען זיינען ביי זיי ביידען געווען דיזעלבע: זיי האָבען ביידע געגלויבט אין דעם, אַז די רעגירונג איז אַ פּראָדוקט פון עקאָנאָמישע אינטערעסען. זיי האָבען ביידע געגלויבט אין דעם קלאַסען־פונדאַמענט פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. זיי זיינען זיך אָבער פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דער ווייטער־דיגער ענטוויקלונג פון זייערע גרונט־פּרינציפּען. האַמילטאָן איז געווען אַ קלאַסען־באַוואוסטער אַריסטאָקראַט, אַ קלאַסען־באַוואוסטער קאַפּיטאַליסט, און האָט געוואָלט אַ רעגירונג פאַר זיין קלאַס. עדעמס איז געווען אַ טעאָרעטיקער, און האָט געגלויבט אַז עס איז מעגליך אויף אַ פונדאַמענט פון קלאַסען־אינטערעסען אויפצושטעלען אַ רעגירונגס־געביידע וואָס זאָל זיין אָהן קלאַסען־אינטערעסען.

קאפיטעל 17.

פיר יאָר פון פּאָליטישער רעאַקציע.

אין די פיר יאָר פון ערעמס׳עס אדמיניסטראציע איז דער שטורם אין לאנד איבער דער אויסלענדישער פּאָליטיק שטארקער געוואָרען. די פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז געווען די זעלבע ווי אין וואשינגטאָנ׳ס צייט: זי האָט געשטיצט „דזשעי׳ס אָפּמאך", און האָט געדולדעט די באגרענצונגען וואָס ענגלאנד האָט ארויפּ־געלייגט אויף אמעריקע׳ס האנדעל און די געוואלד־טאטען, וואָס זי איז באגאנגען געגען אמעריקאנישע שיפען און מאטראָזען. אין דערזעלבער צייט האָט זיך ערעמס׳עס אדמיניסטראציע באצויגען שטרענג און פיינדליך צו פראנקרייך. דאָס האָט ארויסגערופען ביטערע קריטיק און אטאקעס פון דער רעפּובליקאנישער פּרעסע, פון די רעפּובליקאנישע פארטרעטער אין קאָנגרעס, און פון די רעפּובליקאנישע רעגירונגס־באאמטע. פראנקרייך האָט אויך ניט געשוויגען. זי האָט געפאָדערט פון אמעריקע דיזעלבע רעכט וואָס ענגלאנד האָט זיך גענומען. די באציאונגען צווישען די צוויי לענדער זיינען געווארען מער און מער אנגעצויגען. עס זיינען אפילו געווען מאָמענטען, ווען עס האָט אויסגעזען, אז א מלחמה צווישען פראנקרייך און אמעריקע איז אומפארמיידליך.

לויט דעם „דזשעי־אָפּמאך", האָט ענגלאנד זיך גענומען דאָס רעכט צו נעמען געפאנגען אמעריקאנישע שיפען, וואָס האָבען געפירט סחורה אָדער מאטעריאלען קיין פראנקרייך. איר אויסרייד איז געווען, אז די מאטעריאלען קענען באנוצט ווערען פאר מלחמה־צוועקען. צו פראנקרייך אָבער האָט אמעריקע אזעלכע רעכט ניט געגעבען. פראנקרייך האָט געמעגט נעמען געפאנגען

נאר אזעלכע שיפען, וואס האבען געפירט קריגס־קאנטראבאנד. פראנקרייך האט געטענה'עט, אז זי זעט ניט איין, פארוואס ענגלאנד זאל מעגען טאן זאכען וואס זי, פראנקרייך, טאר ניט. און די פראנצויזישע רעגירונג האט ארויסגעגעבען א באפעל צו אירע קריגס־שיפען, זיי זאלען באהאנדלען די אמעריקאנישע האנדעלס־שיפען פונקט ווי ענגלאנד באהאנדעלט זיי.

פראנקרייך האט אויך פראטעסטירט געגען דעם, וואס אמע־ריקע ערלויבט אז ענגלאנד זאל ארונטערנעמען מאטראזען פון אמעריקאנישע שיפען, ווארים דאס איז דאך געווען א גרויסע שטיצע פאר ענגלאנד, ווייל זי פלעגט די מאטראזען אריינצווינגען אין דינסט אין דער ענגלישער פלאטע. די ענגלישע שיפען האבען זיך אויך גענומען דאס רעכט אריינצופירען אין די אמעריקאנישע האפענס געפאנגענע פראנצויזישע שיפען. ענגלאנד פלעגט אויך באוואפענען אירע שיפען אין אמעריקאנישע האפענס, כאטש דאס איז לויט'ן אינטערנאציאנאלען געזעץ ניט ערלויבט.

פראנקרייכ'ס פראטעסטען האבען ניט געהאלפען. זיינען די פראנצויזען אריבער פון ווערטער צו מעשים. זיי האבען אנגע־הויבען צו נעמען געפאנגען אמעריקאנישע שיפען, וואס האבען געפירט האנדעל מיט ענגלאנד און מיט די ענגלישע אינזלען אין די וועסט־אינדיס. הונדערטער אמעריקאנישע שיפען זיינען ארייג־געפאלען אין די פראנצויזישע הענט, און די פעדעראליסטישע צייטונגען פלעגען דערציילען שרעקליכע געשיכטעס וועגען די ברו־טאלע באהאנדלונגען, וואס די אמעריקאנישע קאפיטאנען און מאט־ראזען האבען געהאט אויסצושטיין ווען זיי זיינען אריינגעפאלען אין די הענט פון די פראנצויזען.

דער אמעריקאנישער אמבאסאדאר אין פראנקרייך איז פריער געווען דזשיימס מאנראו, א הייסער רעפובליקאנער. ווען די באציאונגען צווישען די צוויי לענדער זיינען געווארען אנגע־שטרענגט, האט אים די רעגירונג צוריקגערופען פון פראנקרייך. זי האט אים ניט געטרויט, אז ער וועט שטיצען איר פאליטיק. אויף זיין ארט איז געשיקט געווארען פינקני, א געטרייער פעדע־ראליסט. פראנקרייך האט אבער ניט געוואלט האבען פינקני'ן

און אים געהייסען פארלאָזען דאָס לאַנד. פּרעזידענט עדעמס האָט פאררופען א ספעציעלע זיצונג פון קאָנגרעס, און אין זיין „מעסעדזש" האָט ער אָנגעוויזען אויף די עולות וואָס פראנקרייך באַגייט געגען אמעריקע. נאָך הייסע דעבאטען, איז באשלאָסען געווארען צו באפעסטיגען דאָס לאַנד, צו בויען דריי נייע קריגס־שיפען, באפעסטיגען דעם ברעג און אָרגאַניזירען א מיליץ־ארמיי פון 80 טויזענט מאַן.

פּרעזידענט עדעמס האָט געהאָפט, אז די מיליטערישע הכנות וועלען איבערשרעקען פראנקרייך, און זי וועט זיך בויגען. א קורצע צייט נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען די מיליטערישע געזעצען, האָט עדעמס געשיקט א קאָמיסיע פון דריי פּערזאָן צו אונטערהאנדלען מיט דער פראנצויזישער רעגירונג. די קאָמיסיע האָט געהאט נאָך אַן ערגערען אָפּשניט, ווי מר. פּינקני. די פראנצויזישע רעגירונג האָט זי ניט אויפגענומען. אָנשטאָט דעם האָבען אומאָפיציעלע אַגענטען געלאָזט וויסען דער קאָמיסיע, אז אויב אמעריקע וועט געבען פראנקרייך א גרויסע הלואה און וועט אונטעררוקען געוויסע מיטגלידער פון דער פראנצויזישער רעגירונג כּאבאר פון א פערטעל מיליאָן דאָלאר, וועט מען מיט איר אונטערהאנדלען. די קאָמיסיע האָט דעם אָנבאָט צוריקגעוואָרפען. ווען מען האָט זיך אין אמעריקע דערפון דערוואוסט, האָט זיך אויפגעהויבען א שטורם פון צאָרן. עדעמס האָט ערקלערט, אז ער וועט מער קיין פּאָרשטייער קיין פראנקרייך ניט שיקען, סיידען ער וועט פּאָראויס זיין זיכער, אז דער פּאָרשטייער וועט אויפגענומען ווערען מיט'ן כבוד „ווי עס פּאַסט פאר א פּאָרשטייער פון א גרויסען, פרייען, מעכטיגען און אומאָפּהענגיגען לאנד".

פון אלע עקען לאנד זיינען אָנגעקומען רעזאָלוציעס צום פּרעזידענט, מיט פארזיכערונג, אז דאָס פאָלק וועט אים שטיצען אין אלץ וואָס ער וועט טאָן, אפילו ווען ער וועט רופען אין קריג. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען געזעצען, וועלכע האָבען טאַקע געשמעקט מיט מלחמה. איינס אזא געזעץ האָט געגעבען האנדעלס־שיפען דאָס רעכט זיך צו באוואפענען און זיך פארטיידיגען געגען

פראנצויזישע קריגס־שיפען. א צווייטער געזעץ האט געשאפען אן ארמיי פון צען טויזענט פרייוויליגע סאלדאטען אויף א טערמין פון דריי יאר. א דריטער געזעץ האט געשאפען א פלאטען־דעפארטמענט אין דער רעגירונג.*)

איצט האט זיך פראנקרייך דערשראקען. אין 1799 האט די פראנצויזישע רעגירונג געלאזט וויסען, אז זי איז וויליג אויפצו־נעמען אמעריקע׳ס פארשטייער און פארהאנדלען וועגען אן אפמאך. ערעמס, וועלכער האט די גאנצע צייט קיין מלחמה ניט געוואלט, האט געשיקט פארשטייער, און אין סעפטעמבער, 1800, איז ענד־ליך געשלאסען געווארען אן אפמאך צווישען אמעריקע און פראנק־רייך. די געפאר פון א מלחמה איז פאראיבער.

אין די זומער מאנאטען פון 1798, ווען דער מלחמה־פיבער האט דערגרייכט א גאר הויכען גראד, און א כוואליע פון פאט־ריאטיזם האט זיך פארשפרייט איבער׳ן לאנד, האט די פעדעראלע אדמיניסטראציע זיך דערפילט שטארק גענוג זיך צו פארמעסטען געגען אירע שונאים, די רעפובליקאנער. יארען לאנג האבען די געגנער זי געשימפט און געזידעלט. איצט איז ענדליך געקומען די געלעגענהייט איין מאל פאר אלע מאל פארשליסען זייי די מיילער, אדער טייל פון זיי גאר איינגאנצען ארויסיאגען פון לאנד.

אין קאנגרעס זיינען פאר דעם צוועק אריינגעבראכט געווארען דריי געזעץ־פראיעקטען, און מיט דער הילף פון פרעזידענט ערעמס זיינען זיי אלע דורכגעשטופט געווארען. אט די דריי געזעצען האבען עס געזאלט אונטערדריקען די עפענטליכע אטאקעס אין דער פרעסע און אויף פארזאמלונגען געגען די באאמטע און דער

*) אין פארבינדונג מיט אט דעם עפיזאד איז געשאפען געווארען דאס בארימטע שלאג־ווארט אין דער אמעריקאנישער געשיכטע: „מיליאנען פאר פארטיידיגונג, אבער קיין סענט פאר קאנטריבוציע“. ווער עס האט דער ערשטער דאס ארויסגעזאגט, ווייס מען ניט אויף זיכער. מען שרייבט עס צו צו איינעם פון דער קאמיסיע וואס איז געשיקט געווארען קיין פראנקרייך. עס זאל הייסען, אז דאס איז געווען זיין ענטפער אויף דעם פארשלאג פון די אגענטען, אז אמעריקע זאל „אונטערשמירען“ געוויסע באאמטע פון דער פראנצויזישער רעגירונג.

אדמיניסטראציע און געגען דער אלגעמיינער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

די ערשטע צוויי געזעצען זיינען געצילט געווען געגען אימי־גראנטען. אין לאנגען קאמף, וואָס איז אנגעגאנגען איבער דער פראנצויזישער רעוואָלוציע און איבער דער שטעלונג צו ענגלאנד און צו פראנקרייך, זיינען די אימיגראנטען געשטאנען מיט די רעפּובליקאנער אויף דער זייט פון פראנקרייך. אין אמעריקע זיינען דעמאָלט געווען ארום דרייסיג טויזענט פראנצויזישע אימי־גראנטען. די זיינען זעלבסטפארשטענדליך געווען מיט פראנקרייך. עס זיינען אויך אין די לעצטע יאָרען געווען אנגעקומען קיין אמע־ריקע א סך ענגלענדער און אירישע. דאָס זיינען געווען מייסטענס ליבעראלען און ראדיקאלען, וואָס זיינען פארפאָלגט געווארען אין ענגלאנד דערפאר, וואָס זיי האָבען אטאקירט די רעגירונג פאר באקעמפען די פראנצויזישע רעוואָלוציע. און אָט די אלע אימי־גראנטען זיינען דאָ געווען אויף דער זייט פון פראנקרייך. די פראנצויזען, ענגלענדער און אירישע האָבען א גרויסען אנטייל גענומען אין די דעמאָנסטראציעס געגען די פעדעראליסטען, אויף די פארזאמלונגען און פאראדען וואָס די רעפּובליקאנער פלעגען מאכען. די אינטעליגענטען צווישען זיי האָבען געשריבען אין די צייטונגען, ארויסגעגעבען פּאמפלעטען, געהאלטען רעדעס און אז. וו. אָט געגען זיי זיינען דאָס די צוויי געזעץ־פּראָיעקטען געצילט געווען.

דאָס ערשטע געזעץ־פּראָיעקט, אדער „ביל" האָט געלויטעט, אז כדי צו ווערען א בירגער, מוז אן אימיגראנט דאָ וואוינען ניט ווייניגער ווי 14 יאָר (לויט דעם אלטען געזעץ איז גענוג געווען ער זאָל דאָ וואוינען 5 יאָר). דער „ביל" האָט אויך געפאָדערט, יעדער אימיגראנט זאָל זיך מוזען רעדזשיסטרירען. ער זאָל, הייסט עס, פאקטיש געשטעלט ווערען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג.

דער צווייטער ביל האָט געלויטעט, אז דער פּרעזידענט האָט דאָס רעכט ארויסצושיקען פון לאנד יעדען אימיגראנט וואס ער האַלט פאַר אומגעוואונשען. אויב דער אימיגראנט ווערט ארויס־

געוויזען און ער פאָלגט ניט און בלייבט אין לאַנד, קומט אים א שטראָף פון דריי יאָר תפיסה. אויב ער פאָרט ארויס און קומט צוריק, קומט אים אויך געפענגניש. דער פרעזידענט איז ניט מחויב צו ברענגען קיין קלאָגען געגען דעם אומגעווינשטען אימי־גראנט, וואָס ער וויל ארויסשיקען. דעם אימיגראנט ווערט ניט געגעבען קיין מעגליכקייט זיך צו פארטיידיגען. ווען דער פרע־זידענט באפעלט אים נאָך ארויסצופאָרען, מוז ער פאָלגען.

די צוויי ערשטע געזעצען זיינען, ווי געזאָגט, געצילט געווען געגען אימיגראנטען, געגען ניט־בירגער. דאָס דריטע געזעץ איז געצילט געווען געגען אייגענע, געגען אמעריקאנער. דאָס דריטע געזעץ האָט געלויטעט, אז דער יעניגער וואָס מאכט א פארשווע־רונג צו פארלעצען א געזעץ, אָדער דער וואָס זוכט צו ווירקען אויף א באַאמטען אָדער אויף א בירגער זיי זאָלען ניט פאָלגען א געזעץ, איז שולדיג אין פארראט און קען באשטראָפט ווערען מיט פינף טויזענט דאָלאר געלט־שטראָף און פינף יאָר תפיסה. ווייטער שרייבט פאָר דער ביל, אז דער יעניגער וואָס רעדט אָדער שרייבט, אָדער ווירקט, אז א צווייטער זאָל ריידען אָדער שרייבען, פאַלשקייטען אָדער פארלוימדונגען אָדער באליידיגונגען געגען דער רעגירונג, געגען דעם קאָנגרעס, אָדער געגען דעם פרעזידענט, קען באשטראָפט ווערען מיט צוויי טויזענט דאָלאר און מיט צוויי יאָר געפענגניש*).

די געזעצען וועגען ארויסשיקען פרעמדע און וועגען פארראט זיינען אנגענומען געווארען אויף א טערמין פון צוויי יאָר. נאָך דעם טערמין זיינען זיי פון זיך אליין בטל געווארען.

די האָפנונג וואָס די אדמיניסטראציע האָט געלייגט אויף די דאָזיגע געזעצען זיינען ניט פארווירקליכט געווארען. די ווירקונג איז געווען פונקט א פארקערטע. קיין זאך וואָס די אדמיניסטראציע האָט געטאָן ביז דעמאָלט האָט ניט ארויסגערופען אזוי פיל

---

*) דער „עספיאָנאַזש געזעץ" וואָס איז דורכגעפירט געווארען אונ־טער ווילסאָנ'ס אדמיניסטראַציע ווען אמעריקע איז אריין אין דער וועלט־מלחמה, איז געווען זייער ענליך צו דעם דאָזיגען געזעץ.

פּראָטעסטען, האָט ניט אויפגעוועקט אזא צאָרן, ווי אָט די דריי געזעצען, וועלכע זיינען באקאַנט אלס די „עיליען ענד סעדישאָן לאָאָס".

דער שטורם האָט דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט אין די שטאַטען קענטאָקי און ווירדזשיניא. די לעדזשיסלייטשורס פון די צוויי שטאַטען האָבען אנגענומען רעזאָלוציעס, אין וועלכע עס איז ערקלערט געווארען, אז די „עיליען ענד סעדישאָן" געזעצען זיינען געגען דער קאָנסטיטוציע, ווייל זיי רויבען אוועק פון איינוואוינער דאָס רעכט צו ריידען און שרייבען פריי, און אז דערפאר דארף זיך יעדער שטאַט אַנטזאגען די צוויי געזעצען צו פאָלגען. די רעזאָלוציעס זיינען פארפאסט געווארען שטילערהייט פון וויים-פּרעזידענט דזשעפערסאָן. ער האָט זיי צוגעשיקט צו זיינע פריינד אין קענטאָקי און אין ווירדזשינא מיט דער בקשה, אז זיי זאָלען ניט אויסזאָגען אז זיי שטאַמען פון אים*).

---

*) דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואס שטאַט רעגירונגען האָבען דערקלערט אַז זיי האָבען דאָס רעכט אַליין צו באַשטימען צי זיי ווילען פאלגען א געוויסען געזעץ פון דער נאציאָנאלער רעגירונג אָדער ניט. דאָס מאָל האָט די נאציאָנאלע רעגירונג פארשוויגען. אבער ענליכע פּאַלען אין די שפּעטערע יאָרען זיינען אַזוי גלאַט ניט אָפּגעלאָפען.

קאפיטל 18.

דער וואַל־קאַמף אין יאָר 1800

די פיר יאָר וואָס ערעמס איז געווען פּרעזידענט האָבען אין גאַנצען אונטערגעגראָבען דעם פונדאמענט פון דער פעדעראַליס־טישער פּארטיי. די ליניע צווישען די פעדעראַליסטען און די רעפּובליקאנער איז איצט געווארען קלאָר און דייטליך. יעדע פון די פּארטייען איז געקומען צום פאָלק מיט באשטימטע פּרינציפּען, מיט א באשטימטען פּראגראם. און אויף די פּרינציפּען און דעם פּראָגראם איז אויסגעקעמפּט געווארען די וואַלען פון יאָר 1800. געזיגט אין דעם קאמף האָבען די רעפּובליקאנער, און די פּעדע־ראַליסטישע פּארטיי איז קיינמאָל מער צו זיך ניט געקומען.

צוועלף יאָר זיינען די פעדעראַליסטען געווען אין מאכט. וואָס האָבען זיי אין דער צייט אויפגעטאָן? זיי האָבען געשאפען א נאַציאָנאַלע באנק, זיי האָבען געווירקט, אז די נאַציאָנאַלע רעגירונג זאָל איבערנעמען צענדליגע מיליאָנען חובות פון דער רעוואָלוציע, זיי האָבען אויפגעבויט א נאַציאָנאַלע ארמיי און א נאַציאָנאַלע פלאָטע, זיי האָבען ארויפגעלייגט פארשידענע אינער־ליכע שטייערען אויף שנאפּס, אויף הייזער, אויף שקלאפען, אויף ווערט־פאַפּירען. זיי האָבען גאראנטירט ענגלאנד די חובות וואָס די אמעריקאנער סוחרים זיינען געבליבען שולדיג די ענגלישע סוחרים ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע. זיי האָבען דורכ־געפיהרט געזעצען געגען אימיגראַנטען און באַגרעניצט די פרייהייט פון דער פּרעסע. זיי האָבען געפירט א פריינדליכע פּאָליטיק מיט ענגלאנד און א פיינטליכע פּאָליטיק מיט פראנקרייך.

יעדע פון אָט די אויפטועכצען פון די פעדעראַליסטישע אדמי־

ניסטראַציעס אונטער וואַשינגטאָן און ערעמס איז פון די רעפּוב־ליקאַנער באַקעמפט און פאַרדאַמט געוואָרען. טהאָמאַס דזשעפער־סאָן, דער טעאָרעטיקער און פירער פון די רעפּובליקאַנער, האָט אין זיינע שריפטען און רעדעס געזוכט צו באַווייזען, אז פון די אַלע זאַכען האָבען געוואונען די רייכע, די סוחרים, די באַזיצער פון ווערט־פּאַפּירען, די פאַבריקאַנטען, אבער אז די אַלגעמיינע מאַסע וואָס איז דעמאָלט באַשטאַנען פון פאַרמער האָבען דערפון געליטען. פאַר די געלט־מענשען, האָט ער גע'טענה'ט, איז עס געגרינדעט געוואָרען די באַנק; פאַר די באַזיצער פון די ווערט־פּאַפּירען האָט עס די רעגירונג איבערגענומען די חובות. צוליב די סוחרים וואָס האָבען געקראָגען קרעדיט אין ענגלאַנד האָט די רעגירונג אונטערגעשריבען דעם אָפּמאַך מיט ענגלאַנד, איר אַלץ נאָכגעגעבען און ממילא זיך איינגעריסען מיט פראַנקרייך. כדי צו באַשיצען דעם האַנדעל פון די סוחרים און דאָס אייגענ־טום פון די שיף־קאָמפּאַניעס האָט די רעגירונג גענומען בויען א פלאָטע און אָרגאַניזירען אַן אַרמיי. אזוי ווי אויף די אַלע זאַכען איז נויטיג געווען געלט, האָט די רעגירונג אַרויפגעלייגט שטייערען. די הוצאות פון דער רעגירונג האָבען אין די פיר יאָר פון ערעמס'עס אַדמיניסטראַציע זיך פאַרדאָפּעלט: אין 1796 האָט דער בודזשעט באַטראָפען וויינינגער ווי זעקס מיליאָן, און אין 1800 האָט ער שוין באַטראָפען נאָענט צו עלף מיליאָן.

די רעפּובליקאַנער האָבען באַשולדיגט די פעדעראַליסטען אז זיי זיינען אין האַרצען ענגלישע פּאַטריאָטען און מאָנאַרכיסטען. האַמילטאָן איז עס ווירקליך געווען און ער האָט עס גאָרניט באַ־האַלטען. די אַלע אַנדערע פירער פון די פעדעראַליסטען זיינען געווען רייכע אַריסטאָקראַטען און האָבען זיך ווירקליך געשראָקען פאַר'ן פאָלק. זיי האָבען זיך געשראָקען פאַר די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געפּריידיגט און פאַרשפּרייט צווישען די מאַסען. זיי האָבען אַלע מיטלען אָנ־געווענדעט צו דיסקרעדיטירען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט מאָטיווען פאַריוואָס זיי זיינען גע־נייגט געווען צו ענגלאַנד'ס צד אין דער מלחמה אין אייראָפּא און

פארוואס די פעדעראליסטישע רעגירונג האט זיך באצויגען פיינד־ליך צו פראנקרייך. די עקאנאמישע אינטערעסען, דער האנדעל מיט ענגלאנד און דער קרעדיט וואס די היגע סוחרים האבען אין ענגלאנד געקראגען איז געווען דער ערשטער מאטיוו, און די שרעק פאר די פרייע ראדיקאלע געדאנקען איז געווען דער צווייטער מא־טיוו.

די רעפובליקאנער האבען זיך ארויסגעשטעלט אלס די פאר־קעמפער און פארטיידיגער פון די פארמער. זיי האבען אפע־לירט צו די פארמער זיי זאלען אומווארפען די פעדעראלע רע־גירונג ווייל זי איז די רעגירונג פון די סוחרים, די געלט־מענשען און די פאבריקאנטען און אז זיי זאלען איבערגעבען די רעגירונג צו זיי, צו די רעפובליקאנער, וועלכע גלויבען אז די סוחרים, די פאבריקאנטען און די געלט־מענשען זיינען אן אומגליק פאר'ן לאנד.

אויף אט די ליניעס איז עס אנגעפירט געווארען דער וואל־קאמף פאר פרעזידענט אין יאר 1800. די פעדעראליסטען האבען אלס זייערע קאנדידאטען פאר פרעזידענט און וויס־פרעזידענט ארויסגעשטעלט דזשאן עדעמס און ס. ס. פינקני; די רעפובלי־קאנער האבען אלס זייערע קאנדידאטען ארויסגעשטעלט טאמאס דזשעפערסאן און אאראן באאר. דער קאמף איז געווען א פאר־צווייפעלטער. ביידע צדדים האבען זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיינע סקאנדאלען און בלבולים צו באקעמפען דעם געגנער. דזשע־פערסאן איז אטאקירט געווארען אלס אפיקורס, אלס אנארכיסט, אלס היפאקריט. עדעמס איז אטאקירט געווארען אלס מאנאר־כיסט, אלס פארקויפטער צו ענגלאנד, אלס א שונא פון פאלק. הינטער די בלבולים זיינען אבער געלעגען די עקאנאמישע אינטע־רעסען וואס האבען דעם קאמף געמאכט אזוי ערנסט. די רייכע, די סוחרים, די שטאט־מענשען האבען מורא געהאט אז דזשעפער־סאן וועט פארניכטען זייער אייגענטום אויב ער וועט ווערען פרע־זידענט; די פארמער האבען זיך געשראקען אז אויב עדעמס וועט ווידער אויסגעקליבען ווערען, וועלען זיי צודריקט ווערען אונטער

דעם יאָך פון שטייערען וואס די רעגירונג וועט אויף זיי ארויפ־לייגען אין די אינטערעסען פון די רייכע שטאָטלייט.

דער רעזולטאט פון די וואַלען איז געווען א פאָלשטענ־דיגער זיג פאר די רעפּובליקאנער. עדעמס און פינקני האָבען באקומען 65 שטימען; דזשעפערסאָן און באָאר האָבען באקומען 73 שטימען. די שטאטען פון ניו ענגלאנד, וואו דער האנדעל און פאבריקאנטען־קלאַס איז געווען מעכטיג, זיינען געגאנגען גע־שלאָסען פאר די פעדעראליסטען; די שטאטען פון דער סאוט, וואו די סוחרים און פאבריקאנטען און אקציעס־באזיצער זיינען געווען ווייניג אין צאָל, זיינען געגאנגען געשלאָסען פאר די רע־פּובליקאנער. די מיטעלע שטאַטען זיינען געווען צוטיילט.

איצטער האָט זיך אויפגעהויבען א נייע פּראָבלעם אויף וועל־כער מען האָט זיך גאָרניט געריכט. ווי עס איז שוין אין א פאָ־ריגען קאפּיטעל דערקלערט געווארען, האָט אין יענע יאָרען עק־זיסטירט אָט אזא סיסטעם פון קלייבען דעם פּרעזידענט און וויים־פּרעזידענט. יעדער עלעקטאָר פלעגט שטימען פאר צוויי פּערזאָן. ביים שטימען פלעגט ער ניט אָנדייטען וועמען פון די צוויי ער וויל פאר פּרעזידענט און וועמען פאר וויים־פּרעזי־דענט. מען פלעגט איבערציילען אלע שטימען. דער קאנדי־דאט, וועלכער האָט באקומען די גרעסטע צאָל שטימען איז ער־קלערט געווארען אלס פּרעזידענט און דער, וואס האָט געקראגען די צווייטע גרעסטע צאָל שטימען, איז ערקלערט געווארען אלס וויים־פּרעזידענט. אין דעם איצטיגען פאַל אָבער האָבעןביידע רעפּובליקאנישע קאנדידאטען באקומען פּונקט דיזעלבע צאָל שטי־מען, יעדער צו 73. די פראגע איז אלזא געווען ווער פון זיי זאָל ווערען פּרעזידענט און ווער וויים־פּרעזידענט?

די קאָנסטיטוציע זאָגט אז אין אזא פאל זאָל די נידעריגערע הויז פון קאָנגרעס, די האוז אָוו רעפּרעזענטאטיווס, באשטימען. די קאָנגרעסלייט פון יעדען שטאַט ווארפען איין שטימע. דער קאנדידאט וואָס קריגט די מאַיאריטעט פון די שטימען, דאָס הייסט, דער קאנדידאט, פאר וועמען עס שטימען א מאַיאָריטעט פון די שטאַטען, ווערט ערקלערט פאר פּרעזידענט. די לאַגע אין

יאר 1800 איז געווען אזא, אז די פעדעראליסטען האבען אין קאנגרעס געהאט די מאכט צו ענטשיידען ענטוועדער פאר דזשע־פערסאן אדער פאר באאר׳ן. אין די פאראייניגטע שטאטען זיינען דאן געווען זעכצען שטאטען, און בלויז אכט פון די זעכצען זיי־נען קאנטראלירט געווארען פון די רעפובליקאנער. עס איז דער־פאר נויטיג געווען צו קריגען איינעם פון די פעדעראליסטישע שטאטען צו געבען דזשעפערסאנ׳ען די נויטיגע מאיאריטעט. די מיינונגען פון די פעדעראליסטישע פירער זיינען געווען צוטיילט. די מערסטע פירער זיינען געווען דערפאר, אז אויב עס איז באַ־שערט צו האבען א רעפובליקאנישען פרעזידענט, איז באאר שוין בעסער ווי דזשעפערסאן. באאר איז געווען א ניו יארקער און א רייכער און אן אריסטאקראט. האבען זיי גערעכענט, אז ער וועט זיין א קלענערע געפאר פאר די געלד־מענשען. זיי האבען אויך געגלויבט, אז ער איז ניט אזוי פרינציפיעל ווי דזשעפערסאן, און מען וועט אים קאנען באאיינפלוסען, ער וועט זיך לאזען בויגען.

אן אנדער מיינונג האט אבער געהאט אלעקסאנדער האמיל־טאן. ער האט געגלויבט אז דזשעפערסאן איז א פראקטישער מענש און אז ער וועט זיין „פארזיכטיג מיט זיינע רעפארמען". ער האט דאך שוין איינמאל געהאט ערפאהרונגען מיט איהם אין דער פראגע פון די חובות. אט וואס האמילטאן האט וועגען די צוויי קאנדידאטען געשריבען: „דזשעפערסאן איז בעסער. ער איז ווייט ניט אזא געפערליכער מענש ווי מען מיינט. ער האט פרעטענזיעס אויף כאראקטער. פאר באאר׳ן האב איך ניט קיין גוט ווארט".

מיט בלויזען אויפפאסען דעם כאראקטער פון די צוויי קאנ־דידאטען האבען זיך די פעדעראליסטישע פירער ניט באנוגענט. זיי האבען שטילערהייט אונטערהאנדעלט מיט זיי ביידען, אנגע־באטען זייער שטיצע פאר געוויסע פארשפרעכונגען. דער גאנצער עפיזאד איז פארוויקעלט אין סודות און סתירות. ווי עס ווייזט אויס האט באאר מורא געהאט צו געבען די פעדעראליסטען הבטחות. עס זיינען פאראן באווייזען אז דזשעפערסאן האט אזוינע הבטחות געגעבען. ער האט עס ניט געטאן דירעקט, נאר דורך

א פּאַרמיטלער, א פריינד און א שכן זיינעם, וועלכער איז געווען א פעדעראַליסט. ער האָט פאַרשפּראָכען פיר זאכען: ערשטענס, ניט צו טשעפּען די פינאַנציעלע סיסטעם וואס האמילטאָן האָט איינגעשטעלט; צווייטענס, אָנצוהאלטען די פּאָליטיק פון נייטראַליטעט אין דער מלחמה צווישען ענגלאנד און פראנקרייך; דריטענס, פּאָרצוזעצען די פּאָליטיק פון אויפבויען א פלאָטע; פערטענס, ניט ארויסצוזעצען פון זייערע עמטער די פעדעראַליסטישע בעאַמטע.*)

די פעדעראַליסטען זיינען דאַן אריבער אויף דזשעפערסאָנ׳ס זייט. דזשעפערסאָן איז געוואָרען פרעזידענט און באָאר וויס־פּרעזידענט. דזשעפערסאָן האָט זיין פרעזידענט אמט געהאַט צו פאַרדאַנקען אַלעקסאַנדער האמילטאָן. ווען האמילטאָן וואָלט זיך ניט געשטעלט אויף זיין זייט וואלטען די פעדעראַליסטישע קאָנגרעסלייט העכסט װארשיינליך געשטימט פאר באָאר׳ן און אים געמאכט פאר פרעזידענט.

*) צי דזשעפערסאָן האָט ווירקליך געמאַכט די דאָזיגע פאַרשפּרעכונגען איז אַ פראַגע אין וועלכע היסטאָריקער זיינען צוטיילט. דזשעפערסאָן האָט עס אבסאָלוט געלייקענט. עס זיינען אָבער דאָ שטאַרקע באַווייזען אויף יאָ. פראָפעסאָר ביערד האָט די אַלע באַווייזען דורכגעזיפּט און קומט צום שלוס אַז דזשעפערסאָן האָט די פאַרשפּרעכונגען יע געמאַכט

קאפיטעל 19.

די פיאָנערען אין דער וועסט

א גרויסען חלק אין דזשעפערסאָנ'ס זיג (און לויט דער מיי־נונג פון טייל היסטאָריקער — דעם גרעסטען חלק) האָבען ביי־געטראגען די נייע גרענעץ־שטאטען, ווי אויך די גרענעץ־ישובים אין די אַלטע שטאטען. ביז דער רעוואָלוציע איז די קייט פון בערג (אפאלאטשיען מאונטעינס), וואָס ציט זיך איבער דער לענג פון אמעריקע אן ערך הונדערט מייל פון אטלאנטישען ברעג, געווען די גרענעץ פון די קאָלאָניעס. אויף יענער זייט פון אָט די בערג זיינען די קאָלאָניסטען ניט געגאנגען. די סבות זיינען געווען פארשידענע: ערשטענס, האָט דאָרט געלויערט די געפאהר פון די אינדיאנער; צווייטענס, איז דאָרט שווער געווען דורכ־צוברעכען א וועג דורך די בערג און דורך די וועלדער. דריי־טענס, האָט די ענגלישע רעגירונג אנטמוטיגט און אפילו פאר־באָטען די קאָלאָניסטען זיך דאָרט צו באזעצען. אָבער די רע־וואָלוציע און איר ערפאָלג האָבען געשאפען נייע אומשטענ־דען, וואָס האָבען געווירקט אז מאסען מענשען זאָלען אויס־וואנדערען פון זייערע היימען אין די אַלטע קאָלאָניעס און אימי־גרירען אויף יענער זייט פון די בערג. עס זיינען געשאפען גע־ווארען נייע ישובים אין דער נייער וועסט. אין יאָר 1800 האָט שוין די צאָל פון דער דאָרטיגער באפעלקערונג דערגרייכט ביז א מיליאָן. ווען מען נעמט אין באטראכט אז די גאנצע באפעל־קערונג פון די פאראייניגטע שטאטען איז דעמאָלט געווען ניט מער ווי פינף און א פערטעל מיליאָן, די נעגער אריינגערעכענט ווערט קלאָר די וויכטיגקייט פון דער נייער קאָלאָניזאציע.

דאָס לעבען אין די גרענעץ־ישובים איז געווען אַ גאַנץ אַנ־דער לעבען ווי אין דער עלטערער היים, אין דער איסט, פון וואַ־נען די קאָלאָניסטען זיינען געקומען. די נייע אומשטענדען האָ־בען געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דער גאַנצער פּסיכיק פון די מענשען. דאָרט, אין דער וועסט, האָבען די מענשען אָנגעהויבען אַנדערש צו דענקען, אָנגעהויבען אַנדערש צו פּיהלען, און אַנ־דערש צו האַנדלען ווי זייערע קרובים און פריינד, וואָס זיי האָבען געלאָזט הינטער זיך אין דער איסט. דאָס גרענעץ־לעבען האָט געשאַפען אַ נייעם טיפּ אַמעריקאַנער. און אָט דער נייער אַמע־ריקאַנער האָט איצט אָנגעהויבען לאָזען פילען זיין ווילען און זיין מאַכט אין דער פּאָליטיק פון לאַנד. ער איז געשטאַנען שטאַרק און פעסט פאַר דזשעפערסאָנ'ען, פאַר יענער נייער פּאָליטיק וואָס ווערט באַצייכענט מיט'ן נאָמען „דזשעפערסאָניען דעמאָקראַסי", דזשעפערסאָנישע דעמאָקראַטיע.

דער פּיאָנער וואָס האָט זיך באַזעצט אויף יענער זייט פון די בערג האָט גענומען אויף זיינע פּלייצעס אַ שרעקליך שווערע אויפגאַבע. ער האָט געמוזט קעמפען מיט אַ גרויזאַמער נאַטור און מיט אומפריינדליכע אינדיאַנער. ווען ער האָט שוין ענד־ליך פאַר זיך אָפּגעראַמט אַ שטיקעל ערד, אויסגעהאַקט אַ שטיקעל וואַלד, אויפגעבויט אַ שטיבעל און פאַרזייט אַ ביסל תבואה, האָט ער ערשט דערפילט זיין איינזאַמקייט, זיין עלענד. די פּיאָנע־רישע פאַמיליעס זיינען געווען צוואַוואָרפען, אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע אויף לאַנגע שטרעקעס. יעדע פאַמיליע איז געווען אַ וועלט פאַר זיך און אַלע צוזאַמען זיינען זיי געווען ווי פאַר־וואָרפענע ערגעץ אויף אַ ווייטען אינזעל, פאַרוואָרפען פון דער ציוויליזירטער וועלט פון דער איסט. יעדע פּיאָנערן־פאַמיליע האָט געמוזט מיט די אייגענע הענט זיך באַזאָרגען לעבענס־באַ־דערפנישען — אַליין בויען, אַליין אַקערען און זייען און שניידען, אַליין שפּינען און וועבען, אַליין זיך שוכען און קליידען, אַליין מאַכען מעבעל, אַליין פאַבריצירען געצייג און געווער. עס זיי־נען דאָרט ניט געווען קיין דאָקטוירים און קיין לערער, קיין שו־לען און קיין קירכען.

די הייזער זיינען געבויט געוואָרען פון קלעצער, געהאקט פון די געדיכטע וועלדער. דער נייער פּיאָנער פלעגט אליין אויסהאַקען די ביימער און דאן פלעגט ער צוזאמענרופען די שכנים, וועלכע פלעגען קומען רייטענדיג אויף פערד פון א מהלך פון דרייסיג־פערציג מייל און זיי פלעגען איהם העלפען צונויפשטעלען דאָס הויז. אזא געלעגענהייט פלעגט דאָרט געפייערט ווערען אלס א יום טוב צו וועלכען די שכנים פלעגען מיטברייגנגען זייערע פרויען און קינדער, אפילו די זויג־קינדער. דאָס לעבען איז געווען אזוי איינזאם, אז אלע פלעגען זיך אָנכאפּען אָן דער מינדסטער געלעגענהייט זיך צונויפצוקומען, און העלפען א שכן אויפשטעלען א הויז איז באטראכט געוואָרען אלס די בעסטע געלעגענהייט. אָט די בשותפות׳דיגע ארבייט איז באצייכענט געוואָרען מיט דעם נאָמען „לאָג־רייזינג״ (הויבען בערווענעס).

חתונות און לויות זיינען אויך אויסגענוצט געוואָרען פאר צוזאמענקונפטען. אלע פלעגען קומען און מען האָט געזוכט אין דעם איין טאָג פון טרויער אָדער פון פרייד אריינצוכאפּען אזוי פיל געזעלשאפטליכקייט ווי נאָר מעגליך. אין וואָס איז באשטאַנען „געזעלשאפטליכקייט״ ביי די דאָזיגע מענשען? ווי אזוי האָבען זיי געקענט פארברייגנגען איינער מיט׳ן אנדערן אז זיי האָבען דאָך איינע די אנדערע כמעט ניט געקענט, אז זיי האָבען זיך אזוי זעלטען געזען? האָט זיך ביי זיי אויסגעארבייט א זעהר אייגענארטיגע געזעלשאפטליכקייט: זיי פלעגען פארברייגען און הוליען אויף א וואולגארען, פּרימיטיווען אופן, אין שיכור׳ן, טאנצען און שפּרינגען.

אָט ווי אזוי מעקמעסטער שילדערט א „לאָג־רעיזינג״ יום־טוב:

„ווען א נייער קאָלאָניסט פלעגט אָנקומען, פלעגען די ארומיגע שכנים אויסבויען א הויז פאר איהם און זיי פלעגען אויסנוצען די געלעגענהייט א הוליע צו טאָן. מען פלעגט אויסקלייבען פיער מענשען אויסצוהאקען די קארבען אין די קלעצער, און בשעת די פיער האָבען געארבייט, האָבען די איבעריגע פארבראכט אין ראנגלען זיך, אין יאָגען זיך און פארשיידענע אנדערע שפּי־

לען. עס פלעגט אויך קומען צו קלעפּ, און איינע די אַנדערע פלעגען אַרויסנעמען די אויגען, מען האָט געשפּילט קאָרטען, גע־שכור׳ט, און געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבען דאַן באַטראַכט אַלס אונטערהאַלטונג. ווען די קאַרבען זיינען פאַרטיג געוואָרען, פלעגען אַלע צוזאַמען זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבייט, און אויפשטעלען דאָס הויז. דאָס פלעגט געדויערען ניט מעהר ווי עטליכע שטונדען״.

די געזעלשאַפט איז געווען אַ ווילדע, אַ וואולגאַרע, אַ פּרימיטיווע. עס איז ניט געווען קיין מאָראַל, קיין געזעץ, קיין מורא פאַר גאָט און ניט פאַר לייט. די גלחים פלעגען יענע ישובים רופען „די פעסטונג פון טייפעל״. צייטענווייז אָבער פלעגט דאָרט פלוצלונג אָנקומען אַ מאָראַלע, אָדער בעסער געזאָגט, אַ „רעליגיעזע דערוואַכונג״. די „דערוואַכונג״ פלעגט אויך אָננעמען אין אַ ווילדע, באַרבאַרישע פאָרמע. אָט וואָס דער היסטאָריקער מעקמעסטער דערצעהלט וועגען איינער אַזא „דערוואַכונג״:

„צוויי יונגע לייט האָבען אָנגעהויבען די גרויסע אַרבייט אין זומער פון 1799. זיי זיינען געווען ברידער, פּריידיגער. דאָס איז פאָרגעקומען ביים „רעד ריווער״. עס איז געווען פאַרזאַמעלט אַן עולם. מען האָט געבעטען די צוויי ברידער זיי זאָלען האַלטען רעליגיעזע דרשות פאַר׳ן עולם. איינער פון די ברידער האָט זיך פאַנאַנדערגעדרש׳ענט מיט אַ געוואַלדיגען ברען. זיין דרשה האָט געמאַכט אַ טיפען רושם אויף די פאַרזאַמעלטע. פיל האָבען געוויינט מיט טרערן. איין פרוי וואָס איז געזעסען אויף אַ הינטערשטער באַנק, האָט פלוצלונג גענומען שרייען. דער פּרעדיגער האָט זיך געלאָזען געהן צו איהר. דער עולם האָט איהם געבעטען ער זאָל דאָס ניט טאָן, מען האָט איהם אָבער ניט געקענט צוריקהאַלטען, און געהענדיג האָט ער זיך אויך צושריען מיט תפילות און געבעטען צו גאָט. זייערע געשרייען צו גאָט, ער זאָל זיך אויף זיי דערבאַרימען, זיינען געווען שרעקליך. אייניגע האָבען דערפילט אַז גאָט האָט זיי מוחל געווען, אָבער אַנדערע זיינען אַוועק גייסטיג פאַרוואונדעט, מיט אַ שרעקליכען ווייטאָג אין דער נשמה. די אויפרעגונג האָט זיך פאַר־

שפרייט איבער'ן גאנצען געגענד. א רעליגיעזע משוגעת האט ארומגעכאפט אלע ארומיגע ישובים. קאלאניסטען האבען אנגע־פאקט זייערע בוידען מיט בעטגעוואנט און עסענווארג, און זיך געשלעפט פון פופציג מייל צו הערען דעם יונגענמאן פריידיגען.

„די אידעע איז געווען א נייע. הונדערטע האבען זיך אן איר אנגעכאפט, און עס האט זיך אנגעפאנגען א באוועגונג פון „קעמפ"־מיטינגען. קיין זאך האט ניט געקענט צוריקהאלטען דעם שטראם. גאנצע פאמיליעס האבען געוואנדערט איבער לאנ־גע וועגען צו די מיטינגען. זיי האבען פארלאזען זייערע הייזער, פארלאזען די פעלדער אין רעכטען מיטען שנים, פארלאזען די זוויכטיגסטע ארבייט און זיינען געפארען הערען דעם פריידיגער. די מיטינגען פלעגען פארקומען אין א וואלד. מען פלעגט אויפ־שטעלען א פלאטפארמע, דער עולם פלעגט זיך צוזעצען אויף די פעניעס פון אויסגעהאקטע ביימער און אויף קלעצער. ארום און ארום זיינען געשטאנען די בוידען און די ביידלאך פון די אנגע־פארענע. זיי האבען זיך געצויגען אין לאנגע שורות, אזוי ווי גאסען. די תפילות און די דרשות פלעגען אנהאלטען פון אינ־דערפרי ביז ביינאכט, גאנצע טעג, און אמאל גאנצע וואכען נאכ־אנאנד. די פרעדיגער זיינען געוויינליך געווען גלחים, אבער אפט פלעגען געוויינליכע מענער און פרויען, און אמאל אפילו קינדער פון עולם אויפשפרינגען פון זייערע פלעצער און אנהויבען דרשנ'ען און זאגען תפילות. אין איין ארט האט זיך א מיידעלע פון זיבען יאר ארויפגעזעצט אויף די אקסלען פון א מאן, און האט אזוי לאנג גע'דרשנ'ט פאר'ן עולם, ביז זי איז געפאלען אין חלשות. אין אן אנדער ארט האט א אינגעל פון צוועלף יאר זיך אוועק־געשטעלט אויף אן אויסגעהאקטען בוים און געשריען תפילות צו גאט ביז וואנען די כחות האבען זיך ביי אים אויסגענומען. ער האט זיך אנגעפאנגען צו וואקלען, און צוויי מענער זיינען צוגעלאפען און האבען אים אונטערגעהאלטען, אבער ער האט זיינע תפילות פארגעזעצט, ביז וואנען ער האט שוין מער ניט געקענט ריידען, א פאר צענדליג פון עולם זיינען געפאלען חלשות לעבען זיינע פיס.

„אין טייל „קעמפּס" פלעגען די תשובה־פאַרזאַמלונגען פאָר־קומען ביינאַכט. פון די הונדערטע בוידען און ביידלאַך האָבען געפינקעלט רויטע פייערלאַך. אַרום און אַרום זיינען געלעגען די שאָטענס און די פינסטערניש פון די וועלדער. די פּרעדי־גער האָבען גע'מוסר'ט און תפלה געטאָן. פון עולם האָבען איינע געקרעכצט, אַנדערע געזונגען לויב־געזאַנגען צו גאָט. געוויינט און געקרעכצט האָבען אַזוינע וואָס האָבען זיך געפילט זינדיג, געזונגען האָבען די, וואָס זיינען זיכער געווען אַז גאָט האָט זיי שוין מוחל געווען. דאָס אַלץ האָט שטאַרק געווירקט אויף די נערוועז פון די שוואַכע, וועלכע פלעגען פון אויפרעגונג און שרעק פאַלען צו דער ערד, אַזוי ווי מיט אָפּגענומענע אברים. זיי האָבען ניט געקענט שרייען, זיך ניט געקענט באַוועגען. זיי פלע־גען ליגען ווי טויטע. מאַנכע פלעגען אַריינפאַלען אין ספּאַזמען. זיי פלעגען קרימען מיט די מיילער און וואַרפען מיט די הענט און פיס. מען פלעגט זיי מוזען אויפהייבען און אַוועקטראָגען, ביז זיי פלעגען צו זיך קומען"

עס זיינען געווען מיטינגען, צו וועלכע עס פלעגען קומען טויזענטע מענער, פרויען און קינדער. עס ווערט דערציילט, אַז צו איינעם פון אַזוינע קעמפּ־מיטינגען האָבען זיך פאַרזאַמעלט ניט ווייניגער ווי צוואַנציג טויזענט מענשען. דעם גאַנצען טאָג און די גאַנצע נאַכט זיינען מחנות מענשען געגאַנגען, זיך געשטויסען און זיך געריסען פון איין פּרעדיגער צום אַנדערען, געזונגען, גע־שריען, געלאַכט און געוויינט. אָט זיינען זיי געלאָפען הערען אַ נייעם בעטער, וועלכער האָט זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט אויף אַן אויסגעהאַקטען בוים און גענומען תפילה טאָן, און אָט האָבען זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו קוקען אויף איינעם, וואָס איז געפאַלען אַ „גע'חלש'טער" פון תפילה טאָן. אַזוי פיל מענער און פרויען זיינען געלעגען אויף דער ערד אין חלשות, אַז עס איז אוממעגליך געווען צו גיין, טאָמער וועט מען אויף עמיצען אַרויפטרעטען. טייל פון די געפאַלענע האָבען אפילו ניט געקענט ריידען. אַנדערע האָבען געקענט ריידען, אָבער ניט באַוועגען זיך. טייל האָבען געשליידערט מיט די פיס, זיי געקלאַפּט אין דער ערד, טייל האָבען געשריען

אזוי ווי זיי וואלטען געליטען גרויסע ווייטאגען, זיך געווארפען ווי פיש וואס מען נעמט ערשט ארויס פון וואסער. איינע האבען זיך געקייקעלט אויף דער ערד שטונדען נאכאנאנד, אנדערע זיינען געלאפען און שפרינגענדיג איבער בוימער האבען זיי געשריען: „מיר זיינען פארלארען! מיר זיינען פארלארען!" און אנטלאפען אין געדיכטען וואלד אריין.

שפעטער האט די אויפרעגונג אנגענומען נאך שרעקליכערע פארמען. איינע פון די אזעלכע פארמען האט זיך גערופען „טרייסלען", א צווייטע — „בילען", א דריטע — „דער הייליגער געלעכטער". דאס „טרייסלען" פלעגט פארקומען אזוי: דער זינדיגער פלעגט אנהויבען ווארפען מיט'ן קאפ הין און הער, ער פלעגט עס טאן מיט אזא שנעלקייט, אז עס איז אוממעגליך געווען צו דערקענען דאס פנים. אנדערע פלעגען ווארפען מיט'ן קערפער ארויף און אראפ, אזוי ווי א באל. אין די צייטען פון אזעלכע „דערוואכונגען" האט עס אויסגעזען עפעס אזוי ווי אלע וואלטען פון זינען אראפ. מענשען האבען אנגעהויבען צו חלומ'ען ווילדע חלומות. טייל האבען גענומען גלויבען, אז זיי זיינען גאר הינט. זיי פלעגען זיך שטעלען אויף אלע פיר און בילען, ביז זיי זיינען הייזעריג געווארען. דאס איז געווען די פארמע פון „בילען". מען פלעגט אפט זען ווי עס שטייען א גרופע מענשען נעבען א בוים און בילען „אויף דעם טייפעל, וואס באהאלט זיך אין די צווייגען". די דריטע פארמע, „דער הייליגער געלעכטער", איז באשטאנען אין דעם, וואס אין מיטען תפילה טאן פלעגט זיך איינער צולאכען, און אלע איבעריגע פלעגען אנגעשטעקט ווערען מיט'ן געלעכטער. דער גאנצער קעמפ פלעגט אויף אזא אופן פארהילכט ווערען פון עפעס אן אוממענשליכען, אן אומהיימלאכען געלעכטער *).

*) די „ריווייוועל מיטינגען" („ריווייוועל" — אויפלעבונג), פארזאמלונגען, צו וועלכע עס קומען זיך צונויף גרויסע מאסען מענשען און הערען זיך צו צו מוסר־זאגער און טוען תשובה דעריבער, קומען אין אמעריקא איצט אויך פאר, איבערהויפט אין די סאוט און אין די וועסט. אבער זיי נעמען שוין ניט אן אזעלכע ווילדע, בארבארישע פארמען, ווי אין יענער צייט פון דער פרימיטיווער וועסט.

דעם שווערסטען פּרייז פאַר אָט דעם שווערען פּיאָנערען־לעבען האָבען באַצאָהלט די פרויען און קינדער. זיי פלעגען אויס־שטאַרבען מאַסענווייז. אויף די בית־עלמינ׳ס פון יענע פּיאָנערען־ישובים פלעגט מען אָפט געפינען ליגען איין מאַן ארומגערינגעלט פון צוויי, דריי אָדער אפילו פיר פרויען. זעלטען ווען אַ פרוי האָט איבערגעלעבט איר מאַן. אויף איר איז געפאַלען אַ סך אַ שווערערע לאַסט. זי האָט געבאָרען און געהאָדעוועט די קינדער, געקאָכט און געבאַקען, געשפּונען, געוועבט און גענייט די קליידער פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. קיין וואונדער ניט, וואָס זי פלעגט פאַלען אין יאָך און יונגערהייט גיין פון דער וועלט.

די אימיגראַציע אין די וועסט איז געגאַנגען כוואַליעסווייז. די ערשטע כוואַליע איז באַשטאַנען פון ספּעקולאַנטען. די האָבען ניט געזוכט זיך צו באַזעצען אין יענעם ווילדען געגענד, נאָר צו מאַכען געלט פון קויפען און פאַרקויפען ערד. עס האָבען זיך געגרינדעט קאָמפּאַניעס, וואָס האָבען געקויפט מיליאָנען אַקער לאַנד. עס זיינען אויך געווען איינצעלנע פּערזאָנען, וואָס האָבען געקויפט אויף קרעדיט און גלייך פאַרקויפט צו די קאָלאָניסטען.

די גאָר ערשטע קאָלאָניסטען פלעגען ניט בלייבען זיצען אויף זייערע ערטער. עפּעס האָבען זיי ניט געקענט רוען, זיך באַזעצען און בלייבען אויף אַן אָרט. דאָס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען אין דער אַמעריקאַנער גע־שיכטע, אַן ערשיינונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטען צענדליגע יאָרען. די ערשטע קאָלאָניסטען פלעגען אַנטלויפען טיפער אין לאַנד אריין, ווייטער אין די וועסט, אַזוי שנעל ווי אַרום זיי פלעגט נאָר ווערען אַ שטיקעל ישוב. זיי פלעגען דאַן פאַרקויפען זייערע פאַרמס און הייזער, אָפט מיט אַ ריווח, און אליין פלעגען זיי זיך פאַרקלייבען אין אַ וואַלד, ערגעץ ווייט פון אַ ישוב, און אָנהויבען איבער־אַ־נייס האַקען בוימער, אָפּראַמען שטיינער, און צוגרייטען פאַר זיך אַ שטיקעל ערד צום אַקערען. דער היסטאָריקער מעקמעסטער שרייבט:
„אַן אַלמעכטיגע בענקשאַפט האָט אים געטריבען אַלץ ווייטער אין די וועסט, ביז וואַנען אַן אינדיאַנער האָט אים גע׳הרג׳עט, אָדער

דער הונגער, די קעלט און די שלעכטע שפייזען האָבען אים גע־טריבען אין א פריצייטיגען קבר. ווי־נאָר אזא קאָלאָניסט האָט אויסגעבויט זיין הויז פון קלעצער, אָפּגערייניגט אַן אַקער ערד, אויסגעהאַקט די בוימער און פאַרזייט א הויפען תבואה, איז ער געוואָרען אומגעדולדיג, און זיך גענומען קלייבען ווייטער אין וועג אריין. ער האָט ניט געקענט רוען, ביז וואַנען זיין קליינע פאַרם איז ענדליך פאַרקויפט געוואָרען און ער איז ווידער אריינגעקראָכען אין וואַלד און גענומען בויען א נייע היים פאַר זיך".

די צווייטע אָדער דריטע כוואַליע פון קאָלאָניסטען האָבען אָפּגעקויפט ביי די ערשטע, ביי די פּיאָנערען, זייערע פאַרמס. די נייע קאָלאָניסטען האָבען געמאַכט געוויסע אויסבעסערונגען אין די פאַרמס און דאַן זיי ווידער פאַרקויפט, און אַוועק ווייטער אין די וועסט. יעדער נייער קאָלאָניסט האָט געמאַכט אויסבעסערונגען, געבויט פאַר דעם נעקסטען קאָלאָניסט, און אַליין אַוועק טאָן די אַרבייט אויף דאָס ניי אויף דער נעקסטער סטאַנציע. מעקמעקמער שרייבט: „מענשען וואָס האָבען געדייזט אין וועסט ניו־יאָרק, האָבען דערציילט, אז זיי האָבען דאָרטען ניט געטראָפען קיין איינעם, וועלכער האָט זיך ניט אריבערגעקליבען פון איין ישוב אין אַן אַנדערען ווייניגסטענס זעקס מאָל. זייער שווער לעבען איז גאָר ניט צו באַשרייבען. זיי זיינען געווען שרעקליך אָרים. אין פילע פון די „באַטקעס" זיינען ניט געווען קיין פענסטער. בלויז א לאָך אין דאַך פאַר'ן רויך אַרויסצוגיין. ווינטער פלעגט דער שניי אריינבלאָזען אין שטוב דורך די שפּאַלטען צווישען די קלעצער און פון אונטער דער טיר".

נאָך די פּיאָנערען־כוואַליעס זיינען אָנגעקומען די אמת'ע קאָלאָניסטען, די וואָס האָבען זיך ענדליך אויף שטענדיג באַזעצט אויף דער צוגעגרייטער אויסגעטראָטענער ערד און האָבען גענומען בויען דערפער און שטעדט און אַנטוויקלען א ציוויליזאַציע. זיי פלעגען קומען פאַמיליענווייז, אמאָל עטליכע פאַמיליעס צוזאַמען, אמאָל א גאַנצע קהלה. זיי פלעגען פאָרען אין גרויסע בוידען און פירען מיט זיך זייער גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון דער אַלטער היים. די האָבען שוין אָנגעהויבען האַנדלען מיט די שטעדט אין

די איסט. זיי פּלעגען שיקען אין די איסט קויפען געצייג, קליידער, שנאַפּס, און פּלעגען פאַרקויפען צו די איסט תבואה און געהילץ.

די שטראָמען פון אימיגראַציע אין די וועסט האָבען זיך גע־צווייגען אויף פאַרשיידענע וועגען. איין שטראָם האָט זיך געצווייגען אין דעם נאָרדליכען טייל פון ניו יאָרק; אַ צווייטער — איבער דעם אָהייאָ טייך, פון פּענסילווייניאַ צו דער נאָרט־וועסט טעריטאָריע; אַ דריטער — דורך ווירדזשיניאַ און די אַנדערע שטאַטען פון די סאַוט — צו טענעסי און קענטאָקי. די וואַנדערער האָבען נאַטירליך געליטען אַ סך צרות פון די אינדיאַנער. אין דער נאָרט־וועסט טעריטאָריע (דער איצטיגער שטאַט אָהייאָ) זיינען אין די ערשטע ניינציגער יאָרען פאָרגעקומען שחיטות אויף די ווייסע. אַ פּאָר טויזענט קאָלאָניסטען זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען. די רעגירונג האָט אַריינגעשיקט אַן אַרמיי אַהין. אין דער ערשטער שלאַכט האָבען די אינדיאַנער געהאַט אַ גרויסען זיג. זיי האָבען די ווייסע אַרמיי אינגאַנצען צוקלאַפּט. פון די 2,300 ווייסע סאָלדאַטען זיינען גאַנץ געבליבען ניט מעהר ווי 600. עס ווערט דערציילט, אַז אינדיאַנער האָבען זיך באַגאַנגען שרעקליך גרויזאַם מיט די פאַרוואונדעטע; אַז זיי האָבען זיי צוריסען אברים־ווייז. פּרעזידענט וואַשינגטאָן האָט דאַן אַריינגעשיקט אַ גרעסערע אַרמיי אונטער דער פירערשאַפט פון אַנטאָני וועין, וועלכער האָט גע־טראָגען דעם צונעמעניש „משוגע'נער אַנטאָני". ער האָט, נאָך אַ קאַמפּאַניע פון אַ פּאָר יאָר, געצוואונגען די אינדיאַנער זיך אונ־טערצוגעבען, און אָהייאָ איז געוואָרען פריי און זיכער פאַר ווייסע קאָלאָניסטען.

ווי גרויס עס איז געווען דער שטראָם פון אימיגראַציע צו די וועסט, קען מען זיך אַ באַגריף מאַכען פון די פאָלגענדע פאַקטען: דער שטאַט ניו יאָרק, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסען שטח לאַנד אין די וועסט, האָט אין 1790 געהאַט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 340 טויזענט. אין 1800 איז זיין באַפעלקערונג שוין געווען 589 טויזענט. אין 1790 איז ניו יאָרק געווען דער פינפטער שטאַט אין צאָל פון באַפעלקערונג. אין 1800 איז ער שוין געווען דער

דריטער שטאט. פענסילווייניא, וועלכע האט אויך געהאט א גרויסען שטח אין די וועסט, איז די זעלבע צען יאר פארגרעסערט געווארען אין באפעלקערונג פון 434 טויזענט אויף 602 טויזענט. טענעסי, וועלכע איז געלעגען אינגאנצען אין די וועסט, האט אין 1790 געהאט א באפעלקערונג פון 35 טויזענט, און אין 1800 האט זי געציילט 105 טויזענט. קענטאקי, אויך א שטאט פון די וועסט, איז אין די צען יאר געוואקסען פון 73 טויזענט אויף 220 טויזענט. דער וואוקס ווערט נאך קלערער, ווען מען פארגלייכט די אויבענגעבראכטע ציפער מיט דער סטאטיסטיק פון די ניו־ענגלאנד שטאטען און פון די אנדערע שטאטען, וואס זיינען געלעגען הארט ביים ים. מאסאטשוסעטס האט אין 1790 געהאט א באפעלקערונג פון 378 טויזענט און איז געווען די פערטע אויף דער ליסטע. אין 1800 האט זי געהאט 422 טויזענט און איז שוין געווען די פינפטע אויף דער ליסטע. זי האט אין די צען יאר צוגעקראגען בלויז עטליכע און פערציג טויזענט, אדער 11 פראצענט פון איר פריערדיגער באפעלקערונג, בשעת ניו יארק איז געוואקסען אויף אן ערך פון 90 פראצענט, און טענעסי האט זיך פארגרעסערט אויף 300 פראצענט. קאנעקטיקוט האט אין 1790 געהאט א באפעלקערונג פון 237 טויזענט, און אין 1800 איז די באפעלקערונג געווען 251 טויזענט, א צוואוקס אינגאנצען פון ווייניגער ווי א האלבען פראצענט.

דאס איז דערפאר, וואס דער שטראם פון אימיגראציע איז געגאנגען פון די ניו־ענגלאנד שטאטען און פון די אנדערע שטאטען ביים אטלאנטיק צו די וועסט. אם שטארקסטען האבען די אימיגראציע צו די וועסט געפילט די ניו־ענגלאנד שטאטען, וואָרום זייער טעריטאריע איז געווען קליין און האט ניט פארכאפט קיין טיילען פון די וועסט, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט ניו יארק און פענסילווייניא.

ווי געזאגט, האט זיך אנטוויקעלט א גאנץ אנדער סארט געזעלשאפט ווי אין די אלטע שטאטען פון די איסט. דארטען האט געהערשט אן אמת'ע דעמאקראטיע, ווייל דארטען זיינען אלע

ווירקליך גלייך געווען. „אין די איסט איז דעמאָקראַטיע געווען ניט מער ווי אַ טעאָריע" — שרייבט פּראָפעסאָר פּעקסאָן, — „אין די וועסט איז דעמאָקראַטיע געווען אַ פאַקט". אַלע האָבען דאָרטען געפירט דעמזעלבען סאָרט לעבען. עס זיינען אין די וועסט אויך געווען רייכערע און אָרימערע פאַרמער. אָבער די רייכע האָבען געמוזט אַרבייטען אַזוי שווער ווי די אָרימע, און זיי האָבען געפירט דעמזעלבען שטייגער לעבען ווי די אָרימע, — אַליין געמאַכט זיך קליידער, אַליין געבויט און געאַקערט. איינער איז ניט אָנגעקומען צום צווייטען, קיינער האָט ניט געקענט באַלעבאַטעווען איבער'ן אַנדערען. יעדערער האָט זיך פאַרלאָזען אויף זיינע אייגענע צען פינגער אַרויסצוררייסען זיינע לעבענס־מיטעל פון דער ערד. וואָס ער האָט מיט די אייגענע הענט ניט געמאַכט, דאָס האָט ער ניט געהאַט. יעדער קאָלאָניסט האָט זיך אַליין פאַרזאָרגט, און אין אים האָט זיך אַנטוויקעלט דאָס געפיל פון אַבסאָלוטע זעלבסט־שטענדיגקייט, פון אַבסאָלוטען גלויבען אין זיינע אייגענע כחות און אין זיינע אייגענע פעהיגקייטען.

דער קאָלאָניסט אין דער וועסט, דער פּיאָנער, האָט געלעבט איינזאַם, פּרימיטיוו. ער האָט פיינט געהאַט אַז מען זאָל אים טשעפּען, מען זאָל זיך מישען אין זיינע אַנגעלעגענהייטען. אויף דער רעגירונג, וואָס האָט זיך געפונען אין די איסט, האָט ער געקוקט מיט חשד. צו וואָס דאַרף ער זי? די רעגירונג האָט אויף אים אַרויפגעלעגט שטייערען. זי איז אויף אים געווען אַ יאָך. ער האָט געוואוסט, אַז די שטייערען ווערען באַנוצט צו צאָלען די פּראָצענטען צו די רייכע אייגענטימער פון די רעגירונגס־פּאַפּירען. ער האָט געוואוסט, אַז מיט די געלט אָרגאַניזירט מען אַרמייען, אַז מען בויט פלאָטען. און אים האָט דאָס פאַרדראָסען. מען רייסט פון אים לטובת די רייכע אין דער איסט. ער איז דעריבער געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דזשעפערסאָנ'ען און דער רעפּוב־ליקאַנישער פּאַרטיי, וועלכע זיינען געווען געגען די חובות און געגען די שטייערען, געגען אַרמייען און געגען פלאָטען, און וועלכע האָבען גע'טענה'ט דיזעלבע טענות, אַז די רעגירונג דריקט אַרויס

געלט ביי די אָרימע פארמער אין דער סאוט און אין דער וועסט צוליב די רייכע אין דער איסט.

אין די ערשטע יאָרען נאָכדעם ווי עס איז אָרגאניזירט גע־וואָרען די נאָרט־וועסט טעריטאָריע, איז די פּאָליטיק פון דער רעגירונג געווען צו פארקויפען לאנד צו קאָמפּאניעס אָדער יחידים אין גרויסע שטרעקעס מיט אמאָל. די רעגירונג האָט געהאָפט, אז דורך דער דאָזיגער מעטאָדע וועט איר געלינגען אריינצוקריגען גרויסע סומען געלט מיט אמאָל. דער פּלאן האָט זיך אָבער באלד ארויסגעוויזען פאר א דורכפאל. בלויז דריי אזעלכע אנגראָ־מסחרים זיינען דורכגעפירט געוואָרען, און אין די דריי האָט די רעגירונג ארום און ארום פארקויפט אָנדערהאלבען מיליאָן אקער לאנד. אין 1796, נאָכדעם ווי די אינדיאנער זיינען פון דער טעריטאָריע פארטריבען געוואָרען, האָט די רעגירונג געענדערט איר פּאָליטיק. זי האָט גענומען פארקויפען לאנד צו יחידים, שטרעקעס פון 640 אקער. דער פּרייז איז געווען צוויי דאָלאר אן אקער. דער קויפער האָט געמוזט באצאָלען איין העלפט פון דער סומע באלד אויפ'ן אָרט, און די אנדער העלפט האָט ער געדארפט אויס־צאָלען אין משך פון ערשטען יאָר.

דער צווייטער פּלאן איז אויך ניט געראָטען. זייער ווייניג קאָלאָניסטען האָבען פארמאָגט א סומע פון 640 דאָלאר און נאָך ווייניגער האָבען געקענט מאכען די צווייטע איינצאָלונג אין משך פון ערשטען יאָר. ווי פּראָפעסאָר פּעקסאָן באמערקט: „דער קאָלאָניסט האָט זיך געפילט גליקלאך, אויב ער האָט אין א יאָר ארום געהאט וואָס צו עסען פאר זיך און זיין פאמיליע, און האָט זיך אויסגעדרייט פון די פארשיידענע סכנות, קראנקהייטען און אומגליקען".

אין 1794 האָט שוין די נאָרט־וועסט טעריטאָריע געהאט אזא גרויסע באפעלקערונג, אז זי האָט געראָגען די ערלויבניש צו דער־ווייל̈ען אן אייגענע „לעדזשיסלייטשור" און שיקען א פאָרשטייער אין קאָנגרעס. דער פאָרשטייער איז געווען וויליאם הענרי העררי־סאָן און א דאנק אים האָט די רעגירונג ווידער געמאכט אן ענדע־רונג אין איר פּאָליטיק: זי האָט זיך אראָפּגעלאָזען א ביסעל נידע־

ריגער צום אָרימען פאַרמער. די נייע פּאָליטיק איז באמת געווען א גרויסע הילף פאַר די קאָלאָניסטען. א געזעץ איז דורכגעפירט געוואָרען אין יאָר 1800, וואָס האָט פאָרגעשריבען, אז לאַנד אין דער טעריטאָריע זאָל פארקויפט ווערען אין שטרעקעס פון 320 אַקער. די רעגירונג האָט געעפענט „אָפיסעס" (קאָנטאָרען) אין עטליכע שטעדט פון דער טעריטאָריע — אין סינסינעטי, טשיליקאָט, מאַריאַטאַ און סטובענוויל. דאָרט האָט מען די ערשטע דריי וואָכען פארקויפט לאַנד אין „אָקשען". נאָך די דריי וואָכען האָט מען די רעשט ערד פארקויפט צו יעדען איינעם צו צוויי דאָלאַר אַן אַקער, אויסצוצאָלען אין פיר יאָר צייט. די ערשטע איינצאָלונג איז געווען 10 סענט פון יעדען אַקער, דאָס הייסט, 32 דאָלאַר פאַר דעם גאַנצען „לאָט". די איבעריגע געלט האָט דער קויפער געדאַרפט אויסצאָלען אין פאָלגענדע ראַטען: א פערטעל — פערציג טעג נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט דעם קאָנטראַקט; א פערטעל — אין צוויי יאָר אַרום; א פערטעל — אין דריי יאָר אַרום, און דעם לעצטען פערטעל — אין פיר יאָר אַרום. „דורך דעם פּלאַן", זאָגט פּראָפעסאָר פּעקסאָן, „איז די פאַראייניגטע שטאַטען געוואָרען א שותף מיט דעם קאָלאָניסט, וואָס האָט געוואָלט פּרובען מזל אויף קהל'שער טעריטאָריע". מיט דעם נייעם פּלאַן הויבט זיך אָן א נייער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע פון דער וועסט *).

---

*) מיט די ערשטע פּראָבעס צו פאַרקויפען לאַנד צו ספּעקולאַנטען-קאָמפּאַניעס איז פאַרבונדען איינער פון די שענדליכסטע סקאַנדאַלען אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע אין דער וועסט. אין א פריערינגען קאַפּיטעל איז דערציילט געוואָרען, ווי אַזוי די „אָהייאָ-קאָמפּאַניע" האָט גע'פּועל'ט ביים קאָנגרעס, ער זאָל איר פאַרקויפען א מיליאָן אַקער לאַנד. די איינפלוסרייכע לייט אין קאָנגרעס און די פּאָליטיקאַנטען פון ניו יאָרק האָבען אָבער אַנדערש ניט געוואָלט צולאָזען די רעגירונג זאָל שליסען דעם מסחר מיט דער קאָמפּאַניע סיידען די קאָמפּאַניע וועט אין דערזעלבער צייט אויך פון זייערטוועגען באַקומען א פּאָר מיליאָן אַקער. די קאָנגרעסלייט און „פּאָליטישענס" האָבען אָרגאַניזירט אַן אייגענע קאָמפּאַניע מיט'ן נאָמען „די סיאָטאָ", און די אָהייאָ-קאָמפּאַניע האָט פאַר איר באַקומען לאַנד. באַצאָלט האָבען די מיטגלידער

פון דער „סיאטא" גאַרניט. עס האָט געהייסען, אַז זיי וועלען שפּעטער צאָלען. אָבער גלייך ווי דאָס לאַנד איז זי באַוויליגט געוואָרען, האָט די „סיאטא" אַוועקגעשיקט אַן אַגענט קיין פראַנקרייך, וואו די רעוואָלוציע האָט ערשט אויסגעבראָכען, צו ברענגען קאָלאָניסטען פון דאָרטען. דער אַגענט איז געווען אַ באַוואוסטער פּאָעט פון יענער צייט, דזשאָעל באַרלאָו. ער איז אַוועק קיין פּאַריז, און האָט דאָרטען פאַרשפּרייט די ווילדסטע ליגענס וועגען די גליקען פון אָהייאָ. ער האָט דערציילט, אַז דאָרטען איז שטענדיג זומער; אַז עס איז אַ לאַנד וואָס פליסט מילך און האָניג; די ערד איז פּרוכטבאַר; די טייכען פול מיט די בעסטע פיש; פון די בוימער פליסט צוקער; אויף די קוסטען וואַקסען יאַגאָדעס, פון וועלכע מען קען אַרויסקוועטשען קוואַס. און דער פּאָעט טאַקע אַליין האָט פאַרקויפט די ערד — פאַר פינף שילינג אַן אַקער.

די פראַנצויזען האָבען געגלויבט און געקויפט. אין 1791 האָבען 500 פראַנצויזען פאַרלאָזען זייערע היימען און זיינען אַרויסגעפאָרען צו זייער געקויפטען לאַנד אין אַמעריקא. אַלע זיינען געווען שטאָדט־מענשען: סטאָליאַרעס, באַרבער, שניצער. אַגענטען פון דער „סיאטא" האָבען זיי אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף און זיי אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקא.

די צרות וואָס די מענשען זיינען אויסגעשטאַנען פון דער מינוט וואָס זיי זיינען אַרויף אויף'ן שיף, זיינען ניט צו באַשרייבען. מען האָט זיי געקאָרמעט מיט פאַרפוילטע שפּייז, מען האָט זיי געגעבען פאַר־פּעסטעטע וואַסער צום טרינקען. אַ סך פון זיי זיינען קראַנק געוואָרען. דאָ אין אַמעריקא האָט מען זיי מאַנאַטען־לאַנג געהאַלטען אין אַ האַפען־שטאָדט, און ערשט דאַן זיי אַוועקגעשלעפּט אין דעם „גן־עדן" אַריין, קיין אָהייאָ. דאָרטען האָבען זיי ערשט דערזען זייער אומגליק. מען האָט זיי געבראַכט אין אַ געדיכטען וואַלד, אָן אַ פּלאַץ דעם קאָפּ אַוועק־צולעגען. עסענוואַרג איז דאָרט שווער געווען צו קריגען, און דאָס ביסעל וואָס מען האָט געקראָגען איז געווען שרעקליך טייער. אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס לאַנד געהערט גאָר ניט צו דער „סיאטא" קאָמפּאַניע, ווייל זי האָט פאַר'ן לאַנד ניט באַצאָלט. די פראַנצויזישע קאָלאָניסטען האָבען גאָר קיין רעכט ניט געהאַט דאָרט זיך צו באַזעצען. די קאָמפּאַניע האָט ביי זיי דאָס געלט איינפאַך אויסגענאַרט. די אימיגראַנטען וואָס האָבען זיך געקענט ראַ־טעווען זיינען אַנטלאָפען. די וואָס האַבען אָבער קיין געלט ניט געהאַט אַוועקצופאָרען, האָבען געמוזט בלייבען. זיי פלעגען שטיין ביים ברעג טייך און בעטלען עסענוואַרג פון מענשען וואָס פלעגען פאַרבייפאָרען אין שיפלאַך. אַ רייזענדער, וואָס באַשרייבט די אומגליקליכע נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין דאָרטען אָפּגעווען אַ יאָר צייט, זאָגט וועגען זיי: „אָרימע, פאַרהונגערטע, קראַנקע פראַנצויזען! פון זייערע פּנים'ער

קוקען אַרויס קראַנקהייט און הונגער”. די פראַגע וועגען זייער לאַגע איז אויפגעהויבען געוואָרען פאַר’ן קאָנגרעס. אין 1795 האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסען אַוועקצושענקען צו דער גרופּע פראַנצויזען 24 טויזענט אַקער לאַנד. די וואָס זיינען געבליבען לעבען, האָבען ביסלאַכ־ווייז דאָס לאַנד אַנטוויקעלט און דאָרט אויפגעבויט אַ היים פאַר זיך.

קאפיטעל 20.

די איסט און די סאַוט אין 1800

אין יאָר 1800 האָט די באפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאַטען געציילט 5 מיליאָן און 300 טויזענט מענשען. אן ערך 900 טויזנט פון זיי זיינען געווען נעגער־שקלאַפען. דער גרעסטער שטאַט איז דאן געווען ווירדזשיניא, מיט א באפעלקערונג פון 880 טויזענט. נאָך ווירדזשיניא איז געקומען פענסילווייניא מיט 600 טויזענט נפשות. די דריטע אין דער ריי איז געשטאַנען ניו יאָרק מיט א באפעלקערונג פון 589 טויזענט.

צוויי דריטעל פון פאָלק האָבען געוואוינט אין די אלטע ישובים, ניט ווייטער ווי א הונדערט מייל פון אטלאנטישען ברעג. שטעט מיט מער ווי אכט טויזענט איינוואוינער זיינען אין גאַנצען לאַנד געווען ניט מער ווי זעקס. די גרעסטע און שענסטע שטאָט איז געווען פילאדעלפיע. אן אייראָפּייער רייזענדער האָט אפילו געשריבען, אז פילאדעלפיע איז איינע פון די שענסטע שטעט אין דער וועלט. איר באפעלקערונג האָט דערגרייכט ביז 70 טויזענט. אין די פאָריגע צען יאָר האָט ניו יאָרק זי גענומען שנעל אָניאָגען. פון 1790 ביז 1800 האָט ניו יאָרק פארדאָפּעלט איר באפעלקערונג כמעט פון 32 טויזענט אויף איבער 60 טויזענט. באָסטאָן איז, פארקערט, אין דער צייט אראָפּגעפאלען. זי האָט אָנגעהויבען צו פארלירען איר וויכטיגקייט. איר באפעל־קערונג האָט געציילט 25 טויזענט. אפילו באלטימאָר האָט זי אריבערגעיאָגט. די פינפטע גרויסע שטאָט איז געווען טשארלס־טאון, אין סאַוט קאראליינא, וועלכע האָט פארמאָגט 15 טויזענט מענשען.

די פיזישע באדינגונגען פון לאנד האבען כמעט אוממעגליך געמאכט פאר דער באפעלקערונג זיך אויסצושפרייטען. אין די צוויי הונדערט יאר וואס די אייראפעאישע קאלאניסטען האבען דא געקעמפט מיט דער נאטור האבען זיי ווייניג פארטשריט געמאכט. דאס לאנד איז געווען באדעקט מיט וועלדער, די מינעראלען און מעטאלען זיינען געלעגען אומבארירט אין זייערע שטיינערנע בעטען. דער פארקער איז געווען אן אומגעהייער שווערער. עס זיינען ניט געווען קיין שאסייען, קיין וועגען און קיין שטעגען. אפילו די אלטע ישובים, דאטען וואו די קאלאניסטען האבען זיך באזעצט פון אנפאנג אן און עס האבען שוין געלעבט און גע־ארבייט אין זיי עטליכע דורות מענשען, איז יעדער ישוב גע־ווען א וועלט פאר זיך, ווייל עס איז אזוי שווער געווען צוצוקו־מען מיט א פור. און די פור, די בויד, אדער „סטיידזש־קאוטש", ווי זי האט געהייסען, איז געווען דאס איינציגע פארקער־מיטעל. פון ניו יארק קיין באסטאן פלעגען גיין בוידען דריי מאל א וואך. די בויד פלעגט פארען בלויז בייטאג, און ביינאכט פלעגט זי זיך אפשטעלען אונטערוועגס אין א קרעטשמע. צווישען ניו יארק און פילאדעלפיא פלעגט לויפען א בויד יעדען טאג. די רייזע פלעגט געדויערען צוויי מעת לעת.

די דריי שטעט זיינען געווען די עלטסטע און ענטוויקעלט־סטע. די שאסייען צווישען זיי זיינען געבויט און באארבייט געווארען אין פארלויף פון 150 יאר. היינט אויב עס איז אזוי שווער געווען צו פארען אויף די דאזיגע אויסגעטראטענע שליאכען, קען מען זיך שוין פארשטעלען ווי די לאגע איז געווען אין אנדערע געגענדען פון לאנד. אם ערגסטען איז עס געווען אין דער סאוט, וואו עס זיינען כמעט גאר קיין שטעט ניט געווען. עס זיינען דארט געווען פארמס צו וועלכע עס איז כמעט אוממעגליך געווען ווען עס איז צוצוקומען. פארען אהין מיט א פור איז געווען אויסגעשלאסען; בלויז א רייטער אויף א פערד האט געקענט רי־זיקירען דורכצוברעכען פאר זיך א וועג דורך די געדיכטע וועלדער, טיפע זומפען און אנדערע שטערונגען. עס פלעגט געדויערען דריי וואכען אדער א מאנאט צו ברענגען א פור מיט מעל אדער טאבאק

פון לינטשבורג קיין ריטשמאָנד אין ווירדזשיניא, אַ שטרעקע פון ניט מער ווי ניינציג מייל. די פאַרמער וואָס האָבען געוואוינט פופציג מייל פון ריטשמאָנד (די וויכטיגסטע שטאָט דעמאָלסט אין ווירדזשיניא) פלעגען קומען אין שטאָט ניט מער ווי צוויי מאָל אַ יאָר. די צוויי מאָל פלעגען זיי אָנפּאַקען זייערע וועגענער מיט די פאַרם־פּראָדוקטען, זיי ברענגען אין שטאָט אַריין, פאַרקויפען, און אויף צוריקצוועגס אָנפּאַקען די פורען מיט דער סחורה וואָס זיי האָבען איינגעקויפט אין שטאָט.

די פּאָסט איז געפירט געוואָרען מייסטענס דורך רייטער. אַ בריף פון איין עק לאַנד ביז׳ן צווייטען, דאָס הייסט, פון מעין ביז ווירדזשיניא, פלעגט גיין דריי וואָכען. דערפאַר טאַקע האָט זיך דער עולם ווייניג־וואָס באַנוצט מיט דער פּאָסט. דורכשניטליך האָט יעדער איינוואוינער פון לאַנד געשיקט ניט מער ווי איין בריף אַ יאָר.

פיל לייכטער איז געווען צו פאָרען און צו פירען סחורה מיט׳ן וואַסער. אָבער אפילו דער וואַסער־פאַרקער האָט ווייניג פאָרשריט געמאַכט אין די ערשטע צוויי הונדערט יאָר. דער היסטאָריקער העינרי עדעמס שרייבט, אַז אַ רייזע קיין אייראָפּאַ איז דאַן געווען פאַרהעלטניסמעסיג באַקוועמער און רעגעלמעסיגער ווי אַ רייזע פון ניו יאָרק קיין אָלבאַני אָדער פּראָווידענס. פּאַסאַזשירען האָבען געמוזט וואַרטען ביז אַ שיף האָט אַנאָנסירט אַז זי איז גרייט אָפּצופאָרען. גאַנץ אָפט פלעגט אַ שיף קיין אָלבאַני אָדער פּראָווידענס זיך שלעפּען אַ גאַנצע וואָך.

מער ווי ניין־צענטעל פון דער באַפעלקערונג האָבען געלעבט פון פאַרמעריי. די מעטאָדען פון אַקערען, זייען, שניידען און דרעשען זיינען געווען די פּרימיטיווסטע, ניט בעסער ווי די מעטאָדען וואָס זיינען באַנוצט געוואָרען מיט טויזענט יאָר פריער. דער אַקער איז געווען אַ הילצערנער און איז געשלעפּט געוואָרן מיט אָקסען. געשניטען די תבואה האָט דער פאַרמער מיט אַ סערפּ, געדראָשען מיט „מלייצעס" אָדער שטעקענס, אָדער זיינע אָקסען און פערד פלעגען עס „אויסטרעטען". די ערד האָט ער קיינמאָל ניט באַמיסטיגט. די פעלדער פלעגען שנעל פאַרלירען

זייער פּרוכטבאַרקייט. דער פאַרמער איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזען די אויסגעצערטע שטיק ערד און גיין זוכען נייע פעל־דער. א רייזענדער האָט געמאכט די פאָלגענדע באַמערקונג: „לאַנדווירטשאַפט אין אַמעריקא באַשטעהט ניט אין באַארבייטען די ערד נאָר אין דערמאָרדען די ערד". ניט בעסער האָט דער פאַרמער באַהאַנדעלט זיין פי. די חזירים האָט ער געלאָזען ארומלויפען פריי, קיינער האָט אויף זיי ניט אכטונג געגעבען. די בהמות פלעגען זיך פיטערען אָן פאַסטוכער. האָבען זיי גע־פונען וואָס צו עסען איז געווען גוט, אויב ניט זיינען זיי ארומ־געגאַנגען הונגעריג. אין שטאַל פלעגט מען זיי ארייננטרייבען נאָר אין די גאָר קאַלטע ווינטער טעג. די איבעריגע צייט פלע־גען זיי זיין אין דרויסען.

א רייזענדער, וועלכער איז אין 1808 דורכגעפאָרען די ניו־ענגלאַנד שטאַטען האָט וועגען זיי איבערגעגעבען אזא באַריכט: „איך האָב פון דעם „יענקי" פריער א סך מער געהאַלטען. די שולען (מיט איינציגע אויסנאַמען) זיינען פאַרלאָזענע און האַלב איינגעפאַלענע די פעלדער זיינען באַדעקט מיט שטיינער, די סעדער זיינען צרה'דיגע, אויף א שטרעקע פון צוואַנציג מייל גע־פינט מען קוים איין פעלד וואָס איז פאַרזייט. די קרעטשמעס אונטערוועגענס זיינען שמוציג און געפּאַקט מיט בטלנים, וואָס זיצען און האַמפּערען זיך איבער פּאָליטיק און איבער געריכט־פּראָצעסען. די מענשען זיינען באַרייסער, פוילענצער און שווינד־לער".

וועגען דער דאָזיגער שילדערונג באַמערקט הענרי עדעמס, אז זי איז איבערטריבען, אָבער ער גיט צו אז אין געוויסע גע־גענדען אין די ניו ענגלאַנד שטאַטען זיינען די אומשטענדען גע־ווען אזוי ווי דער רייזענדער האָט באַשריבען.

די ווענט פון די הייזער זיינען געווען דינע און גאָרניט צו־געפּאַסט פאַר די קאַלטע, שטורמ'דיגע ווינטערען פון יענעם גע־גענד. די קירכעס האָט מען קיינמאָל ניט געהייצט. די קליי־דער זיינען געווען שלעכטע. פון סאַניטאַרע מעטאָדען האָט מען קיין באַגריף ניט געהאַט. דער רעזולטאַט איז געווען, אז עס

פלעגען פארקומען אפטע מגפות פון פארשידענע קראנקהייטען, איבערהויפט האבען געבושעוועט די שרעקליכע חלאת'ן שווינד־זוכט, טיפוס, סקארלאטין, דיפטעריע און רומאטיזם. דאס איז געוועזן די לאגע אין ניו ענגלאנד, וועלכע איז פאררעכענט גע־ווען אלס דער ציוויליזירטסטער טייל פון די פאראייניגטע שטא־טען. מען קען זיך שוין אליין פארשטעלען ווי עס איז געוועזן אין די אנדערע טיילען, איבערהויפט אין דער סאוט, וועלכע איז געווען פרימיטיוו אין פארגלייך מיט ניו ענגלאנד.

נאך פארמערייי איז די הויפט באשעפטיגונג פון פאלק געווען האנדעל. אמעריקא האט נאך פאר דער רעוואלוציע געפירט א באדייטענדען האנדעל מיט אייראפא און די וועסט אינדיס. די רעוואלוציע האט דעם האנדעל פיל געשטערט. נאך דער רעווא־לוציע האבען זיך אנגעהויבען די מלחמות אין אייראפא און ווי עס איז שוין דערציילט געווארען אין די פריערדיגע קאפיטלען, האבען די היגע סוחרים געהאט צרות פון אלע זייטען. דאך זיינען דער עקספארט און אימפארט שטארק געוואקסען. די אמע־ריקאנער שיפען האבען געפירט קיין אייראפא ניט בלויז אמערי־קאנישע סחורות נאר אויך די סחורות פון די וועסט אינדיס. אין יאר 1793 האבען די אמעריקאנער שיפען ארויסגעפירט פון אמעריקא פראדוקטען אין באטרעף פון 24 מיליאן דאלאר, און פון אויסלענדישע האפענס (פאר אנדערע אויסלענדישע הא־פענס) א באטרעף פון צוויי מיליאן דאלאר; אין 1801 האבען שוין די שיפען ארויסגעפירט פון די אמעריקאנער האפענס פרא־דוקטען אויף איבער 49 מיליאן דאלאר, און פון פרעמדע האפענס — אויף איבער 46 מיליאן. דער עקספארט פון די פרעמדע הא־פענס איז אנגעפירט געווארען אויף פאלגענדען אופן: פריער פלעגט די אמעריקאנער שיף ברענגען די סחורה אהער, אין א היגען האפען, און דערנאך זי אוועקפירען קיין אייראפא. דער האנדעל האט געבראכט ריזיגע פראפיטען פאר די היגע סוחרים. ניו יארק האט ארייננגעקראגען דעם האנדעל אין אירע הענט. זי האט שנעל איבערגעיאגט אירע צוויי קאנקורענטען, באסטאן און פילאדעלפיא. באסטאן האט זי איבערגעיאגט ווייל ניו יארק

ליגט נעהענטער צו די וועסט אינדיס; און פילאַדעלפיא האָט זי איבערגעיאָגט ווייל דער ניו יארקער האפען איז א בעסערער. צו פילאַדעלפיא מוז די שיף צופאָרען דורך א טייך, אָבער דער ניו יארקער האפען ליגט האַרט ביים ים. אין 1801 איז שוין ניו יארק געווען דער וויכטיגסטער האפען אין אמעריקא און איז עס פארבליבען ביז היינטיגען טאָג.

אין 1801 האָט אמעריקא ארויסגעשיקט קיין אויסלאַנד מער סחורות ווי זי האָט אריינגעפירט פון אויסלאַנד. אמעריקא האָט קיין אויסלאַנד פארקויפט פארם און וואלד פּראָדוקטען: ווייץ, בוימוואָל, טאבאק, פיש, געהילץ, פוטערוואַרג, פעל און אינדיגא. פון אויסלאַנד האָט זי אריינגעפירט צוקער, טיי און פאבריצירטע סחורות.

אין פאבריקאציע איז אמעריקא נאָך געווען הינטערשטעליג. אין די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר פון 18טען יאָרהונדערט איז אין ענגלאַנד פאָרגעקומען די „אינדוסטריעלע רעוואָלוציע". עס זיינען דאָרט געמאכט געוואָרען א גאנצע רייע וויכטיגע ערפינ־דונגען, מאשינען צו שפינען און וועבען, דאמף־מאשינען און אזוי ווייטער. מיט יענע ערפינדונגען הויבט זיך אָן די מאָדערנע עפּאָכע פון אינדוסטריעלער אנטוויקלונג. מאשינען האָבען אָנגע־הויבען צו פארנעמען דעם פּלאַץ פון מענשליכע הענט. צוליב די מאשינען האָט מען געמוזט אָרגאניזירען פאבריקען. אנשטאָט דעם וואס פריער פלעגט ארבייט געמאכט ווערען אין די היימען, האָט מען איצט אָנגעהויבען צו ארבייטען אין די פאבריקען. די געציייג פלעגט פריער באלאַנגען צו די ארבייטער; איצט האָבען זיי געהערט צו די באלעבאַטים. פריער פלעגט יעדערער וואָס האָט פאבריצירט סחורה אליין זיין סחורה פארקויפען. איצט האָט די סחורה געהערט צום באלעבאָס פון פאבריק; עס האָט זיך אנטוויקעלט די סיסטעם פון לוין־ארבייט. עס האָט זיך געגנר־מען אנטוויקלען דער קלאַס פון פּראָלעטאריער פון איין זייט און דער קלאַס פון קאפּיטאַליסטען פון דער צווייטער זייט. אין אָנפאנג פון 9טען יאָרהונדערט איז שוין די אינדוסטריעלע רע־וואָלוציע אין ענגלאַנד געווען ווייט אוועק. ענגלאַנד האָט שוין

פראָדוצירט סחורה פאר אויסלענדישע מערק אויף א גרויסען מאָסשטאב.

אין אמעריקא האָט עס אָבער נאָך געהאלטען זייער ווייט פון אן אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. ענגלאנד האָט שטענדיג פארבאָטען ארויסצופירען אין אן אנדער לאנד די מאָדעלען אָדער פּלענער פון אירע מאשינען. זי האָט אויך ניט ערלויבט די מעכאניקער, וואָס האָבען געוואוסט דעם אויפבוי פון די מאשינען, ארויסצופאָרען פון לאנד. אין אמעריקא איז די אינדוסטריע נאָך געווען אין דער „היימישער סטאדיע”. אָט איז א שילדערונג פון א שטעטעל אין מאסאטשוזעטס וואָס גיט א באגריף פון דעם אינדוסטריעלען צושטאנד אין יענער צייט:

„אין שטעטעל נאָרט ברוקפילד האָבען געוואוינט ארום טויזענט מענשען. כמעט אלע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט לאנדווירטשאפט. אפילו די געציילטע מעכאניקער זיינען אויך געווען פארמער. צווישען אָט די האלבע מעכאניקער און האלבע פארמער זיינען געווען: א שמיד, א טשוועק־מאכער, א מעכאניקער פון ביקסען, א רעדער־מאכער, א סטאָליער, א באָנדער, א שוסטער, א בעזעם־מאכער און א שניידער. די שוסטער האָבען געהאט זייערע ווארשטאטען אין די קיכען. זיי פלעגען אויך ארומגיין צווישען די פארמער, טראָגען מיט זיך זייער געצייג, זיך אָפּשטעלען אין א הויז אויף א וואָך אָדער עטליכע טעג און דאָרטען נייען אָדער פאררעכטען די אלטע שיך פאר דער גאנצער פאמיליע. דער רעדער־מאכער פלעג פאבריצירען די רעדער און די אקסען. די איבעריגע טיילען פון דעם וואָגען פלעגט דער פארמער אליין מאכען. דער סטאָליער האָט געהאט ווייניג ארבייט ווייל יעדער פארמער האָט געקאָנט אליין לייגען שינדלען אויף זיין דאך און טאָן אנדערע סטאָליארישע ארבייטען ארום הויז. שפּינען און וועבען פלעגט יעדע פארמער־פאמיליע אליין פאר זיך, וויפיל זי פלעגט דארפען. יעדער פארמער האָט געהאט א קלענערע אָדער גרעסערע וועב־שטול. זייף פלעגט אויך יעדער פארמער אליין מאכען”.

קליינע פאַבריקלאַך זיינען יע געווען אין איינציגע פלעצער, אויב מען קען זיי אָנרופען מיט אזא נאָמען. אזא פאַבריקעל פלעגט באשטיין פון דריי מענשען: דער באלעבאָס, דער מע־כאניקער און דער לערענ־איינגעל. אלע דריי פלעגען ארביי־טען צוזאמען.

אין די שטאַטען פון דער סאוט האָבען די נעגער געטאָן די אינדוסטריעלע ארבייט. יעדע גרויסע פלאַנטאַציע האָט גע־האַט א מיל צו מאָלען מעל, א קוזשנע, א סטאָלארניע און א וועבעריי. יעדע גרויסע פלאַנטאַציע איז געווען א פאָלשטענ־דיגע געזעלשאַפט פאר זיך, האָט זיך אליין באזאָרגט מיט אלע נויטיגע זאכען. די קלענערע פלאַנטאַציעס האָבען ניט געהאַט די אלע איינריכטונגען, אָבער זיי האָבען אויך א סך נויטיגע זאכען אליין געמאַכט.

צוויי גרויסע געשעהענישען אין דעם אינדוסטריעלען לעבען פון אמעריקא זיינען יע פאָרגעקומען אין די ניינציגער יאָרען פון 18טען יאָרהונדערט. עס איז דאַן געמאַכט געוואָרען איינע פון די וויכטיגסטע ערפינדונגען פאַר דער טעקסטיל אינדוסטריע און עס איז געלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פאר דער פאַבריק אָדער פעקטאָרי־סיסטעם.

די ערפינדונג הייסט „דהי קאטאָן דזשין" („דזשין" — א פארקירצונג פון דעם וואָרט „אינדזשין"). דער ערפינדער איז געווען א לערער מיט'ן נאָמען איליי וויטני. די ערפינדונג האָט געגעבען א געוואלדיגען שטויס פאָרווערטס דער קאטאָן אינדוס־טריע אין אמעריקע און דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין ענגלאנד. די ערפינדונג באשטייט פון א מאשין ארויסצוציען די בוימוואָל פון דער פלאַנץ אין וועלכער זי וואקסט. פריער פלעגט מען עס מוזען טאָן מיט די הענט. דאָס איז געווען א לאנגע און א שווע־רע ארבייט און דערפאר איז די בוימוואָל געווען זייער טייער. די מאשין וואָס וויטני האָט ערפונדען האָט געקענט אָפּריי־ניגען די בוימוואָל פון דער פלאַנץ דריי הונדערט מאָל אזוי שנעל ווי אן ארבייטער האָט עס געקאָנט טאָן מיט די הענט. די טעקס־טיל־פאַבריקען אין ענגלאַנד האָבען זיך שטענדיג גענויטיגט אין

בוימוואָל אָבער זיי האָבען עס ניט געקענט באַקומען. צוליב די שווערע ארבייט פון רייניגען די בוימוואָל האָט זיך די היגע פאַרמער ניט געלוינט צו פלאַנצען א סך בוימוואָל. די מאַשין

אילאי וויטני

האָט אָבער אַנגעמאַכט א רעוואָלוציע. די פאַרמערס אין דער סאַוט האָבען זיך איצט א כאַפּ געטאָן צו זייען בוימוואָל. דער באָדען און דער קלימאַט אין דער סאַוט זיינען ווי געוואונשען

פאַר דעם פּראָדוקט. וויטני'ס ערפינדונג האָט אין פאַרלויף פון א קורצער צייט געמאַכט „קאָטאָן פאַר'ן קעניג" אין אמעריקאַ. די אינדוסטריע איז מיט אמאָל געוואָרען די ווייכטיגסטע אין לאַנד.

אין איין פּרט האָט די ערפינדונג געהאַט א שלעכטע ווירקונג. די פאַרמער אין דער סאָוט האָבען זיך גענומען נויטיגען אין ביליגע, שווערע אַרבייטער פאַר די גרויסע קאָטאָן־פעלדער. דער נעגער שקלאַף איז פאַר זיי איצט געוואָרען א סך ווייכטיגער, א סך ווערטפולער ווי פריער. נאָך וויטני'ס ערפינדונג איז די נעגער־שקלאַפעריי געוואָרען אין דער סאָוט הונדערט מאָל שטאַרקער איינגעוואָרצעלט ווי פריער.

דער ערפינדער וויטני האָט געקראָגען די באַלוינונג וואָס ערפינדער און אנטדעקער באַקומען געוויינליך. זיין לעבענס־געשיכטע איז געווען א טראַגעדיע. ער איז געבאָרען געוואָרען ביי א פאַרמעגליכען פאַרמער אין מאַסאַטשוזעטס אין 1765. פון קינדווייז אָן האָט ער אַרויסגעוויזען מערקווירדיגע פּיאַינקייטען מיט געצייג. צו צוועלף יאָר האָט ער אַליין געמאַכט א פידעל און איז באַוואוסט געוואָרען אין גאַנצען געגענד אַלס א בחור'ל וואָס קען פאַרריכטען פידלען. צו זעכצען יאָר האָט ער פאַבריצירט טשוועקעס פאַר די פאַרמער אין דער נאַכבאַרשאַפט. שפּעטער האָט ער פאַבריצירט שפּילקעס פרויען־היט און שטעקענס פאַר מענער. צו פיר־און־צוואַנציג יאָר איז ער אוועק שטודירען אין יעיל קאַלעדזש. ווען ער האָט געענדיגט האָט ער אָנגענומען א שטעלע אַלס לערער ביי א רייכען פאַרמער אין דזשאָרדזשיא סטייט.

דאָרט האָט ער זיך צום ערשטען מאָל באַקענט מיט דער בוימוואָל־פלאַנץ. ער האָט געזען ווי שווער עס קומט אָן אַרויסצונעמען די בוימיואָל פון די קערענדלאַך. און ער האָט גענומען טראַכטען וועגען א מאַשין צו מאַכען לייכטער די אַרבייט. א פריינד האָט אים אויסגעבאָרגט געלט צו קויפען די נויטיגע מאַטעריאַלען און געצייג כדי צו קענען אָנגיין מיט דער אַרבייט. נאָך איידער ער איז פאַרטיג געוואָרען האָט זיך די נייעס פאַר־

שפרייט צווישען די ארומיגע פארמער. עס איז געווארען א גע־
לאף אָנצוקוקען די מאשין. איינמאָל, אין א פינסטערער נאכט
האָט א באנדע זיך איינגעבראָכען אין ווהיטני'ס הויז און האָט
ארויסגענומען די האלב פארטיגע מאשין. ווהיטני איז דאן אנט־
לאָפען פון דער סאוט און האָט זיין ערפינדונג געענדיגט אין
קאָנעקטיקוט סטייט. אנדערע האָבען אָבער די מאשין נאָכגעמאכט.
עטליכע שטאטען האָבען ביי אים דעם פאטענט געקויפט. ער האָט
געקראָגען פופציג טויזענט דאָלאר פון סאוט קאראָליינא. אנדערע
שטאטען האָבען אָבער ביי אים אויך די מאשין גענומען, אים צו־
געזאָגט געלט און דערנאָך זיך אנטזאגט צו באצאָלען. ער האָט
מיט זיי פאָרפירט פראָצעסען, וועלכע האָבען זיך געשלעפט יאָרען
לאנג. צולעצט האָט ער פארלאָרען זיין געלט און זיין געזונט, און
איז געשטאָרבען א פאראָרימטער און אן אנטוישטער. די ער־
פינדונג האָט ער געמאכט אין יאָר 1793.

די ערשטע טעקסטיל פאבריק אין אמעריקא איז געגרינדעט
געוואָרען אין פאטאקעט, ראָוד איילאנד, אין 1790. די מאשינען
פאר דער פאבריק האָט געבראכט אן ענגלישער אימיגראנט מיט'ן
נאָמען סעמיועל סלייטער, וועלכער טראָגט ביז היינטיגען טאָג דעם
טיטעל „דער פאָטער פון דער אמעריקאנער פאבריק". סלייטער
האָט אין ענגלאנד געארבייט צוזאמען מיט די ערפינדער פון די
וועב־מאשינען. אין 1789 האָט ער זיך דערוואוסט, אז אין אמעריקא
איז דאָ א גרופע מענשען, וואָס באָטען אָן א היבשע סומע געלט צו
דעם יעניגען, וואָס וועט ערפינדען א מאשין צו שפינען פעדים.
איז ער אוועקגעפאָרען קיין אמעריקא צו קריגען די באלוינונג. ער
האָט די מאשין ניט געדארפט אליין ערפינדען, ווייל זי איז שוין
ערפונדען געוואָרען אין ענגלאנד, און ער איז מיט איר גוט בא־
קאנט געווען.

סלייטער האָט זיך דאָ פארבונדען מיט א גרופע, וואָס האָט
געזוכט אויפצובויען א טעקסטיל פאבריק אין פאטאקעט, ראָוד
איילאנד. ער האָט דאָרט פון זכרון אויפגעשטעלט דיזעלבע מאשין
וואָס מען האָט געברויכט אין ענגלאנד (ארויסצופירען מאָדעלען
פון ענגלאנד איז, ווי שוין געזאָגט, געווען פארבאָטען) און מיט

אָט דער פאַבריק אין פאַטאַקעט ווערט אין אַמעריקא געגרינדעט די פאַבריק אָדער פעקטאָרי־סיסטעם.

אין אָנהויב פון 19טען יאָרהונדערט זיינען די אַמעריקאַנער געוועזן הינטערשטעליג אין בילדונג און אין קולטור, כאָטש מאַ־



סעמיועל סלעיטער

טעריעל זיינען די גרויסע מאַסען געוועזן אין אַ בעסערער לאַגע ווי די גרויסע מאַסען אין איירָאָפּא. די אַרבייטער האָבען דאָ גע־לעבט בעסער. די צרה איז נאָר געווען וואָס מען האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו לעבען. אָט, צום ביישפּיל, די פראַגע פון עסען. דעם אַמעריקאַנער האָט ניט געפעלט קיין שפּייז. ער האָט אָבער ניט געוואוסט, וועלכע עסענוואַרג עס איז גוט פאַר'ן געזונט און וועלכע

איז שלעכט. ער פלעגט עסען געזאלצענע חזיר־פלייש דריי מאל א טאג. ער פלעגט טרינקען שטארקע טיי. די ברויט פלעגט זיין האלב רוי. און אלץ פלעגט געפרעגעלט ווערען אין א סך פעטס און פוטער. גרינס און פרוכט פלעגט ער גארניט עסען. ער פלעגט זעהר פיל טרינקען שטארקע געטראנקען, אפילו קינדער פון צוועלף יאר פלעגען זיין באזוכער אין די שיינקען. געוויינליך פלעגט זיך יעדער דערוואקסענער אנ'שכור'ן יעדען טאג. די ערשטע „פראהיבישאן"־באוועגונג האט זיך אנגעהויבען טאקע אין יענע יארען, און איז אנטשטאנען לכתחילה דערפאר, וואס די גלחים פלעגען קומען אין קירכע שכור'ע.

דער היסטאריקער הענרי עדעמס שרייבט: „דער דורכ־שניטליכער אמעריקאנער פארמער האט זיך געהארעוועט אויף געזאלצענע חזיר־פלייש, קאקארוזע און קארן. דער רעזולטאט פון דער דיעטע איז געווען א פאלק פון שלעכטע מאגענס. פון דיס־פעפטיקער".

קיין ליטעראטור און קונסט האט נאך אמעריקא ביז דעמאלט כמעט גארניט געשאפען. אין ניו־ענגלאנד זיינען געווען קינדער־שולען, אבער זיי זיינען געווען פארנאכלעסיגט, אין שלעכטע גע־ביידעס, מיט שלעכטע לערער. ווייניג קינדער פלעגען די שולען באזוכען. אין די סאוט זיינען כמעט גאר קיין שולען ניט געווען. בלויז די רייכערע פלאנטאטארס פלעגען לערנען די קינדער מיט פריוואטע לערער. עס זיינען געווען א היבשע צאל קאלעדזשעס, אבער קיין סך סטודענטען האבען זיי ניט געהאט. דער וויכטיג־סטער אוניווערזיטעט, הארווארד, פלעגט ארויסלאזען ווייניגער ווי פערציג סטודענטען א יאר; יעיל — ארום דרייסיג און קאלאמ־ביא — ארום צוואנציג. אין 1783 האט הארווארד געגרינדעט א מעדיצינישען פאקולטעט, דעם ערשטען אין אמעריקא. דורכשניט־ליך פלעגען דארט ענדיגען צוויי דאקטוירים א יאר. די קאלעדזשעס זיינען נאך דעמאלט געשטאנען אונטער דער השפעה פון דער קירכע. א גרויסע צאל פון די סטודענטען האבען שטודירט פאר גלחים.

די בעסטע פראפעסיע, אין מאטעריעלען זין, איז געווען

אדוואָקאטור. די גאָר גוטע אדוואָקאטען פלעגען פארדינען ביז צען טויזענט דאָלאר א יאָר. א גלח פלעגט פארדינען דורכשניטליך טויזענט דאָלאר א יאָר. רעגירונגס־אנגעשטעלטע פלעגען קריגען פון פינף הונדערט ביז אכט הונדערט דאָלאר א יאָר. א פארמער פלעגט האָבען א הכנסה פון פינף הונדערט דאָלאר א יאָר.

וועגען דער לאַגע פון די ארבייטער אין יענער צייט שרייבט מעקמעסטער דאָס פאָלגענדע: „אין די גרויסע שטעדט פלעגען די ניט־קוואליפיצירטע ארבייטער ארבייטען פון טאָג. זיי פלעגען אליין קויפען עסען פאר זיך און זיך דינגען א נאכטלעגער אויף אייגענע קאָסטען. אין דאָרף אָבער, אָדער דאָרט וואו גרופעס ארבייטער פלעגען באשעפטיגט ווערען אויף א געזעלשאפטליכער אונטערנעמונג, פלעגט דער פארמער אָדער אונטערנעמער זיי באַזאָרגען מיט שפייז און געלעגער. די ארבייטער וואָס זיינען געווען באשעפטיגט ביים גראָבען די קאנאלען אין פענסילווייניא, האָבען געקראָגען די גרעבסטע שפייז און פלעגען נעכטיגען אין די ערגסטע ביידלאך. אלס לוין האָבען זיי באקומען זעקס דאָלאר א חודש פון מאַי ביז נאָוועמבער און פינף דאָלאר א חודש פון נאָוועמבער ביז מאַי. ציגעל־טרעגער, וואַפּנע־מישער, ערד־גרעבער, וועלכע האָבען, פון 1793 ביז 1800, געארבייט ביים בויען רעגירונגס־געביידען און דורכשניידען די גאסען אין וואשינגטאָן, האָבען באקומען 70 דאָלאר א יאָר. די ארבייטס־שטונדען זיינען געווען איבעראל פון זונען אויפגאנג ביז זונען אונטערגאנג. אין אלבאני און אין ניו יאָרק איז דער לוין פון די ארבייטער געווען 40 סענט א טאָג; אין לאנקעסטער — פון אכט ביז צעהן דאָלאר א חודש; אין אנדערע טיילען פון פענסילווייניא האָבען די ארבייטער זיך געמוזט באַנוגענען מיט זעקס דאָלאר א חודש זומער, און פינף דאָלאר א חודש ווינטער (זומער איז דער ארבייטס־טאָג געווען א לענגערער). אין באלטימאָר זיינען ארבייטער געווען צופרידען ווען מען האָט זיי געצאָלט 36 סענט א טאָג. פאר א מאָנאט ארבייט האָט קיינער מער ווי 6 דאָלאר ניט פארלאנגט. אין פרעדעריקסבורג איז דער לוין פאר א מאָנאט ארבייט געווען פון פינף ביז זיבען דאָלאר. אין ווירדזשיניא האָבען ווייסע ארבייטער געקראָגען ארום 53 דאָלאר

א יאר. ווען עמיצער האט דארט גערונגען א שווארצען שקלאף, האט ער געצאלט דעם באלעבאס פון שקלאף פינף דאלאר א מאנאט. דער דורכשניטליכער לוין איבער'ן לאנד איז אלזא געווען 65 דאלאר א יאר מיט עסען און אמאל אויך מיט געלעגער. מיט אט דער קליינער סומע האט דער ארבייטער געדארפט מפרנס זיין א פאמיליע".

„די מאטראזען אויף די שיפען האבען באקומען צען דאלאר א חודש. איינמאל האבען א צאל מאטראזען אין ניו יארקער האפען זיך צונויפגערעדט און באשלאסען צו סטרייקען פאר פערצען דאלאר א חודש. זיי האבען מארשירט איבער די גאסען פון שטאדט און געצוואונגען די אנדערע מאטראזען זיך אנצושליסען אן זיי. באלד אבער האבען די פאליציי־לייט זיי גענומען טרייבען און יאגען. דער פירער פון די סטרייקערס איז ארעסטירט געווארען און איינגעשפארט געווארען אין טורמע".

אין אן אנדער פלאץ שרייבט מעקמעסטער אזוי: „דער מאן וואס האט געטאן די שווארצע ארבייט, דער וואס האט געהאקט די האלץ, געגראבען די קאנאלעס, פארריכט די שאסייען, געטראגען ברעטער פאר'ן סטאליאר און ציגעל פאר דעם מוליער, דער וואס האט געהאלפען שניידען די היי אין שניט־צייט, האט פאר א טאג פראצע באקומען צוויי שילינג. צייטענווייז פלעגט זיין א דוחק אין ארבייטער, פלעגט ער באקומען מער. ער פלעגט סוף וואך ברענגען אהיים גאנצע פופצען שילינג — א סומע, וואס באטרעפט א סך ווייניגער ווי איצטער פיר דאלאר. דער ארבייטער האט געמוזט זיין שטרענג עקאנאמיש מיט זיינע סענטען צו קענען דער־ציען זיינע קינדער. די זין פלעגען זיך פארדינגען אלס לערן־אינגלאך אויסצולערנען זיך דעם טאטענ'ס מלאכה, די טעכטער פלעגען אוועקגיין פאר דינסטען. דער געהאלט פון א דינסט איז געווען פערציג דאלאר א יאר".

דער דחקות אין דאקטוירים, די הינטערשטעליגקייט אין היגיעניע, די שלעכטע שפייזען, די אומריינקייט אין די הייזער און אין די גאסען, האבען זיך אפגערופען אויף דעם געזונט פון דער באפעלקערונג. קינדער פלעגען פאלען ווי די פליגען. אין יאר

1804 איז אַ העלפט פון אַלע געשטאָרבענע אין ניו יאָרק און פילאַ־דעלפיא געווען קינדער אונטער צען יאָר. אין די שטעדט פלעגען אָפט אויסברעכען מגפות פון געלען פיבער און שווארצע פּאָקען. אין באָסטאָן זיינען אַ פערטעל פון אַלע געשטאָרבענע געשטאָרבען פון שווינדזוכט.

עפּידעמיעס פון געלען פיבער פלעגען אין די גרויסע שטעדט אויסברעכען אַלע עטליכע יאָר. די מיטלען, וואָס די דאָקטוירים האָבען אָנגעווענדט צו היילען די קרענק, זיינען געווען די גוט־באַקאַנטע פרימיטיווע רפואות. די הויפּט רפואה איז דעמאָלט געווען — „שלאָגען אַן אָדער", אָפּצאַפּען בלוט פון קראַנקען. דאָס האָט דעם קראַנקען אָפּגעשוואַכט, אָפּגעצערט און אוועקגענומען ביי אים די כחות די קראַנקהייט אויסצוהאַלטען. פון די וואָס זיינען געטראָפען געוואָרען פון דער מגפה, איז בלויז איינער פון זעקס ארויס אַ לעבעדיגער.

אזוי שנעל ווי די מגפה פלעגט זיך באַווייזען אין אַ שטאָדט, פלעגט דער עולם אָנהויבען אַנטלויפען פון דאָרט. יעדער וואָס האָט נאָר געהאַט די מעגליכקייט, פלעגט איינפּאַקען זיינע זאַכען אויף אַ וואָגען, ארויפזעצען ווייב און קינד און אוועקפאָרען ערגעץ אין אַ דאָרף, אויף אַ פאַרם. די שטאָדט פלעגט אינגאַנצען פּאַראַ־ליזירט ווערען. מענשען האָבען מורא געהאַט צו גיין אין גאַס, אריינצוגיין אין אַ געשעפט עפּעס קויפען. יעדער האָט מורא געהאַט אָנצורירען די האַנט אָדער דעם בגד פון אַ צווייטען, טאָמער איז יענער אָנגעשטעקט. ווען איינער איז ארויס אין גאַס, האָט ער אויסגעמידען צו גיין אויפ'ן טראָטואַר. ער פלעגט גיין אין מיטען גאַס. ווען ער פלעגט פון דערווייטענס דערזען ווי אַ פיר פאָרט, פלעגט ער אַנטלויפען און זיך באַהאַלטען אין אַ זייטיגען געסעל. ער פלעגט ארומגיין זעקס גאַסען כדי ניט פאַרבייצוגיין אַ הויז, אין וועלכער עס איז מיט אַ וואָך פריער געשטאָרבען אַ מענש פון דער מגפה. אריינגיין אין אַ קראָם עפּעס קויפען פלעגט ער בלויז דעמאָלט ווען קיינער איז דאָרט ניט געווען. ער פלעגט שנעל אריינלויפען, אַ וואָרף טאָן זיין געלט אויפ'ן טיש, אַ כאַפּ טאָן זיין פּעקעל און פליען צוריק אהיים.

אַט ווי אַזוי מעקמעסטער שילדערט די מגפה אין פילאַדעלפיא אין יאָר 1798:

„די מגפה האָט אויסגעבראָכען אין מאָנאַט אויגוסט. דריי און פופציג מענשען זיינען געשטאָרבען די ערשטע וואָך. אויף דער באפעלקערונג איז אָנגעפאַלען א מורא. מענשען האָבען פאַר־שלאָסען זייערע היימען און גענומען לויפען. פון איין „סקוועה" זיינען אוועק 140 פערזאָן. אויף דעם בית־עולם זיינען די קברנים געווען פארנומען טאָג און נאכט. פאַר יעדען טויטען א באזונדער קבר גראָבען איז געווען אוממעגליך. האָט מען אויסגעגראָבען א גרויסע גרוב און אריינגעוואָרפען אלע קערפער. מען האָט געפונען טויטע קערפער זיך וואלגערענדיג אין די גאסען. יעדע ארבייט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אלע קראָמען האָבען זיך פארמאכט. די ליידען פון די ארבייטער זיינען געווען שרעקליך. עס איז ניט געווען וואו א גראָשען צו פארדינען. קיין איין בעקער איז ניט פארבליבען אין שטאָדט. די צדקה אנשטאַלטען האָבען אויפ־געשטעלט ביידלאך און פאלאַטקעס אויף יענער זייט פון סקייל־קיל טייך, ביי וועלכען עס שטייט די שטאָדט, און באלד זיינען דאָרט געווען פארזאמעלט צוועלף הונדערט אויסגעהונגערטע מענער, פרויען און קינדער. אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג. מען האָט ארויסגעלאָזען א רוף נאָך הילף. די רייכע וואָס זיינען אנטלאָפען אין ווייטע שטעדטלאך און דערפער האָבען זיך אָפּגערופען. עס איז אָנגעקומען הילף פון ניו דזשוירזי, פון באלטימאָר. פיר־פינפטעל פון דער באפעלקערונג זיינען אנטלאָפען פון פילאַדעלפיא. די רעגירונג האָט צוגעשלאָסען אירע אָפּיסעס. דער האפען האָט זיך פארמאכט, קיין שיפען זיינען ניט אריינגעפאָרען. דריי צייטונגען האָבען אויפגעהערט צו ערשיינען. א פערטע צייטונג האָט געשניטען איר געוויינלאכע גרויס אויף א העלפט.

„גנבים און רויבער האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט. זיי פלעגען זיך איינברעכען אין די פארשלאָסענע הייזער, ארויסטראָגען פון דאָרטען אלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט טראָגען. זיי האָבען בארויבט די באנק. ערשט אין מאָנאַט נאָוועמבער האָט זיך די מגפה איינגעשטילט און דער עולם האָט אָנגעהויבען צוריק־קומען אין שטאָדט אריין".

קאפיטעל 21.

טאָמאַס דזשעפערסאָן

טאָמאַס דזשעפערסאָן, דער פאָרקעמפער פון דעמאָקראטיע, האָט אליין געהערט צו דער העכסטער אריסטאָקראטיע אין דער אמעריקא פון 18טען יאָרהונדערט, צו די גרויסע לאנד־באזיצער פון דער סאוט. זיין פאָטער האָט געשטאמט פון א „פראָסטער״ משפחה, פון איינפאכע פארמער; ער איז אָבער געווען א מענש מיט אויסערגעוויינליכע פייאיגקייטען און ענערגיע און ער האָט זיך געשאפען א היבשען פארמעגען, א גרויסע פּלאנטאציע אין וועסטליכען טייל פון ווירדזשיניא. א דאנק זיין ערפאָלג איז אים געלונגען זיך משדך צו זיין מיט דער סאמע סמעטענע פון דער ווירדזשיניער אריסטאָקראטיע. ער האָט געהייראט א טאָכטער פון דער ראנדאָלף פאמיליע. פון פאָטער׳ס צד איז דזשעפערסאָן אלזאָ געווען דער זון פון אן אויפגעקומענעם גביר, פון דער מוטער׳ס צד איז ער געווען דער זון פון דורכגעקנאָטענע אריסטאָקראטען.

ווען טאָמאַס איז אלט געווען 14 יאָר, איז זיין פאָטער געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג אים א ירושה פון 1,900 אקער לאנד און דרייסיג נעגער שקלאפען. דער יונגער בחור׳ל איז איצט אינגאנצען אריבערגעגאנגען צו דער ראנדאָלף־פאמיליע. מיט עטליכע יאָר שפּעטער איז ער אריינגעטראָטען אין דעם אריסטאָקראטישען וויליאם ענד מערי קאלעדזש, וועלכער האָט זיך דאן געפונען אין וויליאמסבורג, די הויפּט־שטאָדט פון ווירדזשיניא. דאָרט איז ער געווען אן אריינגייער אין הויז פון דעם גאָווערנאָר און פון דער מוטער׳ס פאמיליע. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט קאלעדזש, האָט ער שטודירט אדוואָקאט, און צו 24 יאָר איז ער שוין געווען

אַן אַדוואָקאַט און אַ פּאַרוואַלטער פון אַ גרויסער פּלאַנטאַציע. די פּלאַנטאַציע האָט איהם אַריינגעטראָגען צוויי טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר און זיין פּראַקטים—דריי טויזענט דאָלאַר. אין יענער צייט איז אַ הכנסה פון פינף טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר געוועזען אַ גאַנץ גרויסע. דערצו האָט ער געהייראַט די טאָכטער פון אַ רייכען מאַן, וועלכער איז זעכצען מאָנאַטען נאָך דזשעפערסאָנ'ס חתונה גע-

טאָמאַס דזשעפערסאָן

שטאָרבען און האָט איבערגעלאָזען דזשעפערסאָנ'ען אַ גרויסען פערמעגען.

צו 26 יאָהר איז דזשעפערסאָן דערוויילט געוואָרען אַלס מיט-גליד פון דער ווירדזשיניער אַסעמבלי. דאָס איז געווען אין 1769, ווען די וואָלקענס פון דער אָנקומענדער רעוואָלוציע האָבען זיך גענומען פאַרציהען אויף דעם הימעל פון די קאָלאָניעס. דזשעפערסאָן

האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון דער לינקער פראַקציע אין דער אַסעמבלי. קיין רעדנער איז ער ניט געווען. דערפאַר אָבער איז ער געווען אַן אויסגעצייכענטער שרייבער און די אַסעמבלי האָט אים אנפאַרטרויט מיט פאַרפאַסען די דאָקומענטען, וואָס זי האָט געשיקט צו דער ענגלישער רעגירונג אַלס ענטפער אויף די גזירות פון ענגלישען פאַרלאַמענט. אין 1775 האָט ווירדזשיניא אים געשיקט אַלס איר פאַרטרעטער אין קאָנגרעס אין פילאַדעלפיא, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרען אָנצופירען דעם געמיינשאַפט־ליכען קאַמף פון די דרייצען קאָלאָניעס געגען ענגלאַנד. דאָרט איז ער לאַנג ניט געזעסען, אומגעפער איין יאָר. אין דער קורצער צייט וואָס ער איז דאָרטען געווען, האָט ער אבער געטאָן איין זאַך, וואָס איז געוואָרען צו פאַראייביגען זיין נאָמען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. ער האָט פאַרפאַסט די „דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענ־דענס“, דעם דאָקומענט, דורך וועלכען די קאָלאָניעס האָבען זיך ערקלערט אומאָפּהענגיג פון ענגלאַנד און פּראָקלאַמירט זייער געבורט אַלס אַ נייע אַמעריקאַנער נאַציע.

ביז איצט איז דזשעפערסאָן אייגענטליך געגאַנגען אויפ'ן זעלבען וועג ווי פילע פון זיינע אַריסטאָקראַטישע קרובים און פריינט אין ווירדזשיניא. פיל פון זיי זיינען אויך געווען הייסע רעוואָלוציאָנערען און האָבען צוגעשטימט צו אַלץ וואָס דזשעפער־סאָן האָט געשריבען און געטאָן. פון איצט אָבער, פון דעם טאָג וואָס דזשעפערסאָן האָט פאַרלאָזען דעם קאָנגרעס אין 1776 און איז אוועק צוריק קיין ווירדזשיניא, הויבט ער אָן צו גיין אויף אַן אַנדער וועג. ער קערט זיך אָפּ פון דער אַריסטאָקראַטיע און ווערט אַ דעמאָקראַט.

ער האָט זיך אַנטזאַגט צו פאַרבלייבען אין קאָנגרעס, ווייל ער האָט געפילט, אַז אין ווירדזשיניא, וועלכע איז איצט געוואָרען אַ שטאַט מיט אַן אייגענער אומאָפּהענגיגער רעגירונג, קען ער טאָן וויכטיגע אַרבייט פאַר דער דעמאָקראַטיע. ער איז אַהין געקומען אָפּשאַפען די אַלטע אַריסטאָקראַטישע געזעצען און איינפירען אַן אמת'ע דעמאָקראַטישע אָרדנונג.

ער איז ווידער אַריינגעטראָטען אין דער אַסעמבלי און דאָרט

גענומען אריינטראגען איין פראיעקט נאכ'ן צווייטען פאר דעמא־קראטישע רעפארמען. צוויי פון זיינע פראיעקטען האבען אונ־טערגעגראבען דעם פונדאמענט פון דער ווירדזשיניער לאנד אריס־טאקראטיע. לויט די אלטע געזעצען האבען די גרויסע לאנד־פלאנטאציעס געמוזט אויף אייביג פארבלייבען דאס אייגענטום פון די אריסטאקראטישע פאמיליעס. עס איז פארבאטען געווען צוצונעמען די ערד פון דער פאמיליע אפילו פאר א חוב. דאס לאנד — ווי עס איז שוין אין א פאריגען קאפיטעל געשילדערט געווארען — האט אויך ניט געטארט צוטיילט ווערען אויף קליינע חלקים. דער עלטסטער זון האט גע'ירשנ'ט די גאנצע פלאנטאציע. אט די צוויי געזעצען האט דזשעפערסאן זיך אונטערגענומען אפ־צושאפען. אין דער אסעמבלי זיינען דאן געזעסען פארטרעטער פון די רייכסטע אריסטאקראטישע פאמיליעס, און זיי האבען ביטער באקעמפט דזשעפערסאנ'ס פראיעקטען. זיי האבען ניט געקענט באגרייפען, ווי אזוי זייער אן אייגענער, איינער פון זייער משפחה, זאל ארויסטרעטען געגען זייערע הייליגסטע פרינציפען. דזשעפערסאן האט אבער זיין קאמף געפירט ביז ער האט געזיגט. פון דעמאלט אן איז דזשעפערסאן באטראכט געווארען פון די אריסטאקראטען אלס פאררעטער. א היסטאריקער שרייבט: „דער צווייטער און דריטער דור פון די אריסטאקראטען האבען געשאלטען דעם שטאטסמאן, וועלכער האט זיי אוועקגעשטעלט אויפ'ן זעלבען גראד מיט אלע מענשען אין לאנד".

דזשעפערסאנ'ס צווייטע גרויסע רעפארם איז געצילט געווען געגען דער קירכע. ער האט אריינגעטראגען א פראיעקט, אז די קירכע זאל אינגאנצען אפגעטיילט ווערען פון שטאט, אז דער שטאט זאל ניט זאמלען קיין שטייערען פאר דער קירכע, זאל זיך ניט מישען אין קיינע רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען. דאס האט שוין דזשעפערסאן אזוי לייכט ניט אויסגעפירט. די קירכע איז געווען צו מעכטיג. אבער דזשעפערסאן און זיינע נאכפאלגער האבען דעם קאמף אנגעפירט צען יאר נאכאנאנד ביז זיי האבען ענדליך געזיגט. דזשעפערסאן אליין איז אין ווירדזשיניא ניט געווען ווען דער זיג איז געקומען. אבער עס איז געווען צו פאר־

דאַנקען פאַר'ן נצחון זיין גייסט, זיין אינספּיראַציע און די מי פון זיינע תלמידים.

צווישען די אַנדערע רעפאָרמען, וואָס דזשעפערסאָן האָט דורכגעפירט אָדער געהאָלפען דורכפירען, זיינען געוועזן די פאָלגענדע: צו פאַרלייכטערען, מענשליכער צו מאַכען די שטראָף פאַר פאַרברעכער; לייכטער צו מאַכען פאַר אימיגראַנטען צו ווערען בירגער; אַריבערצופירען די הויפּט-שטאָדט פון וויליאַמסבורג, וועלכע איז דאַן געווען אַ האַנדעלס צענטער. קיין ריטשמאָנד, וואָס איז דאַן געווען אַ דאָרף. דזשעפערסאָן האָט געגלויבט, אַז אין אַ שטאַט וואו עס וואוינען סוחרים און געלט-מענשען, איז דאָ אַ סכנה אַז די רעגירונג זאָל ווערען קאָרופּטירט. דזשעפערסאָן האָט אויך פיל געהאָלפען צו פאַרבעסערען די סיסטעם פון די קינדער-שולען אין ווירדזשיניאַ.

דזשעפערסאָן'ס שטעלונג צו דער פראַגע פון נעגער-שקלאַפעריי איז שוין געווען ניט אַזוי דעמאָקראַטיש און מענשליך. די דאָזיגע פראַגע איז אויך פאַרהאַנדעלט געוואָרען אין דער אַסעמבלי פון ווירדזשיניאַ אין יענע יאָהרען. אין פּרינציפּ איז דזשעפערסאָן געווען געגען נעגער-שקלאַפעריי. ער האָט וועגען דעם אָפט גערעדט און געשריבען. אָבער אין דער צייט וואָס אַ טייל פון זיינע פריינט און חברים האָבען דעם פּרינציפּ דורכגעפירט אין לעבען און אליין זייערע שקלאַפען באַפרייט, האָט עס דזשעפערסאָן ניט געטאָן.

דזשעפערסאָן האָט געגלויבט אַז דער נעגער שטייט נידעריגער אין ענטוויקלונג ווי דער ווייסער און אַז ער קען קיינמאָל דעם ווייסען ניט אָניאָגען, אַז ער וועט אייביג בלייבען נידעריגער. ער האָט אויך געגלויבט אַז די צוויי ראַסען וועלען קיינמאָל ניט קענען לעבען צוזאַמען אונטער איין רעגירונג אין איין שטאַט. זיין פּלאַן איז דערפאַר געווען אַז די רעגירונג זאָל אָפּקויפען אַלע נעגער קינדער וואָס וועלען געבוירען ווערען נאָך אַ געוויסען דאַטום, און ווען די דאָזיגע קינדער וועלען עלטער ווערען (מיידלאַך 18 יאָר און בחורים 21 יאָר) זאָל די רעגירונג זיי אוועקפירען ערגעץ אין אַ וויטען אָרט און זיי דאָרטען קאָלאָניזירען, זיי פאַר-

זארגען מיט אלע נויטיגע געצייג און ווירטשאפט און זיי געבען הילף ביז די קאלאניע וועט קענען אליין שטיין אויף די פיס.

זיין פלאן איז קיינמאל ניט ערנסט גענומען געווארען. ער האט אבער ביי א סך געלעגענהייטען פארדאמט די אינסטיטוציע פון שקלאפעריי אלס א שרעקליכען פארברעכען און געווארענט דעם אמעריקאנער פאלק אז ער וועט אמאל פאר דער זינד טייער באצאלען. איין רעפארם וועגען שקלאפעריי האט ער דאך דורכגעפירט אין דעם ווירדזשיניער אסעמבלי, צו פארבאטען דעם אריינפיר פון נעגער. דאס איז געווען אין 1778. ער האט זיך געטרייסט אז דאס וועט אפשטעלען די פארשפרייטונג פון שקלאפעריי און אז דאס וועט סוף כל סוף ווירקען אויפ'ן עולם ער זאל נעמען טראכטען וועגען אינגאנצען אפשאפען שקלאפעריי.

אין 1779 איז דזשעפערסאן דערוויילט געווארען אלס גאווערנאר פון ווירדזשיניא. דעם אמט האט ער געהאלטען צוויי יאר און ער האט זיך ארויסגעוויזען פאר א פולשטענדיגען דורכפאל. דאס איז געווען אין דער צייט ווען די ענגלישע ארמיי האט אריינגעדרונגען אין ווירדזשיניא און האט דארטען דורכגעפירט א רייע פון פאגראמען, א קאמפאניע פון טערא. די אויפגאבע פון דעם גאווערנאר איז געווען צו באשיצען די באפעלקערונג געגען שונא. ארגאניזירען מיליץ־ארמייען, פארזארגען זיי מיט פראוויאנט און קליידער און געווער. אויף דעם איז דזשעפערסאן ניט געווען קיין בריה. דאס האט געגעבען זיינע געגנער די געלעגענהייט אויף אים אנצופאלען, אים קריטיקירען און אויסלאכען. ער אליין האט זיך געפילט אנטמוטיגט און שולדיג. ווען זיין טערמין האט זיך געענדיגט האט ער זיך אנטזאגט צו לויפען ווידער פאר'ן זעלבען אמט.

דאס יאר 1782 איז געווען א טרויעריג יאר אין דזשעפערסאנ'ס לעבען. ער האט שרעקליך געליטען פון די פאליטישע אטאקעס און האט זיך אינגאנצען צוריקגעצויגען פון עפענטליכען לעבען. אין הויז ביי אים האט אים באגעגענט א פרישער ווייטאג. זיין פרוי איז קראנק געווארען פון א קימפעט. פינף מאנאטען האט דזשעפערסאן ביי איר קראנקען בעט פארבראכט. דאן איז

זי געשטאָרבען. דריי וואָכען נאָך איר טויט איז ער פון איר צימער ניט ארויס. דערנאָך האָט ער וואָכען לאַנג ארומגעוואַנדערט אַן איינזאַמער און אַ צובראָכענער. אין די צען יאָר וואָס ער האָט מיט זיין פרוי געלעבט איז זי כמעט קיינמאָל ניט געווען אינגאַנצען געזונט. זי האָט אין דער צייט געבוירען זעקס קינדער. פיר פון זיי זיינען געשטאָרבען עופּה׳לאַך. עס ווערט דערציילט, אַז ווען זי איז געלעגען אויפ׳ן טויטען בעט, האָט זי פון אים פאַרלאַנגט אַ צוזאָג, אַז ער וועט אַ צווייטען מאָל ניט הייראַטען. ער האָט איר געגעבען זיין וואָרט און עס הייליג געהאַלטען. ער איז דעמאָלט אַלט געווען קנאַפּע 40 יאָר און איז פאַרבליבען אַן אַלמן ביז׳ן טויט. געלעבט האָט ער ביז אַ טיפען עלטער. פון די צוויי טעכטער וואָס זיינען אים געבליבען האָט בלויז איינע אים אריבערגעלעבט. די אינגערע טאָכטער איז געשטאָרבען ווען ער איז געווען פּרעזידענט.

אין 1784 האָט אים דער קאָנגרעס געשיקט קיין פראַנקרייך אַלס איינעם פון דער קאָמיסיע אויסצואַרבייטען אַ האַנדעלס־אָפּמאַך. אין פראַנקרייך איז ער פאַרבליבען פינף יאָר צייט. נאָכדעם ווי די קאָמיסיע האָט איר ארבייט געענדיגט איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס דער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך און ער האָט דעם אַמט געהאַלטען ביז׳ן אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין 1789.

די פינף יאָר אין אייראָפּאַ האָבען אין דזשעפערסאָנ׳ען פאַרשטאַרקט זיין שנאה צו ענגלאַנד און זיין ליבשאַפט צו פראַנקרייך. די דאָזיגע געפילען זיינען אין אים פאַרפלאַנצט געוואָרען נאָך אין אַמעריקא אַלס רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע. אָבער דאָס וואָס ער האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אויף יענער זייט ים האָבען אים פעסטער איבערצייגט אַז זיינע באַציאונגען צו די צוויי לענדער זיינען גערעכטע. אין פראַנקרייך איז ער באַהאַנדעלט געוואָרען העפליך און פריינדליך; אין ענגלאַנד, וואוהין ער איז אָפט געפאָרען אויף דיפּלאָמאַטישע שליחות׳ן, איז ער באַהאַנדעלט געוואָרען גראָב און באַליידיגענד. אָט זיינען זיינע

איינדריקען און מיינונגען פון ענגלאנד, וועלכע ער האט דאן אויסגעדריקט אין בריף צו פריינט אין אמעריקא:

„דאס ענגלישע פאלק האסט אונז, די מיניסטארען האסען אונז און דער קעניג האסט אונז מער ווי זיי אלע... איך גלויב אז זייער שנאה צו אונז איצטער איז טיפער ווי אין דער צייט פון דער רעוואלוציע... איך באטראכט די ענגלענדער אלס אונזערע נאטירליכע שונאים, אלס דאס איינציגע פאלק אויף דער וועלט וואס ווינשט אונז שלעכטס פון די טיפענישען פון זיין נשמה. איך בין איבערצייגט, אז ווען אונזער לאנד וואלט פארזונקען געווארען אין ים, וואלט ענגלאנד געפייערט א יום טוב פון איין ברעג ביז'ן צווייטען".

ער האט געהאלטען ענגלאנד פאראנטווארטליך פאר דעם וואס די לענדער אין איירופא האבען זיך באצויגען קאלט צו דער נייער רעפובליק אין אמעריקא און פאר דעם, וואס עס איז דער אמעריקאנער רעגירונג אנגעקומען שווער צו קריגען הלואות אין איירופא. „די אלע לענדער זיינען געווען פריינדליך צו אונז, — שרייבט ער, — נאר די ליגענס וואס די ענגלישע צייטונגען דרוקען טאג איין און טאג אויס ווענען אונז האט די שטימונג געענדערט. די צייטונגען קריגען ווארשיינליך באצאלט פון דער רעגירונג זיי זאלען די ליגענס פארעפענטליכען. עס דערשיינט ניט קיין איין אויסגאבע אן א פארציע פארלוימדונגען געגען אמעריקא".

זיינע באאבאכטונגען אין איירופא, וואו יעדעס לאנד איז געלעגען אונטער דעם יאך פון א טיראנישער רעגירונג, האבען אויך געווירקט צו פארשטארקען זיין מיינונג, אז א רעגירונג אין אלגעמיין איז א צרה, און אז וואס שוואכער א רעגירונג איז, אלץ געזינטער איז עס פאר'ן פאלק. ווען ער איז געווען אין איירופא זיינען אין אמעריקא פארגעקומען די אומרוען וועלכע האבען דערגרייכט זייער העכסטען פונקט אין דעם „שעים רעבעליאן" אין מאסאטשוזעטס. אט וואס ער האט געשריבען ווען ער האט זיך דערוואוסט די נייעס:

„א קליינער אויפשטאנד פון צייט צו צייט איז גוט... דאס

איז א מיטעל איינצוהאַלטען די רעגירונג ביים געזונט... זאָל נאַט אויסהיטען אז צוואַנציג יאָר זאָלען אריבער אין אונזער לאנד אָן אַן אויפשטאַנד. דער בוים פון פרייהייט מוז פון צייט צו צייט אָפּגעפרישט ווערען מיט'ן בלוט פון פּאַטריאָטען און טיראַנען. דאָס איז די נאַטירליכע באַמיסטיגונג. עס זיינען דאָ דריי סאָרטען געזעלשאַפטען: א געזעלשאַפט אינגאַנצען אָן א רעגירונג, ווי ביי די אינדיאַנער; מיט א רעגירונג, אין וועלכער יעדער בירגער האָט א גלייכען איינפלוס; מיט א רעגירונג פון געוואַלט... איך בין ניט זיכער, אז די ערשטע סאָרט געזעלשאַפט איז ניט די בעסטע... ווען איך וואָלט געדאַרפט אנטשיידען וואָס איז בעסער: א רעגירונג אָן צייטונגען, אָדער צייטונגען אָן א רעגירונג, וואָלט איך אויסגעקליבען דאָס ערשטע".

דזשעפערסאָן איז געווען אין אייראָפּא ווען די קאָנסטיטוציע איז דאָ פאַרפאַסט געוואָרען. פון אָנפאַנג איז ער מיט איר ניט געווען צופרידען. ער האָט אָבער שפּעטער צוגעגעבען, אז מיט אַלע אירע חסרונות, איז גלייכער זי זאָל גוטגעהייסען ווערען. ער האָט נאָר געפאָדערט עס זאָלען אריינגעשריבען ווערען אין איר פּונקטען, וואָס פאַרזיכערען פּערזענליכע פרייהייטען („ביל אָוו ראַיטס"). ער האָט אויך שטאַרק אויסגעזעצט געגען דעם, וואָס די קאָנסטיטוציע האָט ניט באַגרעניצט די צייט וואָס איינער קען האַלטען דעם פּרעזידענט־אַמט.

ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען איז דזשעפערסאָן נאָך געווען אין פּאַריז. ער האָט מיט דער רעוואָלוציע סימפּאַטיזירט. ביי אים אין הויז פלעגען זיך פאַרזאַמלען פילע פון די מעסיגע רעוואָלוציאָנערען און די פירער פלעגען זיך אָפּט מיט אים מישב זיין. ער האָט זיי געראַטען זיי זאָלען זען ווירקען אויף דעם קעניג ער זאָל אַליין באַווילינען א קאָנסטיטוציע, אַן ענליכע צו דער ענגלישער. איידער די עקסטרעמיסטען האָבען פאַרכאַפּט די מאַכט און איידער דער טעראָר האָט זיך אָנגעהויבען האָט דזשעפערסאָן פאַרלאָזען דאָס לאַנד. שפּעטער האָבען זיינע פּאָליטישע שונאים אין אמעריקא אים פאַרווינט אַלס א יאַקאָבינער, אַלס אַן אָנהענגער פון די עקסטרעמ־

רעוואָלוציאָנערען און פון די טעראָריסטען אין פראנקרייך. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. ער האָט מיט יענע עלעמענטען קיין פארבינדונג ניט געהאט און ווי ווייט מען וויים פון זיינע שריפ־טען און זיינע רייד האָט ער מיט זייערע פּרינציפּען און זייערע טאטען ניט סימפּאטיזירט. ער איז אָבער געווען און איז פאר־בליבען א פריינט פון פראנקרייך און א פריינט פון דער רעוואָלו־ציע וואָס האָט אראָפּגעוואָרפען די שרעקליכע בורבאָנישע טיראניי און געמאכט א סוף צו דער הערשאפט פון די פריצים.

צוריקגעקומען קיין אמעריקא איז דזשעפערסאָן אין 1789. ער איז צוריקגעקומען א באגייסטערטער פאר אמעריקא. אייראָ־פּא האָט אים איבערצייגט אז אמעריקא איז דאָס בעסטע, דאָס פרייסטע, דאָס געזינדסטע לאנד, פיזיש און מאָראליש. גלייך ווי ער איז אָנגעקומען האָט וואשינגטאָן אים איינגעלאדען צו ווערען סעקרעטערי אָוו סטייט (אויסלענדישער מיניסטער) אין זיין ערשטען קאבינעט. קיין גרויסען חשק אָנצונעמען די איינ־לאדונג האָט דזשעפערסאָן ניט געהאט. דזשיימס מעדיסאָן, זיין איבערגעבענסטער פריינד און תלמיד, איז צו אים געפאָרען אהיים און אים איבערגערעדט ער זאָל אָננעמען. אין מערץ, 1790, איז ער אָנגעקומען קיין ניו יארק און איז אריינגעטראטען אין אמט.

די ערשטע צייט האָט ער זיך געפילט באקוועם אין קאבי־נעט און אין וואשינגטאָן'ס אדמיניסטראציע אין אלגעמיין. ער האָט האמילטאָנ'ען ניט געקענט און זייערע באציאונגען זיינען פון אָנפאנג געווען פריינטליכע. ביסלאכווייז אָבער האָט ער זיך איבערצייגט אז וואשינגטאָנ'ס רעגירונג איז א רעגירונג פון אדים־טאָקראטען פאר אריסטאָקראטען. אים איז צו־ווידער געוואָרען די גאנצע פירונג אין דעם פּרעזידענט'ס הויז, און די געזעלשאפט ארום דעם פּרעזידענט. ער האָט ניט געקענט פארטראָגען די קעניגליכע צערעמאָניעס, די פאראדען מיט וועלכע דער פּרעזידענט פלעגט אויפגענומען ווערען אין קאָנגרעס, דעם פּאָמפּ מיט וועל־כען ער פלעגט פאָרן אויפנאמעס אין זיין פּאלאץ. אים האָט געקרענקט וואָס דעם פּרעזידענט'ס געבורטס־טאָג פלעגט געפּרא־וועט ווער־ען אלס א יום־טוב, און וואָס דער פּרעזידענט האָט זיך

געהאַלטען ווייט פון פּראָסטען עולם. אין אַ דעמאָקראַטישען לאַנד טאָרען אַזוינע זאַכען ניט פאָרקומען, האָט ער געזאָגט.

וואָס לענגער ער איז געווען פאַרבונדען מיט דער אַדמיניס־טראַציע, וואָס נענטער ער האָט זיך צוגעקוקט צו די אַלע זאַ־כען, אַלס שטאַרקער איז געוואָרען זיין חשד אַז האַמילטאָן איז אַ מאָנאַרכיסט, און אַז האַמילטאָנ׳ס קליקע זוכט אַ געלעגענהייט צו גרינדען אַ מאָנאַרכיע אין אַמעריקאַ. דער קאַמף איבער דער אויסלענדישער פּאָליטיק, די באַציאונג פון דער אַדמיניסטראַציע פון פראַנקרייך פון איין זייט און צו ענגלאַנד פון דער צווייטער זייט האָט אין אים פאַרשטאַרקט דעם פאַרדאַכט. דאַן איז געקו־מען די פראַגע פון דער גרינדונג פון אַ באַנק, די פראַגע פון שטייערען אויף שנאַפּס, דער אויפשטאַנד פון די פאַרמער אין דער וועסט געגען דעם שטייער און דער אופן, ווי אַזוי די רעגי־רונג האָט דעם אויפשטאַנד דערשטיקט. ביי אים איז מער קיין צווייפעל ניט געווען, אַז די דעמאָקראַטיע אין אַמעריקאַ שטייט אין סכנה און אַז די פעדעראַליסטען מיט האַמילטאָנ׳ען בראָש מוזען פון דער רעגירונג פאַרטריבען ווערען כדי צו ראַטעווען די דעמאָקראַטיע אין אַמעריקאַ.

אין דעם קאַמף, וואָס ער האָט דאַן אָנגעהויבען, האָט ער זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ מערקווירדיגען אָרגאַניזאַטאָר און פיי־איגען פּאָליטישען פירער. ער האָט אָרגאַניזירט די רעפּובלי־קאַנישער פאַרטיי און האָט זי אין די וואַלען פון 1800 דער־פירט צו אַ פולשטענדיגען זיג.

„די מענשען, וואָס באַארבייטען די ערד זיינען די אויס־דערוויילטע פון גאָט... אַזוי לאַנג ווי מיר האָבען ערד צו אַקע־רען און צו זייען, דאַרפען מיר ניט ווינשען אַז אונזערע ביר־גער זאָלען זיצען ביים וואַרשטאַט. זאָלען אונזערע וואַרשטאַטען בעסער שטיין אין אייראָפּאַ. עס איז בעסער צו פירען שפּייז און מאַטעריאַלען צו די אַרבייטער אַהין, איידער צו ברענגען די אַרבייטער אַהער, ווייל זיי וועלען דאָך מיטברענגען זייערע פּרינ־ציפּען און געוואוינהייטען... דער המון אין די גרויסע שטעט

העלפען אזוי אויפצוהאלטען א רעגירונג ערליך און ריין, ווי וואונדרען העלפען מאכען א קערפער שטארק און געזונט".

דאס איז אן אויסצוג פון דזשעפערסאנ'ס שריפטען. אין די דאזיגע ווערטער ווערען אויסגעדריקט דזשעפערסאנ'ס גרונד־פרינציפען פון פאליטיק און עקאנאמיע. ער איז געווען א דע־מאקראט; ער האט געגלויבט אז דאס פאלק קען און דארף אנ־פארטרויט ווערען מיט מאכט צו רעגירען. ער האט באקעמפפט די אריסטאקראטען, די קאפיטאליסטישע קלאסען, די רייכע סוחרים, פאבריקאנטען און באזיצער פון ווערט־פאפירען. אבער דאס פאלק, די מאסע אין וועלכער ער האט געגלויבט און פאר וועלכער ער איז געווען דער פארקעמפפער, איז געווען פון א באַ־שטימטער עקאנאמישער גרופע — דער פארמער־קלאס. אמת, אין דזשעפערסאנ'ס צייט האבען ניין־צענטעל פון דער באפעל־קערונג געוואוינט אויפ'ן לאנד און באארבייט די ערד. ער האט אלזא פארטראטען א ריזיגע מאיאריטעט פון דער דעמאלדיגער אמעריקא. אבער זיין פרינציפ אלס פרינציפ איז געווען א פאל־שער, זיכער ניט קיין דעמאקראטישער. ער האט געגלויבט, אז דער דארף איז דאס גליק פון לאנד און די שטאט איז א קללה פאר'ן לאנד. ער האט מורא געהאט פאר'ן שטאטישען ארביי־טער פונקט ווי פאר'ן שטאטישען קאפיטאליסט. ער האט גע־גלויבט, אז בלויז דער פארמער וואס לעבט מיט דער נאטור, וואס ציהט זיין חיונה פון דער ערד קען זיין א שטאלצער און פרייהייט־ליבענדער מענש. דער שטאט־מענש, אפילו דער ארבייטער, קען עס אבער ניט זיין. די שטאט פארדארבט. די ארבייט און די אפהענגיקייט אן דעם באלעבאס דערשטיקט אין דעם ארבייטער דעם געפיל פון פרייהייט, דעם שטאלץ פון זעלבסטשטענדיגקייט, די זעלבסטווירדע. אין אן אנדער פלאץ שרייבט ער:

„מיר האבען איצט גענוג ערד פאר אן אומבאגרעניצטער צאל מענשען. ערד ארבייטער זיינען די ווערטפולסטע בירגער. זיי זיינען די ענערגישסטע, די ערליכסטע און זיי זיינען צוגעבונדען צו זייער לאנד. זיי זיינען פארבונדען מיט אירע אינטערעסען מיט איר פרייהייט. אין אזא לאנד ווי אונזערע, וואו די איינ־

וואוינער קענען קריגען גענוג ערד צו באַארבייטען, וואָלט איך זיי ניט געמאַכט פאַר מאַטראָזען אָדער מעכאַניקער. אין דער ווייטער צוקונפט, ווען עס וועט מער קיין ערד ניט זיין, און זיי וועלען זיך מוזען נעמען צו עטוואָס אַנדערש, וואָלט איך בעסער געוואָלט זיי זאָלען ווערען מאַטראָזען איידער גיין אין די פאַבריקען. די אַרבייטער אין די פאַבריקען באַטראַכט איך אַלס מעקלער פון זינד און די ווערקצייג מיט וועלכע די פרייהייט פון אַ לאַנד ווערט געוויינליך פאַרניכטעט".

די אַרבייטער אין שטאָט האָבען אים ווייניג אינטערעסירט. זיי האָבען דאַן סיי־ווי אַ קליינע ראָלע געשפּילט. זייער צאָל איז געווען קליין, קיין פּאָליטישע רעכט האָבען זיי ניט געהאַט. אַלס פאַרקעמפער פון די פאַרמער האָט ער געזוכט צו ברעכען די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטען אין שטאָט, די וואָס האָבען געהאַלטען די אַפּאָטעקען, די „מאָרגיידזשעס" אויף די פאַרמס, די וואָס האָבען געהאַלטען די וועקסלען פון די רעגירונגס־חובות, די וואָס האָבען געפירט האַנדעל מיט אויסלאַנד און געפאָדערט שטיצע פון דער רעגירונג. אין די געלט־מענשען האָבען די פאַרמער געזען אַ געפאַר פאַר זיך, אַ פּאָליטישע און אַן עקאָנאָמישע. זיי האָבען מורא געהאַט אַז די געלד מענשען וועלען דורך דער רעגירונגס־מאַכט אוועקרויבען זייערע פּאָליטישע רעכט און פרייהייטען. די אַריסטאָקראַטען און קאַפּיטאַליסטען האָבען דאָך אָפען דערקלערט, אַז זיי גלויבען ניט אין די פייאיגקייט פון די מאַסען צו רעגירען, אַז דעמאָקראַטיע איז אַ סכנה און אַ קללה. די פאַרמער האָבען מורא געהאַט, אַז ווען די רייכע וועלען האַלטען די רעגירונג אין זייערע הענט, וועלען זיי אַרויפלייגען גרויסע שטייערען אויף די מאַסען כדי די רעגירונג זאָל האָבען געלט צו צאָלען פּראָצענט אויף די חובות, צו בויען קריגס־שיפען צו באַשיצען די האַנדעלס־אינטערעסען פון די רייכע סוחרים, צו אָרגאַניזירען אַרמייען צו אונטערדריקען אויפשטאַנדען, און אַזוי ווייטער.

אין די יאָרען, וואס די פעדעראַליסטען האָבען געהאַלטען די מאַכ... האָט דזשעפערסאָן ביטער אַטאַקירט אַלץ וואָס די

רעגירונג האָט געטאָן אין די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליס־טען. ער האָט פאַרדאַמט די גרויסע הוצאות פון דער רעגירונג און די שטייערען וואָס די רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אויפ'ן פאָלק. זיין פּאָליטישע טעאָריע איז געווען, אַז די פעדעראַלע רעגירונג דאַרף וואָס ווייניגער רעגירען, אַז זי דאַרף זיך מיט אינערליכע אנגעלעגענהייטען כמעט גאָרניט אָפּגעבען, אַז זי דאַרף בלויז דינען אַלס אַ מין אגענט פאַר די שטאַטען אין אויסערליכע ענינים. ער האָט גע'טענה'ט, אַז די הויפּט רעגירונגס־מאַכט דאַרף געהערען צו די באַזונדערע שטאַט־רעגירונגען.

דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען טעאָריעס, אידייען און פּרינ־ציפּען. כל זמן ער און זיין פּאַרטיי זיינען געווען אין דער אָפּאָ־זיציע און די מאַכט איז געווען ביי אַנדערע, האָט ער געקענט וועגען זיינע פּרינציפּען ריידען אַזוי שטאַרק און אַזוי שאַרף ווי ער האָט נאָר געוואָלט. די לאַגע האָט זיך אָבער געביטען ווען ער איז אַריין אין מאַכט. איצט האָט ער שוין מיט ווערטער אַליין זיך מער ניט געקענט באַנוגענען. ער האָט געמוזט האַנד־לען. ווי וויית האָט ער אַליין דורכגעפירט זיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּרינציפּען? דאָס וועלען מיר זען אין די ווייטער־דיגע קאַפּיטלען.

קאפיטעל 22

דזשעפערסאָן, דער ערשטער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט

טאָמאס דזשעפערסאָן איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט וואָס איז איינגעשוואוירען געווארען אין דער נייער, ספּעציעל־גע־בויטער הויפּטשטאָט, וואשינגטאָן. די רעגירונגס־ביוראָס האָבען זיך אהין אריבערגעקליבען אין יוני, 1800. דער קאָנגרעס האָט זיך דאָרט צום ערשטען מאָל פארזאמעלט אין דעצעמבער, 1800, און אין מערץ, 1801, איז דזשעפערסאָן דאָרט אריינגעטראטען אין פּרעזידענטען־אמט.

וואשינגטאָן איז דעמאָלט געווען ניט מער ווי א דאָרף. דעם פּרעזידענט'ס הויז די „ווהאיט־האוז" (דאָס ווייסע הויז), איז געשטאנען אין אן אָפענעם פעלד און ניט געהאט קיין שום באַ־קוועמליכקייטען. ווייטער אביסעל אין א וואלד, איז געשטאַ־נען די נאָך ניט געענדיגטע געביידע פון דעם קאָנגרעס (דהי קע־פּיטאָל). די גאסען זיינען געווען ניט מער ווי שליאכען דורך וועלדער, ניט ברוקירט. עס ווערט דערציילט, אז איינמאָל האָט פּרעזידענט דזשעפערסאָן ניט געקענט געפינען אין גאנץ וואַ־שינגטאָן א מענשען, וואס זאָל אים אָנהאַקען האָלץ פאר'ן אויווען.

גלייך ביי דער איינשוועָרונג־צערעמאָניע האָט דזשעפערסאָן באוויזען אז ער איז א מענש פון פּשוט'ן פאָלק. ער האָט ניט דערלויבט מען זאָל פאר אים מאכען קעניגליכע פּאראַדען, ווי מען האָט געטאָן פאר די פריערדיגע פּרעזידענטען. ער איז גע־גאנגען צופוס פון זיין וואוינונג צום קעפּיטאָל, אָנגעטאָן אין איינ־

פאכע קליידער. באגלייט האבען אים מיליץ־סאלדאטען און א גרופע קאנגרעסלייט און סענאטארען און פאליטישע פריינט. ווען ער איז אריין אין קאנגרעס־זאל האבען זיך אלע אויפגעשטעלט. דאן האט ער זיך אװעקגעזעצט אויף דעם וויים־פרעזידענט'ס שטוהל, זיך דערנאך אויפגעשטעלט און געהאלטען זיין איינשוועד־רונגס־רעדע. דער טאג איז געפייערט געווארען אלס א יום־טוב איבער'ן גאנצען לאנד. „זינט 1783, ווען די נייעס פון דער רע־וואלוציע איז אנגעקומען, — שרייבט דער היסטאריקער מעק־מעסטער, — האט דאס לאנד זיך ניט געפילט אזוי יום־טוב'דיג, ווי אין דעם טאג, ווען דזשעפערסאן איז אריינגעטראטען אין פרע־זי־ענט־אמט". אין אלע שטעט האט מען געקלונגען אין די גלא־קען און געשאסען מיט פייערווערק, געמאכט באנקעטען און פא־ראדען. קיינער האט דעם טאג ניט געארבייט, קיינער האט דעם טאג קיין געשעפטען ניט געפירט.

צוויי פון די פינף מיניסטארען וואס דזשעפערסאן האט פאר זיין קאבינעט באשטימט האבען געשפילט אן אונגעהייער גרויסע ראלע די גאנצע אכט יאר, וואס ער איז געווען פרעזי־דענט. זיי זיינען ווירקליך געווען גרויסע פערזענליכקייטען און דזשעפערסאן האט קיין זאך ניט געטאן אן זייער עצה. די אדמי־ניסטראציע איז געפירט געווארען פון דריי: פרעזידענט דזשע־פערסאן, אויסערן־מיניסטער דזשיימס מעדיסאן, און פינאנץ־מי־ניסטער אלבערט גאלאטין. די אנדערע דריי מיניסטארען זיי־נען געווען מיטעלמעסיגקייטען און האבען קיין ראלע ניט גע־שפילט.

ווען דער קאנגרעס האט זיך געעפענט אין מאנאט דעצעמבער האט דזשעפערסאן ווידער געמאכט א דעמאקראטישע ענדע־רונג. די פריערדיגע פרעזידענטען פלעגען זייערע „מעסעדזשעס" אליין פארלייענען פאר'ן קאנגרעס. דערביי פלעגט געמאכט ווע־רען א קעניגליכע צערעמאניע. די קאנגרעסלייט פלעגען דעם פרעזידענט אויפנעמען מיט א פראצעסיע. נאכדעם ווי דער מעסעדזש פלעגט פארגעלייענט ווערען פלעגען געהאלטען ווערען רעדעס וועגען אים, אזוי ווי עס פירט זיך אין מאנארכיסטישע

לענדער נאָך דער „טראָן־רעדע". דזשעפערסאָן האָט דאָס אַלץ אָפּגעשאַפט. ער האָט זיין מעסעדזש צום קאָנגרעס אריינגעשיקט אַן אָנגעשריבענעם און אַ קאָנגרעס־קלערק האָט אים דאָרטען פאָרגעלייענט*).

די אדמיניסטראַציע איז געווען אַ רעפּובליקאַנישע דורך און דורך. די רעפּובליקאַנער האָבען געהאַט אַ מאַיאָריטעט אין ביידע הייזער פון קאָנגרעס. דזשעפערסאָנ'ען איז דערפאַר ניט שווער אָנגעקומען דורכצופירען פיל פון זיינע רעפּובליקאַנישע רעפאָרמען. ער האָט אָפּגעשאַפט דעם שטייער אויף שנאַפּס, כדי צו באַפריידיגען די פאַרמער פון דער סאַוט און וועסט. ער האָט פאַרקלענערט די אַרמיי און די פלאָטע. ער האָט געשניטען די הוצאות פון דער רעגירונג אויף אַ דריטעל. אין 1800 זיינען די הוצאות געווען זיבען און אַ האַלב מיליאָן; אין 1801 זיינען זיי אַראָפּגעשניטען געוואָרען ביז וויינינגער ווי פינף מיליאָן. פּרעזידענט אַדעמס האָט געשאַפען נייע פעדעראַלע געריכטען און באַשטימט זעכצען נייע פעדעראַלע ריכטער. דזשעפערסאָן האָט די נייע געריכטען אָפּגעשאַפט און ממילא האָבען די ריכטער ניט געהאַט וואו צו זיצען. ער האָט אויך צוריקגערופען דאָס געזעץ וואָס אַדעמס האָט דורכגעפירט וועגען בירגערשאַפט; אַנשטאָט פערצען יאָר וואָס אַן אימיגראַנט האָט געדאַרפט וואוינען אין לאַנד כדי צו קענען ווערען אַ בירגער, האָט דזשעפערסאָן דורכגעפירט אַ געזעץ פאַר בלויז פינף יאָר.

אָט די אַלע געזעצען זיינען געווען אין איינקלאַנג מיט'ן נייעם גייסט, מיט'ן גייסט פון דזשעפערסאָנ'ס דעמאָקראַטיע — די רעגירונג זאָל זיך באַנוגענען מיט וויינינג שטייערען, זאָל ניט מאַכען קיין גרויסע הוצאות, זאָל ניט פאַרשווענדען קיין געלד אויף

---

*) אַלע פּרעזידענטען נאָך דזשעפערסאָנ'ען האָבען איהם נאָכגעטאָן, ביז עס איז געקומען פּרעזידענט ווילסאָן און האָט צוריק אַיינגעפיהרט וואַשינגטאָנ'ס און אַדעמ'ס מאָדע. ווילסאָן איז געווען אַ גרויסער פאַרעהרער פון וואַשינגטאָנ'ען און וואַשינגטאָנ'ס אַריסטאָקראַטישע פייערונגען.

מיליטערישע צוועקען און זאל זיך באציען פריינטליך צו ליבע־ראלען און אימיגראנטען.

אין א בריף וואס דזשעפערסאן האט אין 1802 געשריבען צום פוילישען רעוואלוציאנער קאסציושקא מאכט ער א סך־הכל פון די אויפטואונגען פון זיין רעגירונג. ער שרייבט אזוי:

„די סעסיע פון דעם ערשטען קאנגרעס וואס האט זיך פארזאמעלט ווען דער רעפובליקאניזם האט באקומען זיין אויבער־האנט, וועט דורכפירען אלע וואונשען פון פאלק. זי האט פאר־קלענערט די ארמיי און די פלאטע אויף אזויפיל ווי עס איז אב־סאלוט נויטיג. עס זיינען פארבליבען אין דינסט ניט מער סאל־דאטען ווי מען דארף פאר די גארניזאנען אין די קליינע פאס־טענס אויף די גרענעצען... פון דעם פרעזידענט אין אוועקגענו־מען געווארען די מעגליכקייט אויסצוטיילען שטעלען — א העלפט פון די רעגירונגס־עמטער זיינען אפגעשאפט געווארען. אט די איינשפארעניש האט מעגליך געמאכט אפצושאפען אלע אינערליכע שטייערען... דער קאנגרעס האט אפגעהאקט א פאראזיט־צווייג וואס די פריערדיגע אדמיניסטראציע האט פארפלאנצט אין דער געריכטס־אפטיילונג. ער האט געעפענט די טיר פון גאסטפריינד־ליכקייט פאר אימיגראנטען וואס לויפען פון אונטערדריקונג אין אנדערע לענדער. מיר האבען אפגעשאפט די אלע עפענטליכע פאראדען און צערעמאניעס וואס נעוואוינען צו דעם עולם צו דער איינפירונג פון אן אנדער סארט רעגירונג (אן אריסטאקראטישע). דאס פאלק איז כמעט איינגאנצען אייינג. די פריערדיגע פירער זיינען אויפגעבראכט ווייל זיי פילען זייער שוואכקייט. באלד וועט מען פון זיי הערען בלויז אין די צייטונגען, וועלכע דינען אלס קוימענס ארויסצולאזען שלעכטע גאזען און רויך. אין לאנד איז אלץ רואיג, פעסט און אזוי גוט ווי עס באדארף צו זיין”.

קאפיטעל 23.

דער 10־יאָריגער קאמף צווישען דזשעפערסאָן און האַמילטאָן.

צען יאָר האָט זיך געצויגען דער קאמף צווישען דזשעפער־סאָנ'ען און האמילטאָנ'ען. דער קאמף איז געווען א ביטערער, א פארצווייפעלטער; די קאמף־מעטאָדען — פרימיטיווע, ברו־טאלע. האמילטאָן און זיין פארטיי האָבען אויף די גרויסע מאסען געקוקט מיט פאראכטונג און מיט שפּאָט. דזשעפערסאָן און זיין פארטיי האָבען באטראכט די פעדעראליסטען פאר מאָנאר־כיסטען, טיראנען און געהיימע אגענטען פון ענגלאנד.ביידע צדדים האָבען זייערע מיינונגען און געפילען אָפען און שארף ארויסגעזאָגט. די צייטונגען זיינען פול געווען מיט די שרעק־ליכסטע באשולדיגונגען פון איינע געגען די אנדערע. קיינעמס כבוד איז ניט געשאנעוועט געווארען, קיינעמס געפילען זיינען ניט געשוינט געווען. אין די דעבאטען אין קאָנגרעס האָבען די געג־נער חוזק געמאכט איינע פון די אנדערע. אויף די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען זיינען פארשפּרייט געוואָרען די ווילדסטע בלבולים. ריכטער אין די געריכטען האָבען אָפען ארויסגעזאָגט זייערע פּאָראורטיילען געגען פּאָליטישע באשולדיגטע און זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט באווייזען און מיט'ן געזעץ.

די צוויי האלב־אָפיציעלע אָרגאנען פון די צוויי פארטייען זיינען געווען: „דהי גאזעט אָוו יונייטעד סטייטס", רעדאגירט פון דזשאָן פענאָ, און „דהי נעשאָנאל גאזעט", אונטער דער רע־דאקציע פון פיליפ פרענאָ. די ערשטע צייטונג האָט אלעקסאנ־דער האמילטאָן שטילערהייט געגרינדעט אין 1790. אָפיציעל

האט ער מיט איר קיין פארבינדונג ניט געהאט, אין דער ווירקליכ־קייט האט זי צו אים געהערט אינגאנצען. זי האט זיך אויפ־געהאלטען דורך דער הילף און שטיצע וואס די פעדעראליסטען האבען איר געגעבען. די פעדעראליסטישע רעגירונגס־בעאמטע האבען דער צייטונג פארשאפט הכנסה פון דער רעגירונג. ווען די צייטונג איז געווען פארזונקען אין חובות האט האמילטאן אליין געשריבען צו זיינע פעדעראליסטישע פריינט זיי זאלען זאמלען פאנדען איר ארויסצוהעלפען. די צווייטע צייטונג, „די נעשאנעל גאזעט", איז געגרינדעט געווארען פון דזשעפערסאנ'ען און א פאר פון זיינע נאכפאלגער אין 1792. דזשעפערסאן האט געגעבען פרענא'ן א רעגירונגס־שטעלע אין זיין דעפארטמענט, אלס איבערזעצער פון אויסלענדישע בריף. פאר דער ארבייט האט פרענא באקומען 250 דאלאר א יאהר. דער געהאלט, אמת, קליין, איז פונדעסטוועגען געווען א באדייטענדע שטיצע פאר דער צייטונג.

דערביי איז אינטערעסאנט, דאס דזשעפערסאן איז ביטער אטאקירט געווארען אין פענא'ס צייטונג און אין אנדערע פעדע־ראליסטישע צייטונגען דערפאר וואס ער האלט אויס אן אייגע־נעם פארטיי ארגאן מיט רעגירונגס געלדער. אין דערזעלבער צייט האבען זיי מיט רעגירונגס־געלדער געהאלפען פענא'ן ארויס־געבען א צייטונג וועלכע האט געדינט זייערע אייגענע פאלי־טישע אינטערעסען און וועלכע האט געזידעלט און געשימפט דזשעפערסאנ'ען, כאטש ער איז אויך געווען א גאנץ הויכער באאמטער, דער „סעקרעטערי אוו סטייט".

אין דער פרעזידענטען־קאמפאניע פון 1792, האט דזשע־פערסאנ'ס פארטיי קאנצענטרירט איר גאנצע מאכט דער עיקר אויף צו שלאגען דעם פעדעראליסטישען קאנדידאט פאר וויים־פרעזידענט, דזשאן עדעמס (פאר פרעזידענט איז געלאפען דזשארדזש וואשינגטאן און קעגען אים האבען די רעפובליקאנער פארלויפיג ניט געוואגט צו ריידען). די קאמפאניע איז אנגע־פירט געווארען אויפ'ן זעלבען אופן ווי וואל־קאמפען ווערען שטענ־דיג געפירט אין אמעריקא. די פארטייען האבען באשולדיגט

איינע די אנדערע אין קאָרופּציע, אין כאבאר. אין לאַנד איז דעמאָלט געווען א שארפער קריזיס, וואס איז פאראורזאכט געוואָרען דורך ספּעקולאַציעס מיט ווערט־פּאַפּירען. דזשעפערסאָן האָט געהאַלטען די פעדעראַליסטען אָדער בעסער געזאָגט, האַמילטאָנ׳ס פינאַנציעלע פּאָליטיק פאראַנטוואָרטליך פאר׳ן קריזיס. האַמילטאָן האָט דאָן געווירקט, אז עס זאָל געגרינדעט ווערען די יונייטעד סטייטס באַנק. מיט די פּאַפּירען פון דער באַנק האָט זיך עס צופלאַקערט די גאַנצע ספּעקולאַציע. און ווען די אויפגעבלאָזענע פּרייזען פון די פּאַפּירען האָבען ענדליך געפּלאַצט איז געקומען דער קריזיס. אָט איז א ביישפּיל פון דעם טאָן וואס איז באַנוצט געוואָרען אין דער פּאָליטישער פּרעסע. א צייטונג אין דזשאָרדזשיא, שרייבענדיג וועגען ספּעקולאַנטען, האָט געזאָגט: „איר וואָלקענס, ווען איר רעגענט וואַשט אים (דער ספּעקולאַנט) אראָפּ די הויט פון לייב, ווען איר האָגעלט וואַרפט די שווערע קוילען אייז אויף זיין פארדאַמטען קאָפּ. איר דונערען, ווען איהר דונערט פאַלט נעבען אים, צושמעטערט א בוים אָדער צורייסט א שטיין פאר אים אין די אויגען. זאָל דער געוויסען אים פאַרפאָלגען ווי א בייזער גייסט. איר ווינטען, מאַכט אים קאַלט. דו פראָסט, בייס אים, פריר אים. איר גנבים און רויבער, באַפאַלט אים, נעמט פון אים אַלץ צו, שלאָגט אים, פּייניגט אים. ער האָט פארהונגערט די פּאָטערלאָזע און האָט נאַקענט געמאַכט די מוטערלאָזע.“

מיט א קורצער צייט פריער האָט די רעגירונג געשיקט אן עקספּעדיציע געגען די אינדיאַנער אין דער וועסט און די ארמיי האָט געהאַט א שווערע מפּלה. די ארמיי האָט ניט געהאַט גענוג פּראָוויאַנט און קיין מעדיצין, און הונדערטער סאָלדאַטען זיינען אונטערוועגענס פארהונגערט און קראַנק געוואָרען. די רעפּובליקאַנישע צייטונגען האָבען באַשולדיגט דעם פעדעראַליסטישען קריגס־מיניסטער, גענעראַל נאָקס, אז ער האָט פארשווענדעט די רעגירונגס־געלדער אויף פּאַראַדען און אויף פּאָמפּ צערעמאָניעס און די סאָלדאַטען האָט ער געלאָזען קראַנק ווערען און פארהונגערען. איינינע צייטונגען האָבען אפילו דערקלערט, אז נאָקס האָט גע־

גנב'עט רעגירונגס־געלט, אז ער האָט זיך געטיילט מיט די קאָנט־ראקטאָרס וואָס האָבען גערארפט צושטעלען עסען פאר דער ארמיי.

די רעפובליקאנער האָבען דעם קאמף פארלאָרען. עדעמס איז דערוויילט געווארען. אָבער דער וואל־קאמף האָט באוויזען אז די רעפובליקאנער זיינען אָן אָרגאניזירטע מאכט, אז זיי „פארשטייען" ווי צו פירען פאָליטישע קאמפאניעס, און אז זיי ציען די אויפמערקזאמקייט פון די מאסען.

דער ווינטער פון 1792 איז געווען זייער א שווערער פאר האמילטאָנ'ען. עס האָבען פאסירט איינינגע זאכען וואָס האָבען אים שיער ניט פאָליטיש פארניכטעט און וואָס האָבען שטארק געטראפען זיין פארטיי. פון פריער נאָך האָבען זיך ארומגעטראָגען קלאנגען, אז האמילטאָן האָט פערזענליך פארדינט פון די פינאנציעלע פראָיעקטען וואָס ער פירט דורך אין דער רעגירונג, אז ער מאכט פראָפיטען פון דער רעגירונגס־באנק, אז ער מאכט פראָ־פיטען פון זיין פאָרגעשלאָגענעם פלאן די רעגירונג זאָל שטיצען דער אנטוויקלונג פון פאבריקאציע, און אזוי ווייטער. אין מיטען דערינען האָט געפלאצט א באָמבע איבער האמילטאָנ'ס קאָפּ. א געוויסער דזשיימס רענאלדס, וועלכער איז געזעסען אין געפענ־גניש פאר פארברעכענס אין פארבינדונג מיט רעגירונגס־געלט, האָט דערקלערט, אז ער איז געווען ניט מער ווי א ווערקצייג פון „א געוויסען מיניסטער אין קאבינעט". ער האָט באוויזען בריף און אנדערע פאפירען וועלכע האָבען ווירקליך באשטעטיגט אז ער האָט געהאט פינאנציעלע געשעפטען מיט האמילטאָנ'ען.

צוויי קאָנגרעסלייט און א סענאטאָר זיינען אַוועק צו האמיל־טאָנ'ען פרעגען וואָס ער האָט צו זאָגען וועגען דעם. דער סענאטאָר איז געווען דזשיימס מאָנראָ, א תלמיד פון טאָמאס דזשעפערסאָן און א פארקאָכטער רעפובליקאנער. האמילטאָן האָט זיך פון אָנפאנג גע'כעס'ט, האָט צוריקגעשליידערט די באשולדיגונגען און די אינסינואציעס. באלד אָבער האָט ער זיך בארואיגט און געבעטען די קאָמיסיע, זי זאָל אין אָווענט קומען צו אים אהיים, וועט ער זיי אלץ דערקלערען. זיי האָבען מסכים געווען. אין הויז

האָט ער זיי העפליך אויפגענומען, האָט אוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש א פעקעל פאַפירען און האָט פאַר די דריי קאָמיטעלייט דערציילט א סענסאַציאָנעלען סוד:

אין א זומער טאָג, אין 1791 — האָט האַמילטאָן דערציילט — איז מרס. רענאָלדס, די פרוי פון דעם ארעסטאַנט, געקומען צו אים, האַמילטאָנ׳ען, אין הויז מיט א פּאַטעטישער געשיכטע, אז איר מאן האָט זי פארלאָזען און אז זי מוז קריגען שטיצע צו קאָנען פאָרען צו איר פאַמיליע קיין ניו יאָרק. האַמילטאָן איז פון אירע רייד גערירט געווארען. קיין געלט האָט ער אָבער ביי זיך גראד דעמאָלט ניט געהאט, האָט ער ביי זיך פארשריבען איר אַדרעס און צוגעזאָגט איר דאָס געלט צו ברענגען אין אָוונט. זי האָט געוואוינט אין אן ארימען ביליגען קווארטיראנטען־הויז, אין דעם אָרימען קווארטאל פון שטאָט. ביינאַכט איז האַמילטאָן אהין אוועק. זי האָט אים אויפגענומען אין איר צימער. דערנאָך האָט ז אָפט באַזוכט האַמילטאָנ׳ען ביי אים אין הויז. האַמילטאָנ׳ס פרוי און קינדער זיינען יענעם זומער געווען צו גאַסט ביי אירע עלטערען אין אַן אַנדער שטאָט, און האַמילטאָן האָט דאָ מיט׳ן ווייבעל געפירט א לינקע ליבע. ער האָט שוין געוואוסט, אז די גאַנצע מעשה וואָס זי האָט אים דערציילט וועגען איר מאן איז ניט אמת. זי האָט געוואוינט מיט איר מאַן צוזאמען און די ליבע איז געפירט געוואָרען הינטער דעם מאַנ׳ס רוקען. האַמילטאָן איז געווען אין איין שרעק טאָמער וועט דער מאַן אים כאַפּען.

ענדליך איז געשעהן דאָס פאַר וואָס ער האָט זיך געשראָקען. אין א שיינעם פרימאָרגען האָט האַמילטאָן באַקומען א בריף פון זיין געליבטער, אז איר מאַן האָט אַלץ אויסגעפונען און אז ער סטראַשעט צו דערציילען דער מאַדאַם האַמילטאָן. האַמילטאָן האָט געשיקט נאָך מר. רענאָלדס און דער באַטראָגענער מאַן האָט איינגעווילִיגט צו שווייגען אויב האַמילטאָן וועט אים דערפאַר באַפרידיגען. ער האָט געפאָדערט טויזענט דאָלאַר. „מיט׳ן געלט וועל איך פון דאַנען אַוועקפאָרען — האָט ער געזאָגט — און איך וועל מיין פרוי איבערלאָזען אין גאַנצען פאַר אייך”.

האַמילטאָן האָט אים דאָס געלט געגעבען. אָבער רענאָלדס

איז געבליבען אין דערהיים. האמילטאן האט זיין ראמאן מיט דער פרוי פארטגעזעצט. רענאלדס אליין האט אים צוגערעדט דערצו. ווען האמילטאן פלעגט קומען צו דער געליבטער, פלעגט רענאלדס אים אליין אויפנעמען. א שטיקעל צייט שפעטער האט רענאלדס געפאדערט נאך געלט, און שפעטער האט ער געפאדערט נאך און נאך. אזוי איז האמילטאן ארייגעצויגען געווארען אין נעץ אלץ טיפער און טיפער. ער האט קיין ברירה ניט געהאט און געמוזט צאלען.

„אט אין דעם באשטייען מיינע געלט־פארבינדונגען מיט רענאלדס׳ן" — האט האמילטאן פארענדיגט זיין ווידוי.

די קאמיטע האט דורכגעקוקט די אלע צעטעלאך, בריף און דאקומענטען וואס האמילטאן האט פאר זיי פארגעלייגט און זיי האבען זיך איבערצייגט, אז ער האט זיי דערציילט דעם אמת. זיי האבען אים דערקלערט, אז וויבאלד זיין ווידוי האט ניט צו טאן מיט זיין רעגירונגס־אמט און זיינע רעגירונגס־פליכטען, נאר איז פון א שטרענג פריוואטען כאראקטער, פארפליכטען זיי זיך די פאקטען קיינמאל ניט ארויסצוגעבען פון דער עפענטליכקייט. זיי האבען זיך מיט האמילטאנ׳ען פריינדליך געזעגענט און זיינען אוועק.

אבער די רענאלדס סענסאציע האט זיך דערמיט ניט גע־ענדיגט. די אטאקעס אויף האמילטאנ׳ען זיינען פארטגעזעצט געווארען. מיט א צייט שפעטער האט האמילטאן אליין פאר־עפענטליכט די גאנצע געשיכטע אין א פאמפלעט וואס ער האט אפגעדרוקט. ער האט דערציילט די אלע איינצעלהייטען וועגען זיין ראמאן מיט דער פארהייראטער פרוי. קיין גוטס האט עס אים, פארשטייט זיך, ניט פארשאפט. אבער מערקווירדיג איז, וואס שטארק געשעדיגט האט עס אים אויך ניט. טראץ דעם וואס די קירכע איז דאן געווען אזוי שטארק און די פרומאקעס האבען געהאט א גרויסע מאכט און גרויס איינפלוס, איז די מאראל ניט געשטאנען צו־הויך. אזא סקאנדאל וואלט היינטיגע צייטען אין אמעריקע געגעבען א טויט־קלאפ דער קאריערע פון א שטאטסמאן.

האַמילטאָנ׳ס איינפלוס און מאַכט אין דער רעגירונג און אין דער פּאָליטישער וועלט זיינען דורכדעם ניט אפּגעשוואַכט געוואָרען.

אין דער האַלטונג פון די פעדעראַליסטען און דער פעדעראַליסטישער פּרעסע צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבען זיך אַם שאַרפסטען אַרויסגעוויזען די געפילען פון האַס און פאַראַכטונג וואָס די האַמילטאָניסטען האָבען געהאַט צו די גרויסע מאַסען. וויים־פּרעזידענט עדעמס האָט אין יאָר 1790 דערקלערט, אַז „אין פראַנקרייך, פונקט ווי אין אַמעריקאַ, זיינען דאָ צופיל מענשען וואָס לעכצען נאָך פּערזענליכער און אייגענטום־גלייכהייט". די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די פּאָליטישע פּלאָנטערס מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, אין וועלכע די היגע רעגירונג איז דורך איר אַריינגעצויגען געוואָרען, האָבען געפירט צו אָפּטע צוזאַמענשטויסען צווישען די פעדעראַליסטען און רעפּובליקאַנער. די פעדעראַליסטישע צייטונגען האָבען געדרוקט „שרעקליכקייטס"־באַריכטען וועגען דער הינריכטונג פון דעם קעניג און דער קעניגין. דערויף האָבען די רעפּובליקאַנישע צייטונגען געענטפערט מיט חוזק. אין אַלגעמיין אָבער האָט די קעניגליכע הינריכטונג געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג. אַ סך רעפּובליקאַנער האָבען שאַרף קריטיקירט די דאָזיגע טאַט פון די רעוואָלוציאָנערען. די עפענטליכע מיינונג איז געווען אויף דער זייט פון האַמילטאָן און די אַריסטאָקראַטען. דאָס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. דזשעפּערסאָן איז געווען פאָרזיכטיג. אין אַ פּריוואַטען בריף האָט ער בלויז דערקלערט אַז אים פרייט צו זען, אַז מאָנאַרכען קענען באַשטראָפט ווערען פונקט ווי אַנדערע פאַרברעכער. מעדיסאָן האָט געשריבען: „אויב דער קעניג איז אַ פאַררעטער דאַרף ער באַשטראָפט ווערען פונקט ווי אַנדערע וואָס פאַרראַטען זייער לאַנד." דער גרויסער עולם איז אָבער צוטומעלט געוואָרען און האָט אויף אַ ווײַלע זיך געלאָזט הינרייסען פון אַ רחמנות־געפיל צו די הינגעריכטעטע הערשער.

די כוואַליע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער פאַרקערטער ריכטונג ווען ענגלאַנד האָט דערקלערט קריג דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער אַמעריקאַנער עולם האָט באַלד פאַרגעסען אָן

רעם קעניג און האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אייגענער רעוואָלוציע, אָן זיין אמאָליגען שונא, ענגלאנד, און זיין אמאָליגען פריינד, פראנקרייך. אָבער האמילטאָן האָט פון ערשטען מאָמענט אָן גענומען פירען די אמעריקאנער פאָליטיק אין איין ריכטונג — אין דער ריכטונג פון ענגלאנד געגען פראנקרייך. און עס איז גאנץ מעגליך, אז אים וואָלט זיך איינגעגעבען דאָס דורכצופירען ווען ניט דער ווידערשטאנד פון דזשעפערסאָן און די רעפּובּ־ליקאנער. פּרעזידענט וואשינגטאָן איז געווען ווי א ווערקצייג אין האמילטאָן'ס הענט. האמילטאָן האָט פאקטיש אים דיקטירט ווי צו האנדלען און צו ריידען. און דעמאָלט האָבען זיך עס צום ערשטען מאָל אָנגעהויבען אין די רעפּובּליקאנישע צייטונגען די אטאקעס אויף וואשינגטאָן'ען, אטאקעס וואָס זיינען געוואָרען שארפער און ביטערער ביז וואנען ער האָט געענדיגט זיין צווייטען טערמין און איז אראָפּ פון פּרעזידענטען־שטול.

די מאסען זיינען געווען באגייסטערט פאר דער פראנצויזישער רעוואָלוציע. ווי ווייט די באגייסטערונג האָט דערגרייכט קען מען אורטיילען פון דער פאָלגענדער קליינער פּאסירונג. אין א טעאטער איז אן אַקטיאָר אויפגעטראָטען אויף דער בינע אין א ראָלע פון אן ענגלישען אָפיצער. דער עולם האָט גענומען פייפען און שרייען און פאָדערען ער זאָל גלייך אויסטאָן דעם ענגלישען מונדיר. דער אַקטיאָר האָט דערקלערט דעם אויפגערעגטען עולם, אז דאָס שטעלט ער פאָר א כאראקטער פון א ברוטאלען, גראָבען מענשען און אזא פארשוין מעג טראָגען אן ענגלישען מונדיר. די ערקלערונג האָט דעם עולם צופרידענגעשטעלט און מען האָט דערלויבט דעם אַקטיאָר פאָרטצוזעצען זיין שפּילען.

אין ניו יאָרק זיינען די דעמאָנסטראציעס פאר פראנקרייך און געגען ענגלאנד אנגעפירט געוואָרען פון „טעמעני האָל”, א פּאָליטישע אָרגאניזאציע וואָס האָט זיך געהאט געגרינדעט מיט דריי יאָר פריער און וואָס האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע צו באקעמפען די אריסטאָקראטען. ענליכע אָרגאניזאציעס אונטער'ן נאָמען „דעמאָקראטישע קלובּס” האָבען זיך איצט גענומען גרינדען איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון לאנד. די גרויסע מאיאָ־

ריטעט פון די מיטגלידער אין די קלובס זיינען געווען אָרימע ארבייטער, פאַרמער און קליין־הענדלער. עס זיינען אין זיין אויך געווען א צאָל אינטעליגענטען, פּראָפעסיאָנאלען. דזשעפערסאָן האָט די קלובען דערמוטיגט. די קלובען האָבען שפעטער געטאָן א גרויסען טייל פון דער פראקטישער ארבייט פון דער רעפובליקאַנישער פארטיי. די פעדעראליסטען האָבען גלייך פון אָנפאנג אויף זיי געקוקט מיט האַס און חשד. איינער, א באַוואוסטער פעדעראליסט, האָט זיי באצייכענט מיט'ן טיטעל „טייפלישע געזעלשאפטען", א צווייטער האָט זיי אָנגערופען „די וויגעלאַך פון פארראט". אין א פּאָר יאָר ארום האָט פּרעזידענט וואשינגטאָן אטאקירט די קלובען אין זיינעם א מעסעדזש צום קאָנגרעס. ביי די פעדעראליסטען און ביי וואשינגטאָנ'ען איז אויסגעקומען, אז בירגער באַגעהען א פאַרראַט געגען דער רעגירונג ווען זיי אָרגאַניזירען זיך אין קלובען פאר פּאָליטישע צוועקען. זיי אליין, די פעדעראליסטען, האָבען אזוינע קלובען שטענדיג געהאט. זייערע געזעלשאפטען האָבען זיי באטראכט ניט נאָר פאר כשר נאָר פאר העכסט פאטריאָטיש. די קלובען פון די מאסען זיינען אָבער געווען „נעסטען פון בונטאָוושטשיקעס".

דער אָפּגרונד צווישען די צוויי ריכטונגען איז געוואָרען טיפער און טיפער. דזשעפערסאָן, וועלכער איז אליין געווען א רייכער ערד־באַזיצער, אַן אריסטאָקראט און א מיניסטער, איז שיער ניט אויסגעשלאָסען געוואָרען פון די אריסטאָקראטישע קרייזען. מאדאם וואשינגטאָן האָט אָנגערופען די וואָס האָבען סימפּאטיזירט מיט דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, „שמוציגע דעמאָקראטען". די אריסטאָקראטישע סאלאָנען האָבען אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס די פראנצויזישע אריסטאָקראטען וואָס האָבען זיך גראד דאָ געפונען. דזשעפערסאָן האָט געמוזט אויסמיידען די אַלע הייזער, וואו ער איז פריער געווען אַן אריינגייער, איבערהויפּט די אריסטאָקראטישע דאמען האָבען אים געשטאָכען מיט זייערע בליקען, אים געמאכט פילען, אז זיין געזעלשאפט איז זיי ניט אנגענעם. ער האָט געפילט, אז אים ווערט ענג ניט בלויז אין דער פריוואטער געזעלשאפט פון די דאָזיגע לייט, נאָר אויך

אין די רעגירונגס־קרייזען. אין אויגוסט, 1793, האָט ער אריינ־געשיקט זיין רעזיגנאציע. אין זיין בריף צו וואשינגטאָנ'ען האָט ער געשריבען: „מיין אמט צווינגט מיך צו קומען אין קרייזען וועלכע קענען מיך ניט ליידען. די מענשען כאפען דאָרט אויף יעדעם וואָרט מיינס און טראָגען עס פאנאנדער, פארדרייען עס, מאכען דערפון גאָר עפּעס אנדערש, און פארשפרייטען עס כדי מיר צו שעדיגען". אבער וואשינגטאָן האָט פארלאנגט ער זאָל בלייבען אין אמט ביז אָנהויב 1794, און ער האָט איינגעשטימט.

אין 1794, ווען עס האָט זיך אנגעהויבען דער ערנסטער סכסוך צווישען אמעריקע און ענגלאנד איבער די גוואלדטאטען וואָס ענגלאנד איז באגאנגען געגען די אמעריקאנער האנדעלס־שיפען, איז שוין דזשעפערסאָן אין קאבינעט ניט געווען. די ענגלענדער האָבען געפילט אז זיי האָבען אין האמילטאָנ'ען אן איבערגעבענעם פריינד, און אז ער וועט פאר זיי אלץ פארגלעטען. און זיי האָבען זיך ניט גענארט אין חשבון. אויף האמילטאָנ'ס עצה איז דזשאָן דזשעי געשיקט געווארען קיין ענגלאנד אויסצואַרבייטען א פריי־דענס־פּלאן. פריער האָט האמילטאָן אליין געוואָלט פאָרען. אבער די רעפּובליקאנער האָבען אויפגעהויבען אזא פּראָטעסט, אז ער האָט זיין נאָמען צוריקגעצויגען, און געהייסען דזשעי'ען אָנצונעמען. דזשעי איז דעמאָלט געווען דער הויפּט־ריכטער פון סופרים קאָורט. דזשעי איז געווען א געטרייער נאָכפאָלגער פון האמילטאָנ'ען: אזוי ווי האמילטאָן האָט ער פאראכט דעם המון, אזוי ווי יענער האָט ער געהאסט די פראנצויזישע רעוואָלוציע און געהאט די וואָ־רימסטע געפילען פאר ענגלאנד. די רעפּובליקאנער האָבען אין סע־נאט אָנגעפירט א ביטערען קאמף געגען דזשעי'ען אלס שליח. זיי האָבען אָבער ניט אויסגעפירט. די דעמאָקראטישע קלובען האָבען אויך פּראָטעסטירט און אויפגעפאָדערט וואשינגטאָנ'ען ער זאָל דעם שריט ניט מאכען. אָבער וואשינגטאָן האָט די פּראָטעסטען איגנאָרירט.

אין זעלבען יאָר איז פאָרגעקומען דער שנאפּס־אויפשטאנד („די וויסקי רעבעליאָן"). דער שטייער אויף שנאפּס איז לכתחילה באקעמפט געוואָרען פון די רעפּובליקאנער אין קאָנגרעס. זיי האָבען

גע׳טענה׳ט, אַז דער שטייער ווערט אַרויפגעלעגט אויף די אָרימע פאַרמער, כדי די רעגירונג זאָל האָבען געלט צו צאָלען פּראָצענט די רייכע באַזיצער פון רעגירונגס־פּאַפּירען. ווען די אומרוען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין דער וועסט, האָט האַמילטאָן גלייך גענומען צורעדען וואַשינגטאָנען ער זאָל שיקען אַן אַרמיי. די פעדעראַליסטישע צייטונגען האָבען אין זייערע אַטאַקעס גערעדט וועגען „פרעמדע", וועגען אימיגראַנטען. זיי האָבען אָנגעדייט דערויף, אַז צווישען די פאַרמער אין דער וועסט זיינען דאָ אַ סך איירישע אימיגראַנטען, און אַז זיי זיינען עס די פירער פון די בונטאָווּשטשיקעס. פענאָ האָט אין זיין צייטונג געשריבען: „דער אָפּפאַל פון אייראָפּאַ וועט פאַרפלייצען אונזערע ברעגען, אויב מיר וועלען זיך ניט באַוואָרענען מיט געזעצען געגען זיי". מר. וואָל־קאַט, דער נייער אויסלאַנדס־מיניסטער, האָט געשריבען, אַז „דער אויפשטאַנד איז אַ ביישפּיל פון דעם, וואָס מיר קענען דערוואַרטען פון אייראָפּעאישע אימיגראַנטען". די פעדעראַליסטישע צייטונגען זיינען יעדען טאָג פול געוועזען מיט אַזוינע פראַזען, ווי: „אַרונטער מיט די דעמאָקראַטען! אַרונטער מיט אַלע, וואָס קריטיקירען באַאַמטע און געזעצען! אַרונטער מיט די אויסלענדישע טייוואָלים!"

די דעמאָקראַטישע קלובען זיינען איצט געוואָרען טעטיג אין לאָקאַלע וואַל־קאַמפּאַניעס. זיי האָבען אָנגעהויבען פירען אַ סיס־טעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע אונטער דזשעפערסאָנ׳ס אויפזיכט. אין די וואַלען פון 1794 איז זיי געלונגען צו שלאָגען אַ היבשע צאָל פעדעראַליסטישע קאַנדידאַטען, טייל פון זיי גאַנץ אָנגעזעענע. אין מאַסאַטשוסעטס האָבען זיי זיך אָפּגעלעגט צו באַזיגען דעם אָנגע־זעענעם פעדעראַליסטישען קאָנגרעסמאַן, פישער עימס. ער איז דערווײלט געוואָרען מיט אַ קליינער מאַיאָריטעט. אָבער מעדיסאָן האָט דערקלערט, אַז ער האָט זיין זיג צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס זיינע חסידים האָבען געבראַכט צום שטימקאַסטען נעגער און ענגלישע מאַטראָזען, וועלכע האָבען זיך גראַד געפונען אין באָס־טאָנער האַפען.

דער האַס געגען די אַריסטאָקראַטען האָט זיך אויסגעדריקט

אויף פארשידענע אופנים, און אפטמאל וואולגארע אופנים. די ציימונגען פון יענער צייט דערציילען, אז אין פילאדעלפיא האבען די גאלעריע־זיצער אין טעאטער אויסגעפונען א נייעם סארט שפאס. זיי פלעגען מיט'ן אויג אויסקלייבען אן אריסטאקראט, וואס איז געזעסען אונטען אין ארקעסטער און פארערען, ער זאל אראפנעמען זיין הוט און זיך פארנייגען פאר דער גאלעריע. ווען ער האט זיך אנטזאגט, פלעגט מען אים נעמען באמבארדירען מיט עפעל, בארען, שטיקער האלץ, און אפילו שטיינער. דערביי פלעגט מען אים אויך שימפען און זידלען מיט שמוציגע ווערטער. אויב ער האט זיך אלץ ניט אונטערגעגעבען, פלעגט מען אויף אים אראפשפייען און אראפגיסען אויף אים פון ביר־פלעשער. פון אזעלכע אטאקעס פלעגען נאטירליך ליידען ניט בלויז דער אויסגעקליבענער קרבן, נאר אויך אלע אין די ארומיגע פלעצער. איינמאל האט פאסירט, אז צוליב אזעלכע סצענעס האט כמעט דער גאנצער ארקעסטער געמוזט פארלאזען דאס טעאטער. די סקאנדאלען זיינען געגאנגען אזוי ווייט, אז אפילו די רעפובליקאנישע ציימונגען האבען גענומען פראטעסטירען.

אין אנהויב יאר 1795 האט האמילטאן רעזיגנירט פון וואשינג־טאנ'ס קאבינעט. ער האט זיין ארבייט אפגעטאן. אלע זיינע פינאנציעלע פלענער זיינען דורכגעפירט געווארען, און איצט האט ער באשלאסען זיך צוריקצוציהען אין פריוואטען לעבען און פריי־וואטע געשעפטען. די פעדעראליסטישע ציימונגען האבען אויס־גענוצט די געלעגענהייט צו רימען און צו באזינגען זיין גרויסע ארבייט. די רייכע לייט, די גרויסע סוחרים און אריסטאקראטען פון פילאדעלפיא, האבען פאר אים געמאכט אן אבשידס־באנקעט. ווען ער איז געקומען אין זיין היים־שטאדט, ניו יארק, איז ער דא אויך פון דיזעלבע קלאסען אויפגענומען געווארען מיט גרויס פאראד. אלע גרויסע געשעפטסלייט האבען אים אנגעשטעלט אלס זייער אדוואקאט. אין די ערשטע פאר מאנאטען האט ער פארדינט מער געלט ווי זיין געהאלט פאר א גאנץ יאר אלס מיניסטער האט אנגעטראפען. ער האט דעמאלט דערקלערט, אז ער איז מיד פון פאליטיק און האט פארזיכערט, אז ער וועט זיך מער אין פאליטיק

ניט מישען. דאָס איז אָבער געווען ניט מער ווי גערעדט. אין אמת'ן איז ער אויף א מאָמענט ניט אָפּגעטראָטען פון זיין פּלאַץ אלס פירער פון דער פעדעראַליסטישער פּארטיי־קליקע. ער איז פאַרבליבען דער „באָס" פון זיי פּארטיי ביז'ן סאמע סוף, ביז זי איז פאַקטיש צושמעטערט געוואָרען אין די וואַלען פון 1800.

מיר האָבען אין א פאָריגען קאַפּיטעל דערציילט וועגען דער פיאַסקאָ פון דזשעי'ס אָפּמאַך. דזשעי האָט פאַקטיש נאָכגעגעבען אַלץ וואָס ענגלאַנד האָט געוואָלט. טייל היסטאָריקער וואַרפען די גאַנצע שולד אויף האַמילטאָנ'ען. נאָך זייער מיינונג האָט האַמיל־טאָ פּשוט פאַרראַטען אמעריקא צו ענגלאַנד. ווען דזשעי איז אָנ־געקומען קיין ענגלאַנד, האָט ענגלאַנד געהאַט אורזאַכען זיך צו שרעקען פאַר אמעריקא. מיט איינציגע מאָנאַטען פריער האָבען שוועדען און דענמארק באַשלאָסען אויפצופאָדערען אַלע נייטראַלע לענדער צו פאַראייניגען זייערע פלאָטעס און צוזאַמען זיך צו שטעלען געגען ענגלאַנד. די ענגלישע רעגירונג האָט מורא געהאַט טאָמער וועט אמעריקא אויך צושטיין צום פּלאַן. און דזשעי האָט ווירקליך אין זינען געהאַט צו באַנוצען די דאָזיגע בייטש אין זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד. אָבער פּונקט דעמאָלט ווען דזשעי האָט אָנגעהויבען זיינע שמועסען מיט דער ענגלישער רעגי־רונג, האָט זי געקראָגען א ידיעה פון איר אמבאַסאַדאָר אין אמע־ריקא, אז האַמילטאָן האָט אים פאַרזיכערט, אז אונטער קיינע אומ־שטענדען וועט אמעריקא ניט צושטיין צום פאָרשלאַג פון די נייטראַלע לענדער. ענגלאַנד האָט געוואוסט, אז האַמילטאָנ'ס דעה אין דער אמעריקאַנער רעגירונג איז גרעסער אפילו ווי וואַשינג־טאָנ'ס. האָט זי זיך פון דזשעי'ס סטראַשונאָק אויסגעלאַכט און אים געצוואונגען אָנצונעמען באַדינגונגען, וואָס זיינען געווען א דערנידערונג פאַר אמעריקא.

ווען דער ברייטער עולם האָט זיך דערוואוסט די איינצעל־הייטען פון דעם אָפּמאַך, האָט אויסגעבראָכען א שטורם פון פּראָ־טעסטען. דזשעי'ס בילד איז געברענט געוואָרען אין די גאַסען אין פיל שטעדט און שטעדטלאַך. קאָפּיעס פון דעם אָפּמאַך זיינען געטראָטען געוואָרען אונטער ד'י פיס און געריסען געוואָרען אויף

פיצלאך ביי די גרויסע פראטעסט מיטינגען. שטאדטישע אסיפות האבען אנגענומען פראטעסט רעזאלוציעס. האמילטאן האט איינמאל געפרובט רעדען ביי א מאסען־פארזאמלונג אין ניו יארק צו פארטיידיגען דעם אפמאך, אבער דער עולם האט אים ארונטערגעפייפט פון דער פלאטפארמע. אימיצער פון עולם האט אים דאן געווארפען א שטיין אין קאפ. די אויפרעגונג פון פאלק האט אנגעווארפען א שרעק אויף האמילטאנ'ען, און ער האט גענומען טראכטען וועגען צוגרייטען אן ארמיי צו אונטערדריקען א מעגליכען אויפשטאנד. ער האט וועגען דעם געלאזט וויסען די קאבינעט־מיניסטארען אין פילאדעלפיא. אין א רעדע האט ער דערקלערט, אז פאר דער רעגירונג זיינען דא צוויי ברירות: ענטוועדער צוריקצעווייזען דעם אפמאך און גיין אין מלחמה געגען ענגלאנד, אדער אנצונעמען דעם אפמאך און האבען א בירגער־קריג אין לאנד גופא. פון די צוויי ברירות, האט ער געזאגט, איז בעסער די צווייטע. איידער א מלחמה מיט ענגלאנד, איז בעסער א בירגער־קריג.

א גאנץ זומער האט זיך געקאכט מיט דזשעי'ס אפמאך. אין באסטאן האט א המון אויפגעשריבען אויפ'ן הויז פון א רייכען פעדעראליסט: „פארדאמט זאל ווערען דזשאן דזשעי! פארדאמט זאל זיין יעדערער וואס פארדאמט ניט דזשאן דזשעי! פארדאמט זאל זיין יעדערער וואס וועט ניט אנצינדען קיין ליכט אין פענסטער און וועט ניט זיצען א גאנצע נאכט און פארדאמען דזשאן דזשעי!" א היסטאריקער שרייבט, אז דאס אמעריקאנישע פאלק איז נאך קיינמאל ביז דעמאלט ניט געווען אזוי ארויסגעבראכט פון זיך. וואו נאר עס האבען זיך געטראפען צוויי מענשען, האבען זיי זיך גלייך גענומען אמפערען וועגען דעם אפמאך. אין די שיינקען האט מען, ניכטערער אדער שיכור'ערהייט, דעבאטירט וועגען דעם אפמאך, זיך געקריגט און זיך געשלאגען. אין קראמען, אויף די בוידען, אין די קרעטשמעס — אומעטום האט מען גערעדט נאר וועגען דער איין זאך. פרעזידענט וואשינגטאן איז געווען אומרוהיג און ניט געוואוסט וואס צו טאן. ער האט מורא געהאט אונטערצושרייבען דעם אפמאך. זיבען וואכען האט ער זיך גע־

שלאָגען מיט דער דעה. די רייכע פירער פון די פעדעראַליסטען האָבען געמוזט שטאַרק איינ׳טענה׳ן מיט אים איידער ער האָט מסכים געווען צו חתמ׳ענען דעם דאָקומענט

אין 1796 זיינען פאָרגעקומען פּרעזידענט־וואַלען. וואשינג־טאָן האָט זיך אנטזאגט ווידער צו לויפען. די פעדעראַליסטען האָבען ארויסגעשטעלט די צוויי קאַנדידאַטען, דזשאָן עדעמס און טשאַרלס פּינקני. די רעפּובליקאַנער האָבען ארויסגעשטעלט טאָמאַס דזשעפערסאָן און דזשאָרדזש קלינטאָן. האַמילטאָן האָט עדעמס׳ען קיינמאָל ניט ליב געהאַט און ער האָט ביי זיך באשלאָסען צו זעהן, אז פּינקני זאָל קריגען מער עלעקטאָר׳שע שטימען, כדי עדעמס זאָל דורכפאַלען אלס פּרעזידענט. אָבער דאָ האָט האַמילטאָן געהאַט זיין ערשטע מפּלה. עדעמס האָט געקראָגען די גרעסטע צאָל שטימען פון אַלע קאַנדידאַטען און איז דערוויילט געוואָרען פּרע־זידענט. נאָך אים איז געקומען דזשעפערסאָן, וועלכער איז דער־וויילט געוואָרען וויים־פּרעזידענט.

די פּאָליטישע לאַגע אין דער אדמיניסטראַציע די פיר יאָר וואָס עדעמס איז געווען פּרעזידענט, איז געווען א מאָדנע: דער פּרעזידענט איז געווען א פעדעראַליסט, דער וויים־פּרעזידענט א רעפּובליקאַנער. די מיניסטאָרען אין קאַבינעט זיינען געווען גע־טרייע אָנהענגער פון האַמילטאָנ׳ען, און זיי האָבען געטאָן ניט וואָס עדעמס האָט געוואָלט, נאָר וואָס האַמילטאָן האָט אין געהיים באַ־פוילען. די ערשטע צייט האָט עדעמס ניט געוואוסט, אז זיינע מיניסטאָרען, זיינע וויכטיגסטע עצה־געבער, פאַרראַטען אים. ווען ער האָט זיך ענדליך דערוואוסט, האָט ער זיי אַלעמען ארונטער־געזעצט. דאָס האָט צושפּאָלטען די פעדעראַליסטישע פּאַרטיי. האַמילטאָן איז דאַן ארויס אין אָן אָפענעם קאַמף געגען עדעמס׳ען. אין די וואַלען פון 1800 איז די פעדעראַליסטישע פּאַרטיי געווען צוריסען, און דאָס האָט א סך צוגעהאָלפען צו איר מפּלה. אין די פיר יאָר פון עדעמ׳סעס אדמיניסטראַציע האָבען די אַלע ביז איצטיגע פּאָליטישע קאַמפען דערגרייכט דעם קלימאַקס. אין 1798 איז דאָס לאַנד געווען אין א קריגס־צושטאַנד, און די רעגירונג האָט גע׳רודפ׳ט אירע געגנער מיט מיליטערישע טעראָר־מיטלען.

די שענדליכסטע בלבולים זיינען געמאכט געוואָרען אויף די אָנ־געזעענסטע פערזענליכקייטען. עס זיינען פאָרגעקומען געשלעגען אין קאָנגרעס. גלחים אין די קירכען האָבען געהאלטען פאָליטישע רעדעס פון ערגסטען סאָרט. דער שטורם איז פאָרגעקומען צוליב דער אלטער אורזאך: ענגלאנד און פראנקרייך. די פעדעראליסטען האָבען געהאט די אויבערהאנט דורכדעם, וואָס די פראנצויזישע דיפלאָמאטען האָבען געטאָן איינינגע זאכען, וואָס האָבען ארויס־גערופען פארדרוס צווישען די מאסען אין אמעריקא. עס פאר־שטייט זיך, אז די פראנצויזען זיינען געטריבען געוואָרען צו מאנכע פון זייערע האנדלונגען דורך דזשעי׳ס אָפּמאך. פראנקרייך איז אטאקירט געוואָרען אין שארפע רעדעס אין קאָנגרעס, און דער ענגלישער אמבאסאדאָר האָט זיך געפילט אזוי ווי ביי זיך אין דער היים, אזוי ווייט, אז ער פלעגט אָפט ארומגיין אין קאָנגרעס־זאל און זיך סוד׳ען מיט די קאָנגרעסלייט.

צוויי פון די וויכטיגסטע רעפּובליקאנישע קאָנגרעסלייט, ביידע גוטע רעדנער און קעמפער, האָבען געהאט דאָס אומגליק צו זיין אויסלענדער, אימיגראנטען. איינער פון זיי איז געוועזען מעטיו לייען, אן אירלענדער פון ווערמאָנט; דער צווייטער — אלבערט גאלאטין, א שווייצאריער פון פענסילווייניא. האָט מען זיי אין קאָנגרעס אויפגעוואָרפען, אז זיי זיינען אימיגראנטען. די פעדע־ראליסטישע קאָנגרעסלייט האָבען פון זיי חוזק געמאכט. גאלאטין האָט נאָך צום אומגליק געהאט אן אויסלענדישען אקצענט. האָט מען דאָס אויך אים אויפגעוואָרפען ניט בלויז אין קאָנגרעס, נאָר אויך אין דער פעדעראליסטישער פרעסע. (גאלאטין איז שפּעטער געוואָרען פינאנץ מיניסטער און ווערט באטראכט אלס איינער פון די גרעסטע פינאנץ מיניסטאָרען וואָס אמעריקא האָט געהאט).

דער ביטערסטער צאָרן פון די פעדעראליסטען איז אויסגע־גאָסען געוואָרען אויף דזשעפערסאָנ׳ען. זיי האָבען געוואוסט, אז ער איז די נשמה פון דער רעפּובליקאנישער פארטיי און אז ער שטייט אין וועג און דערלאָזט ניט, אז אמעריקא זאָל דערקלערען קריג געגען פראנקרייך. דזשעפערסאָן איז אין דער געגנערישער פרעסע פאָרגעשטעלט געוואָרען ווי א טייפעל אין מענשען גע־

שטאַלט. אַלע טירען אין די אַריסטאָקראַטישע הייזער זיינען פאַר אים געווען פאַרשלאָסען. ער פלעגט די אָווענטען פאַרברענגען אַליין אין זיין צימער, אָדער אין דער געזעלשאַפט פון זיינע פּאָלי־טישע קאָלעגען.

די פעדעראַליסטען האָבען זיך רעכט צובושעוועט, ווען עס איז אָנגעקומען די נייס וועגען דעם קבלת־פנים, וואָס די אַמעריקאַנישע קאָמיסיע האָט געקראָגען אין פאַריז. ווי עס איז פריער דערציילט געוואָרען, האָט די אַמעריקאַנישע קאָמיסיע געקראָגען צו פאַרשטיין, אַז זי וועט אַנדערש ניט אויפגענומען ווערען אָפיציעל, סיידען אַמעריקאַ וועט פריער צוזאָגען צו געבען פראַנקרייך אַ גרויסע הלואה, און געוויסע פערזאָנען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג וועלען קריגען אַ היבשע מטבע כּאבאר. דער דאָזיגער פאַרשלאָג האָט אַרויסגערופען אַן אמת׳ע היסטעריע פון צאָרן אין אַמעריקאַ. די פעדעראַליסטען זיינען געוואָרען די העלדען פון טאָג. „זעט, וואָס פראַנקרייך איז!" — האָבען זיי געשריען מיט נצחון. דאָס הויז פון דעם רעפּובליקאַנישען רעדאַקטאָר באַך (אַן אייניקעל פון בענדזשאַמין פרענקלין) איז באַפאַלען געוואָרען פון אַ פעדעראַליס־טישען המון, וואָס האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויפ׳ן הויז. פון באַכ׳ס הויז איז דער המון אַוועק צום סקווער, וואו בענדזשאַמין פרענקלינ׳ס סטאַטוע איז געשטאַנען, און האָט די סטאַטוע אויס־געשמירט מיט בלאָטע. די פעדעראַליסטישע צייטונגען האָבען גענומען דרוקען אויסגעטראַכטע מעשיות פון פראַנצויזישע רציחות. אַ פילאַדעלפיער צייטונג האָט דערציילט, אַז אַ פראַנצויזישע שיף איז אָנגעקומען קיין טשאַרלסטאָן, סאַוט קאַראָליינאַ, און די פראַנ־צויזישע מאַטראָזען זיינען דאָרט באַפאַלען הייזער און זיי באַרויבט. די פעדעראַליסטישע צייטונגען האָבען אויך געשריבען, אַז מען האָט אויפגעדעקט אַ גאַנצע פאַרשווערונג פון פראַנצויזישע אַגענטען אין אַמעריקאַ צו באַוואַפענען די נעגער שקלאַפען און מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען די ווייסע.

אין די גאַסען האָט מען געקענט זען גרופּעס יונגע לייט אָנ־געטאָן אין מונדירען, וועלכע האָבען זיך מושטירט און געגרייט צו מלחמה. דזשעפערסאָן האָט דערהאַלטען בריוו, אין וועלכע מען

האט אים געסטראשעט מיט'ן טויט. ער איז פארפאלגט געווארען פון שפיאנען, וואס די פעדעראליסטען האבען אנגעשטעלט צו היטען זיינע טריט. ער האט מורא געהאט צו שיקען א בריף דורך דער פאסט; ער האט געוואוסט, אז זיינע בריף ווערען געעפענט. ביי יעדען באנקעט פון די פעדעראליסטען איז געהאלטען געווארען א טאסט געגען דזשעפערסאנ'ען. איינער פון די טאסטען איז געווען פאלגענדער פזמון: „זאל זיין הארץ ענטוועדער געלייטערט ווערען אין דעם ריינעם פייער פון פעדעראליסטען, אדער ס'זאל פארניכטעט ווערען אין א קאלך־אויווען".

אין זומער פון 1798 האבען זיך אין קאנגרעס אנגעהויבען די ויכוחים איבער די פארגעשלאגענע גזירות געגען אימיגראנטען (אז דער פרעזידענט זאל זיי מעגען ארויסשיקען פון לאנד) און געגען בונטאוושטשיקעס (שטראפען פאר באליידיגען דעם פרעזידענט אדער דעם קאנגרעס). די גזירות אויף אימיגראנטען זיינען גע־צילט געווארען הויפטזעכליך געגען די איירישע. האמילטאן און די אנדערע פעדעראליסטישע פירער האבען שרעקליך געהאסט די איירישע אימיגראנטען, וועלכע האבען זיך דאן געלאזט פילען אין דער פאליטיק. די איירישע זיינען דאן אלע געווען רעפובליקאנער שוין דערפאר אליין, וואס זיי האבען געהאסט ענגלאנד. אין איר־לאנד האט זיך דאס פאלק דאן געבונטעוועט געגען דער ענגלישער הערשאפט. די היגע רעפובליקאנישע פארטיי האט סימפאטיזירט מיט'ן איירישען אויפשטאנד אזוי ווי מיט דער פראנצויזישער רעוואלוציע. ביי רעפובליקאנישע באנקעטען פלעגען טאסטען גע־האלטען ווערען פאר א פרייער אירלאנד. א סך פון די איירישע אימיגראנטען זיינען געקומען קיין אמעריקא ווייל זיי זיינען אין דער היים געווען רעוואלוציאנערען און זיינען גע'רודפ'ט געווארען פון דער ענגלישער רעגירונג. די פעדעראליסטישע רעגירונג האט נאטירליך געהאלטען מיט ענגלאנד און די רעפובליקאנישע אפא־זיציע — מיט אירלאנד. דעריבער זיינען די איירישע געווארען הייסע אנהענגער פון דזשעפערסאנ'ס פארטיי. דאס געזעץ, אז דער פרעזידענט זאל מעגען ארויסשיקען אימיגראנטען פון לאנד

האָט געצילט טיילווייז געגען פראַנצויזישע, אָבער הויפּטזעכליך געגען די איירישע אימיגראַנטען.

די צוויי געזעצען זיינען אָנגענומען געוואָרען און אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבען אַן אמת׳ער טעראָר, אַ געיעג אויף ראַדיקאַלען, אויף די וואָס האָבען געוואגט אַרויסצוזאָגען אַ מיינונג, וואָס האָט ניט געשטימט מיט דער מיינונג פון דער רעגירונג אָדער פון דער פעדעראַליסטישער פּאַרטיי.

דער ערשטער קרבן פון דעם „סעדישאָן״ געזעץ איז געווען דער איירישער קאָנגרעסמאַן לייען. ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר זאָגען ניט־איידעלע ווערטער וועגען פּרעזידענט און איז פאַר־משפּט געוואָרען צו פיר חדשים געפענגעניש און אַ געלט־שטראָף פון טויזענט דאָלאַר. אין דעם שטעדטעל וואו דער פּראָצעס איז פּאָרגעקומען, איז געווען אַ געפענגעניש, נאָר אַזוי ווי די תפיסה איז געווען אַ גרויסע און ריינע האָט דער ריכטער געהייסען, מען זאָל דעם פאַר׳משפּט׳ן אָפּפירען אין אַ שטעדטעל פערציג מייל ווייטער. דאָרט האָט זיך געפונען איינע פון די שרעקליכסטע טורמעס אין לאַנד. די צעל אין וועלכער מען האָט דעם קאָנגרעס־מאַן פאַרשפּאַרט, איז געווען אַ קליינע, אַן ענגע. קיין באַהייצונג איז אין איר ניט געווען. אין אַ ווינקעל איז געווען אַן אָפּגאַנגס־אָרט, פון וועלכען עס האָט געשלאָגען אַ שרעקליכער געשטאַנק.

לייען׳ס אַרעסט האָט אויפגערודערט דעם שטאַט ווערמאָנט. מחנות מענשען פלעגען זיך פאַרזאַמלען אַרום דער טורמע און מאַכען דעמאָנסטראַציעס. איינמאָל האָט דער פאַרזאַמעלטער עולם געוואָלט אויפרייסען די תפיסה און באַפרייען דעם אַרעסטאַנט. ער האָט אָבער אַליין זיך געבעטען, זיי זאָלען עס ניט טאָן דער־וויילע. איידער לייען׳ס געפענגעניש טערמין האָט זיך געענדיגט, זיינען אָנגעקומען נייע קאָנגרעס־וואַלען און לייען דער „פאַררעטער״ איז דערוויילט געוואָרען מיט 4,500 שטימען געגען 2,400.

די לייען־אַפערע האָט באַוויזען, אַז די שטימונג אין לאַנד האָט זיך גענומען בייטען. די פעדעראַליסטען זיינען מיט זייער טעראָר אַוועק צו ווייט. און דער עולם האָט זיך גענומען אויס־טשוכען פון דער מלחמה־משוגעת. יעדער פּראָצעס פון אַ „בונ־

טאוושטשיק״ האט געבראכט נייע פראטעסטען. דשזעפערסאן האט דאן געמאכט דעם געוואגטען שריט, פון וועלכען עס איז שוין פריער גערעדט געווארען: ער האט געווירקט אויף זיינע אנהעננער אין ווירדזשיניא און קענטאקי, זיי זאלען אריינטראגען רעזאלוציעס אין די דארטיגע לעדזשיסלייטשורס צו פארדאמען די דאזיגע געזעצען אלס אומקאנסטיטוציאנעל, און אויפצופאדערען אנדערע שטאטען צו טאן דאסזעלבע.

האמילטאן איז געווען זיכער, אז אמעריקא וועט אריינגיין אין דער מלחמה. ער האט באצייטענס גענומען אינטריגירען, ער זאל קריגען דעם אמט פון הויפט קאמאנדיר פון דער ארמיי. די מיניס־טארען האבען אים אין די אינטריגעס געהאלפען. פרעזידענט עדעמס וואלט האמילטאנ׳ען זיכער אזא כבוד ניט צוגעטיילט, אבער האמילטאן האט געשאפען אזא לאגע, אז עדעמס האט זיך ניט גע־קענט העלפען. אלס הויפט קאמאנדיר איז באשטימט געווארען דזשארדזש וואשינגטאן, אבער האמילטאן און זיינע מיניסטארען האבען געווירקט אויף וואשינגטאנ׳ען, ער זאל פאדערען, עדעמס זאל באשטימען האמילטאנ׳ען אלס דעם צווייטען אין ראנג נאך וואשינגטאנ׳ען. אזוי ווי וואשינגטאן איז שוין געווען אן אלטער מאן, האט עס געהייסען, אז האמילטאן איז דער פאקטישער הויפט קאמאנדיר.

האמילטאן האט זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט פון ארגאניזירען די ארמיי. עס איז אים אבער שווער געווען צו קריגען רעקרוטען. און אפילו פאר די רעקרוטען, וואס זיינען יע געקומען, איז ניט געווען גענוג מלחמה מאטעריאל. עס האבען געפעלטביידלאך, קליידער, פראוויאנט און אמוניציע.

האמילטאן האט געפאדערט, מען זאל באזארגען די אלע נויטיגע זאכען, און די רעגירונג האט געמוזט בארגען געלט פאר דעם צוועק. דאס געלט איז, נאטירלאך, געווען אין די הענט פון „פאטריאטישע״ פעדעראליסטען, וועלכע האבען אליין געטריבען דאס לאנד אין מלחמה. אבער ווען עס איז געקומען צו געבען געלט, האבען זיי ניט געוואלט געבען קיין הלואה, סיידען די רעגי־רונג וועט זיי צאלען אכט פראצענט, מיט צוויי פראצענט מער ווי

פריוואַט פערזאָנען האָבען געצאָלט. פּרעזידענט עדעמס האָט פּראָטעסטירט, אָבער האַמילטאָן און די מיניסטאָרען האָבען גע־טענה'ט, אַז מען מוז די רייכע לייט נאָכגעבען, אַז מלחמה איז מלחמה און געשעפט איז געשעפט. עדעמס האָט זיך ווידער אונ־טערגעגעבען און די רעגירונג האָט געבאָרגט פינף מיליאָן דאָלאַר אויף אכט פּראָצענט.

די מלחמה איז נאָך דערווייל ניט געקומען אָבער דאָס לאַנד האָט שוין געליטען פון מלחמה־שרעק. דער מיליטערישער גייסט האָט געבושעוועט. איינמאָל איז א גרופּע סאָלדאַטען אריין אין דער רעדאַקציע פון דער „אַראָרא", א רעפּובליקאַנישע צייטונג, און שיער ניט דערמאָרדעט דעם רעדאַקטאָר וויליאַם דואַיין. די סאָלדאַטען האָבען זיך באַטראַכט פאַר די באַלעבאַטים אין לאַנד. אין גאַס פלעגען זיי אָראָפּשטויסען פאַרבייגייער פון די טראָטואַרען, פלעגען זיך דערלויבען אַלערליי פרייהייטען מיט פרויען, פלעגען זיך אָנ'שכור'ן און זיך וואַרפען שלאָגען אויף מענשען. עס האָט פּאַסירט, אַז א גנב האָט זיך באַהאַלטען אין א קאַזאַרמע און די סאָלדאַטען האָבען ניט געלאָזען דער פּאָליציי אים אַרעסטירען. די פּאָליסלייט האָבען די סאָלדאַטען באַוויזען א „וואַראַנט" אויף אַרעסט, אָבער די סאָלדאַטען האָבען ניט געאַכט דעם באַפעל פון געריכט און האָבען דער פּאָליציי געענטפערט מיט א האָגעל פון קלעפּ. די פּאָליסלייט האָבען זיך קוים מיט זייערע לעבענס גע־ראַטעוועט.

ביסלאַכווייז אָבער האָט זיך די לאַגע געענדערט לטובת דזשעפערסאָנ'ען און געגען האַמילטאָנ'ען. דאָס לאַנד האָט מער און מער דערקענט די מלחמה־קליקע אין איר ריכטיגען געשטאַלט. עדעמס האָט איינגעזען, אַז די האַמילטאָן־לייט האָבען אים פאַר־פירט, אַז זיי שלעפּען זיין אַדמיניסטראַציע אין זומפּ. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די מיניסטאָרען אין זיין קאַבינעט זיינען זיינע געגנער און אַז זיי פאַרראַטען אים צו זיין געגנער האַמילטאָן, און ער האָט זיי באַפוילען צו רעזיגנירען. ער האָט גענומען שריט צו קומען צו א פאַרשטענדיגונג מיט פראַנקרייך און אויסמיידען א קריג. געגען דעם ווילען פון די האַמילטאָניסטען האָט ער גע־

שיקט א קאמיסיע קיין פראנקרייך. דער ברוך צווישען האמילטאן און ערעמס איז איצט געווארען אן אפענער.

אין דעם וואל־קאמף פון 1800 האט האמילטאן געארבייט אפען נעגען עדעמס'ען. ער האט אנגעשטרענגט אלע זיינע כחות, איז ארומגעפארען איבער פארשיידענע שטאטען צו ווירקען, אז פינקני זאל קריגען מער שטימען ווי עדעמס. האמילטאנ'ען האבען איצט געשטיצט גאר גרויסע אריסטאקראטען, אבער די גרויסע מיטגלי־דערשאפט פון דער פעדעראליסטישער פארטיי איז געשטאנען מיט עדעמס'ען. עדעמס האט אויך געהאט אויף זיין זייט די ערליכערע פירער פון דער פארטיי.

די פעדעראליסטישע פרעסע און די פעדעראליסטישע פארטיי־פירער האבען אנגעווענדט זייער גאנצע ענערגיע צו פארלוימדען דזשעפערסאנ'ען. די גלחים אין די קלויסטערס האבען אים פאר־דאמט אלס אפיקורס. זיי האבען דערציילט, אז ער מאכט חוזק פון דער ביבעל און פון יעזוס'ען. די צייטונגען האבען דערציילט מעשיות, אז דזשעפערסאן האט בארויבט אלמנות און יתומים, וועלכע האבען אים אנגעטרויט זייער געלט. א גלח אין ווירדזשיניא האט אין א דרשה דערציילט, אז דזשעפערסאן איז אמאל פארביי־געגאנגען א האלב איינגעפאלענע קירכע און געזאגט מיט חוזק: „פאר א גאט וואס איז געבארען געווארען אין א שטאל, איז אזא קירכע גוט גענוג".

אבער גאר די פארלוימדונגען און בלבולים האבען נים גע־האלפען. די רעפובליקאנישע פארטיי האט געזיגט. דזשעפערסאן און באאר זיינען דערוויילט געווארען.

קאפיטעל 24.

דזשעפערסאָן'ס קאמף געגען סופרים קאורט.

דער זיג פון די רעפובליקאנער אין די וואלען פון 1800 האָט איבערגעגעבען אין זייערע הענט צוויי צווייגען פון דער רעגירונג, דער קאָנגרעס און די עקזעקוטיווע. דער דריטער צווייג, די געריכטען, איז פארבליבען ביי די פעדעראליסטען. אין משך פון די עטליכע מאָנאטען צווישען דעם וואל־טאָג אין נאָוועמבער, 1800, און דעם איינשווערונגס־טאָג אין מערץ, 1801, האָבען די פעדעראליסטען דורכגעפירט צוויי געזעצען צו באפעסטיגען זייער מאכט אין אָט דעם דריטען צווייג. איין געזעץ איז געווען צו גרינדען נייע פעדעראלע געריכטען מיט זעכצען נייע ריכטער; דאָס צווייטע געזעץ האָט געגעבען דער שטאָט וואשינגטאָן צוויי און פערציג „דזשאָסטיסעס אָוו די פיעס" (פרידענס־ריכטער). כאָטש זיין טערמין האָט שוין געהאלטען ביים סוף, דאָך האָט עדעמס אוועקגעזעצט א סך פון די ריכטער און אנדערע באאמטע אין די נייע געריכטען, ניט איבערלאָזענדיג עס פאר זיין נאָכפאָלגער צו טאָן. דער סענאַט האָט עס גוטגעהייסען. עס ווערט דערציילט, אז עדעמס האָט די נאכט פון דעם דריטען מערץ געארבייט ביז צוועלף אזייגער, ביז דער לעצטער מינוט פון זיין טערמין, כדי די אלע געזעצטע באאמטע ריכטיג צו פארצייכענען און פארזיגלען, לויט אלע פאָרמאליטעטען פון געזעץ.

דזשעפערסאָן האָט שטארק פראָטעסטירט געגען דער האנדלונג פון עדעמס'ן. ער האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אז פון דער מינוט אָן וואָס ס'איז באקאנט געווארען אז ער, דזשעפערסאָן, האָט געזיגט אין די וואלען, האָט עדעמס מער ניט געטאָרט באשטימען

קיין ריכטער און באאמטע. ער האט אויך גע'טענה'ט, אז די וואלען פון 1800 זיינען געווען מער ווי געוויינליכע וואלען, זיי זיינען געווען א רעוואלוציע. דאס פאלק האט פאקטיש געמאכט א נייע ארדנונג אין לאנד און אז דערפאר איז נויטיג אז די איבערקערעניש זאל פארקומען אין אלע צווייגען פון דער רעגירונג. דזשעפערסאן און די גאנצע רעפובליקאנישע אדמיניסטראציע האט זיך פארמאסטען אויפצוהויבען א קאמף געגען דער „דזשודי־שערי" (די געריכטליכע אפטיילונג פון דער רעגירונג).

דער קאמף איז געווען פון דער גרעסטער באדייטונג, ניט אזוי פאר יענעם מאמענט, ווי פאר דער גאנצער ווייטערדיגער געשיכטע פון לאנד. אין א פאר קליינע פונקטען האט דזשעפערסאן געוואר־נען; אין דעם עיקר אבער, אין דעם הויפט פרינציפ וואס איז געלעגען הינטער דעם קאמף, האבען די געריכטען געוואונען.

אויפ'ן שטול פון הויפט־ריכטער פון סופרים קאורט איז געזעסען דזשאן מארשאל, איינער פון די פייאיגסטע, שטארקסטע פערזענליכקייטען אין דעם לאגער פון די פעדעראליסטען. עדעמס האט אים דערהויבען צום דאזיגען אמט קורץ פאר זיין פארלאזען דעם פרעזידענט־שטול. און מארשאל איז עס געווען דער יעניגער וואס האט געפירט די מלחמה געגען דזשעפערסאנ'ען, און מארשאל איז ארויס דער זיגער.

אין קאנקרעטע פראגען האט, ווי געזאגט, דזשעפערסאן אויסגעפירט. ער האט, צום ביישפיל, אפגעשאפט די נייע געריכטען וואס עדעמס האט געגרינדעט. און ממילא האבען די נייע פעדעראליסטישע ריכטער פארלארען זייערע עמטער. ער האט אויך דורכגעפירט א געזעץ, אז דער סופרים קאורט זאל האבען וויניגער זיצונגען, און אז די ריכטער פון סופרים קאורט זאלען שווערער ארבייטען. אבער דאס האט ניט אנגערירט דעם עיקר. די אלע נצחונות האבען אויף א האר ניט אפגעשוואכט די מאכט פון די געריכטען. די פראגע, ווער איז שטארקער אין דער רעגי־רונג: דער פרעזידענט, דער קאנגרעס, אדער די געריכטען, — אט די פראגע וואס איז געווען פון ערשטער וויכטיגקייט, איז אויס־געפאכטען געווארען אין א פראצעס איבער איינעם פון עדעמס'עס

ריכטער, א פּראָצעס וואָס איז בארימט געווארען אין דער געשיכטע אלס דער פּראָצעס פון „מארבורי געגען מעדיסאָן״.

מארבורי איז געווען איינער פון די פרידענס־ריכטער אין וואשינגטאָן וואָס עדעמס האָט אוועקגעזעצט. אזוי ווי די לעצטע פאָרמאליטעטען זיינען געמאכט געווארען אין דער לעצטער מינוט



דזשאָן מאַרשאל

אין גרויס איילעניש, איז קיין צייט ניט געווען אָפּצושיקען צו מארבורי׳ן דעם דאָקומענט מיט דער אָפיציעלער באשטיטיגונג. דער דאָקומענט איז אונטערגעשריבען געווארען פון פּרעזידענט און פארזיגעלט געווארען פון סעקרעטערי אָוו סטייט. ער איז אָבער געבליבען ליגען אויפ׳ן פּרעזידענט׳ס טיש ווען עדעמס איז ארויס און דזשעפערסאָן איז אריין אין אמט.

דזשעפערסאָן האָט דאַן באַפוילען זיין נייעם סעקרעטערי אָוו סטייט, מר. מעדיסאָן, ער זאָל די אָפיציעלע פאַפירען ניט אָפּשיקען צו מארבורי׳ן. האָט מארבורי אָנגעקלאָגט מעדיסאָנ׳ען אין סופרים קאָורט. ער האָט געפאָדערט, אז דער סופרים קאָורט זאָל צווינגען מעדיסאָנ׳ען אים אָפּצושיקען די דאָקומענטען כדי ער זאָל קענען אריינטרעטען אין זיין אמט אלס „דזשאַסטיס אָוו די פּיעס". מעדיסאָן און דזשעפערסאָן האָבען גע׳טענה׳עט, אז כל זמן די אָנווייזונג איז ניט ארויסגעשיקט געווארען, איז די „אַפּאָינטמענט", די באשטימונג, ניט געמאכט געווארען און דער־פאר האָט ער, דער נייער פּרעזידענט, דאָס רעכט צו פארהאַלטען די אָפיציעלע מעלדונג און דערמיט אפּצושטעלען די „אַפּאָינט־מענט". מארבורי׳ס טענה איז געווען, אז וויבאלד די מעלדונג איז אונטערגעשריבען און פארזיגעלט געווארען איז שוין די „אַפּאָינטמענט" דערמיט געווען אין קראפט און דער סעקרעטערי אָוו סטייט האָט דעריבער קיין רעכט ניט דעם דאָקומענט צו פאר־האַלטען.

דער פּראָצעס האָט זיך פארצויגען ביז פעברואר, 1803. און דאַן האָט דער הויפּט־ריכטער, מארשאַל, ארויסגעגעבען זיין אנט־שיידונג, א זייער מערקווירדיגע אָבער א זייער וויכטיגע אנט־שיידונג.

די אנטשיידונג באשטייט פון דריי טיילען.

דער ערשטער טייל זאָגט, אז מארבורי׳ס טענה איז א גערעכטע, אז וויבאלד די מעלדונג איז אונטערגעשריבען געוואָרען איז ער אין אמט, און עס איז ניט נויטיג געווען דער דאָקומענט זאָל אים פריער איבערגעגעבען ווערען.

דער צווייטער טייל זאָגט, אז טראָץ דעם וואָס מארבורי איז גערעכט, קען דער סופרים קאָורט גארניט טאָן צו צווינגען מעדיסאָנ׳ען אריינצולעצען מארבורי׳ן אין אמט. די קאָנסטיטוציע זאָגט, אז דער סופרים קאָורט קען משפּט׳ן בלויז אין אפּעלאציעס. דער פּראָצעס מוז פריער געבראכט ווערען אין א נידעריגערען געריכט, און נאָכדעם ווי די ריכטער דאָרטען גיבען ארויס א פּסק, קען מען זיך ווענדען צום סופרים קאָורט ער זאָל דעם פּסק רעווי־

דירען און ארויסגעבען אן אורטייל צי ער איז א גערעכטער. מארשאל האָט דערפאר גערא‏טען מארבורי׳ן ער זאָל אנגעבען זיין קלאגע אין א נידעריגערען געריכט.

דער דריטער טייל איז דער וויכטיגסטער. דער טייל פאר־נעמט זיך מיט א דיסקוסיע איבער דעם פאָריגען, דעם צווייטען טייל. דער קאָנגרעס האָט מיט א צייט פריער געהאט דורכגעפירט א געזעץ וואס האָט געגעבען דעם סופרים קאָורט דאָס רעכט צו אורטיילען געוויסע פראָצעסען, אפילו ווען א נידעריגער געריכט האָט זיי נאָך ניט פארהאנדעלט. אָט וועגען דעם רעדט מארשאל אין דעם דריטען טייל. ער זאָגט אזוי: דער קאָנגרעס האָט קיין רעכט ניט געהאט דורכצופירען יענעם געזעץ, ווייל די קאָנסטי־טוציע זאָגט אויסדריקליך פארקערט. אלע אָפּטיילונגען פון דער רעגירונג זיינען אונטערוואָרפען אונטער דער קאָנסטיטוציע. ווען דער קאָנגרעס מאכט א געזעץ וואס איז געגען דער קאָנסטיטוציע איז דאָס געזעץ בטול.

מארשאל האָט מיט דעם לעצטען פונקט אוועקגעשטעלט דעם סופרים קאָורט העכער ווי די אנדערע צוויי צווייגען פון דער רעגירונג, העכער פון קאָנגרעס, העכער פון פרעזידענט. ער האָט מבטל געמאכט א געזעץ וואָס א קאָנגרעס האָט אָנגענומען און וואָס א פרעזידענט האָט אונטערגעשריבען. דאָס האָט פאסירט צום ערשטען מאָל. מארשאל האָט גענומען דעם געוואגטען שריט, און עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז ער האָט קיין טעות ניט געמאכט. ער האָט ניט איבערגעשאצט די כחות פון סופרים קאָורט. ווי ער האָט גע׳פסקנ׳ט אזוי איז עס ביז היינטיגען טאָג געבליבען. דער סופרים קאָורט האָט ביז היינטיגען טאָג די מאכט וואָס קיין געריכט אין דער וועלט פארמאָגט ניט: מבטל צו מאכען געזעצען פון דער נאציאָנאלער רעגירונג אָדער פון אלע שטאט רעגירונגען, אויב די מאיאָריטעט פון זיינע ריכטער גלויבען אז דאָס געזעץ איז געגען א פונקט אָדער א וואָרט אָדער אפילו געגען דעם גייסט פון דער קאָנסטיטוציע.

מארשאל׳ס אנטשיידונג אין דעם מארבורי פראָצעס האָט אויפגעבראַכט די פירער פון דער רעפובליקאנישער פארטיי. איבער־

הויפט האט דאס דערוועקט דעם צארן פון פרעזידענט דזשעפערסאן. „אויב עס איז ווי מארשאל זאגט" — האט דזשעפערסאן דער־קלערט, — „דאן איז אונזער קאנסטיטוציע באגאנגען זעלבסט־מארד. דער הויפט ציל פון דער קאנסטיטוציע איז געווען, אז די רעגירונג זאל באשטיין פון דריי אפטיילונגען וואס זאלען זיין אומ־אפהענגיג איינע פון די אנדערע. נאך מארשאל'ס פסק קומט אויס אז די קאנסטיטוציע האט געגעבען צו איין צווייג, דעם סופרים קאורט, דאס רעכט צו באפעלען די אנדערע צוויי וואס צו טאן און וואס ניט צו טאן. לויט דער דאזיגער טעאריע איז די קאנסטיטוציע א שטיק וואקס אין די הענט פון די ריכטער. זיי קענען זי אויס־קנעטען אין וואס פאר א פארמע זיי גלוסט זיך." דזשעפערסאן האט אין זיין ערקלערונג ווייטער אנגעוויזען דערויף, אז די סופרים קאורט ריכטער זיינען פריי פון וועלכער עס איז קאנטראל. זיי ווערען ניט אויסגעקליבען, נאר באשטימט. זייער טערמין ענדיגט זיך ניט. זיי דינען דאס גאנצע לעבען. אראפזעצען קען מען זיי ניט. „גראד אט דער צווייג פון דער רעגירונג, איבער וועלכען קיינער האט קיין דעה ניט, וועלכער איז אבסאלוט אומ־אפהענגיג, — אט דער צווייג, טענה'טע דזשעפערסאן, — קריגט, לויט מארשאל'ס פסק, די מאכט צו דיקטירען צו די אנדערע צוויי צווייגען. ווי אזוי איז דאס מעגליך אין א דעמאקראטישע רעגירונג?"

דזשעפערסאנ'ס פראטעסטען האבען ניט געהאלפען. עס איז געבליבען ווי מארשאל האט גע'פסקנ'ט. מארשאל איז אין זיין אמט פון הויפט־ריכטער פון סופרים קאורט געזעסען ביז דעם יאר 1835. אין די 35 יאר האט ער געהאט א סך געלעגענהייטען מבטל צו מאכען געזעצען פון קאנגרעס און פון באזונדערע שטאט־רעגירונגען. און ער האט די געלעגענהייטען ניט פארנאכלעסיגט. ער האט זיין טעאריע באפעסטיגט דורך לאנג־יאריגער פראקטיק. און אזוי איז עס געבליבען ביז היינטיגען טאג, טראץ דעם וואס פילע שטאטסלייט און הויכע באאמטע האבען, אזוי ווי דזשע־פערסאן, פראטעסטירט געגען דעם מיט די שארפסטע ווערטער.

קאפיטעל 25

די „לואיזיאַנאַ טעריטאָריע", א מיליאָן סקווער מייל אָפּגעקויפט פון פראנקרייך

די וויכטיגסטע פּאסירונג אין דזשעפערסאָנ'ס אדמיניסטראציע און איינע פון די וויכטיגסטע געשעענישען אין דער געשיכטע פון אמעריקע איז געווען דאָס אָפּקויפען פון דער אזוי־גערופענער „לואיזיאנא טעריטאָריע", א שטרעקע לאנד פון א מיליאָן סקווער מייל, וואָס איז געלעגען אויפ'ן וועסטליכען ברעג פון טייך מיסי־סיפּי. אָט די גרויסע פּאסירונג איז געקומען כמעט ווי דורך א צופאל. דזשעפערסאָן האָט דאָס לאנד לכתחילה געקויפט ניט ווילערניג, אזוי ווי איבערגעוואלד.

די גרעניץ פון די פאראייניגטע שטאטען איז געווען דער טייך מיסיסיפּי. דאָס לאנד אויף יענער זייט פון דעם מיסיסיפּי איז נאָך ניט געווען אויסגעפאָרשט. די ערשטע רייזענדע, וואָס האָבען יענע טעריטאָריע באזוכט, זיינען געווען פראנצויזען, אין אָנפאנג פון 19טען יאָרהונדערט, און זיי האָבען זי ערקלערט פאר ַ פראנ־צויזישער קאָלאָניע. מיט דער צייט האָבען דאָרט די פראנצויזען אויפגעבויט א רייע ישובים צווישען וועלכע ניו אָרליענס איז געווען די וויכטיגסטע שטאָדט. נאָך דער גרויסער מלחמה צווישען ענגלאנד און פראנקרייך איבער דער הערשאפט אין אמע־ריקא, וועלכע האָט זיך געענדיגט אין 1763, האָט פראנקרייך די טעריטאָריע אויף יענער זייט מיסיסיפּי אוועקגעגעבען שפּאניען. די פראנצויזען האָבען יענע מלחמה מיט ענגלאנד פארלאָרען, און ענגלאנד האָט צוגענומען קענעדע. איבער לואיזיאנא האָבען זיך אָבער די צוויי רעגירונגען ניט געקריגט. ענגלאנד האָט ניט געארט,

ווער עס וועט יענע גרויסע ווילדערנישען האָבען. פראַנקרייך האָט אַלזאָ געקענט דאָרטען פאַרבלייבען די באַלעבאָסטע ווי פריער. זי האָט אָבער מער ניט געוואָלט האָבען צו טאָן אין אַמעריקע; זי האָט זיך ניט געריכט, אַז פון דער לואיזיאַנאַ טעריטאָריע וועט אַמאָל עפּעס ווערען און זי האָט דאָס אוועקגעגעבען אַלס מתנה צו איר דעמאָלטיגער פריינדין שפּאַניען.



די פאַראייניגטע שטאַטען אין יאָהר 1803 נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעקויפט די לואיזיאַנאַ טעריטאָריע

ווען די אַמעריקאַנער האָבען נאָך דער רעוואָלוציע גענומען אריינדרינגען טיפער אין די וועסט, איז דער מיסיסיפּי טייך פאַר זיי געוואָרען אַלץ וויכטיגער און וויכטיגער. קיין וועגען, קיין שאָסייען דורכ'ן לאַנד זיינען דאָרט נאָך ניט געווען. עס איז דער־פאַר אוממעגליך געווען פאַר די פאַרמער אין אָהייאָ, קענטאַקי און טענעסי צו שיקען זייערע פאַרם־פּראָדוקטען אויף די מערק פון דער איסט מיט פערד־און־וואָגען. זיי האָבען עס אָבער געקענט טאָן מיט שיפען אויף דעם טייך מיסיסיפּי. זיי פלעגען אָנפּאַקען

די פּראָדוקטען אויף קליינע, פלאַכע שיפלאַך און אראָפּשווימען מיט זיי ביז ניו אָרליאַנס. דאָרט פאַלט דער מיסיסיפּי אריין אין דעם „גאָלף אָוו מעקסיקאָ". ביים האַפען פלעגען שוין שטיין גרויסע ים־שיפען, וואָס פלעגען די סחורה איבערנעמען און אוועקפירען אין די האַפען־שטעדט פון דער איסט, אין טשאַרלסטאָן, פילאַדעלפיא, ניו יאָרק, א. א. וו. אויף דעמזעלבען וועג פלעגען די סוחרים פון דער איסט שיקען זייערע פאַבריצירטע סחורות צו די פאַרמער אין דער וועסט.

איבער דער האַפען־שטאָדט ניו אָרליאַנס און איבער דעם גאַנצען געגענד דאָרטען, וואו דער טייך פאַלט אריין אין דעם גאָלף, איז שפּאַניען געווען די באַלעבאָסטע. זי האָט די ערשטע צייט אָנגעטאָן די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען אין דער וועסט אַ סך צרות. אין 1795 האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג ענדליך געשלאָסען מיט שפּאַניען אַן אָפּמאַך, לויט וועלכען די אַמעריקאַנער האָבען געקראָגען דאָס רעכט זיך צו באַנוצען מיט'ן טייך מיסיסיפּי און מיט'ן האַפען פון ניו אָרליאַנס. פון דעמאָלט אָן איז דאָרט געווען רואיג.

אין 1800 האָט נאַפּאָלעאָן אין געהיים צוריק אָפּגענומען לואיזיאַנאַ ביי שפּאַניען. ער האָט פאַרשפּראָכען דעם שפּאַנישען קעניג, אַז ער וועט מאַכען זיין איידים פאַר קעניג איבער אַ שטיק טעריטאָריע אין איטאַליען, און דערפאַר האָט דער שפּאַנישער קעניג איינגעוויליגט אים אוועקצוגעבען צוריק לואיזיאַנאַ. נאַפּאָלעאָן האָט דעמאָלט גע'חלומ'ט וועגען אויפבויען אַ גרויסע אימפּעריע מיט קאָלאָניעס אין אַלע וועלט־טיילען. לואיזיאַנאַ האָט געזאָלט ווערען אַ וויכטיגער טייל פון דעם אימפּעריאַליסטישען בנין. דעם אָפּמאַך מיט שפּאַניען האָט נאַפּאָלעאָן געהאַלטען פאָרלויפיג אין געהיים צוליב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, האָט ער דאַן געפירט מלחמה מיט ענגלאַנד, און ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט די ענגלישע רעגירונג שיקען אַ פלאָטע קיין ניו אָרליאַנס. צווייטענס, האָט ער פריער געוואָלט אין לואיזיאַנאַ אריינשיקען אַן אייגענע אַרמיי און אריינגעמען דאָס לאַנד אין זיינע הענט. ער האָט געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט דאָס צו טאָן.

דער סוד איז אויפגעדעקט געוואָרען אין 1801, נאָכדעם ווי עס איז געשלאָסען געוואָרען פרידען צווישען ענגלאנד און פראנק־רייך. נאפאָלעאָן האָט באלד גענומען גרייטען אן ארמיי צו פאר־נעמען לואיזיאנא. די ארמיי האָט געזאָלט אָנקומען אהער אין די לעצטע מאָנאטען פון 1802.

קלאנגען וועגען נאפאָלעאָנ'ס פלענער האבען זיך דערטראָגען צו דזשעפערסאָנ'ען נאָך אין די זומער מאָנאטען פון 1801. ער האָט גלייך אָפּגעשאצט די פאסירונג אלס א זייער ערנסטע פאר די פאראייניגטע שטאטען. ער האָט געוואוסט, אז פאר די פאראיי־ניגטע שטאטען וועט קיינמאָל ניט זיין גוט צו האָבען א שטארקע מאכט פאר א שכן. כל זמן שפאניען איז געווען די אייגענטימערין פון לואיזיאנא, האָט מען ניט געדארפט מורא האבען. שפאניען איז שוין דעמאָלט געווען א שוואכע מאכט, מיט וועלכער די פאר־אייניגטע שטאטען האָט זיך געקענט ספראווען. פראנקרייך איז אָבער געווען גרויס און מעכטיג, און נאפאָלעאָנ'ס אמביציעס זיינען געווען נאָך גרעסער. אין 1802 האָט דזשעפערסאָן געשרי־בען א בריף צו מר. ליווינגסטאָן, דעם אמעריקאנישען אמבאסא־דאָר אין פאריז, אין וועלכען ער האָט דערקלערט, אז „אין יענעם טאָג ווען פראנקרייך וועט איבערנעמען ניו אָרליאנס, וועט זי ווערען א שונא פון אמעריקא". אויב דאָס וועט געשען, האָט ער אין דעם דאָזיגען בריף געזאָגט, וועט פאר די פאראייניגטע שטאטען ניט בלייבען קיין אנדער ברירה ווי זיך צו פארבינדען מיט ענגלאנד און צוזאמען באהערשען די ימ'ען.

א שטיקעל צייט נאָכדעם ווי דזשעפערסאָן האָט געשריבען דעם בריף, האָט דער שפאנישער גאָווערנאָר פון ניו אָרליאנס פלוצ־לינג אוועקגענומען דאָס רעכט פון די אמעריקאנער קאָלאָניסטען צו באנוצען זיך מיט דעם ניו אָרליאנס'ער האפען. שפעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער שפאנישער קאָמאנדיר האָט געהאנדעלט אָהן דעם וויסען פון דער שפאנישער רעגירונג און אז ער האָט ניט געהאט קיין אויטאָריטעט דאָס צו טאָן. דערווייל אָבער איז מען אין אמעריקא זיכער געווען, אז הינטער דער האנדלונג שטייט נאפאָלעאָן, אז ער האָט שוין אָנגעהויבען ארויפצוצווינגען זיין

מאַכט אויף אַמעריקאַ. אין לאַנד האָט אויסגעבראָכען אַ שטורם. איבערהויפּט האָט עס געקאָכט אין דער וועסט. די פעדעראַליסטען האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט צו אַגיטירען פאַר קריג געגען פראַנקרייך. זיי האָבען אריינגעטראָגען רעזאָלוציעס אין קאָנגרעס, אויפפאָדערענדיג דעם פּרעזידענט גלייך אריינצושיקען אַן ארמיי אין ניו אָרליאַנס און פאַרטיידיגען דאָס רעכט פון די אַמעריקאַנער אין דער וועסט. דזשעפערסאָן איז אָבער געווען געגען דעם. זיין פאַרטיי האָט אין קאָנגרעס געהאַט די מאַיאָריטעט און די רעזאָלוציעס זיינען נידערגעשטימט געוואָרען. ער האָט באַשלאָסען צו פּרואווען דורכקומען מיט שפּאַניען און מיט פראַנקרייך אויף אַ פרידליכען וועג.

דער מזל האָט צוגעשפּילט דזשעפערסאָנ'ען.

אין אָנפאַנג 1803 האָט נאַפּאָלעאָן באַשלאָסען ווידער אָנצו־פאַנגען קריג געגען ענגלאַנד. די ארמיי וואָס ער האָט געשיקט צו פאַרנעמען לואיזיאַנאַ האָט זיך אויפ'ן וועג אָפּגעשטעלט צו דערשטיקען אַן אויפשטאַנד אויף דעם פראַנצויזישען אינזעל סען דאָמינגאָ, אין די וועסט אינדיעס, און די ארמיי איז דאָרטען פאַר־ניכטעט געוואָרען דורך אַ מגפה פון געלען פיבער. נאַפּאָלעאָן איז געצוואונגען געווען זיינע אַמביציעס וועגען אַן אימפּעריע אין אַמעריקאַ אויפצוגעבען. ער האָט איינגעזען, אַז ער וועט איצט ניט האָבען קיין מעגליכקייט אפילו צו באַשיצען לואיזיאַנאַ געגען אַן אָנפאַל פון אַן ענגלישער פלאָטע.

דערווייל האָט דזשעפערסאָן אינסטרואירט דעם אַמעריקאַ־נישען אַמבאַסאַדאָר אין פראַנקרייך, ער זאָל דאָרטען אָנהויבען אונטערהאַנדלען וועגען אָפּקויפען אַ שטיק לאַנד ביי דעם „מויל" פון מיסיסיפּי, דאָרט, וואו דער טייך פאַלט אריין אין דעם גאָלף. צו דער זעלבער צייט האָט ער ארויסגעשיקט דזשיימס מאָנראָו אַלס אַ ספּעציעלען שליח קיין פראַנקרייך און קיין שפּאַניען צו העלפען אין די פאַרהאַנדלונגען. דער קאָנגרעס האָט באַשטימט פאַר דעם צוועק אַ סומע פון צוויי מיליאָן דאָלאַר.

דעם ערשטען שאַך־צוג האָט געמאַכט דער אַמעריקאַנער אַמ־באַסאַדאָר אין פראַנקרייך. ער האָט צוערשט אונטערהאַנדעלט

מיט דעם בארימטען, כיטרען אויסלאנדס־מיניסטער פון פראנק־רייך, טאלעיראן. פון אים איז אבער אוממעגליך געווען צו דער־גיין א טאלק. דאן האט ער זיך געווענדט צו נאפאלעאנ'ען אליין. ער האט אים געשריבען א בריף, אין וועלכען ער האט אנגעוויזען, אז פון יעדען שטאנדפונקט וואלט עס געווען פאר פראנקרייך א גליק צו פארקויפען אמעריקע דאס שטיק לאנד וואס ליגט ביים גאלף. פונקט דעמאלט האט אויף דאס ניי אויסגעבראכען די מלחמה צווישען ענגלאנד און פראנקרייך. אין ענגלאנד האט מען גערעדט גאנץ שטארק וועגען שיקען א פלאטע צו פארנעמען לואיזיאנא.

נאפאלעאן האט דאן געהייסען זיין אויסלאנדס־מיניסטער פארצולעגען אמעריקא, זי זאל אפקויפען די גאנצע לואיזיאנא טעריטאריע. מאנראו איז גראד דעמאלט געקומען צו פארען קיין פאריז. די צוויי אמעריקאנער פארשטייער האבען זיך מישב געווען אין באשלאסען דעם אנבאט אנצונעמען, כאטש זיי האבען אויף דעם קיין באפאלמעכטיגונג פון זייער רעגירונג ניט געהאט. א וואך צייט האט מען זיך געדונגען איבער'ן פרייז, און אין אפריל 1803 איז מען געקומען צו אן אויסגלייך. נאפאלעאן האט פאר דער גאנצער לואיזיאנא פראווינץ געקראגען די סומע פון פופצען מיליאן דאלאר.

די נייס וועגען דעם מסחר איז אין אמעריקא אויפגענומען געווארען מיט געמישטע געפילען. דזשעפערסאן אליין האט לכתחילה געהאט געוויסענביסע. ער און זיין פארטיי האבען דאך שטענדיג גע'טענה'ט, אז די נאציאנאלע רעגירונג טאר זיך ניט נעמען קיין רעכט, וואס זיינען איר ניט אויסדריקליך געגעבען געווארען אין דער קאנסטיטוציע, און אין דער קאנסטיטוציע שטייט אין ערגעץ ניט קיין ווארט וועגען צוקויפען נייע טערי־טאריע. ווי קען ער פארשוועכען זיינע אייגענע פרינציפען?

די פעדעראליסטען, ווידער, האבען ענדליך געפונען א פונקט צו אטאקירען די רעפובליקאנישע אדמיניסטראציע. זיי האבען אויפגעהויבען דעם קאמף אין דער פרעסע און אין סענאט. זיי האבען געפאדערט, אז דער סענאט זאל דעם לואיזיאנא־מסחר

צוריקווייזען. זייערע טענות זיינען געווען פאָלגענדע: ערשטענס, איז דער פרייז א צו גרויסער. פופצען מיליאָן דאָלאר פאר א ווילדערניש! זיי האָבען אָנגעוויזען אויף דעם, אז וויליאם פען האָט פאר פענסילווייניא באצאָלט ניט מער ווי ארום זעקס־און־צוואנציג טויזענט דאָלאר, פאר מעין איז באצאָלט געוואָרען בלויז פיר טויזענט דאָלאר. זייער צווייטע טענה איז געווען, אז עס איז א סכנה איבערצונעמען לואיזיאנא, ווייל אזוי שנעל ווי די טערי־טאָריע וועט ווערען פריי פון דער שפּאנישער און פראנצויזישער הערשאפט, וועלען א סך אמעריקאנער אהין אימיגרירען און די איסט וועט פארלירען א גרויסען טייל פון איר באפעלקערונג. ווען די לואיזיאנא טעריטאָריע וועט האָבען א גרויסע באפעלקערונג, וועט זי זיך אָפּרייסען פון די פאראייניגטע שטאטען און גרינדען אַן אייגענע רעגירונג. עס איז אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען, האָבען די פעדעראליסטען געזאָגט, אז א לאנד וואָס ליגט אזוי ווייט, אזש אריבער דעם טייך מיסיסיפּי, וועט איינוויליגען צו פארבלייבען אונטער דער וואשינגטאָנער רעגירונג. אויב עס וועט יאָ בלייבען, וועלען די שטאטען, וואָס וועלען דאָרט אנטשטיין, קריגען די אויבערמאכט און באהערשען די איבעריגע שטאטען.

די צוויי פארטייען האָבען זיך אלזאָ איצט געביטען מיט די ראָלען. די פעדעראליסטען, וועלכע האָבען שטענדיג גע'טענה'ט, אז די רעגירונג מעג אלץ טאָן און אז זי דארף זען צו מאכען דאָס לאנד גרעסער און מעכטיגער, האָבען איצט געשריען, אז דזשע־פערסאָן האָט איבערגעטראָטען זיין מאכט, אז די רעגירונג דארף זיך באנוגענען מיט דער טעריטאָריע, וואָס זי האָט, און ניט זוכען צו ווערען גרעסער און שטארקער. די רעפּובליקאנער, וועלכע האָבען שטענדיג גע'טענה'ט, אז די רעגירונג טאָר זיך ניט נעמען אַן איבעריג רעכט און אז דאָס לאנד דארף ניט קיין נייע דעראָבע־רונגען, האָבען איצט געזאָגט, אז דער פּרעזידענט האָט א רעכט געהאט די ריזיגע שטיק לאנד צו קויפען און אז מען דארף די טעריטאָריע האָבען.

אין אָקטאָבער 1803 האָט דער סענאט גוטגעהייסען דעם מסחר. אין די שפּעטערע יאָרען האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דאָס

איז געווען ניט נאָר א מציאה פון געלט־שטאנדפונקט, נאָר אויך א נאציאָנאלער גליק. אין דער טעריטאָריע געפינען זיך היינט די פאָלגענדע שטאַטען: לואיזיאַנאַ, מיזורי, ארקאַנסאָ, אייאָווא, קענזעס, נעבראַסקאַ, נאָרט דאַקאָטאַ, סאַוט דאַקאָטאַ און טיילען פון מינעסאָטאַ, קאָלאָראַדאָ און אָקלאַהאָמאַ. די דאָזיגע שטאַטען זיינען דער שפּייכלער פון אַמעריקא. די פעלדער פון אייאָווא, קענזעס, נעבראַסקאַ און די דאַקאָטאַס זיינען צווישען די פעטסטע אין דער וועלט. אין איינינגע פון די שטאַטען געפינען זיך אומ־געהויער רייכע מינען און אויל־קוואַלען. אָן דער לואיזיאַנאַ־טעריטאָריע וואָלטען די פאַראייניגטע שטאַטען היינט ניט געווען האַלב אזוי גרויס, מעכטיג און רייך ווי זיי זיינען.

קאפיטעל 26.

די מלחמה מיט די פיראטען אין אפריקא.

דעם הייליגען פארשפרעכען, וואָס דזשעפערסאָן האָט געגעבען די בירגער, אז ער וועט ניט בויען קיין נייע קריגס־שיפען און וועט נאָך פארקלענערען די פלאָטע, האָט ער לאנג ניט געקענט האלטען. דעם ערשטען יאָהר האָט ער געפרובט פארקלענערען די הוצאות פון דעם פלאָטען־מיניסטעריום. אָבער באלד האָט זיך אמעריקא פאר־פלאָנטערט אין א מלחמה אויפ'ן ים און דזשעפערסאָן איז גע־צוואונגען געווען צו בויען נייע קריגס־שיפען און אויפהאלטען א פיל גרעסערע פלאָטע ווי די פריערדיגע אדמיניסטראציעס, וועלכע ער האָט פאר דעם חטא אזוי שטארק אטאקירט.

די מלחמה האָט דזשעפערסאָן געפירט מיט דער האלב־ציווי־ליזירטער טריפּאָלי, וואָס ליגט אויפ'ן אפריקאנישען ברעג פון מיטעללענדישען ים.

הונדערטע יאָרען נאָכאנאנד האָבען די פיר לענדער, אלזשיר, טונים, טריפּאָלי און מאראָקאָ געצויגען כאבאר פון די אייראָפּע־אישע מלוכות. „דאָס איז איינע פון די שטוינענדסטע ערשיינונגען אין דער וועלט־געשיכטע", שרייבט דער היסטאָריקער טשענינג. „די דאָזיגע פיר אפריקאנער לענדער זיינען געווען ווי מילבען אין פארגלייך מיט די מעכטע פון אייראָפּא. דאָך האָבען זיי גע־צוואונגען די גרויסע ציוויליזירטע לענדער צו צאָלען זיי צינזען." יענע מלוכה, וואָס האָט זיך אנטזאגט צו צאָלען, האָט ניט געקענט פירען קיין האנדעל אויף די ים'ען. די דאָזיגע לענדער פלעגען ארויסשיקען ים־רויבער, וועלכע פלעגען באפאלען די האנדעלס־שיפען פון די ווידערשפעניגע מלוכות, זיי נעמען געפאנגען, צו־

נעמען די סחורה, און די מאטראָזען פארקויפען פאר שקלאפען. עס איז א סברא, אז ענגלאנד האָט שטילערהייט געשטיצט די פיראטען־לענדער. פאר איר איז ניט שווער געווען צו צאָלען צינזען. אָבער די קלענערע לענדער, ענגלאנד'ס קאָנקורענטען, האָבען אָפט די קאָנטריבוציעס ניט געקענט באצאָלען, און די פיראטען פלעגען זיי פארטרייבען פון ים. אינדירעקט האָבען די פיראטען געהאָלפען ענגלאנד ארײנצוקריגען דעם ים־האנדעל אין אירע הענט.

כל־זמן אמעריקא איז געווען אן ענגלישע קאָלאָניע, האָבען די פיראטען ניט געטשעפעט אירע שיפען. ענגלאנד'ס צינזען האָבען שוין באשיצט אויך אמעריקא. אָבער אזוי שנעל ווי אמעריקא איז געוואָרען אן אומאָפהענגיג לאנד, האָבען זיך אָנגעהויבען צרות. אין 1793 האָט אלזשיר געפאנגען עלף אמעריקאנישע האנדעלס־שיפען מיט 112 מאטראָזען און פאסאזשירען. אמעריקא האָט דאן געטאָן דאָסזעלבע וואָס די אייראָפעאישע לענדער און האָט גענומען צאָלען. זי האָט געשיקט דעם הערשער פון אלזשיר א מיליאָן דאָלאר, און האָט פארשפּראָכען אים צו צאָלען צוויי און צוואנציג טויזענט דאָלאר א יאָר. אין 1796 האָט אלזשיר געפאָדערט נאָך „מתנות", און אמעריקא האָט איר צוגעשיקט נאָך א מיליאָן. אין 1795 האָט מאראָקאָ געשטעלט אן אולטימאטום, און אמעריקא האָט איר באצאָלט דרייסיג טויזענט דאָלאר. אין 1797 האָט טוניס געפאָדערט איר חלק, און האָט באקומען דריי און אכטציג טויזענט דאָלאר. און אזוי האָט אמעריקא געהאלטען אין איין צאָלען.

אין 1801, נאָכדעם ווי דזשעפערסאָן איז אריין אין אמט, האָט טריפאָלי דערקלערט קריג אמעריקא. טריפאָלי פלעגט קריגען דריי און אכטציג טויזענט דאָלאר א יאָר. זי האָט זיך אָבער דער־וואוסט, אז אירע שכנים, אלזשיר און טוניס, באקומען פון אמעריקא מער, האָט זי זיך „באליידיגט" און דערקלערט קריג. דזשעפערסאָן, ניט אָנפרעגענדיג דעם קאָנגרעס, האָט ארויסגעשיקט א פלאָטע געגען טריפאָלי און די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען. דער קריג האָט זיך געצויגען פיר יאָר. אין משך פון דער צייט האָט אמעריקא אויפגעבויט א היבשע פלאָטע. טייל פון אירע נייע קריגס־שיפען האָבען זיך געקענט פארגלייכען מיט די בעסטע פון ענגלאנד'ס

בּלאָטע. די אַמעריקאַנער האָבען אין דער מלחמה ארויסגעוויזען אזוי פיל העלדישקייט און אָנגעטאָן די פּיראַטען אזוי פיל צרות, אז ניט בלויז טריפּאָלי, נאָר די אַנדערע אפריקאַנער לענדער אויך האָבען פאַר איר געקראָגען דרך־ארץ. טריפּאָלי האָט זיך פאַקטיש אונטערגעגעבען. אַמעריקא האָט איר בלויז באַצאָלט זעכציג טויזענט דאָלאַר אויסלייז־געלט פאַר די אַמעריקאַנער געפאַנגענע און מער קיין צינזען ניט געדאַרפט צאָלען.

די גרעסטע העלדישע טאַט אין דער מלחמה האָט באוויזען א יונגער פלאָטען־אָפיצער סטיפען דיקייטור. די פּיראַטען האָבען געפאַנגען די אַמעריקאַנישע קריגס־שיף „פילאַדעלפיא" און זי אריינגעפירט אין זייער האַפען. דער אַמעריקאַנער אַדמיראַל האָט באַשלאָסען, איידער צו לאָזען די „פילאַדעלפיא" זאָל בלייבען ביים שונא בעסער זי פאַרניכטען. דער יונגער דיקייטור האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירען די געפערליכע ארבייט. ער האָט מיטגענומען דריי און זיבעציג מאַטראָזען, זיך ארויפגעזעצט אויף א קליין שיפעל, און איז צוגעשוואומען צו דער „פילאַדעלפיא". אויפ'ן ברעג זיינען געשטאַנען טריפּאָליאַנער סאָלדאַטען מיט ביקסען און האַרמאַטען. דיקייטור און זיינע מאַטראָזען האָבען ארויפגעקלעטערט אויף דער „פילאַדעלפיא", געטויט עטליכע צענדליג פון די פּיראַטען, אונטערגעצונדען די שיף, און זיינען צוריק אוועקגעשוואומען. פון ברעג האָט מען די גאַנצע צייט אויף די אַמעריקאַנער געשאָסען מיט הונדערטער ביקסען און האַרמאַטען. מען האָט אויף זיי אויך געשאָסען פון די שיפען און שיפלאַך פון האַפען. זיי האָבען זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקען און זיך ניט פאַרלאָרען, דורכגעפירט זייער ארבייט און זיך צוריקגעקערט צו זייער אַדמיראַל.

קאפּיטעל 27

אַראָן באָאר, זיין פארשווערונג

אאראָן באאר איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע פּער־זענליכקייטען אין דער געשיכטע פון אמעריקא. זיין לעבענס־געשיכטע לייענט זיך ווי א שונד־ראָמאַן — פול מיט דראַמאַטישע און ראָמאַנטישע מאָמענטען. ער איז געווען אי א בוך־מענש, אי א פּראַקטישער מענש. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינליכע קראַפט צו געווינען דעם צוטרויען פון מענשען און צו באַצויבערען פרויען. ער האָט ליב געהאַט דאָס גייסטיגע, דאָס שיינע, דאָס קינסטלערישע אין לעבען, און אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט פּאָליטישע אינטריגעס און זיך געבאָדען אין די זומפּען פון פּאָליטישער קאָרופּציע. זיין כאַראַקטער איז געווען א פּלאָנטער פון אַריסטאָקראַטישען שטאָלץ און דעמאָקראַטישע איינפאַכקייט, פון טיפען ערנסט און אויסגעלאַסענער לייכטזיניג־קייט. ער איז א טעמע פאַר א גרויסען ליטעראַרישען קינסטלער.

געשטאַמט האָט באאר פון א פאַמיליע פון גלחים. זיין פאָטער איז געווען א גלח אין נוארק און איז שפּעטער געוואָרען דער פּרעז־זידענט פון פּרינסטאָן אוניווערזיטעט. זיין מוטער׳ס פאָטער איז געווען דער באַרימטער דזשאָנאַטאַן עדווארדס, איינער פון די גרעסטע, אויב ניט דער סאַמע גרעסטער, פון די פּוריטאַנישע גלחים אין מאַסאַטשוסעטס. שוין אין זיין קינדהייט האָט אאראָן ארויס־געוויזען מערקווירדיגע פייאיגקייטען צום לערנען. צו זעכצען יאָר האָט ער געענדיגט פּרינסטאָן אוניווערזיטעט. זיין פאַמיליע האָט געוואָלט, ער זאָל גיין אין די טריט פון די עלטערען און שטודירען פאַר גלח. ער האָט אָבער פאַר זיין קאַריערע אויסגעקליבען א

וועלטליכע פּראָפעסיע. ער איז געוואָרען אַן אַדוואָקאַט. אין 1775, ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, איז ער אַלט געווען ניט מער ווי נײַנצען יאָר. ער האָט זיך גלייך אָנגעשלאָסען אָן דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. ער האָט געדינט אונטער בענעדיקט אַרנאָלד אין דער עקספּעדיציע געגען קענעדע און אין די שלאַכטען אין ניו יאָרק. אויפ'ן שלאַכטפעלד האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין העלדישקייט און האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די גענעראַלען און פון די רעגירונגס־באַאַמטע.

אַלס אַדוואָקאַט איז ער אויך געווען זייער ערפאָלגרייך. ער האָט זיך באַזעצט אין ניו יאָרק, וואו ער איז באַלד בארימט געוואָרען אַלס איינער פון די גרעסטע יוריסטען אין דעם שטאַאַט. ער האָט פאַרדינט אַ סך געלט, געפירט אַן אַריסטאָקראַטיש לעבען, האָט זיך אויסגעבויט אַ פּראַכטפולען פּאַלאַץ, האָט געהאַלטען דינער און דינסטען, און האָט זיך געפּוצט אין די שענסטע מאָדעס.

און אַזוי ווי די מערסטע ערפאָלגרייכע אַדוואָקאַטען האָט אויך באַאר זיך אָפּגעגעבען מיט פּאָליטיק. די פּאָליטיק פון ניו יאָרק איז דעמאָלט געלעגען אין די הענט פון די גרויסע רייכע פאַמיליעס, די קלינטאָנס, די ליווינגסטאָנס, די סקיילערס, די מאָריסעס. טייל פון זיי זיינען געווען פעדעראַליסטען, טייל רעפּובליקאַנער, אָבער אַלע זיינען זיי געווען „פון די הויכע פענסטער”. די גרויסע מאַסען האָבען דעמאָלט אין דער פּאָליטיק אַ קנאַפּע ראָלע געשפּילט. זייער ווייניג פון זיי האָבען געהאַט שטימרעכט, און די וואָס האָבען יע געהאַט, האָבען ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו באַנוצען דערמיט פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען. די וויכטיגסטע פיגור אין דער ניו יאָרקער פּאָליטיק איז געווען אַלעקסאַנדער האַמילטאָן, וועלכער איז געווען אַן איידים פון דעם רייכען אַריסטאָקראַטישען סקיילער.

אַאראָן באַאר האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, אָבער טראָץ זיינע גרויסע פעיאיג־קייטען האָט מען אים דאָרט ניט געלאָזט גיין צו ווייט. די אַריס־טאָקראַטישע קלינטאָנס און ליווינגסטאָנס זיינען אים געשטאַנען אין וועג. זיין ערשטע גרויסע געלעגענהייט האָט ער געקראָגען אין יאָר 1800. דאָס איז געווען דאָס היסטאָרישע יאָר, ווען די

צוויי פארטייען האבען זיך באגעגענט אין דעם גרויסען קאמף, וואס האט געדארפט באשטימען זייער צוקונפט און די צוקונפט פון אמעריקא. אין די ערשטע מאנאטען פון יענעם יאר זיינען אפגעהאלטען געווארען וואלען פאר גאווערנאר אין ניו יארק. דאס גאנצע לאנד האט געהאלטען די אויגען געווענדעט אויפ'ן רעזולטאט פון יענע וואלען. עס איז געווען קלאר, אז די פארטיי וואס וועט זיגען אין ניו יארק אין אפריל, וועט געווינען די פרעזידענט־וואלען אין לאנד אין נאוועמבער. אאראן באאר האט זיך אריינגעווארפען אין דעם קאמף מיט אלע כחות, און געארבייט האט ער צווישען דעם פראסטען המון, צווישען די מיטגלידער פון דער ערשט־ארגא־ניזירטער „טאמאני האל" (די ארגאניזאציע פון ארבייטער, קליינע הענדלער און פארהאסטע איירישע אימיגראנטען). ער האט זיי ארגאניזירט, האט דורך זיי פראפאגאנדירט צווישען די בירגער. אין דערזעלבער צייט האט ער אליין געהאלטען רעדעס, געשריבען, געמאכט פלענער. זיין געגנער, דער פירער פון דער פעדעראליס־טישער פארטיי, איז געווען אלעקסאנדער האמילטאן. געזיגט האט באאר. זיין רעפובליקאנישער צעטעל איז דערוויילט געווארען.

דזשעפערסאן און די גאנצע רעפובליקאנישע פארטיי איבער'ן לאנד האבען אנערקענט באאר'ס גרויסע ארבייט. ער איז באלד בארימט געווארען אלס וויכטיגער פאליטישער פירער. ער האט פאקטיש דורכגעבראכען דעם וועג פאר דער רעפובליקאנישער ארמיי צו מארשירען צו א פעדעראלען זיג. אין די פרעזידענט־וואלען אין נאוועמבער האבען די רעפובליקאנער אים ארויסגע־שטעלט אלס קאנדידאט צוזאמען מיט דזשעפערסאנ'ען.

עס איז שוין אין א פאריגען קאפיטעל דערציילט געווארען וועגען דעם רעזולטאט פון די וואלען, ווי אזוי די פעדעראליסטען אין קאנגרעס האבען טעג נאכאנאנד געזוכט צו דערוויילען באאר'ן פאר פרעזידענט און דזשעפערסאנ'ען פאר וויים־פרעזידענט. ווען ניט אלעקסאנדער האמילטאן, וואלט עס אזוי טאקע געווען. האמיל־טאן האט ניט געקענט מוחל זיין באאר'ן זיין זיג אין ניו יארק, און ער האט געארבייט הינטער די קוליסען פון דער פעדעראליסטישער פארטיי, ביז וואנען ער האט איבערגעוואונען געגען פעדעראליס־

טישע שטימען און דזשעפערסאָן האָט באַקומען דעם פּרעזידענט־אמט. באַאר האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט'ן אמט פון וויצע־פּרעזידענט.

פון די דאָזיגע וואַלען אָן הויבט זיך אָן צו וועבען די קייט פון פּאָליטישע פּאַרפּאַלגונגען און אינטריגעס ארום דער פּערזאָן פון אַאראָן באַאר. אויסער פריערדיגע שונאים וואָס ער האָט געהאט, האָט ער אויך ארויסגערופען געגען זיך דעם צאָרן פון דזשעפערסאָן און די וויכטיגע דעמאָקראַטישע פירער אין זיין אייגענעם שטאַט ניו יאָרק. זיי האָבען אים חושד געווען, אז ער האָט אינטריגירט מיט די פעדעראַליסטען, אז ער האָט געזוכט דערוויילט צו ווערען פאַר פּרעזידענט מיט דער הילף פון פעדעראַליסטישע שטימען, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אז זיין פּאַרטיי האָט געוואָלט דזשעפערסאָנ'ען פאַר פּרעזידענט. קלאַנגען האָבען זיך ארומגעטראָגען, אז ער האָט געהאַט געהיימע קאָנפערענצען מיט די פעדעראַליסטען און זיי געמאַכט געהיימע פאַרשפּרעכונגען. צי די דאָזיגע קלאַנגען האָבען געהאַט אַ גרונד, איז קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען. באַווייזען זיינען פאַראַן, אז באַאר האָט זיך אַנטזאַגט צו געבען די פעדעראַליסטען אַ באַשטימטען ענטפער. זיינע פריינט האָבען דער־קלערט, אז ווען ער וואָלט באמת געווען געגעבען וועלכע עס איז הבטחות, וואָלט ער זיכער געווען דערוויילט ווערען. אָבער ווי די מעשה איז ניט געווען, די רעפּובליקאַנער האָבען פון דעמאָלט אָן אים גענומען פּאָליטיש אונטערדריקען. דער ניו יאָרקער גאָווער־נאָר, וועמען ער האָט פאַקטיש מיט זיינע כחות דערוויילט, האָט זיך אנטזאַגט צו געבען שטעלען באַאר'ס פריינט און אָנהענגער. דער־מיט האָט ער געזוכט צו פאַרניכטען באַאר'ס פּאָליטישען איינפלוס. אין וואַשינגטאָן האָבען אויך באַאר'ס פריינט ווייניג אנערקענונג געקראָגען. באַאר האָט געפילט, אזוי זיין אייגענע פּאַרטיי האָט אים פאַרראַטען.

אין 1804, ווען זיין טערמין אַלס וויים־פּרעזידענט האָט זיך שוין געהאַלטען ביים ענדיגען, האָט ער געמאַכט אַ פּאַרזוך ווידער אויפצושטעלען זיין פּאָליטישע מאַכט אין ניו יאָרק. זיינע אָנ־הענגער האָבען אים נאָמינירט פאַר גאָווערנאָר. די צוויי ארים־

טאקראטישע פאמיליעס, די ליווינגסטאנס און די קלינטאנס, האבען זיך גלייך פאראייניגט אים צו באקעמפען. אלס געגען־קאנדידאט האבען זיי נאמינירט אן אומבאדייטענדע פערזענליכקייט, מארגאן לואיס. די פעדעראליסטען זיינען געווען צו שוואך ארויסצושטעלען אן אייגענעם קאנדידאט, און עס האט זיך ווידער אנגעהויבען ביי זיי דער אלטער קאמף, וועלכען פון די צוויי רעפובליקאנישע קאנדידאטען זאלען זיי שטיצען. די מערסטע פעדעראליסטישע פירער זיינען געווען פאר באר'ן. אבער דא איז ווידער געקומען האמילטאן און האט זיך געשטעלט אלס דער שטן מקטרג געגען באר'ן. יענער וואל־קאמף איז געווען איינער פון די שענדליכסטע און שמוציגסטע. די צוויי רעפובליקאנישע פראקציעס האבען אטאקירט איינע די אנדערע אויף דעם מיאוס'טען אופן. האמילטאן האט שטילערהייט געווארפען הויפענס שמוץ אויף באר'ן.

דער רעזולטאט איז געווען ווידער א מפלה פאר באר'ן. אין דער שטאדט ניו יארק האט ער געהאט א מאיאריטעט, אבער אין די אנדערע טיילען פון דעם שטאט איז ער געשלאגען געווארען. עס איז פאר אלעמען קלאר געווען, אז האמילטאן'ס טעטיגקייט צווישען די פעדעראליסטישע בירגער אין יענע געגענדען האט גע־קאסט באר'ן זיין זיג.

קורץ נאך די וואלען האט באר אויפגעפאדערט האמילטאן'ען, ער זאל עפענטליך אפלייקענען געוויסע פארלוימדונגען, וואס זיינען אין דער וואל־צייט געמאכט געווארען געגען באר'ן אין האמיל־טאנ'ס נאמען. האמילטאן האט זיך אנטזאגט דאס צו טאן. האט אים באר ארויסגערופען צו א דועל. אין יענע יארען זיינען דועלען אין אריסטאקראטישע קרייזען געווען א געוויינליכע זאך, כאטש דאס געזעץ האט זיי פארבאטען. דער דועל איז פארגעקומען אין וויהאקען, ניו דזשוירזי, דעם 11טען יולי פארטאג, 1804. האמיל־טאן איז געפאלען מיט א קויל אין בויך און איז אין א טאג ארום געשטארבען.

האמילטאנ'ס טויט האט ארויסגערופען א שטורם פון צארן געגען באר'ן. עס האבען זיך באלד פארשפרייט מעשיות, אז באר האט דעם דועל אויף האמילטאנ'ען ארויפגעצוואונגען, אז

האַמילטאָן האָט זיין קויל אויסגעשאָסען אין דער לופטען און אַז באַאר האָט דאַן אים איינפאַך דערמאָרדעט. אַ „גרענד דזשורי" אין ניו דזשוירזי האָט באַאר'ן אָנגעקלאָגט פאַר מאָרד. באַאר איז אַנטלאָפען קיין פילאַדעלפיא און דערנאָך קיין וואַשינגטאָן. ער איז נאָך דעמאָלט געווען וויים־פּרעזידענט.

קומען צוריק אין זיין אַלטער היים האָט ער ניט געקענט. ווען זיין טערמין אַלס וויים־פּרעזידענט האָט זיך געענדיגט, איז זיין לאַגע געווען אַ טרויעריגע. ער איז געווען פּאָליטיש און פינאַנציעל רואינירט. ער האָט גענומען זוכען נייע וועגען, מאַכען נייע פּלענער צו שטעלען זיך ווידער אויף די פיס, אויפצובויען פאַר זיך אַ נייע קאַריערע.

אָבער דאָס וואָס ער האָט איצט אונטערנומען האָט אים אַראָפּ־געשטויסען נאָך טיפער אין אָפּגרונט. די געשיכטע פון זיין נייער אונטערנעמונג איז אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין סתירות, אינטריגעס, אין ליגענס און בלבולים, אַז ביז היינטיגען טאָג קען מען ניט זאָגען זיכער, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

צוויי יאָר צייט האָט זיך די געשיכטע געצויגען. אין דער וועסט איז דעמאָלט געווען אַן אומרואיגע צייט. די וואַשינגטאָנער רעגירונג האָט ערשט געהאַט אָפּגעקויפט די לואיזיאַנאַ טעריטאָריע. שפּאַניען האָט נאָך געהאַלטען די פלאָרידאַ פּראָווינצען אַרום דעם טייך מיסיסיפּי. די באַפעלקערונג אין לואיזיאַנאַ, שפּאַניער און פראַנצויזען, איז שטאַרק ניט צופרידען געווען מיט דער נייער אַמעריקאַנער הערשאַפט. דער אַמעריקאַנער גאָווערנאָר האָט ניט געקענט ריידען די שפּראַך פון דער באַפעלקערונג, ער האָט ניט פאַרשטאַנען זייערע אינסטיטוציעס און געוואוינהייטען, ער האָט געטאָן אַ סך זאַכען וואָס האָבען אַרויסגערופען פאַרביטערונג געגען אים און געגען דער אַמעריקאַנער רעגירונג. ווידער, די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען אין דער וועסט, אין טענעסי און קענטאָקי, זיינען געווען אויפגעבראַכט געגען די שפּאַניער אין פלאָרידאַ און זיי האָבען געוואָלט די שפּאַניער פון דאָרט אַרויסטרייבען. אַ שטאַרקע שטימונג געגען שפּאַניען האָט אויך געהערשט אין די רעגירונגס־קרייזען אין וואַשינגטאָן. אַ לאַנגע צייט האָט מען גע-

מיינט, אז אט־אט וועט אויסברעכען א מלחמה צווישען די צוויי לענדער איבער פלארידא.

אאראן באאר האט זיך אוועקגעלאזט אין יענע מקומות. ער

אאראן באאר

האט זיך דארט געשטעלט אין פארבינדונג מיט פארשידענע פער־זאנען, מיט'ן אמעריקאנישען גענעראל אין לואיזיאנא, מיט'ן הויפט פון די מיליץ אין טענעסי, מיט געלט־מענשען, מיט געשעפטס־לייט.

ער האָט אויך געפירט געהיימע אונטערהאנדלונגען מיט'ן ענגלישען און מיט'ן שפאנישען אמבאסאדאָר אין וואשינגטאָן. וואָס זיינע אמת'ע פלענער זיינען געווען, וועט מען אויף זיכער קיינמאָל ניט וויסען. קלאָר איז נאָר, אז ער האָט געהאָפט, אז אזוי שנעל ווי ס'וועט אויסברעכען א מלחמה צווישען אמעריקא און שפאניען, וועט אים געלינגען צו אָרגאניזירען אן אייגענע ארמיי און ארייגדרינגען אין מעקסיקא (וועלכע האָט דאן געהערט צו שפאניען), זי איינגעמען און דאָרט גרינדען אן אומאָפּהענגיגע רעגירונג. עס איז אויך זיכער, אז ער האָט געפּלאנעוועט צו גרינדען א גרויסע קאָלאָניע אויף יענער זייט פון טייך מיסיסיפּי. די היסטאָריקער אָבער קענען זיך ניט אייניגען אויף דעם, צי ער האָט געהאַט ווייטערע, טיפערע פלענער, צו גרינדען א באזונדער רעגירונג אויף דער טערעטאָריע פון די פאראייניגטע שטאטען.

נאָך אין 1805, ווען ער האָט געהאלטען אין ארומפאָרען אין יענע פראָווינצען און האָט געפירט זיינע געהיימע קאָנפערענצען, זיינען אָנגעקומען מסירות צו דזשעפערסאָנ'ען, אז באאר פלאנעוועט אן אויפשטאנד געגען די פאראייניגטע שטאטען. דזשעפערסאָן האָט די מסירות איגנאָרירט. אָבער און ווידער זיינען געמאכט געוואָרען באשולדיגונגען געגען באאר'ן, און די וואשינגטאָנער רע־גירונג האָט זיי ניט גענומען ערנסט. ערשט שפּעט אין 1806 האָט דזשעפערסאָן געביטען זיין שטעלונג. ער האָט באקומען א ידיעה פון גענעראל ווילקינסאָן, דעם הויפּט פון דער אמעריקאנער ארמיי אין לואיזיאנא, אז ער האָט באוויזען, אז באאר האָט שוין אלץ צוגעגרייט צו אן אויפשטאנד. ווילקינסאָן איז געווען איינער פון באאר'ס אלטע פריינט. דעם אמט אלס גענעראל אין לואיזיאנא האָט באאר פאר אים געקראָגען. אין זיינע איצטיגע אונטער־נעמונגען האָט זיך באאר מיט אלץ פארטרויט צו ווילקינסאָנ'ען. ער האָט געהאָפט, אז ווילקינסאָן וועט זיין איינער פון זיינע מיט־העלפער. אָבער פּלוצלינג האָט ווילקינסאָן אים פאר'מסר'ט אלס פאררעטער.

דזשעפערסאָן האָט עפענטליך באשולדיגט באאר'ן אין פאר־ראט. די באשולדיגונג איז געווען, אז באאר האָט אין געהיים אָר־

גאניזירט אן ארמיי פון צוואנציג טויזענט מענשען און אז ער פלאנעוועט איינצונעמען לואיזיאנא און די שטאטען קענטאקי און טענעסי, און דערנאך אפנעמען מעקסיקא פון שפאניען, און דאן גרינדען א מלוכה, פון וועלכער ער אליין וועט זיין דער הערשער.

באאר איז ארעסטירט געווארען. צוזאמען מיט אים זיינען אויך ארעסטירט געווארען אייניגע פון זיינע לייטענאנטען. ער איז איצט אטאקירט געווארען פון אלעמען, פון די פעדעראליסטען, וועלכע האבען אים געהאסט פאר דערשיסען האמילטאן'ען, און פון די רעפובליקאנער, וועלכע האבען אים באטראכט אלס א שונא פון דזשעפערסאן'ען. דזשעפערסאן האט אנגעשטרענגט אלע כחות צו פארגיפטען די מוחות פון פאלק געגען אים. עס האט אויס־געוויזען, אז באאר איז א פארלארענער.

זיין פראצעס איז פארגעקומען אין ריטשמאנד, ווירדזשיניא. אלס ריכטער איז געזעסען דער הויפט פון סופרים קאורט, דזשאן מארשאל. גע'משפט האט אים א דזשורי. די אדוואקאטען פוןביידע צדדים זיינען געווען די פייאיגסטע אין לאנד. דער פראצעס האט זיך געצויגען וואכען לאנג. דער הויפט עדות געגען באאר'ן איז געווען ווילקינסאן, זיין אמאליגער פריינט.

אבער די דזשורי האט באאר'ן פרייגעשפראכען. אלע עדות, וואס זיינען געגען אים אויפגעטראטען, האבען קיינע ממשות'דיגע באווייזען ניט געבראכט. יעדערער האט דערציילט, וואס ער האט געהערט פון אנדערע, אבער עס איז ניט באוויזען געווארען, אז באאר האט ווירקליך געטאן א פאררעטערישע טאט געגען אמעריקע.

די רעפובליקאנישע פרעסע האט א לאנגע צייט געשימפט דזשאן מארשאל'ן, אז ער איז שולדיג, וואס דער פאררעטער באאר איז ריינגעוואשען געווארען. מארשאל איז געווען א פעדעראליסט. האט די רעפובליקאנישע פרעסע אים באשולדיגט, אז ער האט באפרייט באאר'ן אויף צו להכעיס דזשעפערסאן'ען, דעם רעפוב־ליקאנישען פרעזידענט.

מיט א סך יארען שפעטער, ווען ווילקינסאן איז שוין געווען טויט, האט מען זיך פלוצלינג דערוואוסט, אז ער האט גערינט

אַלס שפּיאָן ביי דער שפּאַנישער רעגירונג. מען האָט אויך אויס־געפונען, אַז נאָכדעם ווי ער האָט אריינגעשיקט זיין מסירה געגען באַאר׳ן, האָט ווילקינסאָן געפאָדערט פון דער שפּאַנישער רעגירונג פופציג טויזענט דאָלאַר פאַר דער דאָזיגער ארבייט. ער האָט דערקלערט, אַז באַאר האָט געפּלאַנעוועט אָנצופאַלען אויף מעקסיקא און אַז דורך זיין מסירה האָט ער פארהיט די געפאַר, און דערפאַר קומט אים די באַלוינונג. אויפ׳ן סמך פון דער דאָזיגער אַנטדעקונג זיינען טייל היסטאָריקער גענייגט אינגאַנצען ריינצוואַשען באָאר׳ן. זיי האַלטען, אַז ווילקינסאָן האָט אויף אים געמאַכט דעם בלבול, כדי צו קריגען געלט פון שפּאַניען. אַנדערע היסטאָ־ריקער גלויבען, אַז ביידע, אי באָאר, אי ווילקינסאָן, האָבען גע־פּלאַנעוועט אָפּצורייסען די וועסט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, און אַז ווילקינסאָן האָט זיך אין לעצטען מאָמענט דערשראָקען און באַשלאָסען צו ראַטעווען זיך אַליין דורך פאַרראַטען זיין קאָלעגע.

באָאר׳ס ענדע איז געווען אַ טרויעריגע. נאָכ׳ן פּראָצעס איז ער אַוועקגעפאָרען קיין אייראָפּאַ אויף עטליכע יאָר. נאָכער איז ער צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק, וואו ער האָט אויסגעלעבט זיינע עלטערע יאָרען אַ פאַרשטויסענער. ער האָט אויך אַ היבש ביסעל געהאַט צו טאָן מיט פרויען: ליבעס, חתונות און גט׳ן. אין דעם דאָזיגען פּרט האָט זיין טאַלאַנט און ערפאָלג אָנגעהאַלטען ביז׳ן לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

קאפיטעל 28

ווידער סכסוכים מיט ענגלאנד און מיט פראנקרייך

די וויכטיגסטע געשעענישען אין דזשעפערסאָנ׳ס צווייטער אדמינסטראציע (פון 1805 ביז 1809) זיינען געווען פארבונדען מיט אויסערליכע ענינים. אמעריקא איז ווידער אריינגעצויגע געוואָרען אינ׳ם קעסעל־גרוב פון אייראָפּעאישע מלחמות. די קאָנפליקטען און סכסוכים זיינען געווען פון זעלבען סאָרט וואָס אמעריקא האָט געהאט מיט ענגלאנד און מיט פראנקרייך אין דער צייט פון וואַשינגטאָנ׳ס און עדעמס׳עס אדמיניסטראציעס. איצט האָבען זיי אָבער אָנגענומען א פיל ערנסטערען כאראקטער, ווייל די מלחמות אין אייראָפּא זיינען געווען מער פארביטערט, מער פארצווייפעלט ווי פריער. דער קאמף צווישען פראנקרייך און ענגלאנד איז געווען א קאמף אויף לעבען און טויט. אמעריקא, זייענדיג דאָס וויכטיגסטע נייטראלע האנדעלס־לאנד, האָט פון דער לאגע אם שטארקסטען געליטען.

איבער צוויי זאכען זיינען פאָרגעקומען די סכסוכים און די רייבונגען. ערשטענס, וואָס די צוויי קריגערישע לענדער, ענגלאנד און פראנקרייך, פלעגען אָפּשטעלען אמעריקאנישע האנדעלס־שיפען, און אמאָל אפילו קריגס־שיפען, און ארונטערנעמען פון זיי מאטראָזען מיט׳ן אויסרייד, אז זיי זיינען ענגלענדער אָדער פראנצויזען. צווייטענס, וואָס ביידע לענדער האָבען ארויסגעגעבען איין גזירה נאָך דער צווייטער צו באגרענעצען דאָס רעכט פון די אמעריקאנישע שיפען צו פירען סחורה קיין אייראָפּא און אין די וועסט אינדיעס. אין די ביידע פּרטים האָט ענגלאנד געזינדיגט מער ווי פראנקרייך, ווייל ענגלאנד האָט געהאט מער מעגליכקייטען צו זינדיגען. די

גאַנצע צייט וואָס די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות זיינען אָנגעגאַנגען, האָט ענגלאַנד באַהערשט די ימ'ען. אויף ווי ווייט איר איז דאָס מעגליך געווען, האָט פראַנקרייך אויך אָנגעטאָן אמעריקא צרות. זי האָט אָבער ווייט ניט געקענט גיין. ענגלאַנד האָט אויף די ימ'ען געקענט טאָן כמעט אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט, און זי האָט געמאַכט די לאַנגע פאַר אַמעריקא זייער שווער.

אין 1803 האָט נאַפּאָלעאָן, נאָך אַ קורצען שלום, ווידער דער־קלערט קריג געגען ענגלאַנד. ווען די נייע מלחמה האָט זיך רעכט פאַנאַנדערגעפלאַקערט אין די נעקסטע פאָר יאָר, האָט זיך אָנ־געהויבען די נייע סדרה פון צרות פאַר די אמעריקאַנער שיפען און פאַר'ן אמעריקאַנישען אויסלענדישען האַנדעל. אָט זיינען צוויי אינצידענטען, וואָס האָבען פּאַסירט אין 1806 און 1807. זיי גיבען אַ באַגריף פון די פרייהייטען, וואָס די ענגלישע קריגס־שיפען האָבען זיך גענומען מיט די אמעריקאַנער שיפען.

אין פרילינג פון 1806 איז די ענגלישע קריגס־שיף „לעאַנדער" אָנגעקומען צום ניו יאָרקער האַפען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינפאָר צום האַפען און געשיקט אַ שיפעל אין שטאָדט ברענגען וואַסער און עסענוואַרג. וואַרטענדיג ביז די שיפעל וועט צוריק־קומען, האָט דער קאַפּיטאַן פון דער „לעאַנדער" דערווייל אָפּגע־שטעלט אַלע אמעריקאַנער שיפען, וואָס זיינען אַריין און אַרויס פון האַפען, און זיי דורכגעזוכט, צי זיי פירען ניט קיין ענגלישע מאַט־ראָזען אָדער קאָנטראָבאַנד. זיין סיגנאַל צו אַ שיף, אַז זי זאָל זיך אָפּשטעלען, איז געווען אַ שאָס פון אַ האַרמאַט. איינע פון די באָמבעס האָט געטראָפען אַן אמעריקאַנער שיפעל נעבען ברעג און געטויט אַ ציווילען מענשען, אַן אמעריקאַנער. דאָס האָט אויפ־געבראַכט די גאַנצע שטאָדט. די אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז די ענגלענדער, וועלכע זיינען געקומען קויפען עסענוואַרג, האָבען זיך געמוזט באַהאַלטען. עס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען פּראָ־טעסט פאַרזאַמלונגען, און דזשעפערסאָן האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעל, אַז די „לעאַנדער" זאָל גלייך פאַרלאָזען די אמעריקאַנער וואַסערען און האָט פאַרבאָטען אמעריקאַנער צו פאַרקויפען דער שיף עסענוואַרג.

דער צווייטער פאל איז פון דעם שטאנדפונקט פון נאציאנא־לער ערע געוועזן א פיל ערגערער. דאס האט פאסירט אין דזשון 1807. די אמעריקאנער פלאטע האט דאן ארויסגעשיקט די קריגס־שיף „טשעסעפיק” אויף א רייזע אין מיטעללענדישען ים. אין דער צייט ווען די „טשעסעפיק” האט זיך געגרייט צו דער נסיעה, האבען עטליכע מאטראזען אויף די ענגלישע שיפען ביים אמעריקאנער האפען דעזערטירט, און עס האבען זיך פארשפרייט קלאנגען, אז די מאטראזען זיינען אריינגעטראטען אין דינסט פון דער „טשע־סעפיק”. די אמעריקאנער רעגירונג האט געמאכט אן אונטער־זוכונג און געלאזט וויסען די ענגלישע קאמאנדירען, אז בלויז דריי געוועזענע ענגלישע מאטראזען געפינען זיך אויף דער שיף, אבער אז זיי האבען א רעכט דארט צו זיין, ווייל זיי זיינען אמעריקאנער בירגער. די פארזיכערונג האט די ענגלענדער ניט צופרידענגע־שטעלט. דער ענגלישער הויפט קאמאנדיר האט געשיקט א געהיים־באפעל צו זיינע קריגס־שיפען ביים האפען, אז ווען די „טשעסעפיק” וועט ארויספארען אויף'ן ים, זאלען זיי זי אפשטעלען און מאכען אן אויספארשונג וועגען די מאטראזען. דער באפעל איז דורכ־געפירט געווארען. די „טשעסעפיק” האט זיך פון אנפאנג געשטעלט אנטקעגען. האט אן ענגלישע קריגס־שיף אויף איר געשאסען. די באמבעס האבען געטויט דריי און פארוואונדעט אכטצען אמערי־קאנער. דאן האט זיך די „טשעסעפיק” אפגעשטעלט. די ענגלענ־דער זיינען ארויף און האבען ארויפגענומען איין מאטראז, וועלכער איז ווירקליך געווען אן ענגלענדער.

די האנדלונג איז געווען א גרויסע באליידיגונג פאר אמעריקא. פאסירט האט עס ביים ווירדזשיניער ברעג. די דארטיגע שטעדט האבען אנגענומען שארפע רעזאלוציעס געגען ענגלאנד. זיי האבען אויפגעהערט צו פארקויפען פראוויאנט צו ענגלישע שיפען. זיי האבען געפאנגען א שיף, וועלכע האט געפירט וואסער פאר די ענגלישע קריגס־שיפען.

פרעזידענט דזשעפערסאן האט באפוילען אלע ענגלישע שיפען צו פארלאזען די אמעריקאנער וואסערען. ער האט פארבאטען אמעריקאנער צו האבען וועלכע עס איז עסקים מיט זיי און איבער־

הויפּט, אַז מען זאָל זיי מער קיין עסען ניט פאַרקויפען. די פּאָסי־רונג האָט שיער ניט געפירט צו אַ מלחמה. דזשעפערסאָן האָט עס אָבער דורך אַ קלוגען שריט פאַרמיטען. ער האָט פאַררופען אַ ספּעציעלע זיצונג פון קאָנגרעס אויף עטליכע וואָכען שפּעטער. ביז דער קאָנגרעס האָט זיך פאַרזאַמעלט, איז די אויפרעגונג שוין געווען אַריבער און די פראַגע פון אַ קריגס־ערקלערונג איז גאָרניט פאַרהאַנדעלט געוואָרען.

די האַנדעלס־גזירות זיינען פאַר אַמעריקאַ געווען נאָך שער־ליכער ווי דער געיעג אויף די שיפען און מאַטראָזען. די גזירות זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין פאַרשיידענע צייטען צווישען די יאָרען 1805 און 1807. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען מיט די גזירות געזוכט צו טרעפען איינע די אַנדערע, דערווייל האָבען זיי אָבער געשעדיגט אַמעריקאַ. אין 1807 זיינען אַלע האַפענס אין אייראָפּאַ און אין די וועסט אינדיעס געווען פאַקטיש פאַרשלאָסען פאַר'ן אַמעריקאַנישען מסחר.

אין 1805 האָט ענגלאַנד אַרויסגעגעבען אַ באַפעל, אַז נייט־ראַלע לענדער טאָרען ניט פירען קיין סחורה פון די פראַנצויזישע וועסט אינדיעס קיין פראַנקרייך אפילו ווען די סחורה וועט פריער געבראַכט ווערען אין די אַמעריקאַנער האַפענס. אין 1806 האָט ענגלאַנד דערקלערט דעם גאַנצען אייראָפּעאישען ברעג, פון האַמבורג ביז ברעסט, אונטער אַ בלאָקאַדע און פאַרבאָטען נייטראַלע שיפען אַהין צו פאָרען. אַלס ענטפער דערויף האָט נאַפּאָלעאָן אַרויסגע־געבען אַ באַפעל, אַז אַלע ענגלישע ברעגען זיינען אונטער אַ בלאָ־קאַדע און האָט פאַרבאָטען נייטראַלע לענדער צו האַנדלען מיט ענגלאַנד. אין 1807 האָט ענגלאַנד פאַרבאָטען שיפען צו פירען סחורה פון איין פראַנצויזישען האַפען אין אַ צווייטען. שפּעטער, אין זעלבען יאָר, האָט ענגלאַנד גוזר געווען, אַז יעדער האַפען, וואָס איז פאַרשלאָסען פאַר ענגלאַנד, איז אין אַ צושטאַנד פון בלאָקאַדע און אַז סחורות וואָס ווערען פאַבריצירט אין די פאַר־בלאָקאַדירטע לענדער זיינען קאָנטראַבאַנד. אויף די דאָזיגע גזירות האָט נאַפּאָלעאָן געענטפערט מיט אַ באַפעל, אַז אַ נייטראַלע שיף, וואָס פאָרט קיין ענגלאַנד, אָדער וואָס ערלויבט אַז אַן ענגלישע שיף

זאָל זי אָפּשטעלען און אונטערזוכען, ווערט באַטראַכט אַלס אַן ענגלישע שיף און יעדע פראַנצויזישע שיף מעג זי פאַנגען.

די פראַנצויזישע גזירות זיינען געווען ערגער ווי די ענגלישע. די פראַנצויזען האָבען אָבער זייערע גזירות ניט געקענט דורכפירען, ווייל זיי האָבען אויפ'ן ים וויניג מאכט געהאַט. די ענגלענדער, וועלכע האָבען באַהערשט דעם ים, האָבען געהאַט די מעגליכקייט זייערע באַפעלען דורכצופירען אין לעבען. די ענגלענדער האָבען געפאַנגען אַ סך מער שיפען ווי די פראַנצויזען און דערפאַר איז די אויפרעגונג אין אַמעריקא געווען אַ פיל שטאַרקערע געגען ענגלאַנד ווי געגען פראַנקרייך.

דזשעפערסאָן האָט באַנוצט אַלערליי מיטלען צו ווירקען אויף ענגלאַנד, זי זאָל אָפּשאַפען אירע גזירות. ער האָט איר געסטראַשעט, אַז ער וועט פאַרבאָטען אירע שיפען אַריינצופירען אַהער ענגלישע סחורות. ער האָט געשיקט פאָרשטייער קיין ענגלאַנד צו פאַרהאַנדלען וועגען אַן אָפּמאַך. קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען, און די לאַגע איז געוואָרען ערגער און ערנסטער.

דזשעפערסאָן האָט דאַן אַריינגעשיקט אַ „מעסעדזש" צום קאָנגרעס מיט אַ רעקאָמענדאַציע, אַז דער קאָנגרעס זאָל פאַרבאָטען אינגאַנצען דעם אויסלענדישען האַנדעל אין אַמעריקא. דערביי דאַרף מען אין זינען האָבען, אַז דזשעפערסאָן און די גאַנצע רעפּובּליקאַנישע פּאַרטיי האָבען אין אַלגעמיין באַטראַכט האַנדעל אַלס אַן אומגליק פאַר אַ לאַנד. זיי האָבען געגלויבט, אַז אַ געזונט פאָלק דאַרף זיך אָפּגעבען וואָס מער מיט לאַנדווירטשאַפט און וואָס ווייניגער מיט קאָמערץ. דזשעפערסאָן האָט איצט געקראָגען אַ געלעגענהייט צו שיסען צוויי האָזען מיט איין מאָל — ערשטענס, אַ שטראָף פאַר ענגלאַנד, און צווייטענס, אַ סוף צו דער צרה פון מסחר אין אַמעריקא.

דזשעפערסאָנ'ס רעקאָמענדאַציע איז לייכט דורכגעפירט געוואָרען אין ביידע צווייגען פון קאָנגרעס. דאָס געזעץ האָט געלויטעט אַזוי:

איינס, קיינע שיפען טאָרען ניט אַרויספאָרען פון אַן אַמעריקאַנער האַפען נאָך אַן אויסלענדישען האַפען.

צוויי, אַ שיף וואָס וויל פירען סחורה פון איין אמעריקאנער האַפען אין אַ צווייטען אמעריקאנער האַפען, מוז איינלייגען „באָנדס" אויף אַ סומע צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דער ווערט פון די סחורה וואָס זי פירט. די באָנדס זיינען געווען אַ גאַראַנטיע, אַז די שיף וועט ניט אַוועקפירען די סחורה קיין אויסלאַנד.

די רעזולטאַטען, וואָס דזשעפערסאָן האָט דערוואַרטעט, זיינען ניט פאַרווירקליכט געוואָרען. געליטען פון דעם פאַרבאָט האָבען די אמעריקאַנער. די ענגלענדער האָבען אין געוויסע הינזיכטען געוואונען, כאָטש די ענגלישע פאַבריקאַנטען און ארבייטער האָבען פאַרלאָרען, ווייל זיי האָבען ניט באַקומען די רויע מאַטעריאַלען פון אמעריקאַ. אָט די קלאַסען האָבען אָבער ביי דער ענגלישער רעגירונג דאַן קיין גרויסע ראָלע ניט געשפּילט. די ענגלישע שיף־אייגענטימער האָבען פון דעם גענצען געוואונען, ווייל ער האָט אָפּ־געשאַפט זייער הויפּט־קאָנקורענט — די אמעריקאַנער שיפען. די ענגלישע לאַנד אייגענטימער האָבען איצט אויך געקענט העכערען די פרייזען אויף תבואה, ווייל פון אמעריקאַ איז מער קיין תבואה ניט געקומען.

אין אמעריקאַ האָט דאָס גענצע אין געוויסע געגענטען אָנגע־מאַכט אַ חורבן. אין פאַרלויף פון איין יאָר איז דער עקספּאָרט געפאַלען פון 110 מיליאָן אויף 22 מיליאָן. איבערהויפּט האָט זיך דער פאַרלוסט געפילט אין די ניו־ענגלאַנד שטאַטען און אין ניו יאָרק, — די הויפּט צענטערען פון שיף־אינדוסטריע און אויס־לענדישען האַנדעל. די שיף־אייגענטימער האָבען אַלערליי מיטלען אָנגעווענדט דאָס גענצע אויסצומיידען. די שיפען פלעגען זיך ארויס'גנב'ענען און צוריק אריינ'גנב'ענען אין די האַפענס. די רעגירונג האָט באַפוילען די גאָווערנאָרס פון די שטאַטען, זיי זאָלען באַנוצען די מיליץ צו באַוואַכען די האַפענס. אַ טייל פון די ניו־ענגלאַנד גאָווערנאָרס האָבען זיך אַנטזאָגט דאָס צו טאָן. אין יענע שטאַטען האָט מען אפילו גענומען ווידער רעדען וועגן אָפּ־רייסען זיך פון די פאַראייניגטע שטאַטען. דער שטורם פון פּראָ־טעסטען איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז פיל רעפּובליקאַנער קאָנגרעס־לייט האָבען זיך דערשראָקען. אין אָנפאַנג יאָר 1809 איז דער

קאנגרעס געצוואונגען געווען אפצושוואכען די גזירה. עס איז אנגענומען געווארען א פארשלאג, אז אמעריקאנער שיפען מעגען האנדלען מיט אלע אויסלענדישע לענדער אויסער ענגלאנד און פראנקרייך.

אין פארלויף פון דעם שטורם איבער די געזעצען זיינען פארגעקומען נייע וואלען פאר פרעזידענט. דאס איז געווען אין נאוועמבער 1808. דזשעפערסאן וואלט לייכט געקענט אויסגעקליבען ווערען א דריטען מאל, ניט קוקענדיג אויף דער אויפרעגונג אין ניו ענגלאנד. ער האט זיך אבער אנטזאגט צו לויפען. ער האט נאך מיט א יאר פריער דערקלערט, אז מער ווי צוויי טערמינען טאר א פרעזידענט ניט זיין, ווייל עס איז דא א סכנה, אז דער אמט וועט פארוואנדעלט ווערען אין א ירושה־אמט, אז דער פרעזידענט וועט ווערען א מין קעניג. דזשעפערסאן האט אבער אויסגעקליבען זיין נאכפאלגער. אויף זיין ראט האט די פארטיי נאמינירט דזשעימס מעדיסאן, דזשעפערסאנ׳ס סעקרעטערי אוו סטייט, און מעדיסאן איז דערוויילט געווארען. פאר וויים־פרעזידענט איז דערוויילט געווארען דזשארדזש קלינטאן פון ניו יארק.

קאפיטעל 29

אינדיאַנישע אונרוען אין דער וועסט

גלייך נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט פארקלענערט דעם פרייז אויף ערד אין 1800, האָט א כוואַליע פון אימיגראציע א שטראָם געטאָן אין דער טעריטאָריע פון דער וועסט. מען איז אהין גע־פאָהרען פון אַלע אַלטע שטאטען — פון ניו ענגלאנד, פון ניו יאָרק, פון פענסילווייניא, אָבער מער ווי איבעראל — פון דער סאוט. די צאָל פון די וואָס האָבען פארלאָזען זייערע היימען אין נאָרט קאראליינא און אין ווירדזשיניא איז געווען אזוי גרויס, אז פאָר־שלאָגען זיינען געמאכט געוואָרען אין די דאָרטיגע לעדזשיסליי־טשורס צו פארווערען ווייטערע אויסוואנדערונגען צו דער וועסט. אין 1802 איז די באפעלקערונג פון אָהייאָ, אין דער נאָרט־וועסט טעריטאָריע, שוין געווען אזוי גרויס, אז דער קאָנגרעס האָט איר ערלויבט צו פארפאסען פאר זיך א קאָנסטיטוציע און אריינטרעטען אלס א שטאט. דאָס האָט זי נאטירליך געטאָן. אין 1803 איז אָהייאָ אריינגענומען געוואָרען אלס א גלייכער מיטגליד פון די פאראייניגטע שטאטען. דאָס שטיק לאַנד, וואָס ליגט וועסט פון אָהייאָ, איז מיט א פּאָר יאָר פריער אָרגאניזירט געוואָרען אלס א טעריטאָריע אונטער'ן נאָמען אינדיאַנא. די כוואַליע פון אימי־גראציע האָט זיך איצט פארשפּרייט איבער די גרעניצען פון אָהייאָ אין דער אינדיאנא'ר טעריטאָריע אריין.

— אָבער דאָ האָט זיך די כוואַליע אָנגעשלאָגען אָן א וואנט — די אינדיאַנער. און עס האָט געקאָסט די קאָלאָניסטען א היבש ביסעל בלוט איידער די וואנט איז אָפּגעראמט געוואָרען. דער צו־

זאַמענשטוים מיט די אינדיאַנער אין דער דאָזיגער טעריטאָריע איז פאָרגעקומען אין די יאָרען 1810 און 1811.

אלס גאָווערנאָר פון אינדיאַנא טעריטאָריע איז באשטימט גע־וואָרען וויליאַם הענרי העריסאָן, וועלכער האָט פריער פארטראָטען די גאַנצע נאָרט־וועסט טעריטאָריע אין קאָנגרעס. כל זמן דזשע־פערסאָן איז געווען פּרעזידענט, האָט העריסאָן געהאַנדעלט מיט



וויליאַם ה. העריסאָן

די אינדיאַנער „פילאַנטראָפּיש", לויט דזשעפערסאָנ'ס רעצעפּט. ער האָט געזוכט צוצונעמען ביי זיי דאָס לאַנד אויף „א געזעצליכען, ערליכען אופן" און צו ווירקען אויף זיי, זיי זאָלען זיך אָנהויבען פּירען ווי די ווייסע ציוויליזירטע קאָלאָניסטען, באארבייטען די ערד און וואוינען אויף איין אָרט אין דערפער. אָט די פּאָליטיק, וועלכע

האָט פון אויבען אויף אויסגעוויזען א גאַנץ געזונטע, האָט אין דער אמת'ן אונטערגעגראָבען די עקזיסטענץ פון די אינדיאַנישע שבטים. דער היסטאָריקער הענרי ערעמס האַלט, אז דזשעפערסאָן האָט עס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, נאָר אים האָט ניט געאַרט, וואָס פון די אינדיאַנער וועט ווערען, אבי די ווייסע וועלען קריגען די ערד.

די אינדיאַנישע שבטים האָבען געצויגען זייער חיונה הויפּט־זעכליך פון יאַגד. זיי פלעגען שיסען הירשען, בערען און בופעלען אין די וועלדער, די פלייש פלעגען זיי עסען, די פעל פלעגען זיי פאַרקויפען די ענגלישע פעל־הענדלער אין קענעדע. יעדעס מאָל וואָס די ווייסע האָבען גענומען אריינדרינגען ווייטער אין דער אינ־דיאַנישער טעריטאָריע, פלעגען די אינדיאַנער זיך שטעלען אנט־קעגען. עס פלעגען פאָרקומען צוזאמענשטויסען, וועלכע פלעגען זיך ענדיגען מיט אן אָפּמאַך, וואָס האָט באַשטימט א געוויסע גרעניץ: ביז אהער מעגען זיך די ווייסע באַזעצען און ווייטער געהער צו די אינדיאַנער. די ווייסע פלעגען אָבער דעם אָפּמאַך ניט היטען. פון אָנפאַנג פלעגען זיי טאַקע ניט פאַרנעמען די אינדיאַנישע ערד. זיי פלעגען אָבער דאָרטען יאָגען און שיסען די חיות, אויף וועלכע די אינדיאַנער האָבען זיך דערנערט. און אז די ווייסע האָבען די חיות פאַרטריבען אָדער אויסגעשאָסען, האָבען די אינדיאַנער במילא געמוזט פון דאָרט אוועקגיין. די ווייסע פלעגען דאַן דאָס לאַנד פאַרנעמען אויפ'ן גרונט, וואָס דער גאַנצער באָדען פון אמעריקא געהער צו דער אמעריקאַנער רעגירונג און אז ווען קיין אנדער באַלעבאָס אויף א שטיק ערד איז ניטאָ, קען די רעגירונג דערמיט טאָן וואָס זי וויל.

טייל אינדיאַנישע שבטים פלעגען ניט וואַרטען ביז זיי וועלען מוזען פון דעם לאַנד אוועק,און זיי פלעגען באַצייטענס פאַרקויפען די ערד צו דער רעגירונג. די פאַרקויפער זיינען געווען די טשיפס (די הויפּט מענער) פון די שבטים. אָפט פלעגען די שבטים נעמען אלס פרייז פאַר זייער ערד א באַשטימטע יערליכע סומע. זיי פלעגען בלייבען וואוינען נעבען די ווייסע ישובים און פלעגען לעבען פון די יערליכע געלט וואָס די רעגירונג האָט זיי געצאָלט. אויף די דאָזיגע אינדיאַנער איז געווען נאָך א גרעסערער רחמנות ווי אויף

יענע, וואס זיינען אוועק זוכען נייע היימען. אט וואס גאווערנאר העריסאן האט אליין וועגען דעם געשריבען: „ווען איך באגעגען אן אינדיאנער, קען איך אויפ'ן ערשטען בליק דערקענען, צי ער וואוינט נעבען ווייסע, אדער ניט. אן אינדיאנער, וואס קומט פון א וויטען שבט, איז געזונט, שטארק, און גוט געקליידט. דער וואס וואוינט נעבען אונז, איז האלב־נאקעט, שמוציג, און קראנק פון שכרות". די לעצטע פאר ווערטער אנטהאלטען די אורזאך: די אינדיאנער, וואס זיינען געווען אין שטענדיגער בארירונג מיט די ווייסע, פלעגען דעגענערירט ווערען פון שכרות. דאס געזעץ האט פארבאטען צו פארקויפען אינדיאנער שנאפס, אבער דאס געזעץ איז איגנארירט געווארען. אין א באריכט צו דער וואשינגטאנער רע־גירונג, האט גאווערנאר העריסאן געשריבען: „איך האב גרויסע שוועריגקייטען מיט די קליינע אינדיאנער שבטים פון דער נאכ־בארשאפט. זיי קומען אפט אין שטאדט שכור'ע, דרייסיג, פערציג מיט אמאל. אין דעם דאזיגען צושטאנד מאכען זיי די גרעסטע שטערונגען. זיי רייסען זיך ארײן אין הייזער, הרג'ענען די חזירים און די בהמות. מייסטענס אבער ליידען זיי אליין. זיי טראגען לאנגע מעסערס און מארדען איינער דעם אנדערען".

דאס זיינען געווען די ערגסטע צוויי צרות: די ווייסע האבען אויסגעשאסען די חיות אין די אינדיאנישע וועלדער, און זיי האבען די אינדיאנער פארגיפטעט מיט שנאפס. א דריטע צרה איז געווען, וואס די אינדיאנער זיינען געווען הפקר אומעטום וואו די ווייסע האבען פארפלאנצט זייער מאכט. דאס געזעץ פון די ווייסע האט זיי ניט באשיצט. ווען א ווייסער פלעגט דערמארדען אן אינדיא־נער, פלעגט ער גע'משפט ווערען אין א ווייסען געריכט, און עס איז אוממעגליך געווען דעם מערדער צו באשטראפען. ווי שטארק די באווייזען געגען דעם מערדער זיינען ניט געווען, האט די דזשורי אים באפרייט. פילע ווייסע האבען עס אפילו געהאלטען פאר א מצוה צו טויטען אן אינדיאנער.

די רעגירונגס אגענטען פלעגען אנווענדען שווינדלערישע מע־טאדען כדי אוועקצונעמען דאס לאנד פון די אינדיאנער. זיי פלעגען בכיון לייען נעלט די אינדיאנישע עלטסטע, די עלטסטע פלעגען דאס

געלט פאַרשווענדען און דערנאָך ניט קענען באַצאָלען. פלעגען זיי נעצוואונגען זיין אוועקצוגעבען די ערד פון זייער גאַנצען שבט. געוויינליך פלעגען די ווייסע אַגענטען איינ'שכור'ן די „טשיפס" בשעת מען האָט געדאַרפט שליסען דעם מסחר און קריגען זייער חתימה אויף די קאָנטראַקטען.

אין 1806 זיינען אויף דער סצענע דערשינען צוויי אינדיאַנער ברידער: איינער האָט זיך גערופען „דער פּראָפעט", און דער צווייטער — טעקאמסע. זיי זיינען ניט געווען קיין „טשיפס". זיי האָבען אָבער אָרגאַניזירט ארום זיך א גאַנצע באַוועגונג פון יונגע לייט, קריגער, פון די פאַרשידענע שבטים. זיי האָבען גע־טענה'ט, אַז די עלטסטע האָבען קיין רעכט ניט צו פאַרקויפען דאָס לאַנד, ווייל די ערד געהער צום אינדיאַנישען פאָלק. זייער באַווע־גונג האָט געצילט צו אָרגאַניזירען א פאַרבאַנד פון די אינדיאַנישע שבטים איבער דער גאַנצער לענג פון גרעניץ, און בלויז די אקטיווע מיטגלידער פון פאַרבאַנד זאָלען האָבען דאָס רעכט צו פאַרקויפען ערד. די צוויי ברידער האָבען אויך געפּרעדיגט צווישען די אינ־דיאַנער, זיי זאָלען ניט שכור'ן און זאָלען באַארבייטען די ערד. פאַר א מאָדעל האָבען זיי געגרינדעט א קאָלאָניע אין מיטען פון דער „אינדיאַנא" טעריטאָריע, ביים טייכעל טיפּעקאנו. פון דאָרטען האָבען די צוויי ברידער געפירט זייערע דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנד־לונגען מיט גאָווערנאָר העריסאָן אין זייער אַגיטאַציע צווישען די אינדיאַנער אין די נאָהענטע און ווייטע שבטים.

דזשעפערסאָן און העריסאָן האָבען געדאַרפט זיין העכסט צו־פרידען מיט דער באַוועגונג. די ברידער האָבען דאָך געפאָלגט דזשעפערסאָנ'ס עצה און אַגיטירט נעגען טרינקען און געפּריידיגט דעם געדאַנק פון ערד־אַרבייט. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם פונקט וועגען ערד־פאַרקויפען, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג נאָכגעגעבען טעאָ־רעטיש. נאָך אין 1795 איז אריינגעשריבען געוואָרען א פונקט אין אַן אָפּמאַך מיט אינדיאַנער, אַז די „טשיפס" האָבען קיין רעכט ניט צו האַנדלען מיט דער ערד, אַז די ערד קען פאַרקויפט ווערען בלויז מיט דער צושטימונג פון גאַנצען שבט. צי דזשעפערסאָן איז אין האַרצען געווען צופרידען מיט דער באַוועגונג צי ניט, פאַקטיש

האט ער זי אָבער ניט געקענט שטיצען. די ווייסע אין דער טערי־טאָריע האָבען געפּאָדערט ערד, און גאָווערנאָר העריסאָן האט זיך גערעכענט מיט זייער פארלאנג און מיט זייערע אינטערעסען. מיט'ן מויל האט העריסאָן גערעדט זייער שיין צו אינדיאנישע פאָר־שטייער, אָבער געהאנדעלט האט ער ניט אנדערש ווי פריער.

אין סעפּטעמבער 1809 האט העריסאָן פאררופען די „טשיפס" פון עטליכע שבטים אין הארץ פון אינדיאנא און האט ביי זיי אָפּ־געקויפט ניט ווייניגער ווי דריי מיליאָן אַקער לאנד. דאס לאנד איז פאר די אינדיאנער געווען פון סאמער גרעסטער וויכטיגקייט, וויל פון דער יאגד דאָרטען האָבען אלע שבטים געצויגען זייער חיונה. דער מסחר האט אויפגערודערט אלע אינדיאנער פון דעם געגענד, און פיל שבטים, וואס האָבען פריער איגנאָרירט די באַ־וועגונג פון די צוויי ברידער, האָבען זיך איצט אָן איר אָנגעשלאָסען. טעקאמסע'ס איינפלוס האט זיך געשטארקט. העריסאָן האט פאר־שטאנען, אז ער שפּילט זיך מיט פייער און האט גענומען מאכען הכנות פאר אן אינדיאנישען אויפשטאנד.

הינטער די אינדיאנער זיינען געשטאנען די ענגלענדער פון קענעדע. ערשטענס, האָבען די דאָרטיגע ענגלענדער געפירט האנ־דעל מיט די אינדיאנער. זיי פלעגען ביי זיי קויפען פוטערווארג און זיי פארקויפען געווער, שנאפּס און אנדערע זאכען. איצט, אז די אמעריקאנער האָבען צוגענומען די וויכטיגסטע יאגד־טעריטאָריע, האָבען די ענגלישע סוחרים אין קענעדע פאר זיך געזען א סכנה צו פארלירען דעם האנדעל. צווייטענס, זיינען די באציאונגען צווישען ענגלאנד און אמעריקא געווען אָנגעצויגענע צוליב די פּאסירונגען אין אייראָפּא. די ענגלענדער אין קענעדע האָבען זיך גערעכט אויף א מלחמה, און זיי האָבען דערוואַרט, אז די אינדיאנער וועלען זיי אין אזא פאל שטארק צונוץ קומען. די קענעדער ענגלענדער האָבען דעריבער זיך שטארק אינטערעסירט מיט טעקאמסע'ס באוועגונג. אין וואשינגטאָן זיינען אָנגעקומען באריכטען, אז די אינדיאנער האָבען דערהאלטען געווער פון קענעדע, און אז באראטונגען זיינען פאָרגעקומען צווישען אינדיאנישע פאָרשטייער און קאנאדישע רע־גירונגס־באאמטע.

אין 1810 האָט העריסאָן פאַררופען צו זיך טעקאמסע'ן אויף א קאָנפערענץ וועגען דער לאַגע. דער אינדיאַנישער פירער איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון א באוואפענטער אַרמיי. זיין דערקלערונג ביי דער קאָנפערענץ איז געווען א מוטיגע און א קלאָרע. ער האָט אַרויסגעלעגט זיינע קריוודעס און זיינע פּלענער. ער האָט געזאָגט: „ברידער, זינט אונזער פרידענס־אָפּמאַך פון 1795 האָט איר אויסגע'הרג'עט מאסען אינדיאַנער פון פאַרשידענע שבטים און צוגענומען אונזער לאַנד. איך זע ניט, ווי אַזוי מיר קענען לעבען אין פרידען, ווען איר האַנדעלט אַזוי. איר טרייבט אונז צו גוואַלדטאַט. איר ווילט ניט דערלאָזען, אַז די אינדיאַנער זאָלען זיך פאַראייניגען און באַטראַכטען זייער לאַנד אַלס דאָס געמיינשאַפטליכע אייגענטום פון אַלע שבטים. איר האַלט אונז אין איין טרייבען אַלץ ווייטער און ווייטער. ענדליך וועט איר אונז אַריינטרייבען אין טייך אַריין. זינט איך האָב זיך באַזעצט אין טיפּעקאַנו, האָבען מיר געזוכט אַראָפּצוזעצען די לאָקאַלע „טשיפס", וואָס פאַרקויפען לאַנד די ווייסע. מיר ווילען, אַז אונזערע געשעפטען זאָלען געפירט ווערען פון אַלע מיטגלידער פון די שבטים. די ערד איז ביז איצט פאַרקויפט געוואָרען דורך עטליכע מענשען. מיר וועלען אין דער צוקונפט באַשטראָפען יעדען „טשיף", וואָס וועט וואַגען צו פאַרקויפען לאַנד. אויב איר וועט ווייטער ביי זיי קויפען, וועט דאָס פירען צו מלחמות צווישען די אינדיאַנער שבטים, און איך קען ניט פאָראויסזאָגען, ווי אַזוי די ווייסע וועלען אָפּשניידען".

טעקאַמסע האָט געפאָדערט, אַז העריסאָן זאָל צוריק אָפּגעבען די ערד וואָס די אַמעריקאַנער האָבען די לעצטע צייט אָפּגעקויפט. ער האָט אָפען געזאָגט, אַז אויב די אַמעריקאַנער וועלען זיך אַנטזאָגען, וועט ער געצוואונגען זיין צו פאַרבינדען זיך מיט די ענגלענדער אין פאַל פון א מלחמה. העריסאָן האָט זיין פאָדערונג צוריקגעוויזען. דערמיט האָט זיך די קאָנפערענץ געענדיגט. ביידע צדדים האָבען זיך איצט גענומען גרייטען צו קריג.

א יאָר איז פאַרבייגעלאָפען. טעקאַמסע האָט פאָרטגעזעצט זיין אַגיטאַציע פאַר פאַראייניגונג צווישען די אינדיאַנישע שבטים. די

ווייסע קאלאניסטען אין דער טעריטאריע זיינען געווען אין שרעק. זיי האבען גענומען פאדערען, אז טעקאמסע'ס טעטיגקייט זאל אפ־געשטעלט ווערען, און אז די אינדיאנישע קאלאניע אין טיפעקאנו זאל פארניכטעט ווערען. העריסאן האט זיך דורכגעשריבען וועגען דעם מיט'ן קריגס־דעפארטמענט אין וואשינגטאן. מען האט אים פון דארט געענטפערט, אז דער פרעזידענט וויל ניט קיין קריג מיט די אינדיאנער, אז זיין פארלאנג איז, אז אלע מיטלען זאלען אנ־געווענדט ווערען צו שליכטען די סכסוכים מיט גוטען. טעקאמסע פון זיין זייט האט פארזיכערט, אז כל־זמן די ווייסע וועלען זיך ניט ארייננרייסען אין אינדיאנישער טעריטאריע, וועלען די אינ־דיאנער זיי ניט טשעפען. ער האט געבעטען העריסאנ'ען ווארטען ביז ער, טעקאמסע, וועט אליין באזוכען דעם פרעזידענט און בא־שפרעכען די לאגע מיט אים. דערווייל האט דער קריגס־דעפארט־מענט צוגעשיקט העריסאנ'ען עטליכע הונדערט סאלדאטען. העריסאן האט אויך ארגאניזירט די מיליץ. פון קענטאקי זיינען געקומען א הונדערט באוואפענטע פרייוויליגע.

דעם 18טען סעפטעמבער 1811 האט העריסאן באקומען א בריף פון קריגס־דעפארטמענט, וואס האט מיט אמאל געענדערט די לאגע. וואס אין בריף איז געשטאנען, איז א געהיימנים ביז היינטיגען טאג. אין די ארכיוען פון קריגס־דעפארטמענט איז קיין קאפיע פון בריף ניטא. אבער גלייך ווי דער בריף איז אנגעקומען האט העריסאן צונויפגערופען זיינע סאלדאטען און אוועקגעמאר־שירט קיין טיפעקאנו. טעקאמסע איז גראד אין דער היים ניט געווען. זיין פלאץ האט פארנומען זיין ברודער, דער פראפעט.

דעם גאנצען וועג האט העריסאן קיין שום ווידערשטאנד ניט באגעגענט. ווען ער איז אנגעקומען נאענט צו דער קאלאניע, האט ער צוגעשיקט פאדערונגען צום פראפעט, און דער פראפעט האט אים געענטפערט, אז ער איז וויליג וועגען זיי צו פארהאנדלען. די אינדיאנער האבען אפילו אנגעוויזען העריסאנ'ען א פלאץ הינטער'ן שטאדט, וואו ער זאל זיך אפשטעלען מיט זיין ארמיי. דאס איז געשען דעם 10טען נאוועמבער.

אויף מארגען, אזייגער פיר פארטאג, האט א פאטרול־סאלדאט

פון העריסאָנ׳ס אַרמיי פּלוצלונג אויסגעשאָסען. די אינדיאַנער אין דער קאָלאָניע האָבען זיך דאַן אַ וואָרף געטאָן אַטאַקירען העריסאָנ׳ס אַרמיי. די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטען אַ פּאָר שטונדען. אויפ׳ן פעלד זיינען געבליבען ליגען 38 אינדיאַנער טויט. העריסאָן האָט פאַרלאָרען אין טויטע און פאַרוואונדעטע 181 מאַן. לויט העריסאָנ׳ס באַריכט איז זיין אַרמיי באַשטאַנען פון 900 מאַן, און די אינדיאַנער האָבען געהאַט 600. טײל היסטאָריקער זיינען מיט דער מיינונג, אַז העריסאָן האָט געהאַט 1,200 מאַן, און די אינדיאַנער ניט מער ווי 400.

העריסאָנ׳ס לאַגע איז איצט געווען אַ פאַרצווייפעלטע. ער איז געווען ווייט פון זיין מיליטערישען הויפּט־לאַגער. די אינדיאַנער האָבען אין צוזאַמענשטויס באַוויזען, אַז זיי זיינען שטאַרק. די ווייסע האָבען זיך געריכט, אַז ביי טאָג וועלען די אינדיאַנער מאַכען אַ צווייטע אַטאַקע אויף זיי. עס איז אָבער פאַראיבער אַ מעת־לעת און די אינדיאַנער האָבען קיין אַטאַקע ניט געמאַכט. ווען העריסאָנ׳ס אויספאָרשער האָבען דעם 12טען נאָוועמבער זיך אַריינגע׳גנב׳עט אין דער קאָלאָניע, האָבען זיי דאָרט געפונען אַ פּוסטען, אָפּגעברענטען ישוב. די אינדיאַנער זיינען ביינאַכט אַנטלאָפען. זיי האָבען אַלץ צוגענומען און די הייזער אונטערגעצונדען.

העריסאָן איז גלייך געוואָרען דער העלד פון טאָג. די פעדעראַליסטישע צייטונגען האָבען אפילו אים אַטאַקירט און באַוויזען, אַז ער האָט די שלאַכט ניט געוואונען, אַז ווען די אינדיאַנער וואָלטען אליין ניט אוועק, וואָלט זיין אַרמיי פאַרניכטעט געוואָרען. דער פאַקט איז אָבער דאָך געווען, אַז די קאָלאָניע פון טיפּעקאַנו, וואָס איז געווען פאַר די ווייסע ווי אַ דאָרן אין זייט, איז פאַרניכטעט געוואָרען, און מען האָט עס צוגעשריבען צו העריסאָנ׳ס פאַרדינסט.

אָבער גלאַט איז עס פאַר די ווייסע ניט אָפּגעלאָפען. אין אַפּריל 1812 איז פאָרגעקומען אַ רייע פּאָגראָמען אויף די ווייסע קאָלאָניעס אין אינדיאַנאַ און אין דעם ארומיגען געגענד. אַ שטיק צייט האָבען די ווייסע געלעבט אין שרעק. פילע האָבען פאַרלאָזען זייערע פאַרמס און זיך באַהאַלטען אין די פעסטונגען. טעקאַמסע

האט אבער די אינדיאנער געראטען, זיי זאלען די פאגראמען אפ־שטעלען. אין א רעדע, וואס ער האט געהאלטען אין מאי ביי א קאנפערענץ פון אינדיאנישע שבטים, האט ער דערקלערט, אז ווען ער וואלט געוועזן אין טיפעקאנו, וואלט קיין בלוט־פארגיסונג ניט פארגעקומען. ער האט נאך אלץ געגלויבט, אז די וואשינגטאנער רעגירונג וועט זיך אריינמישען און וועט שליכטען די סכסוכים צווישען די ווייסע און די אינדיאנער אין יענער טעריטאריע.

קאפיטעל 30.

אמעריקע ערקלערט קריג געגען ענגלאנד

דזשיימס מעדיסאָן איז געווען א געטרייער תלמיד פון טאָמאַס דזשעפערסאָן. ער איז אָבער געווען א בוך־מענש, א קאבינעט־מענש. אים האָט געפעלט די פייאיגקייט פון פראַקטישען אומגיין מיט מענשען און פארטייען. ער האָט הייליג געגלויבט אין דזשעפערסאָנ׳ס פרינציפּ פון פּאציפיזם אויסצומייַדען מלחמה אונטער אלע אומשטענדען. די ערשטע פּאָר יאָר פון זיין אדמיניסטראציע האָט ער אָנגעווענדט דיזעלבע מעטאָדען וואָס דזשעפערסאָן; ער האָט געשריבען נאָטעס צו ענגלאנד און צו פראַנקרייך, האָט זיך מיט זיי געדונגען, געסטראשעט מיט האנדעלס־באָיקאָטען. אָבער דערפירען די פּאָליטיק ביז צום סוף האָט ער ניט געקענט. ער האָט ניט געהאט די קראַפט ארויפצוצווינגען זיין ווילען אויפ׳ן קאָנגרעס, כאָטש די מאיאָריטעט פון קאָנגרעס האָט געהערט צו זיין פארטיי. אין פערטען יאָר פון זיין אדמיניסטראציע האָט זיין אייגענע פארטיי אין קאָנגרעס אים געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגען פון זיינע פּאציפיסטישע פרינציפּען און דערקלערען קריג געגען ענגלאנד.

די אויסלענדישע פּאָליטיק אין די ערשטע צוויי יאָר פון מעדיסאָנ׳ס אדמיניסראציע איז געווען א קנויל פון דיפּלאָמאטישע פּלאָנטערס, אין וועלכע עס איז שווער געווען זיך פּאנאנדערצוקלייבען. פון אָנפאנג האָט עס אויסגעוויזען, אז ענגלאנד וועט אירע גזירות צוריקרופען און עטליכע מאָנאטען נאָכאנאנד האָט דאָס לאנד געזונגען שבחים דעם נייעם פּרעזידענט פאר זיין גרויסען דיפּלאָמאטישען זיג. דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די גאנצע פרייד איז געווען אומזיסט. ענגלאנד האָט זיך באצויגען צו

אמעריקא נאך שענדליכער ווי פריער און מעדיסאן האט זיך אנטזאגט ווייטער צו פירען פארהאנדלונגען מיט'ן ענגלישען אמבאסאדאר אין וואשינגטאן.

ניט בעסער איז עס געגאנגען בנוגע פראנקרייך. נאפאלעאן האט אויך געגעבען דיפלאמאטישע הבטחות, אז ער וועט בטל מאכען זיינע גזירות, אבער ווייטער ווי די הבטחות איז ער ניט געגאנגען.



דזשיימס מעדיסאן

און די אמעריקאנער שיפען זיינען געטריבען און געיאגט און קאנפיסקירט געווארען פוןביידע לענדער. מעדיסאן האט פריער געפרובירט אנווענדען דזשעפערסאן'ס מיטעל פון פארווערען די אמעריקאנער שיפען צו האנדלען מיט ענגלאנד און פראנקרייך. דאן האט ער געפרובט געבען די אמעריקאנער שיפען די פולע פרייהייט

צו האַנדלען מיט ביידע לענדער. דערנאָך האָט ער אויסגעפּרובירט אַ שפּאָגעל נייעם מיטעל: ער האָט געלאָזט וויסען, אַז אויב איינע פון די צוויי לענדער וועט אַראָפּנעמען די גזירות, וועט ער פאַר־באָטען די אַמעריקאַנער שיפען צו האַנדלען מיט'ן אַנדערען לאַנד, ביז וואַנען יענע וועט אויך אַראָפּנעמען די גזירות. דאָס האָט גע־פירט צו נייע פּלאָנטערס, נייע צרות און נייע נאָטעס.

וואָס איז שייך די שטימונג אין לאַנד, האָט זי זיך אין די אַלע יאָרען כמעט ניט געענדערט. די שיף־אייגענטימער און די סוחרים פון ניו ענגלאַנד און ניו יאָרק זיינען געווען פריינדליך צו ענגלאַנד און פיינדליך צו פראַנקרייך. די אורזאַך איז געווען דיזעלבע וואָס אַמאָל: דער ענגלישער האַנדעל איז פאַר זיי געווען וויכטיגער. ענגלאַנד האָט זיי געגעבען גרעסערע מעגליכקייטען. זיי האָבען דעריבער געוואָלט, אַז אַמעריקאַ זאָל נאָכגעבען אַלץ וואָס ענגלאַנד פאָדערט, דאָס הייסט, אַז אַמעריקאַ זאָל פאַקטיש העלפען ענגלאַנד אין איר קריג געגען פראַנקרייך. די גרויסע מאַסען זיינען, פאַר־קערט, געווען פריינדליכער צו פראַנקרייך ווי צו ענגלאַנד: זיי האָבען נאָך ניט פאַרגעסען די אַמעריקאַנישע רעוואָלוציע און די באַהאַנדלונג וואָס דאָס לאַנד האָט געקראָגען פון ענגלאַנד אפילו נאָך דער רעוואָלוציע.

אַם שטאַרקסטען האָט זיך די שנאה געגען ענגלאַנד געפילט אין דער וועסט און אין דער סאַוט. אין דער וועסט זיינען די קאָלאָניסטען געווען איבערצייגט, אַז ענגלאַנד העצט די אינדיאַנער, באַזאָרגט זיי מיט געווער און גרייט זיי צו צו אַן אויפשטאַנד. די אַמעריקאַנער אין די אַלע גרענעץ־שטאַטען און טעריטאָריעס האָבען געהאַלטען די ענגלענדער אין קענעדע פאַראַנטוואָרטליך פאַר די בלוטיגע געשעהענישען אין אינדיאַנאַ. די סאַוט און די וועסט האָבען געוואָלט, אַז די פאַראייניגטע שטאַטען זאָל אָפּנעמען קענעדע פון ענגלאַנד און פלאָרידאַ פון שפּאַניען. די וועסט האָט עס געוואָלט כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור צו ווערען פון דער אינדיאַנער סכנה; די סאַוט האָט געהאַט אַן אַנדער חשבון. זי האָט געוואוסט, אַז די נאָרט וועט ניט דערלויבען, אַז נעגער שקלאַפעריי זאָל זיך פאַרשפּרייטען אין די נייע שטאַטען אין דער סאַוט סיידען זי וועט

האָבען אויסזיכטען צוצוקריגען אין דערזועלבער צייט, אלס געגען־געוויכט, נייע שטאטען אָן שקלאפעריי אין דער נאָרט. ווען די נאָרט וואָלט אלזאָ צוגעקראָגען קענעדע אין איר ווינקעל, וואָלט זי ניט געשטערט די פארשפרייטונג פון שקלאפעריי אין די נייע שטאטען פון די סאוט.

די קאָנגרעס־וואלען פון 1810 האָבען באוויזען, וואוהין דער ווינט בלאָזט. א העלפט פון די אלטע קאָנגרעסלייט זיינען דורכ־געפאלען. אין קאָנגרעס זיינען אריינגעקומען א גרופע יונגעלייט פון דער סאוט און דער וועסט, וועלכע האָבען באלד אריינגע־קראָגען די פירערשאפט אין זייערע הענט. צווישען די פרישע יונגע קרעפטען זיינען געווען הענרי קלעי פון קענטאָקי, און דזשאן קאלהון פון סאוט קאראליינא. קלעי איז גלייך דערווײלט געוואָרען אלס „ספיקער" (פאָרזיצער). קאלהון איז אריינגעטראָטען אין דער קאָמיטע פאר אויסלענדישע ענינים.

די נייע יונגע גרופע איז געקומען אין קאָנגרעס אין א פאט־ריאָטישער שטימונג, אנטשלאָסען אז אמעריקא זאָל דערקלערען ענגלאנד קריג. אין נאָוועמבער פון 1811 האָט זיך דער קאָנגרעס געעפענט. אין די ערשטע פאָר וואָכען האָבען זיך פאנאנדערגע־פלאקערט מלחמה־דעבאטען. די יונגע פאָרשטייער פון דער וועסט און דער סאוט האָבען אין פייערדיגע רעדעס דערקלערט, אז דאָס לאנד מוז זיך גלייך נעמען גרייטען צו קריג. די רעדנער האָבען זיך ניט באנוגענט מיט סתם רעדעס. זיי האָבען אפילו פאָר־געלעגט פלענער, ווי אזוי צו פירען די מלחמה. קאָנגרעסמאן גראנדי פון טענעסי האָט אין זיין רעדע געזאָגט: „מיר וועלען ארויסטרייבען ענגלאנד פון אמעריקאנער וועלט־טייל. דאָס וועט אויפהאלטען דעם גלייכגעוויכט אין אונזער רעגירונג. ווען לואי־זיאנא וועט באזעצט ווערען, וועלען די שטאטען פון דער נאָרט פארלירען זייער מאכט. די אנדערע טיילען פון לאנד וועלען דאן באהערשען די רעגירונג און וועלען קענען אונטערדריקען די נאָרט. דערפאר וויל איך, אז קענעדע זאָל ווערען א טייל פון די פאראיי־ניגטע שטאטען".

די פאָליטישע לאגע איז איצט געווען פונקט א פארקערטע

ווי אין דער צייט פון וואשינגטאָנ'ס און עדעמס'עס אדמיניסטראַציעס. דעמאָלט האָבען די פעדעראַליסטען געפירט א מלחמה־אגיטאציע און די רעפובליקאנער זיינען געשטאנען פאר שלום; איצט האָבען די רעפובליקאנער אגיטירט פאר מלחמה און די פעדעראַליסטען האָבען געפאָדערט שלום. ממילא איז אויסגעקומען, אז די רעפובליקאנער האָבען איצט איבערגענומען דאָס גאַנצע פּראָגראַם פון די אמאָליגע פעדעראַליסטען, דאָס פּראָגראַם וואָס זיי האָבען אין די 90ער יאָרען פארדאמט אלס מיליטאַריסטיש, אלס מאָנאַרכיסטיש. די רעפובליקאנישע פירער אין קאָנגרעס האָבען אריינגעטראָגען א געזעץ־פּראָיעקט צו פאַרגרעסערען די ארמיי פון 10 טויזענט אויף 25 טויזענט מאַן און דער פּראָיעקט איז אָנגענומען געוואָרען; זיי האָבען פאָרגעשלאָגען, אז די מיליץ פון די שטאַטען זאָל געשטעלט ווערען אונטער דער קאָנטראָל פון דעם פּרעזידענט און דער דאָזיגער פאָרשלאַג איז אויך אָנגענומען געוואָרען; זיי האָבען אריינגעטראָגען „בילס" וועגען שטייערען אויף זאַלץ און אנדערע זאַכען און זיי זיינען אָנגענומען געוואָרען. דעם איינציגען פאָרשלאַג, וועלכען זיי איז ניט געלונגען דורכצופירען, איז געווען, אז די רעגירונג זאָל גלייך נעמען בויען א גרויסע פלאָטע. דער ווידערווילען געגען א גרויסער פלאָטע איז געווען אזוי טיף איינגעוואָרצעלט אין די הערצער פון די רעפובליקאנער, אז פיל פון זייערע פאָרשטייער אין קאָנגרעס האָבען געשטימט געגען דעם „ביל".

וואָס איז געוואָרען פון דזשעפערסאָנ'ס הייליגע פּרינציפּען? וואו זיינען אהינגעקומען די גרונד־אידעען פון דער רעפובליקאנישער פּאַרטיי? דזשעפערסאָן האָט אָרגאַניזירט זיין פּאַרטיי כדי צו באַקעמפען דעם פעדעראַליסטישען געדאנק פון א שטאַרקער צענטראַליזירטער נאַציאָנאַלער רעגירונג; זיין פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט מיט'ן צוועק צו באַקעמפען גרויסע ארמייען, פלאָטען, שטייערען. זי האָט אונטער קיינע אומשטענדען ניט געטאָרט צולאָזען צו א מלחמה. צוליב וואָס מלחמה האַלטען, — האָט זי גע'טענה'ט, — צוליב האנדעל? האנדעל איז גאָרניט וויכטיג פאר אמעריקא. בעסער אָפּשאַפען האנדעל איידער גיין אין קריג.

און דערפאר טאקע האט דזשעפערסאן, און נאכער מעדיסאן, ארויפ־געלעגט אן „עמבארגא”. די יונגע רעפובליקאנער האבען אבער די פרינציפען פארגעסען. זיי זיינען איצט געשטאנען פאר גרויסע ארמייען, פאר שטייערען, פאר פלאטעס, פאר געבען דער נאציא־נאלער רעגירונג וואס מער מאכט. און זיי זיינען געשטאנען פאר קריג צו פארטיידיגען דעם אמעריקאנער האנדעל און דעם אמערי־קאנעם כבוד.

אין די דעבאטען אין קאנגרעס האבען די עלטערע פעדעראַ־ליסטען אויפגעוואָרפען די רעפובליקאנער און זיך געוויצעלט איבער זיי, וואס זיי האבען פארגעסען זייערע אמאליגע פרינציפען. „איר רעדט דאך איצט פונקט ווי מיר האבען גערעדט אין 1798, — האבען די פעדעראליסטען גע'טענה'ט. — דעמאלט האט איר אונז פאר־דאמט אלס מאנארכיסטען. וואו זיינען איצט אייערע אמאליגע אידעאלען פון דעמאקראטיע?”

די מלחמה שטימונג אין קאנגרעס איז געווארען שטארקער. אין ענגלאנד האט מען שוין דאן גענומען ריידען וועגען נאכגעבען די אמעריקאנער פאדערונגען, אראפנעמען די גזירות געגען די שיפען וואס פארען אין אייראפעאישע האפענס. די אמעריקאנער רעגירונג האט זיך שוין אבער דאן געהאט ארייגעפלאנטערט אין דיפלאמאטישע הבטחות צו פראנקרייך און זי האט שוין געהאט געשיקט אן אולטימאטום צו ענגלאנד. דעם ערשטען יוני 1812 האט פרעזידענט מעדיסאן ארייגעשיקט א „מעסעדזש” צום קאנ־גרעס, אין וועלכען ער האט פארגעלעגט פיר קלאגען געגען ענגלאנד: ערשטענס, אז זי שטעלט אפ אמעריקאנער שיפען אין מיטען ים, נעמט אראפ אמעריקאנער מאטראזען און צווינגט זיי אריינצו־טרעטען אין איר פלאטען־דינסט; צווייטענס, אז ענגלישע שיפען פארפאלגען שיפען, וועלכע פאהרען אריין אדער ארויס פון אמערי־קאנער האפענס; דריטענס, אז ענגלאנד האלט אן א פאלשע בלאקאדע אויף אייראפעאישע האפענס (זי דערקלערט, אז געוויסע האפענס זיינען פארבלאקאדירט, בשעת אין אמת'ן האט זי דארט גארניט קיין קריגס־שיפען דורכצופירען די בלאקאדע און זי מאכען פאר א פאקט); פערטענס, אז ענגלאנד לעגט ארויף בלאקאדעס

אויף לאַנגע ברעג־שטרעקעס פון גאַנצע לענדער און מאַכט עס אומ־מעגליך פאַר אַמעריקאַנער שיפען אריינצופאָרען אין די האַפענס, וואָס ליגען אין יענע גרויסע שטרעקעס.

דער קאָנגרעס האָט גלייך געהאַנדעלט. דעם 18טען יוני האָט ער אָנגענומען אַ „ביל", וואָס האָט דערקלערט ענגלאַנד קריג. נאָך דעמזעלבען טאָג האָט פּרעזידענט מעדיסאָן אונטערגעשריבען דעם ביל און די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען. אינטערעסאַנט איז, אַז פיר־און־צוואַנציג שטונדען איידער אַמעריקאַ האָט דערקלערט קריג, האָט די ענגלישע רעגירונג צוריקגעצויגען די גזירות געגען די אַמעריקאַנער שיפען, די גזירות איבער וועלכע די צוויי לענדער האָבען זיך יאָרען לאַנג ארומגעקריגט. די איינציגע פאָדערונג, וואָס ענגלאַנד האָט ניט נאָכגעגעבען, איז געווען די ערשטע — וועגען די מאַטראָזען. אָבער די דאָזיגע פאָדערונג האָט אַמעריקאַ קיינמאָל ניט געהאַלטען פאַר וויכטיג, געוויס ניט אַזוי וויכטיג, אַז מען זאָל גיין אין קריג צוליב איר. נייס איז אָבער אין יענער צייט געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, קיין טעלעגראַף איז נאָך ניט געווען, און די נאַכריכט וועגען ענגלאַנד'ס האַנדלונג האָט מען זיך דאָ דער־וואוסט ערשט מיט וואָכען שפּעטער, ווען די מלחמה איז שוין געווען אין פולען גאַנג. ווען אין יענער צייט וואָלט געווען אַ קאַבעל־פאַרבינדונג, וואָלט עס ניט געקומען צו קיין מלחמה צווישען די צוויי לענדער. אָבער אָפּצושטעלען איצט די מלחמה איז שוין געווען צו שפּעט. פּרעזידענט מעדיסאָן האָט איצט דערקלערט, אַז די מלחמה ווערט געפירט פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די אַמעריקאַנער מאַטראָזען. אַלע האָבען געוואוסט, אַז דאָס איז געווען ניט מער ווי אַן אויסרייד *).

*) וועגען מעדיסאָנ'ס ראָלע בנוגע דער מלחמה זיינען היסטאָריקער צוטיילט. טייל זיינען מיט דער מיינונג, אַז ער איז אַריבער צו דער מלחמה־פראַקציע אין זיין פאַרטיי, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט זיך שטעלען אַנטקעגען, וועט ער ניט נאָמינירט ווערען פאַר אַ צווייטען טערמין. ער האָט זיך אונטערגעגעבען אין 1812, פּונקט דעמאָלט ווען נאָמינאַציעס פאַר פּרעזידענט האָבען געדאַרפט געמאַכט ווערען. אַנדערע היסטאָריקער, ווידער, אפילו אַזעלכע וואָס קריטיקירען אים

די פעדעראליסטען אין די ניו־ענגלאנד שטאטען און אין ניו יארק זיינען געווען אויסגעשפראכען געגען דער מלחמה אפילו נאך דער קריגס־דערקלערונג. די 34 פעדעראליסטען אין קאנגרעס האבען אפגעהאלטען א קאקוס־מיטינג און ארויסגעגעבען אן ערקלערונג, וועלכע האט פארדאמט די מלחמה אלס א „פארטייאישע און ניט נאציאנאלע”. אין פיל שטעדט אין ניו־ענגלאנד איז די נייס פון קריגס־דערקלערונג באגריסט געווארען מיט טרויער דעמאנסטראציעס. מען האט דארטען ארונטערגעצויגען די פאנען און געקלונגען אין קלויסטער־גלאקען אזוי ווי ביי א לויה. די דאזיגע אפאזיציע פון ניו־ענגלאנד, ווי מיר וועלען שפעטער זען, האט אין די לעצטע יארען פון דער מלחמה אנגענומען אן ערנסטען כאראקטער און האט שיער ניט געפירט צו א בירגער־קריג.

די פרעזידענט־וואלען פון 1812 זיינען אויסגעקעמפט געווארען איבער דער פראגע פון קריג און פרידען. מעדיסאן איז געלאפען אלס קריגס־קאנדידאט. געגען אים איז געלאפען דע וויט קלינטאן פון ניו יארק אלס פרידענס־קאנדידאט. די ניו־ענגלאנד שטאטען און ניו יארק האבען געשטימט פאר קלינטאנ'ען. די סאוט און אלע שטאטען פון דער וועסט האבען געשטימט פאר מעדיסאנ'ען. קלינטאן האט באקומען 89 עלעקטאר'שע שטימען און מעדיסאן האט געקראגען 128 שטימען.

שארף, דענקען אבער פארקערט. זיי האלטען, אז נאך אין 1811 איז ער געווארען אן אויפריכטיגער אנהענגער פון דער מלחמה־פראקציע און אז ער האט געהאלפען שטויסען דאס לאנד אין דער ריכטונג פון קריג. יעדענפאלס גיבען אלע צו, אז אין לעצטען יאר פון זיין ערשטען טערמין האט ער זיך געביטען. די ערשטע דריי יאר איז ער געגאנגען אינגאנצען אין דזשעפערסאנ'ס פאציפיסטישע טריט.

קאפּיטעל 31.

די מלחמה פון 1812

אמעריקא איז ניט געווען צוגעגרייט צו קיין מלחמה. די אמעריקאנער ארמיי און פלאָטע זיינען אין פארגלייך מיט דער ענגלישער געווען ווי א קארליק געגען א ריז. די גאנצע אמעריקאנער ארמיי איז באשטאנען פון 67 הונדערט מאן, צוואוואָרפען אין פארשיידענע טיילען פון לאנד. ווינפילד סקאט, אן אָפיצער, האָט זיינע קאָלעגען אָפיצערען כאראקטעריזירט אלס „אומוויסענדע, פוילע שכורים". די פלאָטע האָט געהאט בלויז פינף קריגס־שיפען, וואָס האָבען געקענט גלייך גיין אין שלאכט. וואָס פאר א באטרעף האָט עס געהאט געגען דער גרויסער ענגלישער ארמיי און דער ריזיגער ענגלישער פלאָטע, וואָס האָט באהערשט די ימים?

דער קאָנגרעס האָט באשלאָסען צו פארגרעסערען די באשטענדיגע ארמיי ביז 35 טויזענט מאן, און האָט אויך געגעבען דעם פרעזידענט דאָס רעכט צו אָרגאניזירען א פרייוויליגע ארמיי פון 50 טויזענט מאן. (אין דער רעגולערער ארמיי איז דער טערמין געווען פינף יאָר, אין דער פרייוויליגער — ניט מער ווי איין יאָר). דער פרעזידענט האָט אויך געקראָגען די פולמאכט צו באנוצען די 100 טויזענט מיליץ־סאָלדאטען פון די באזונדערע שטאטען. די אלע באשלוסען פון קאָנגרעס זיינען אָבער געבליבען אויפ'ן פאפיר. ניט קוקענדיג אויף אלע אָנשטרענגונגען איז עס ניט געלונגען צונויפצוקלייבען מער ווי עטליכע צענדליג טויזענט סאָלדאטען. די רעגירונג האָט אָנגעבאָטען באלוינונגען (באָנוסעס) פון זעכצען ראָלאר צו יעדען, וואָס וועט אריין אין דער ארמיי, און דער

געהאלט פון די סאָלדאטען איז געהעכערט געוואָרען פון פינף דאָלאר א מאָנאט אויף צען. אָבער די אלע מיטלען האָבען ווענינ־וואָס געהאָלפען. מיט דער פרייוויליגער ארמיי און דער מיליץ איז געוועזן אן אנדער צרה. די סאָלדאטען פלעגען זיך צולויפען אהיים אזוי שנעל ווי זייער טערמין פלעגט זיך ענדיגען. די ארמיי איז אָפט צוקראָכען געוואָרען אין מיטען א סטראטעגישען צוג. א פּאָר שטאטען אין ניו־ענגלאנד האָבען זיך איינגאנצען אנטזאגט צו שיקען זייערע מיליץ־ארמייען אין דער מלחמה. די רעגירונגען פון יענע שטאטען זיינען געווען געגען דער מלחמה און זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אז די מיליץ קען לויט דער קאָנסטיטוציע באנוצט ווערען בלויז צוריקצושטויסען א שונא ווען ער דרינגט אריין אין דעם שטאט גופא, אָדער צו אונטערדריקען אן אויפשטאַנד אין דעם שטאט גופא. אָפט האָט פּאסירט, אז די מיליץ־סאָלדאטען, וואָס זיינען שוין געגאנגען אין דער מלחמה, האָבען זיך אנטזאגט אין מיטען א שלאכט צו מארשירען, צו גיין וואו די קאָמאנדירען האָבען זיי געשיקט. דאָס איז פּאָרגעקומען אין די שלאכטען ביי דער קענעדער גרענעץ. זיי האָבען גע׳טענה׳ט אז מיליץ־סאָלדאטען טאָרען ניט ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד און ארויסטרעטען אויף יענער זייט גרענעץ.

לויט׳ן פּלאן פון קאָנגרעס האָט די פאראייניגטע ארמיי, באַ־שטייענדיג פון די רעגולערע, די פרייוויליגע און די מיליץ־סאָלדאַ־טען, געדארפט ציילען נאָענט צו 200 טויזענט סאָלדאטען. אין אמת׳ן איז קיינמאָל אין משך פון דער מלחמה ניט געלונגען צונויפ־צוקלייבען מער ווי 35 טויזענט מאן אויף איין מאָל. זייער אָפט איז די ארמיי געווען נאָך פיל קלענער.

דאָס גליק איז געווען, וואָס ענגלאנד האָט די ערשטע צייט קיין גרויסע ארמיי אהער ניט געקענט שיקען. זי האָט אירע סאָלדאטען געמוזט האָבען פאר דער מלחמה אין איירָאָפּא געגען דעם מעכטיגען נאפּאָלעאָן. ווען ניט די הילף וואָס די ענגלענדער האָבען באקומען פון די אינדיאנישע שבטים אין דער וועסט און אין דער סאוט, וואָלט די קליינע אמעריקאנער ארמיי זיך מיט זיי געקענט לייכט ספּראווען.

אָפיציעל האָט די מלחמה אויסגעבראָכען צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די האנדעלס־שטאאטען ניו־ענגלאנד און ניו יאָרק, צו באשיצען די שיפען וואָס האָבען געפירט סחורה קיין איירראָפּא און די מאטראָזען אויף די שיפען. אין אמת'ן אָבער האָט די מלחמה־פּארטיי געהאט גאנץ אנדערע מאָטיוען. די האנדעלס־שטאאטען האָבען די מלחמה ניט געוואָלט. אין קאָנגרעס האָבען פאר דער מלחמה געשטימט די פארטרעטער פון דער סאוט און דער וועסט, וועלכע האָבען קיין שייכות ניט געהאט מיט שיפען, מאטראָזען און אויסלענדישען האנדעל. זיי האָבען דורכ'ן קריג געהאָפט צו דערגרייכען אנדערע צילען: אָפּצונעמען קענעדע פון ענגלאנד און פלאָרידא פון שפּאניען, און צו פארניכטען דעם שטילען בונד צווישען די ענגלענדער אין קענעדע און די אינדיאנער אין דער וועסט.

דערפאר טאקע איז גלייך ביים אויסברוך פון דער מלחמה די גאנצע האָפנונג און דאָס גאנצע געוויכט געלעגט געוואָרען אויף דער ארמיי און אויף די שלאכטען אויף דער יבשה. וועגען דער פּלאָטע האָט מען אין וואשינגטאָן ווייניג־וואָס געטראכט. מען האָט פון איר ווייניג־וואָס דערווארט. דער ערשטער געשריי איז געווען: „לאָמיר גיין אויף קענעדע!”

עס זיינען אויסגעארבייט געוואָרען פּלענער אריינצודרינגען אין קענעדע מיט דריי ארמייען. דעם אָנפאנג האָט געמאכט גענע־ראל וויליאם האָל, וועלכער האָט מיט זיין ארמיי פון 25 הונדערט מאן מארשירט פון אָהייאָ קיין דעטראָיט. דאָרטען איז ער מיט א טייל פון דער ארמיי אריבער דעם טייך, אריין אין קענעדע און ארויסגעלאָזען א פּראָקלאמאציע צו די איינוואוינער, זיי זאָלען אנערקענען די אמעריקאנער הערשאפט. באלד האָט ער אָבער איינגעזען, אז ער געפינט זיך אין א געפערליכער פּאָזיציע און האָט זיך צוריקגעצויגען. אן ענגלישע ארמיי, געשטיצט פון אינדיאנער, האָט אים נאָכגעיאָגט און גענומען ארומרינגלען זיין פעסטונג. האָל האָט אפילו קיין פּרואוו ניט געמאכט זיך צו פארטיידיגען. ער האָט זיך אונטערגעגעבען צוזאמען מיט זיין גאנצער ארמיי.

דאָס האָט פּאסירט אין אויגוסט, בלויז עטליכע וואָכען נאָך

דער קריגס־דערקלערונג. די מפלה האט געטראפען די אמעריקאנער ווי א דונער. גענעראל האל איז געשטעלט געווארען צו א קריגס־געריכט און איז פאראורטיילט געווארען צום טויט (דער פרעזידענט האט אים באגנאדיגט). אין אמת'ן איז ער גארניט געווען אזוי שולדיג. דער גאנצער קריגס־דעפארטמענט און די הויפט גענע־ראלען זיינען געווען ניט ווייניגער שולדיג ווי ער: עס זיינען ניט געמאכט געווארען אפילו די סאמע נויטיגסטע הכנות פאר אזא צוג. עס זיינען ניט געווען קיין וועגען דורך די וועלדער און זומפען. עס איז ניט געווען קיין פראוויאנט. צו ברענגען א פעסעל מעל פון ניו יארק אדער פילאדעלפיא קיין דעטראיט האט געקאסט זעכציג דאלאר. האל האט מורא געהאט, אז אויב ער וועט פארבלייבען אין דער פעסטונג אין דעטראיט, וועט ער פארהונגערט ווערען. די אנדערע צוויי ארמייען אין דער איסט, וועלכע האבען געדארפט אריינדרינגען אין קענעדע פון א צווייטער זייט און אים קומען צו הילף, האבען זיך פון ארט ניט גערירט. דערצו האט דער ענגלישער גענעראל אים געלאזט וויסען, אז אין פאל פון א שלאכט, קען ער ניט גאראנטירען, וואס די אינדיאנער וועלען טאן, ער קען ניט זיין זיכער, אויב אים וועט געלינגען זיי איינצוהאלטען פון מאכען א שחיטה אויף די געפאנגענע און אויף די פרויען און קינדער אין דעטראיט. די אלע אומשטענדען האבען געווירקט אויף האל'ן ער זאל זיך אונטערגעבען.

אין משך פון עטליכע וואכען האט זיך אלזא די לאגע אינ־גאנצען געביטען: פריער האבען די אמעריקאנער גערעדט און געטראכט וועגען אריינדרינגען אין קענעדע; איצט אבער זיינען גאר די ענגלענדער אריינגעדרונגען אין דער אמעריקאנער טערי־טאריע. די ענגלענדער האבען פארנומען דעטראיט און גאנץ מישיגען.

די צווייטע ארמיי, וועלכע האט מיט עטליכע מאנאטען שפע־טער געמאכט א פארזוך אריינצודרינגען אין קענעדע דורך ניאגרא, ביי לעיק אירי, האט אויך ניט פארשאפט קיין כבוד דעם אמערי־קאנער פאלק. די ארמיי איז באשטאנען טיילווייז פון רעגולערע סאלדאטען און טיילווייז פון ניו יארקער מיליץ. געפירט די ארמיי

האָט פריער גענעראַל ווען רענסילייער, אַ מיליץ־קאָמאַנדיר, און דערנאָך גענעראַל סמייט פון דער רעגולערער אַרמיי. צוויי פאַר־זוכען זיינען געמאַכט געוואָרען אַריבערצושווימען דעם טייך און אַטאַקירען די ענגלענדער אין קענעדע און ביידע האָבען זיך ניט

די פונקטען אין די קאַרט וואו עס זיינען פאָרגעקומען די וויכטיגסטע שלאַכטען אין דער מלחמה פון 1812

איינגעגעבען. אין ערשטען פאַל איז די שולד געפאַלען דער עיקר אויף די מיליץ־סאָלדאַטען. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך דערשראָקען און זיך אַנטזאָגט צו מאַרשירען צום שלאַכטפעלד.

„אזוי שנעל ווי די מיליץ האט דערזען אז אמת'ע שלאכט", — שרייבט דער היסטאריקער מעקמעסטער, — „אזוי שנעל ווי זיי האבען דערזען ווי מען ברענגט טויטע און האבען דערהערט די קרעכצען פון די פארוואונדעטע, איז אויף זיי אנגעפאלען א פחד, און זיי האבען זיך אנטזאגט אריינצוגיין אין די שיפלאך, וועלכע האבען זיי געדארפט פירען צום שלאכטפעלד. די זעלבע מיליץ־סאלדאטען, וועלכע האבען מיט א טאג פריער געפאדערט מען זאל זיי פירען אין שלאכט, זיינען איצט באשטאנען אויף זייערע קאנ־סטיטוציאנעלע רעכט און גע'טענה'ט, אז מיליץ־סאלדאטען טאר מען פון לאנד ניט ארויספירען". פאר'ן צווייטען דורכפאל איז פאראנטוואָרטליך געווען דער נייער קאמאנדיר, גענעראל סמייט. ער האט געמאכט אלע הכנות אנצוהויבען די שלאכט, אבער ווען עס איז געקומען צום פונקט, האט ער זיך צוריקגעצויגען. ער האט שפעטער זיך פארענטפערט, אז ער האט זיך איבערצייגט, אז מיט זיין ארמיי וועט ער גארניט קענען אויפטאן. דאס לאנד האט אבער ניט אנגענומען דעם תירוץ. מען האט אים פארדאמט אלס א טרוס. די אטאקעס אויף אים זיינען געווען אזוי ביטער, אז ער איז אינגאנצען ארויסגעטראטען פון דער ארמיי.

די דריטע ארמיי איז געפירט געווארען פון גענעראל דירבארן. ער האט געהאט די אויפגאבע, דורך דעם מזרח־טייל פון ניו יארק, אריינדרינגען אין קענעדע און גיין אויף מאנטרעאל. מיט אים האט פאסירט דאסזעלבע ווי מיט ווען־רענסעליער. די מיליץ האט זיך אנטזאגט אריבערצוגיין די גרעניץ.

די ארמיי האט זיך אין אלע פרטים ארויסגעוויזען פאר א דורכפאל. דער קריגס־מיניסטער, די גענעראלען, די סאלדאטען— קיינער האט ניט געטויגט. פרעזידענט מעדיסאן און זיינע ראט־געבער האבען זיך א נעם געטאן איבערצובויען אלץ אויף דאס ניי. עס איז באשטימט געווארען א נייער קריגס־מיניסטער — דזשאן ארמסטראנג. אויף האל'ס פלאץ איז באשטימט געווארען גענעראל העריסאן, דער העלד פון „טיפאקענו". העריסאן האט גלייך ארגא־ניזירט א נייע ארמיי און מארשירט נאך דעטראיט ארויסצו־טרייבען פון דארט די ענגלענדער. די דאזיגע אונטערנעמונג האט

זיך אויך געענדיגט מיט א מפלה פאר די אמעריקאנער. א סך סאָלדאטען זיינען געפאנגען געוואָרען, א סך זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען פון אינדיאנער. דאָס מאָל אָבער האָבען שוין די אמערי־קאנער געקעמפט ווי סאָלדאטען. אין די מפלות זיינען שולדיג געווען הויפטזעכליך די טעות׳ן, וואָס די גענעראלען און אָפיצערען האָבען געמאכט.

מיט אָט דער קאמפאניע איז פארבונדען איינער פון די שווי־דערליכסטע פּאָגראָמען, וואָס די אינדיאנער האָבען געמאכט אויף די אמעריקאנער. אין דעם שטעדטעל פרענטשטאון, אין מישיגען, ביים לעיק, איז אַן אָפטיילונג פון נאָהענט 400 אמעריקאנער ארומ־גערינגעלט געוואָרען פון ענגלענדער און אינדיאנער, און די אמערי־קאנער האָבען זיך אונטערגעגעבען. זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען אויף צוויי תנאים: ערשטענס, אז דער ענגלישער גענעראל זאָל שיקען שליטענס אריבערצופירען די קראנקע און פארוואונדעטע אויפ׳ן אנדערען זייט טייך (לעיק), און צווייטענס, אז ער זאָל דעם באגאזש פון די אמעריקאנער ניט טשעפּען. אָבער גלייך ווי די סאָלדאטען האָבען ארויסגעמארשירט אלס געפאנגענע פון שטעדטעל, האָבען די אינדיאנער דאָרט צורויבט אלץ וואָס זיי האָבען געפונען. אויף מאָרגען אינדערפרי זיינען די אינדיאנער ווידער געקומען אין שטעדטעל. זיי זיינען געווען שכור און האָבען זיך ארויפגעוואָרפען אויף די קראנקע און פארוואונדעטע אמעריקאנער, אראָפּגעריסען פון זיי די קליידער, און זיי באפוילען ארויסצוגיין אין גאס. די וואָס האָבען זיך געקענט רירען, זיינען אראָפּגעקראָכען פון די בעטען און זיינען ארויס. אין גאס האָבען שוין אנדערע אינדיאנער אויף זיי געוואַרט מיט ביקסען אין די הענט. יעדער וואָס איז ארויס איז דערשאָסען געוואָרען. דערנאָך האָבען די אינדיאנער אונטער־געצונדען די הויז, און די גאָר קראנקע, וואָס זיינען געבליבען אין די בעטען, ארום דרייסיג אין צאָל, זיינען פארברענט געוואָרען.

די ערשטע זעקס מאָנאטען פון דער מלחמה האָבען געבראכט א גאנצע רייע מפלות פאר די אמעריקאנער אויף דער יבשה. די טרייסט איז אָבער געקומען פון דאָרט, פון וואנען מען האָט זיך אם

וועניגסטען גערינכט — פון דער קליינער, אומבאדייטענדער פלאטע אויפ'ן ים. אין דיזעלבע זעקס מאנאטען, וואס די אמעריקאנער האבען געליטען איין מפלה נאך דער אנדערער אויפ'ן לאנד, האבען זיי איבערראשט די וועלט און אנגעווארפען א שרעק אויף ענגלאנד דורך א גאנצער ריי פון נצחונות אויפ'ן ים.

דעם ערשטען גרויסען זיג אויפ'ן ים האט געוואונען די קריגס־שיף „קאנסטיטושאן”. ביז היינטיגען טאג איז דער נאמען פון דער שיף בארימט און באליבט ביים אמעריקאנישען פאלק. זי איז אויך באקאנט אונטער'ן צונאמען „אייראנסייד” (אייזען־זייטיגע). (דער צונאמען ווייזט, וואס פאר א הויכע מיינונג די אמעריקאנער האבען געהאט פון איר: כאטש זי איז געווען ניט מער ווי א הילצערנע זעגעל־שיף, דאך איז זי גרופען געווארען „די אייזען־זייטיגע”).

די „קאנסטיטושאן” האט איר ערשטע העלדישקייט באוויזען אין מיטען מאנאט יולי, 1812. זי האט דאן, פארענדיג פון מערי־לאנד קיין ניו יארק, פארבלאנדזשעט צווישען א גאנצער פלאטע פון ענגלישע קריגס־שיפען. און דאך איז איר געלונגען פון דעם שונא זיך ארויסצודרייען. אין דער גאנצער געשיכטע פון ים־מלחמות — זאגען היסטאריקער — איז ניט פארגעקומען אזא דראמאטישער געיעג. דריי נעכט און צוויי טעג, 66 שטונדען נאכ־אנאנד, האט דער געיעג אנגעהאלטען. דער קאפיטאן, אייזיק האל, און זיינע מאטראזען האבען ארויסגעוויזען וואונדערבארע בריה'ש־קייט אין פירען די שיף אזוי, אז קיינע פון די ענגלישע שיפען האבען זי ניט געקענט דעריאגען.

מיט א מאנאט שפעטער, דעם 19טען אויגוסט, האט די „קאנ־סטיטושאן” זיך אנגעטראפען מיט דער ענגלישער קריגס־שיף „גערריער” ניט ווייט פון קענעדער ברעג. „גערריער” איז געווען איינע פון די שיפען, וואס האבען געיאגט די „קאנסטיטושאן” מיט פיר וואכען פריער. איצט, אז זי איז געווען איינע אליין, האט קאפיטאן האל באשלאסען מיט איר זיך צו פארמעסטען. קאפיטאן דאברעס פון דער „גערריער” האט אויך געזוכט א געלעגענהייט צו ווייזען די אמעריקאנער וואס ער קען. נאך מיט א צייט פריער

האָט ער געהאַט אַרויסגעגעבען אַ „טשעלענדזש“ (אַן אַרויספאָ־דערונג) צו אַלע אַמעריקאַנער קריגס־שיפען, זיי זאָלען אַרויסטרע־טען אין קאַמף מיט אים. די שלאַכט האָט געדויערט אינגאַנצען אַ האַלבע שעה. די אַמעריקאַנער זיינען אַרויס די זיגער. די „גערריער“ איז אַזוי צושאָסען געוואָרען, אַז נאָכדעם ווי זי האָט זיך אונטערגעגעבען און מען האָט פון איר אַראָפּגענומען די ענג־לישע מאַטראָזען אַלס געפאַנגענע, איז זי געזונקען, ניט קענענדיג זיך מער האַלטען אויפ׳ן וואַסער. די צאָל טויטע און פאַרוואונ־דעטע אויף דער ענגלישער שיף האָט דערגרייכט ביז ניין־און־זיבעציג.

ווען די „קאָנסטיטושאָן“ איז אַריינגעפאָהרען אין באָסטאָנער האַפען מיט די נייס פון איר זיג, איז די שטאָדט ווילד געוואָרען פאַר פרייד. די באָסטאָנער האָבען געהאַט אַ דאָפּעלטע אורזאַך זיך צו פרייען. ערשטענס, דער נצחון גופא. צווייטענס, איז באָסטאָן געווען אַ פעדעראַליסטישע שטאָדט, און די פעדעראַליסטען האָבען דאַך שטענדיג אַגיטירט פאַר אַ גרויסער, שטאַרקער פלאָטע. די „קאָנסטיטושאָן“ גופא איז אויפגעבויט געוואָרען אין 1797, ווען דער פעדעראַליסט עדעמס איז געווען פרעזידענט. דערצו איז דער זיג פון דער „קאָנסטיטושאָן“ פאָרגעקומען פונקט דעמאָלט, ווען דאָס לאַנד איז געווען אין טרויער פון דער שרעקליכער מפלה אין דעטראָיט. עס איז אַלזאָ אויסגעקומען, אַז די רעפּובליקאַנישע אַרמיי האָט פאַרלאָרען, בשעת די פעדעראַליסטישע פלאָטע האָט געוואונען. (אייזיק האָל, דער קאַפּיטאַן פון דער „קאָנסטיטושאָן“, איז געווען אַ פּלימעניק פון וויליאַם האָל, דעם גענעראַל ביי דעטראָיט).

אָבער ניט בלויז אין באָסטאָן האָט די נייס וועגען דער „קאָנ־סטיטושאָן“ אַרויסגערופען פרייד און באַגייסטערונג. דאָס גאַנצע לאַנד, אַלע פּאַרטייען, די אָנהענגער פון קריג און די געגנער — אַלע האָבען זיך געפרייט אין דעם יום־טוב.

אין די נעקסטע עטליכע מאָנאַטען זיינען פאָרגעקומען נאָך פיר שלאַכטען צווישען איינצעלנע אַמעריקאַנער שיפען מיט איינ־צעלנע ענגלישע שיפען. און אַלע האָבען זיי זיך געענדיגט מיט

א פולשטענדיגען זיג פאר די אמעריקאנער. אין ענגלאנד איז מען פון די אמעריקאנער נצחונות שטארק צוטומעלט געווארען. ווי קומט עס, — האט מען דארט געפרעגט, — וואס די גרויסע, מעכטיגע ענגלישע פלאטע, וועלכע האט באזיגט אלע אייראפעאישע לענדער אויפ'ן ים, וועלכע האט אלע אייראפעאישע פלאטען געהאלטען אין שרעק, ווי קומט עס אז זי זאל פארלירען געגען דער שוואכער אמעריקאנער פלאטע? בסך־הכל האט אמעריקא געהאט א הייפעלע שיפען, און מיט זיי האט זי אויפגעטאן מער ווי ענגלאנד מיט איר גרויסער פלאטע. די ענגלישע פרעסע איז ארוים מיט א געשריי, אז די אמעריקאנער פלאטע איז א צוקונפטיגע געפאר פאר ענגלאנד. די צייטונגען האבען געפאדערט דין וחשבון ביי דער רעגירונג, ביי די אדמיראלען.

אין אנהויב יוני, 1813, איז ניט ווייט פון באסטאנער ברעג פארגעקומען א שלאכט, וואס די אמעריקאנער האבען פארלארען, אבער וואס איז פונדעסטוועגען געבליבען בארימט אין דער אמעריקאנער געשיכטע צוליב דער העלדישקייט פון דעם קאמאנדיר פון דער שלאכט. די אמעריקאנער שיף האט געהייסען „טשעסעפיק", און איר קאפיטאן איז געווען דזשיימס לאורענס, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אין א ים־שלאכט מיט איניגע מאנאטען פריער. אן ענגלישע שיף, „שענאן", האט אים ארויסגערופען פון האפען צו א שלאכט, און לאורענס האט דעם ארויסרוף אנגענומען, כאטש זיין שיף איז ניט געווען צוגעגרייט צו א שלאכט. ווען די „טשעסעפיק" האט פארלאזען דעם האפען, זיינען אויפ'ן ברעג געשטאנען הונדערטע מענשען, וועלכע זיינען געקומען בייוואוינען די שלאכט. זיי זיינען אבער אנטוישט געווארען. די „טשעסעפיק" איז ארויסגעשוואומען גאנץ ווייט ביז זי האט באגעגענט דעם שונא, און דאן האט מען געהערט בלויז דאס קראכען פון עטליכע קאנאנען און אלץ איז שטיל געווארען.

דריי וואכען האט מען פון דער „טשעסעפיק" ניט געהערט. דאן איז אנגעקומען די טרויעריגע נייס, אז די שיף איז א געפאנגענע ביי די ענגלענדער אין דעם קענעדער האפען האליפאקס, און אז דער קאפיטאן לאורענס ליגט א באערדיגטער אין דער־

זעלבער שטאָדט. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט איינצעל־הייטען פון דער שלאַכט. די „טשעסעפּיק" איז באַזיגט געוואָרען גלייך ווי די שיפען האָבען אָנגעהויבען צו שיסען איינע אויף די אַנדערע. קאַפּיטאַן לאָורענס איז געפאַלען מיט אַ טויטליכער וואונד און מען האָט אים אַראָפּגעטראָגען אונטען אין אַ קאַיוטע. ליגענדיג אַ גוסס'ער, האָט ער ניט אויפגעהערט צו שרייען צו די מאַטראָזען: „דאָנט גיוו אַפּ די שיפּ!" (גיט ניט אונטער די שיף). די ענג־לענדער זיינען אָבער אַריבערגעשפּרונגען פון זייער שיף אויף דער „טשעסעפּיק". לאָורענס האָט דאַן געגעבען אַ באַפעל מען זאָל די שיף אויפרייסען. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די ענגלענדער האָבען געהאַט די שיף אין זייערע הענט. לאָורענס איז פון זיינע וואונדען געשטאָרבען איידער די שיף איז אָנגעקומען אין קענעדער האַפען. מען האָט אים באַערדיגט אין האַליפאַקס. מיט עטליכע וואָכען שפּעטער האָבען די ענגלענדער, אויפ'ן פאַר־לאַנג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, דעם קערפּער אַרויסגענומען און אָפּגעשיקט קיין ניו יאָרק. ער ליגט איצט אויפ'ן בית־עולם פון טריניטי טשוירטש, דער עלטסטער בית־עולם אין ניו יאָרק. לאָורענס'עס לעצטער באַפעל צו זיינע מאַטראָזען — די פראַזע „דאָנט גיוו אַפּ די שיפּ!" — איז ביז היינטיגען טאָג געבליבען באַרימט ביים אַמעריקאַנער פאָלק. די פראַזע איז אַריין אין דער פאָלקס־שפּראַך.

אָנהויב 1813 האָט ענגלאַנד געשיקט אַ פלאָטע צו בלאָקירען די ברעגען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. די אַמעריקאַנער קריגס־שיפען האָבען איצט מער ניט געקענט אַרויספאָרען אויפ'ן ים. זיי האָבען מורא געהאַט צו פאַרלאָזען זייערע האַפענס. וואָרום ווי אַזוי האָבען זיך די געציילטע שיפען געקענט שטעלען געגען אַ גאַנצער ענגלישער פלאָטע? די וויכטיגסטע שלאַכטען זיינען דעם יאָר פאָרגעקומען אויף די וואַסערען צווישען די פאַראייניגטע שטאַ־טען און קענעדע, און אין די שלאַכטען האָבען די אַמעריקאַנער געהאַט צוויי גרויסע נצחונות: איינעם אויף לעיק אירי, אין סעפּטעמבער 1813, און איינעם אויף לעיק שאַמפּליין, אין 1814.

דער העלד פון דער ערשטער שלאַכט איז געווען קאַפּיטאַן

אָליווער העזארד פערי, א יונגערמאן פון 28 יאָר. אין מאָנאט מערץ איז ער אָנגעקומען אין שטעדטעל אירי, אויפ'ן לעיק אירי. זיין אויפגאבע איז געווען דאָרטען אויפצובויען א פלאָטע. ער האָט די גאנצע ארבייט געמוזט אליין טאָן: קריגען די מעכאניקער, די מאטעריאלען, די וואפען, די מאטראָזען. אין עטליכע מאָנאטען צייט האָט ער די ארבייט פארענדיגט. ער האָט געהאט א פלאָטע פון צוויי גרויסע קריגס־שיפען און אכט קליינע. די שיפען זיינען געווען גוט באוואפענט, מיט א געניגענדער צאָל פון גוט דיסציפּלינירטע סאָלדאטען.

די ענגלענדער האָבען פון קענעדער ברעג ארויסגעשיקט א סקאדראָן שיפען צו פארטרייבען פערי'ס פלאָטע. אין סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען די גרויסע שלאכט. פערי האָט איצט באוויזען, אז אלס אדמיראל איז ער נאָך פייאיגער ווי אלס אָרגאניזאטאָר און שיף־בויער. ער האָט די ענגלישע פלאָטע צושמעטערט. די שיפען וואָס ער האָט ניט פארזונקען, האָט ער געפאנגען. ווען די שלאכט איז געווען געענדיגט, האָט ער געשיקט פאָלגענדען קורצען באריכט צו גענעראל העריסאָן: „מיר האָבען באגעגענט דעם שונא און ער איז אונזערער" („ווי העוו מעט די ענעמי ענד טהעי אר אורז"). די דאָזיגע פראזע איז אויך פארבליבען בארימט ביז היינטיגען טאָג און איז אריין אין דער פאָלקס־שפּראך.

פערי'ס זיג אויף לעיק אירי איז איבער'ן גאנצען לאנד באגריסט געוואָרען נאָך מיט מער באגייסטערונג ווי דער זיג פון דער „קאָנסטיטושאָן". פערי איז געוואָרען דער גרעסטער העלד פון דער מלחמה. איבעראל זיינען געפייערט געוואָרען ימים־טובים לכבוד דעם נצחון. אין פילאדעלפיא, ניו יאָרק און באלטימאָר האָבען די שטאָדט־רעגירונגען באשטימט א יום־טוב לכבוד דער געשעעניש. א סך שטעדט און שטעדטלאך האָבען געשיקט פערי'ן שווערדען אלס מתנות.ביידע פּאָליטישע פארטייען האָבען זיך ארומגעריסען פאר אים, יעדע טענה'נדיג, אז ער באלאנגט צו איר.

דער דאָזיגער זיג האָט געפירט צו נאָך א זיג, נאָך א פיל וויכטיגערען. איצט אז דער לעיק איז באהערשט געוואָרען פון דער אמעריקאנער פלאָטע, האָט גענעראל העריסאָן זיך אונטערנומען

אַרויסצוטרייבען די ענגלענדער פון דעטראָיט און פון מישיגען. ער האָט צונויפגעקליבען אַן אַרמיי פון עטליכע טויזענט מאַן און אַוועקגעמאַרשירט קיין דעטראָיט. די ענגלענדער האָבען באַצייטענס איינגעזען די סכנה, אַז זיי קענען אַטאַקירט ווערען אי פון ים, אי פון דער יבשה, און האָבען זיך צוריקגעצויגען קיין קענעדע. הערי־סאָן איז מיט זיין אַרמיי אַריינגעדרונגען אין קענעדע. ביידע אַרמייען האָבען זיך דאָרט באַגעגענט אויפ'ן טייך טעימס. עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, אין וועלכער די ענגלישע אַרמיי איז באַ־זיגט געוואָרען. די אַמעריקאַנער האָבען ענדליך, נאָך אַ יאָר צייט, צוריקגעוואונען דעטראָיט און די גאַנצע מישיגען טעריטאָריע.

די שלאַכט אויף דער טעימס איז געווען פון גרויסער וויכטיג־קייט אויך דערמיט, וואָס אין איר איז געפאַלען דער פירער פון די אינדיאַנישע שבטים, טעקאַמסע. די גאַנצע צייט זינט דעם אויס־ברוך פון דער מלחמה האָט טעקאַמסע אָרגאַניזירט די אינדיאַנער און זיי געפירט אין שלאַכט געגען די אַמעריקאַנער. אים האָבען עס די אַמעריקאַנער געהאַלטען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די אינדיאַ־נישע אָנפאַלען אויף די ווייסע און פאַר די רציחות אויף אַמערי־קאַנער געפאַנגענע און פאַרוואונדעטע סאָלדאַטען. אין דער שלאַכט אויף דער טעימס האָט ער אַליין אַנטייל גענומען, און ווען די שלאַכט איז געווען פאָריבער, האָבען די אַמעריקאַנער אים געפונען אַ דערהרג'עטען אויפ'ן שלאַכטפעלד. ווי גרויס עס איז געווען דער האַס געגען אים, קען מען זיך פאָרשטעלען פון פאָלגענדען שוידער־ליכען פאַקט: די סאָלדאַטען האָבען פון זיין טויטען קערפער אָפּ־געשונדען שטיקער הויט און עס מיטגענומען אַלס אָנדענקען. מיט טעקאַמסע'ס טויט האָט דער אויפשטאַנד פון די אינדיאַנער אין דער נאָרט־וועסט צוזאַמענגעבראָכען. פון דעמאָלט אָן האָבען די ווייסע געקראָגען אַ פרייע האַנט אין דער דאָזיגער טעריטאָריע און זיינען מער ניט געשטערט געוואָרען.

די צווייטע ים־שלאַכט איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר שפּעטער, אין סעפּטעמבער 1814, אין לייק שאַמפּליין, נעבען פּלאַצבורג, ניו יאָרק. די ענגלענדער האָבען דאַן געמאַכט אַ פּרואוו אַריינצודרינגען אין ניו יאָרק מיט אַ גרויסער אַרמיי, באַגלייט פון אַ גרויסער פלאָטע.

די אמעריקאנער ארמיי, וועלכע איז דאן געשטאנען אין פלאצבורג, איז געווען א קליינע — ביי 1,500 מאן. זייער איינציגע האפנונג אפצושטויסען די ענגלענדער איז געווען — די פלאטע, וועלכע איז באשטאנען פון פיר גרויסע שיפען און צען קלענערע שיפען. די ענגלישע פלאטע איז געווען עטוואס א גרעסערע: פיר גרויסע שיפען און צוועלף קליינע. די שלאכט איז פארגעקומען דעם 12טען סעפטעמבער. זי ווערט פארעכענט אלס די גרעסטע ים־שלאכט אין דער מלחמה. דער אמעריקאנער קאמאנדיר מעקדאנאו האט ארויסגעוויזען ניט בלויז פייאיגקייט פון גאר א גרויסען גראד אלס אדמיראל, נאר אויך וואונדערבארע פערזענליכע העלדישקייט. די אמעריקאנער זיינען ארויס די פולשטענדיגע זיגער. די ענגלישע פלאטע איז טיילווייז פארזונקען געווארען, טיילווייז געפאנגען געווארען. בלויז א פאר שיפען איז געלונגען צו אנטלויפען.

די מלחמה אויף דער יבשה, ארום די וואסערען ביי קענעדע, האט זיך אין די צוויי יאר, 1813 און 1814, מיט גארניט אויסגע־צייכענט.ביידע ארמייען, די ענגלישע און די אמעריקאנישע, זיינען געפירט געווארען פון אומפייאיגע גענעראלען, און אלע קאמפאניעס וואס זיינען אונטערנומען געווארען פון ביידע צדדים האבען צו גארניט געפירט. די אמעריקאנער האבען געפרואווט זיך ארייננרייסען אין קענעדע איבער'ן לעיק אנטאריא און איבער'ן סט. לאורענס טייך. זיי האבען געפרואווט ארייננדרינגען דורך נייאגרא און לעיק אירי. עס זיינען פארגעקומען שלאכטען און אנפאלען. די אמעריקאנער האבען פארברענט טאראנטא (דעמאלט האט זי געהייסען „יארק“ און איז געווען ניט מער ווי א דארף). די ענגלענדער האבען א ביסעל שפעטער פארברענט באפאלא. עס האט פאסירט א פאר מאל, אז עטליכע הונדערט ענגלענדער האבען פארטריבען א פאר טויזענט אמעריקאנער, און עס האט אויך פא־סירט פארקערט, אז א הייפעלע אמעריקאנער האבען פארויאגט גרויסע ענגלישע מיליטער־אפטיילונגען.

ארום מיטען פון 1814 זיינען פארגעקומען א ריי שלאכטען איבער'ן נייאגרא טייך, אין וועלכע די אמעריקאנער האבען אפגע־האלטען עטליכע באדייטענדע נצחונות. אבער קיין ממשות'דיגע

רעזולטאטען האָבען זיי ניט געבראכט. סוף יאָר איז די לאגע אין יענער געגענד געווען דיזעלבע ווי בשעת די מלחמה האָט זיך אָנגעפאנגען. די אמעריקאנער זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון קענעדע, און די ענגלענדער זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען פון דער אמעריקאנער טעריטאָריע. אין די לעצטע שלאכטען ארום נייאגרא, וועלכע זיינען געווען די בלוטיגסטע אין דער מלחמה, האָבען זיך אויסגעצייכענט די צוויי יונגע גענעראלען, ווינפילד סקאט און דזשייקאָב בראון.

נאָך א פיל וויכטיגערע ראָלע אפילו ווי די אמעריקאנער קריגס־שיפען, האָבען געשפילט די „פּרייוועטיערס”. דאָס זיינען געווען שיפען, וואָס פּריוואטע בירגער האָבען באוואפענט און ארויסגעשיקט אויפ׳ן ים צו פאנגען ענגלישע האנדעלס־שיפען. איצט איז דאָס ניט דערלויבט פון אינטערנאציאָנאלען געזעץ. אָבער אין יענע יאָרען האָט אין מלחמה צייט יעדער בירגער אָדער גרופּע פון בירגער געקענט קריגען אן ערלויבניש פון דער רעגירונג צו שיקען אן אייגענע שיף צו פאנגען דעם שונא׳ס שיפען. די פּריוואטע פערזאָנען פלעגען דאָס טאָן, פארשטייט זיך, ניט צוליב פּאטריאָטיזם, נאָר צוליב פּראָפיט: ווען זיי פלעגען פאנגען א שיף, פלעגען זיי זי ברענגען אין אן אמעריקאנער האפען. א רעגירונגס־באאמטער פלעגט זי אונטערזוכען, און דאן פלעגט די רעגירונג פארקויפען די סחורה און די שיף. דאָס געלט פלעגט צוטיילט ווערען צווישען די אייגענטימער פון דעם „פּרייוועטיער” און זיינע מאטראָזען, לויט׳ן אָפּמאך צווישען זיך. די רעגירונג פלעגט אויך קריגען א געוויסען חלק, אלס שטייערען און אנדערע אָפּצאָלונגען.

אין משך פון דער מלחמה זיינען פון די אמעריקאנער האפענס ארויסגעפאָרען ניט ווייניגער ווי פינף הונדערט אזעלכע „פּרייוועטיערס”. זיי פלעגען זיך ארויס׳גנב׳ענען פון די היגע האפענס אפילו ווען ענגלאנד האָט שוין געהאלטען פארבלאָקירט דעם אמעריקאנער ברעג. די „פּרייוועטיערס” פלעגען לויערען אויף ענגלישע האנדעלס־שיפען אין אלע ימ׳ען, ביי די ברעגען פון קענעדע, ארום די איסט און וועסט אינדיס, און הויפּטזעכליך ביי די ברעגען פון ענגלאנד גופא. די אמעריקאנער „פּרייוועטירס” האָבען

זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שנעלקייט. ווען זיי פלעגען נאָך דערזען אַ האַנדעלס־שיף פלעגט זיך שווין יענע ניט קענען ארויס־דרייען פון זיי.

די ענגלישע רעגירונג און די ענגלישע סוחרים האָבען באַנוצט פאַרשידענע מיטעל צו באַשיצען זייערע האַנדעלס־שיפען. דאָס ערשטע מיטעל איז געווען צו פירען די שיפען אין גרויסע עסקאַד־ראָנען באַוואַכט פון קריגס־שיפען. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען. דער עסקאַדראָן פון האַנדעלס־שיפען פלעגט זיין אויסגעשפּרייט איבער אַ גרויסער שטרעקע אין ים. די אַמעריקאַנער „פּרייוועָ־טירס" פלעגען זיך אַריינ׳גנב׳ענען צווישען זיי און צווינגען איינע אָדער צוויי פון דעם עסקאַדראָן אָפּצופאָרען אָן אַ זייט, און דאָרטען זיך אונטערגעבען. די אַמעריקאַנער מאַטראָזען האָבען אין דער ארבייט ארויסגעוויזען אַ באַזונדערע געניאַגטקייט און געשיקטקייט. די ענגלישע סוחרים האָבען געפּרובט באַוואָפענען זייערע האַנדעלס־שיפען, אָדער שיקען יעדע האַנדעלס־שיף באַגלייט פון אַ קליינער קריגס־שיף. אָבער אפילו דאָס האָט ניט געהאָלפען. די אַמערי־קאַנער „פּרייוועטירס" פלעגען זיך מיט זיי ווי עס איז ספּראַווען.

די „פּרייוועטירס" האָבען אזוי פיל היזק אָנגעטאָן דעם ענגלי־שען האַנדעל, אַז די פאַרזיכערונגס־קאָמפּאַניעס אין ענגלאַנד און אין קענעדע האָבען פאַר געוויסע נסיעות זיך אנטזאַגט ארויסצו־געבען פאַרזיכערונגען צו די שיפען. זיי האָבען געפּאָדערט אַזאַ הויכע ראַטע, אַז די שיפען האָט זיך ניט געלוינט צו צאָלען. די גרעסטע סכנה פאַר די ענגלישע שיפען איז געווען ארום די ברעגען פון אירלאַנד. אין 1814 האָבען די סוחרים פון ליווערפּול געשיקט אַ פּעטיציע צו דעם פּלאָטען־מיניסטער, ער זאָל זיי באַשיצען געגען די אַמעריקאַנער „פּרייוועטירס", וועלכע „פאַנגען און ברענען אונ־זערע שיפען". די סוחרים פון גלאַסגאָו האָבען זיך מיט זייער פּעטיציע געווענדט צום קעניג. אין דער פּעטיציע באַקלאָגען זיי זיך, אַז די אַמעריקאַנער „פּרייוועטירס" „האָבען רואינירט אונזער האַנדעל, דערנידעריגט אונזער שטאָלץ און דיסקרעדיטירט די ים־מאַכט פון ענגלאַנד". „אין צוויי יאָר צייט", זאָגט ווייטער די פּעטיציע, „האָבען זיי געפאַנגען מער ווי 800 פון אונזערע שיפען".

עס ווערען אָנגעגעבען אַ ריי מיט פאַקטען וועגען די ערפאָלגען פון געוויסע „פּריוועטיר"־שיפען. די שיף „פּערי", פון באַלטימאָר, האָט אין דריי מאָנאַט צייט געפאַנגען 22 ענגלישע שיפען. די שיף „סורפּרייז" האָט אין 103 טעג פאַרניכטעט 13 שיפען. די שיף „גאָווערנאָר טאָמפּקינס" האָט פאַרברענט 14 ענגלישע שיפען נעבען די ברעגען פון ענגלאַנד.

אמעריקאַנישע שיפען האָבען אויך שרעקליך געליטען. די ענגלישע קריגס־שיפען האָבען פאַריאָגט, געפאַנגען און פאַרניכטעט הונדערטע אַמעריקאַנער האַנדעלס־שיפען. דיביידע לענדער האָבען פאַרלאָרען האַנדעלס־שיפען אין דער מלחמה ווארשיינליך גלייך אויף גלייך. אָבער ענגלאַנד האָט דעם היזק געפילט טיפער און שאַרפער. פאַר איר איז, אויסער דעם געלט־פאַרלוסט, געווען שווער צו פאַרטראָגען די שאַנדע, אַזאַ אַזאַ קליינע, אומאַנטוויקעלטע מדינה ווי די פאַראייניגטע שטאַטען, אַ מדינה וואָס האָט גאָר כמעט קיין פלאָטע ניט געהאַט און קיינמאָל קיין שום ראָלע אויפ'ן ים ניט געשפּילט, זאָל קענען אויפטאָן פונקט אַזוי פיל ווי די גרויסע מעכטיגע ים־הערשערין, ענגלאַנד. אָט איבער דעם האָבען עס די פּרעסע, די שטאַטס־לייט און די סוחרים פון ענגלאַנד ניט אויפגעהערט צו קלאָגען.

קאפיטעל 32.

ענגלישע פאָגראָמען; וואשינגטאָן פארברענט

אין אָנהויב פון יאָר 1813 האָט ענגלאנד אָנגעהויבען איר בלאָקאדע אויפ'ן אמעריקאנער ברעג. די ערשטע צייט האָבען די ענגלישע שיפען באוואכט בלויז די וואסערען פון די זידליכע שטאַטען. ביסלאכווייז זיינען אהער אריבערגעשיקט געוואָרען מער און מער קריגס־שיפען, און צום סוף יאָר איז דער גאנצער אמעריקאנער ברעג — פון מעין ביז דזשאָרדזשיא — שוין געווען אונטער דער בלאָקאדע. דער ים־האנדעל פון די פאראייניגטע שטאַטען איז פאראליזירט געוואָרען. ניט נאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט דער מסחר צווישען אמעריקא און אויסלאנד, נאָר אויך דער מסחר צווישען די אמעריקאנער שטאַטען גופא. קיין שאָסייען זיינען נאָך דעמאָלט כמעט ניט געווען, און די סחורה פון איין שטאַט אין צווייטען איז געפירט געוואָרען הויפּטזעכליך מיט שיפען.

די בלאָקאדע האָט זיך געלאָזט שנעל פילען. דער יקרות איז געוואָרען גרויס. אין אויגוסט 1813 איז דער פרייז פון א פונט טיי געווען 1 דאָלאר מיט 70 סענט. אין דעצעמבער האָט עס שוין געקאָסט פון 3 ביז 4 דאָלאר א פונט. רייז האָט אין דער סאַוט געקאָסט 3 דאָלאר 100 פונט, אָבער אין פילאדעלפיא איז דער פרייז געווען 12 דאָלאר. צוקער האָט אין באָסטאָן געקאָסט 18.75 ד. 100 פונט; אין באלטימאָר—26.50. דאָס איז געווען אין מאָנאט אויגוסט. אין מאָנאט דעצעמבער האָט מען אין דער נאָרט געצאָלט 40 דאָלאר פאר 100 פונט צוקער.

די פאָלגענדע ציפער ווייזען, וויפיל היזק די בלאָקאדע האָט אָנגעטאָן דעם אמעריקאנער אויסלענדישען האנדעל. דער עקספּאָרט

פון ניו יאָרקער האַפען האָט אין 1811 אָנגעטראָפען צוועלף־און־אַ־פערטעל מיליאָן דאָלאַר; אין 1814 האָט ער אָנגעטראָפען ניט מער ווי 209 טויזענט דאָלאַר. ווירדזשיניא האָט אין 1811 ארויס־געשיקט פּראָדוקטען אין ווערט פון פיר־און־דריי־פערטעל מיליאָן דאָלאַר; און אין 1814 האָט איר עקספּאָרט באַטראָפען ניט מער ווי 17,581 דאָלאַר.

דער פארלוסט אין האַנדעל און דער יקרות זיינען געווען בלויז אַ טייל פון די צרות, וואָס די בלאָקאַדע האָט אָנגעמאַכט. די ענגלישע קריגס־שיפען האָבען זיך ניט באַנוגענט מיט פארשפּאַרען די האַפענס און מיט פאַריאָגען די האַנדעלס־שיפען. זיי האָבען געהאַלטען די שטעדט און דערפער ביים ברעג אין שטענדיגען שרעק פון אָנפאַלען. פון צייט צו צייט פלעגען זיי מאַכען אַן אַטאַקע, באָמבאַרדירען אַ ישוב, אָדער צווינגען אַ שטאָדט צו באַצאָלען אויסלייז־געלט. גאַנץ אָפט פלעגען די מאַטראָזען אָפּשטאַטען אַ וויזיט אין אַ שטעדטעל און דאָרטען מאַכען אַ פּאָגראָם. איבער־הויפּט האָבען געליטען די שטעדט און דערפער פון ווירדזשיניא און מערילאַנד. דער ענגלישער אדמיראַל, סיר קאָקבוירן, האָט זיך אויסגעצייכענט אין די פּאָגראָם־ארבייט. זיין נאָמען איז אין אַמעריקא פאַרהאַסט ביז היינטיגען טאָג.

קאָקבוירן האָט אויף זיינע שיפען געהאַט אינגאַנצען אַ פינף הונדערט סאָלדאַטען און מאַטראָזען. מיט דעם קליינעם הייפעלע איז אים געלונגען אָנצואווארפען אַ שרעק אויף דער גאַנצער באַ־פעלקערונג ביי די ברעגען פון ווירדזשיניא און מערילאַנד. ער האָט פאַרנומען די אינזלען וואָס ליגען ביי די דורכגאַנגען פון טייכען צום ים. מעקמעסטער שרייבט: „די דאָרטיגע איינוואוינער האָבען פאַרבראַכט די צייט ניט אין אָרגאַניזירען זיך אין קאַמף געגען קאָקבוירן, נאָר אין באַהאַלטען זייער גוטס און אין אַנט־לויפען". די ענגלענדער זיינען באַפאַלען דאָס שטעדטעל פרענטש־טאַון און האָבען דאָרט פאַרברענט פינף שיפען, און גרויסע זאַפּאַסען פון מעל, קליידער, זאָטלען און שפּאַנען, וועלכע מען האָט דאָרטען אָנגעזאַמעלט פאַר דער אַרמיי. שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכען איז קאָקבוירן באַפאַלען דאָס שטעדטעל האַוור־דע־גראַס, און דאָרט פאַר־

ברענט דרייצען הייזער, צען שטאלען, פיר שיפען, די „פערי" און די קוזניע. די סאלדאטען האבען צוגענומען פעק מיט קליידער וואס זיי האבען ארויסגעטראגען פון די וואוינונגען. פערציג פא־מיליעס זיינען געבליבען אן א דאך איבער'ן קאפ. מען האט פאר זיי געמוזט ברענגען עסען און קליידער פון באלטימאר. שפעטער א ביסעל האבען די סאלדאטען צורויבט און אונטערגעצונדען די צוויי דערפער, פרעדעריקסטאון און דזשארדזשטאון. די נייס וועגען די פאגראמען האט זיך פאנאנדערגעטראגען איבער'ן גאנצען געגענד און די שטעדטלאך און דערפער האבען גענומען שיקען קאמיטעס צו קאקבוירן מיט ביטעס, ער זאל זיי ניט טשעפען. זיי האבען אים פארשפראכען, אז זיי וועלען זיך ניט שטעלען געגען אים און פארזיכערט, אז ביי זיי געפינען זיך ניט קיין סאלדאטען און קיין אמוניציע.

אין יולי איז קאקבוירן אראפגעפארען מיט זיינע שיפען נידער־ריגער צו זיד־צו. ער האט דארט דורכגעפירט ענליכע פאגראמען אויף די דערפער און שטעדטלאך ביים ברעג פון דזשארדזשיא. ער האט אויך געהאלפען די נעגער שקלאפען צו אנטלויפען אין די וועסט אינדיעס. דער אפיצער נאפיער, וועלכער האט געהאלפען קאק־בוירנ'ען אין דער ארבייט, האט וועגען דעם געשריבען אזוי: „ווי פיינט איך האב אט דעם טייל פון מיין ארבייט — צו בארויבען און רואינירען די פארמער! מיר נעמען ביי זיי אוועק די בהמות און רואינירען זיי. מיינע אייגענע הענט זיינען ריין, אבער עס איז העסליך צוצוקוקען ווי די ארימע מענשען ווערען בארויבט, און צו זיין איינער פון די רויבער".

אין 1814 האט זיך ענגלאנד א נעם געטאן צו ניו־ענגלאנד, וועלכע זי האט די גאנצע צייט כמעט ניט געטשעפעט. אין די זומער מאנאטען זיינען קריגס־שיפען באפאלען די אינזלען ארום די מעין און זיי איינגענומען איינציגווייז. דערנאך זיינען די ענגלישע סאלדאטען אריינגעדרונגען אין מעין גופא און איינגענומען די שטעדט ביים ברעג. מיט דעם דאזיגען צוג האט ענגלאנד גע־וואלט אנעקסירען דעם איסטליכען טייל פון מעין צו קענעדע. דער־פאר האט דער ענגלישער קאמאנדיר געצוואונגען די דארטיגע

אמעריקאַנער איינוואוינער צו שווערען טרייהייט צו ענגלאַנד. אַט איז אַ ביישפּיל, ווי אַזוי די ענגלישע קאָמאַנדירען האָבען גע־האַנדעלט אין די שטעדט אין מעין: אַן עסקאַדראָן שיפען איז צוגעשוואומען צו דער שטאָדט באַנגאָר. דער קאָמאַנדיר האָט גע־פאָדערט, די שטאָדט זאָל זיך אונטערגעבען. ווען די שטאָדט האָט געשטעלט באַדינגונגען, האָט דער ענגלישער קאָמאַנדיר באַפוילען: „אָן שום תנאים. איר דאַרפט מיר אויך צושטעלען פערציג פערד, פּראָוויאַנט פאַר די סאָלדאַטען און באַזאָרגען די אָפיצערען מיט קוואַרטיר אין פּריוואַטע הייזער". די שטאָדט האָט געמוזט נאָכ־געבען. אין דער שטאָדט האָט מען געהאַלטען אין בויען שיפען, האָבען די באַאַמטע זיך געמוזט פאַרפּליכטען, אַז זיי וועלען די שיפען פאַרטיג מאַכען און זיי איבערגעבען צום ענגלישען קאָמאַנדיר פאַר דעם 30טען אָקטאָבער. אויב ניט, וועלען זיי באַצאָלען דרייסיג טויזענט דאָלאַר שטראָף.

ענגלישע שיפען זיינען געפאָרען פון איין שטעדטעל צו דער צווייטער ביי די ברעגען פון ניו־ענגלאַנד, און זיי ענטוועדער פאַר־ניכטעט, אָדער ביי זיי גענומען אויסלייז־געלט. דאָס שטעדטעל וועלפּריט האָט באַצאָלט צוועלף טויזענט דאָלאַר; וואָוסטער האָט באַצאָלט פיר טויזענט; איסטהעם — צוועלף הונדערט. די קאָ־מאַנדירען פון די שיפען האָבען דערקלערט פאַר די איינוואוינער, אַז זיי האָבען אַ באַפעל צו פאַרניכטען אַלע שטעדטלאַך ביים ברעג, נאָר אַזוי ווי זיי איז דאָס ניט צום האַרצען, זיינען זיי גרייט צו איגנאָרירען דעם באַפעל און זיך באַנוגענען מיט אויסלייז־געלט.

די קאַמפּאַניע פון פּאָגראָמען האָט דערגרייכט איר העכסטען פונקט אין מאָנאַט אויגוסט 1814, ווען די ענגלענדער האָבען זיך גענומען צו דער הויפּט־שטאָדט פון די פאַראייניגטע שטאַטען — וואַשינגטאָן.

וואַשינגטאָן איז ניט געווען באַפעסטיגט. אין די צוויי יאָר פון דער מלחמה איז דער מינדסטער פאַרזוך ניט געמאַכט געוואָרען צו באַשיצען די שטאָדט אין פאַל פון אַן אַטאַקע. דעם 20טען אויגוסט איז אַן ענגלישע פלאָטע אריינגעשוואומען אין טייך פּאַטאַק־סענט און דאָרט אַראָפּגעלאָזט אַן אַרמיי פון אַ פּאָר טויזענט מאַן.

די ארמיי האָט אוועקגעמארשירט קיין וואשינגטאָן. אין דער שטאָדט איז געוואָרען אַן אמת'ע פאניק. די מענער האָבען זיך גענומען אָרגאניזירען פאר מיליטערישע ארבייט. די פרויען און די קינדער האָבען איינגעפאקט די זאכען אין בוידען און וואָגענס און גענומען אנטלויפען פון שטאָדט. פון די ארומיגע שטאטען זיינען אָנגעקומען מיליץ און סאָלדאטען. דער פרעזידענט און די קאבינעט־מיניסטאָרען זיינען אַלע אוועק אין לאַגער, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען ביי דער שטעדטעל בלאדענסבורג, עטליכע מייל פון וואשינגטאָן. דער פּלאַן איז געווען צו באפעסטיגען דאָס שטעדטעל און דאָרט זיך צו שטעלען געגען דער ענגלישער ארמיי.

דער צוזאמענשטויס איז פאָרגעקומען דעם 24טען אויגוסט. די ענגלענדער האָבען אטאקירט. די אמעריקאנער האָבען ניט גע־וויזען קיין שטארקען ווידערשטאנד. דעמזעלבען טאָג האָט די ענגלישע ארמיי אריינגעמארשירט אַ זיגרייכע קיין וואשינגטאָן. דער קאָמאנדיר איז געווען דערזעלבער קאקבוירן, פאר וועלכען די איינוואוינער פון דעם גאנצען ברעג האָבען געציטערט.

די ענגלענדער זיינען אין וואשינגטאָן געשטאנען בלויז אַ נאכט און אַ טאָג, אָבער זיי האָבען דאָרט פונדעסטוועגען באוויזען אָנצומאכען אַ חורבן. די ערשטע זאך האָבען זיי אונטערגעצונדען דעם „קעפּיטאָל" — די געביידע פון קאָנגרעס און סענאט. דאַן האָבען זיי אוועקגעמארשירט צום פרעזידענט'ס וואוינונג, זי צו־ראבירט און אונטערגעצונדען. זיי האָבען אויך פארברענט די פינאנץ־געביידע. דאָס אַלץ האָבען זיי אָפּגעטאָן די ערשטע נאכט. אויף מאָרגען האָבען זיי אונטערגעצונדען נאָך אַ פּאָר רעגירונגס־געביידעס און עטליכע הייזער. זיי האָבען פארניכטעט די געביידע פון דער וואשינגטאָנער צייטונג. ווען זיי זיינען פארטיג געוואָרען מיט'ן פּאָגראָם, האָבען זיי די שטאָדט פארלאָזען.

מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער האָט אַן ענגלישע פלאָטע און אַן ארמיי אטאקירט באלטימאָר. דער פארזוך האָט זיך ניט איינ־געגעבען. דאָס איז געווען דעם 13טען סעפּטעמבער. די ענגלישע קריגס־שיפען האָבען באָמבארדירט די באלטימאָרער פעסטונג אַ גאנצען טאָג און אַ האַלבע נאכט, אָבער דער פעסטונג האָט עס

גאָרניט געשאַדט. די ענגלישע באָמבעס האָבען ניט געקענט דערגרייכען ביז'ן ברעג, און צושווימען נעהענטער האָבען די שיפען ניט געקענט, ווייל דאָס וואַסער איז געווען ניט גענוג טיף. די אַרמיי אויפ'ן לאַנד, ווידער, האָט ניט געוואַגט צו מאַרשירען אויף דער שטאָדט, כּל־זמן די פעסטונג איז ניט געווען באַזיגט. געענדיגט האָט זיך די אַטאַקע דערמיט, וואָס די ענגלישע אַרמיי און פלאָטע האָבען זיך אַליין צוריקגעצויגען. באַלטימאָר איז געבליבען גאַנץ *).

מיט'ן דורכפאַל ביי באַלטימאָר האָבען זיך געענדיגט די ענגלישע אָנפאַלען אויף די שטעדט ביים ברעג.

*) די אַמעריקאַנישע הימנע „סטאַר ספּענגעלד בעננער" („די שטערן־באַשפּריצטע פאָן") איז געשריבען געוואָרען בשעת דער באָמבאַרדירונג פון באַלטימאָר. דער מחבר, פרענסיס סקאָט קי, איז געווען אַ געפאַנגענער אויף אַן ענגלישער שיף, און ער האָט פון זיין געפאַנגענשאַפט געזען ווי די שטאָדט ווערט באָמבאַרדירט. ווען ער האָט אין דער פרי באַמערקט, אַז די אַמעריקאַנער פאָן פלאַטערט נאָך אַלץ אויף דער פעסטונג, האָט ער פאַרפאַסט דאָס ליד, וואָס דריקט אויס די באַגייסטערונג פאַר דער העלדישער פאַרטיידיגונג פון די אַמעריקאַנער און בכלל אַלגעמיינע געפילען פון פאַטריאָטיזם. קי האָט געשריבען אַנדערע לידער אויך, אָבער זיי זיינען געווען פון אַ קליינעם ליטעראַרישען ווערט. די „סטאַר ספּענגעלד בעננער" איז די איינציגע פון זיינע שאַפונגען וואָס איז געבליבען לעבען.

קאפיטעל 33.

די מלחמה אין דער סאַוט. — דער זיג ביי ניו אָרליענס

אין דער סאוט האָט דער קריג מיטגעבראכט אן אויפשטאנד פון אינדיאנער שבטים, וועלכע האָבען געוואוינט אין דער מיסיסיפּי טעריטאָריע, דאָרט וואו דער שטאט אלאבאמא געפינט זיך איצט. די שבטים האָבען זיך גערופען „קריקס". זיי זיינען געווען פריד־ליכע מענשען, געוואוינט אין דערפער, באארבייט די ערד און זיך געלערענט פון די ווייסע ווי צו האָדעווען פי און ווי צו שפּינען און וועבען. אָבער געטאָן האָבען זיי עס ניט ווייל זיי האָבען ליב געהאט דאָס ציוויליזירטע לעבען, נאָר ווייל די נויט האָט זיי דערצו געטריבען. די ווייסע קאָלאָניסטען האָבען אויסגעשאָסען און פאר־טריבען די חיות פון די וועלדער. פון יאגד אליין האָבען זיך אלזא די אינדיאנער ניט געקענט דערנערען, האָבען זיי זיך געמוזט נעמען צו ערד־ארבייט און פי־האָדעוואניע. אין הארצען האָבען זיי גע־בענקט נאָכ'ן אמת'ן אינדיאנישען וואלד־לעבען פון אמאָל. און טייל פון זיי, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט איבערברעכען, האָבען זיך אוועקגעלאָזען זוכען א נייע היים.

די לאגע איז דאָ געווען ענליך צו דער לאגע אין דער נאָרדליכער טעריטאָריע, וואָס איז באשריבען געוואָרען אין א פריערדיגען קאפּיטעל. די ווייסע שבטים האָבען זיי אלץ ענגער און ענגער געמאכט, צוגענומען ביי זיי אלץ מער און מער לאנד. די רעגירונג האָט אפילו די אינדיאנער באשיצט; מיט געוואלד האָט מען די ערד ניט געטאָרט צונעמען. אָבער די ווייסע האָבען געטריבען זייערע סטאדעס חזירים, פערד און בהמות זיך צו פיטערען אין

די אינדיאַנישע וועלדער. די ווייסע האָבען אויך, ווי שוין געזאָגט, אויסגעראָט די ווילדע חיות פון די וועלדער. האָבען די אינדיאַנער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו פאַרקויפען איין שטיק לאַנד נאָכ'ן אַנדערען.

ווען טעקאָמסע האָט אין 1811 אָנגעהויבען זיין באַוועגונג צו אָרגאַניזירען די אינדיאַנישע שבטים פון דער נאָרט, האָט זיין אַרבייט געקראָגען אַן אָפּקלאַנג אין דער סאַוט. אין אָקטאָבער 1811 איז טעקאַמסע געקומען צום יערליכען ראַט פון די טשיפּס פון די „קריקס" אין דעם דאָרף טאַקאַבאַטשי. דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער האָוקינס איז דאָרט אויך געווען. טעקאַמסע האָט זיך געהיט מיט זיינע ווערטער. ער האָט ניט געפּרעדיגט קיין אויפשטאַנד. ער האָט נאָר אַגיטירט דערפאַר, אַז אַלע אינדיאַנישע שבטים זאָלען זיין פאַראייניגט. נאָכדעם ווי ער איז אַוועק, האָבען זיך גענומען באַווייזען „נביאים" און „כשוף־מאַכער", וועלכע האָבען געפּרעדיגט האַס און פאַרניכטונג דער ווייסער ציוויליזאַציע. די „נביאים" האָבען פאַרזיכערט דעם אינדיאַנישען עולם, אַז זיי קענען ברענגען אַן ערד־ציטערניש, און ווען די ווייסע וועלען שיקען אַן אַרמיי געגען די אינדיאַנער, וועלען די „נביאים" באַפעלען די ערד אַל זיך עפּענען, און די ווייסע אַרמיי וועט איינגעזונקען ווערען. די נביאים האָבען זייער פּראָפּאַגאַנדע אָנגעפירט אין געהיים. געטאָן האָבען זיי עס צוליב אַ גאַנץ נאַטירליכער אורזאַך: אָן דער הילף פון איבערנאַטירליכע כחות וואָלט דער אינדיאַנער פון דער סאַוט ניט געוואַגט צו רעוואָלטירען געגען די ווייסע. זיי האָבען ניט געהאַט קיין ביקסען און קיין פולווער. זייער איינציגער געווער איז געווען — פייל־און־בויגען און רויטע שטעקענס. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז מיט אַזוינע וואָפען וועלען זיי זיך ניט קענען שטעלען געגען די ביקסען און האַרמאַטען פון די ווייסע. אָבער אַז די „נביאים" האָבען זיי פאַרזיכערט, אַז דער הימעל וועט פאַר זיי מלחמה האַלטען, האָבען זיי זיך פאַר קיין זאַך ניט געשראָקען.

דאָס איז געווען די לאַגע ווען די מלחמה פון 1812 איז דערקלערט געוואָרען. אַרום אַ יאָר צייט האָבען זעקס טשיפּס פון די „קריקס" פאַרבראַכט אויף אַ שליחות צו אינדיאַנישע שבטים אין

דער נארט. די טשיפס האבען שוין אין איין וועג באזוכט טעקאמסע, וועלכער האט זיך דאן באטייליגט אין דער מלחמה ביים קענעדער גרענעץ. זיי האבען אויך באקומען א בריף פון אן ענגלישען אפיצער אין קענעדע צו דעם שפאנישען באאמטען אין פלארידא, ער זאל די אינדיאנער געבען ביקסען און פולווער. אויפ'ן וועג צוריק האבען די טשיפס אנגעטראפען אויף א ישוב פון דריי ווייסע פאמיליעס ביים אהייא טייך. זיי זיינען באפאלען די פאמיליעס און זיי אויס־געקוילעט. דאס האט פאסירט אין מאנאט פעברואר 1813.

די עלטערע טשיפס פון די „קריק"־אינדיאנער האבען געוואלט ווייטער אנהאלטען דעם פרידען מיט די ווייסע. ווען די זעקס זיינען געקומען צוריק און דערציילט פון זייער שליחות, האבען די עלטערע טשיפס זיי ארויסגעטריבען פון ראט־הויז. באלד נאכדעם האבען די עלטערע טשיפס באקומען א ידיעה פון האוקינס'ן וועגען דער גרויזאמער שחיטה וואס די זעקס האבען באגאנגען. ער האט געפאדערט, אז די מערדער זאלען אויסגעליפערט ווערען צו דער רעגירונג. די זעקס טשיפס זיינען אבער באצייטענס אנטלאפען אין די וועלדער. די עלטערע האבען ביי א בעראטונג באשלאסען, אז די מערדער מוזען הינגעריכט ווערען. א פארטיע פון באוואפענטע אינדיאנער איז אוועקגעשיקט געווארען נאכצויאגען די אנטלאפענע. געענדיגט האט זיך דאס דערמיט, וואס די אלע זעקס טשיפס זיינען דערשאסען געווארען.

די פאסירונג האט אויפגערודערט די אינדיאנישע דערפער. עס האט באלד אויסגעבראכען אן אויפשטאנד. די עלטערע טשיפס האבען געמוזט אנטלויפען צו די ווייסע. די וואס האבען הינגע־ריכט די זעקס זיינען איינציגווייז דערמארדעט געווארען. צום אויפשטאנד האבען זיך אנגעשלאסען ארום צוויי טויזענט אינדיא־נער. צווישען די ווייסע איינוואוינער האט אויסגעבראכען א פאניק. דעם 30טען אויגוסט איז פארגעקומען די ערשטע גרויסע שחיטה אויף די ווייסע. דאס איז געשען אין א ישוב פארט מימז, 35 מייל פון מאביל. אין דער פעסטונג דארטען זיינען צוזאמענ־געלאפען 550 קאלאניסטען פון דעם געגענד, מענער, פרויען און קינדער. די מערסטע פון זיי זיינען געווען ווייסע, אבער עס האבען

זיך אויך געפונען אַ ביסעל אינדיאַנער און נעגער צווישען זיי. די פעסטונג איז באַלד אַרומגערינגעלט געוואָרען פון אַ טויזענט אינ־דיאַנער, וועלכע האָבען זי אונטערגעצונדען. בלויז פופצען ווייסע איז געלונגען זיך צו ראַטעווען. די אינדיאַנער האָבען אָפּגעהאַקט די שאַרבענס פון 250 טויטע, זיי אַרויפגעשטאָכען אויף הויכע שטאַנגען און אַוועקגעמאַרשירט מיט זיי אין דער שפּאַנישער שטאָדט פּענסאַקאָלא, אין פלאָרידאַ.

דער „זיג" האָט פאַנאַנדערגערייצט דעם אַפּעטיט ביי די אינ־דיאַנער. זיי האָבען גענומען ברענען און מאָרדען. זיי האָבען פאַרניכטעט די תבואה אויף די פעלדער. די ווייסע האָבען פאַר־לאָזען זייערע היימען און זיינען געלאָפען זיך באַהאַלטען אין די פעסטונגען. פון דאָרטען האָבען זיי געשיקט הילפס־רופען צו די גאָווערנאָרס פון די אַרומיגע שטאַטען: לואיזיאַנאַ, דזשאָרדזשיאַ און טענעסי.

די ערשטע האָט זיך אָפּגערופען טענעסי. די נייעס וועגען דער שחיטה אין מימז איז אָנגעקומען אין נעשוויל, די הויפּט־שטאָדט פון טענעסי, אין מיטען סעפּטעמבער. ענדרו דזשעקסאָן, דער קאָמאַנדיר פון דער פרייוויליגער אַרמיי, איז דאַן געלעגען אַ קראַנקער אין בעט. ער האָט אָבער גלייך אַרויסגעגעבען אַ באַפעל צו די צוויי טויזענט סאָלדאַטען זיי זאָלען זיך מאָביליזירען. אין צוויי וואָכען אַרום האָט ער שוין מיט זיי געמאַרשירט צו דער אינדיאַני־שער טעריטאָריע. שפּעטער אַ ביסעל האָבען די אַנדערע שטאַטען — דזשאָרדזשיאַ און לואיזיאַנאַ — אויך אַרויסגעשיקט אַרמייען. יענע האָבען אָבער ווייניג וואָס אויפגעטאָן. די מלחמה געגען די „קריקס", וועלכע האָט זיך פאַרצויגען אויף דריי־פערטעל יאָר, איז אָנגעפירט געוואָרען פון דזשעקסאָנ'ען.

דער שונא איז ניט געווען קיין שטאַרקער. די „קריקס" זיינען געווען אינגאַנצען אַרום פיר טויזענט אין צאָל. ביקסען האָבען זיי געהאַט פיליכט אַ טויזענט. קוילען אויך זייער ווייניג. די אינ־דיאַנער האָבען געמוזט שיסען מיט פיילען געגען קוילען. דזשעק־סאָנ'ען וואָלט ניט שווער אָנגעקומען זיי צו באַזיגען, האָט ער אָבער געגען זיך געהאַט צוויי אַנדערע שונאים. ערשטענס, זיינע אייגענע

סאָלדאַטען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אין איין בונטעווען. זיין אַרמיי איז באַשטאַנען הויפּטזעכליך פון פרייוויליגע און מיליץ. זיי פלעגען זיך אָנשליסען אויף קורצע טערמינען, און אַזוי שנעל ווי זייער צייט פלעגט זיך ענדיגען, פלעגען זיי פאָדערען, מען זאָל זיי לאָזען גיין אַהיים. דער צווייטער שונא איז געווען די נאַטור. דאָס לאַנד איז געווען באַדעקט מיט וועלדער און זומפּען, אָן שום וועגען.

ענדרו דזשעקסאָן

עס איז שווער געווען צו מאַרשירען און פירען פּראָוויאַנט. אָפט איז די סאָלדאַטען אויסגעקומען צו הונגערען, און דאָס איז געווען נאָך אַן אורזאַך פאַר זייער בונטעווען זיך.

דזשעקסאָן האָט אָבער געהאַט אַן אייזערנעם ווילען און אַן אומערשעפּליכע ענערגיע. ער האָט אַלע שונאים בייגעקומען. ער

האָט די אייגענע סאָלדאטען געסטראשעט מיט'ן טויט, אויב זיי וועלען ניט פאָלגען. ער האָט באנוצט איין טייל פון דער ארמיי צו צווינגען דעם צווייטען טייל צו פאָלגען זיינע באפעלען. איין סאָלדאט האָט ער טאקע הינגעריכט. אין א צווייטען פאל האָט ער געגען א צובונטעוועטען רעגימענט אָנגעשטעלט צוויי קאנאָנען און דערקלערט, אז אויב זיי וועלען ניט טאָן וואָס ער הייסט, וועט ער שיסען. די נאטור־שוועריגקייטען איז ער ביינעקומען דורך אויס־דויער. ער האָט זיך ניט אָפגעשטעלט פאר קיין זאך, זיך ניט גע־שראָקען פאר הונגער, פאר מידקייט, און האָט געמארשירט ווייטער און ווייטער, ביז וואנען ער האָט דערגרייכט זיין ציל.

און געגען די אינדיאנער איז ער געווען גרויזאם. זיין כלל איז געווען: אויסראָטען, אויסקוילענען וויפיל מען קען נאָר. „דזשעקסאָנ'ס פאָליטיק פון אויסראָטען — שרייבט העגרי עדעמס — „האָט אויפגעשוידערט יעדען אמעריקאנער מיט א מענשליך געפיל אין הארצען. פיליכט וואָלט זיין האנדלונג ניט געווען אזוי אָפשטויסענד, ווען די „קריקס" וואָלטען געוועז ארויסגעוויזען מער ווידערשטאנד. און נאָך אן ערנסטערע טענה געגען דזשעקסאָנ'ען איז דאָס, וואָס די שטעדט, וועלכע ער האָט פארניכטעט, זיינען ניט געווען די הויפט־שולדיגע אין דעם אויפשטאנד".

אין יולי 1814 האָט דזשעקסאָן באקומען א באפעל פון וואַ־שינגטאָן, ער זאָל שליסען פרידען מיט די באזיגטע „קריקס". אין דער טעריטאָריע האָבען זיך דאן קיין אינדיאנער שבטים מער ניט געפונען. זיי זיינען ענטוועדער אויסגעה'הרג'עט געוואָרען, אָדער זיי האָבען זיך אריבערגעכאפט די גרעניץ און זיינען אנטלאָפען צו די שפאניער אין פלאָרידא. די אינדיאנישע טשיפס, וואָס האָבען זיך געפונען אין דער טעריטאָריע, זיינען געווען פריינדליך צו די ווייסע. טייל פון זיי האָבען אפילו געהאָלפען די ווייסע געגען זייערע אייגענע ברידער. אין יעדער שלאכט האָבען זיך בא־טייליגט אינדיאנער אויף דער זייט פון די אמעריקאנער. אָט די פריינדליכע טשיפס האָט איצט דזשעקסאָן איינגעלאדען צו ריידען מיט זיי וועגען שלום.

דער פרידען, וואָס דזשעקסאָן האָט ביי דער דאָזיגער יאָנ־

פערענץ פארגעלעגט די אינדיאנער, שרייבט מעקמעסטער, איז געווען איינע פון די שענדליכסטע עולות, וואס זיינען באגאנגען געווארען געגען די אינדיאנער, און איז א שאנד־פלעק אויפ'ן אמע־ריקאנישען פאלק. די אינדיאנער, מיט וועמען דזשעקסאן האט אונטערהאנדעלט, זיינען געווען זיינע פארבינדעטע אין דער מלחמה. זיי האט געווים געקומט ניט קיין שטראף, נאר א באלוינונג. אבער אט זיינען די וויכטיגסטע פונקטען, וואס דזשעקסאן האט ארויס־געשטעלט:

1) אלס א שטראף פאר'ן אויפשטאנד, זאל פון די אינדיאנער צוגענומען ווערען א טייל פון זייער טעריטאריע.

2) די „קריקס" טארען קיינמאל ניט האבען קיין שום פאר־קער מיט קיין שפאנישער שטאדט אדער פירען מסחר מיט א סוחר, וואס האט ניט קיין האנדעלס־צייגניש פון דער אמעריקאנער רעגירונג.

3) די אמעריקאנער רעגירונג זאל האבען דאס רעכט צו בויען שאסייען, פעסטונגען און האנדעלס־פאסטענס איבעראל אין דער טעריטאריע וואס געהערט צו די „קריק"־שבטים.

די טשיפס זיינען געווען דערשטוינט פון די פאדערונגען. די לעצטע צוויי פונקטען וואלטען זיי שוין ווי עס איז איינגעביסען, אבער דעם ערשטען פונקט — אפצוגעבען א גרויסען טייל פון זייער לאנד — דאס האבען זיי ניט געוואלט נאכגעבען. דזשעקסאן האט זיי דאן דערקלערט, אז דער יעניגער צווישען זיי, וואס וועט ניט לעגען זיין חתימה אויפ'ן אפמאך, וועט באטראכט ווערען אלס א בונטאווששיק און וועט גלייך הינגעריכט ווערען. ער האט פשוט מיט א רעוואלווער אין האנט געצוואונגען זיי אונטערצושרייבען, און זיי האבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט און געפאלגט.

דער דאקומענט איז גע'חתמ'עט געווארען דעם 9טען אויגוסט 1814, א יאר נאך דעם פאגראם, וואס די זעקס „קריק"־טשיפס האבען געמאכט אויף די ווייסע פאמיליעס. דער רעזולטאט פון דעם אויפשטאנד איז געווען, אז דער גרעסטער טייל פון די „קריקס" זיינען אויסגע'הרג'עט געווארען, און מער ווי א העלפט פון דער טעריטאריע וואס האט באלאנגט צו זיי, איז צוגענומען געווארען.

אַן ערך אין דערזעלבער צייט, ווען דזשעקסאָן איז פאַרטיג געוואָרען מיט די „קריקס״, האָט דער ענגלישער גענעראַל דאָ באַקומען אַ באַפעל צו אָרגאַניזירען אַן אַטאַקע אויף לואיזיאַנאַ. די ענגלענדער האָבען געהאָפט, אַז זיי וועט געלינגען, טיילווייז מיט גוטען און טיילווייז מיט בייזען, צו ווירקען אויף די איינוואוינער פון לואיזיאַנאַ, זיי זאָלען זיך צוריק אונטערוואַרפען אונטער דער הערשאַפט פון שפּאַניען. דער פּלאַן איז געווען צו אַטאַקירען ניו־אָרליענס, די האַפען־שטאָדט פון לואיזיאַנאַ, און אַרויסלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע צו די איינוואוינער, מיט דער הבטחה, אַז ענגלאַנד וויל ניט איינגעמען דאָס לאַנד פאַר זיך, נאָר זי וויל „באַפרייען דאָס לאַנד פון דער טיראַניי פון די פאַראייניגטע שטאַטען״.

דזשעקסאָן איז איצט געווען דער הויפּט קאָמאַנדיר פון די אַמעריקאַנער אַרמייען אין דער גאַנצער סאוט. ער האָט באַקומען אָפיציעלע ידיעות פון דעם קריגס־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן וועגען ענגלאַנד'ס געפּלאַנטען אָנפאַל אויף ניו־אָרליענס, אָבער ער האָט זיך וועגען דעם ניט געקימערט. זיין אַמביציע איז געווען דיזעלבע וואָס ביי די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען אין דער סאוט און אין דער וועסט—אָפּצונעמען פלאָרידאַ ביי שפּאַניען. ער האָט איצט נאָר געטראַכט ווי אַזוי עס דורכצופירען. אין דער צייט וואָס די ענגלענדער האָבען צוגעגרייט זייער עקספּעדיציע געגען ניו־אָרליענס, האָט דזשעקסאָן צוגעגרייט זיין עקספּעדיציע געגען פלאָרידאַ. איידער די ענגלענדער זיינען געווען פאַרטיג אָנצופאַנגען זייער מאַרש, איז דזשעקסאָן באַפאַלען די שפּאַנישע שטאָדט פּענסאַקאָלאַ אין פלאָרידאַ און זיי איינגענומען. דערנאָך האָט ער זיך גענומען גרייטען צו באַגעגענען די ענגלענדער אין ניו־אָרליענס.

די ענגלישע עקספּעדיציע איז געווען די גרעסטע, וואָס האָט זיך ביז דאַן באַטייליגט אין אַן אַטאַקע. זי איז באַשטאַנען פון פופציג שיפען און צען טויזענט סאָלדאַטען. אין מיטען דעצעמבער האָבען זיך די ענגלישע שיפען גענומען באַווייזען נעבען די ברעגען פון לואיזיאַנאַ. דזשעקסאָן האָט אין גרויס איילעניש צונויפגעקליבען אַלע סאָלדאַטען וואָס ער האָט נאָר געקענט געפינען. ער האָט געשטעלט די שטאָדט ניו־אָרליענס אין קריגס־צושטאַנד, און

האט ארויסגעגעבען א באפעל, אז יעדער מאן פון מיליטערישען עלטער מוז גלייך קומען העלפען פארטיידיגען די שטאדט.

די ערשטע צוזאמענשטויסען צווישען די צוויי ארמייען האבען באוויזען, אז די אמעריקאנער קענען זיך פארטיידיגען פיל בעסער ווי די ענגלענדער האבען געמיינט. די ענגלישע אטאקעס האבען זיך געענדיגט דערמיט, וואס די אמעריקאנער זיינען געבליבען אין זייערע פאזיציעס. דעם 8טען יאנואר 1815 האט דער ענגלישער קאמאנדיר, סיר עדווארד פעקענהעם, קאנצענטרירט אלע זיינע כחות צו געבען דעם שונא א גענעראל־שלאכט. ער האט געבראכט זיינע בעסטע רעגימענטען און די העלדישסטע אפיצירען. אבער די אטאקע, וועלכע איז געוועזן די לעצטע שלאכט אין דער גאנצער מלחמה, האט זיך געענדיגט מיט א שרעקליכער מפלה פאר ענג־לאנד. די אמעריקאנער האבען זיך ארויסגעוויזען פאר וואונדער־בארע ציל־שיסער. זיי האבען די ענגלישע ארמיי פשוט צושאסען אויף שטיקלאך. די ענגלענדער האבען פארלארען זייער הויפט־גענעראל און די וויכטיגסטע אפיצירען. די צאל פון זייערע טויטע און פארוואונדעטע האט דערגרייכט ביז צוויי טויזענט. די אמע־ריקאנער האבען פארלארען אכט טויטע און פופצען פארוואונדעטע -- אן אומבאדייטענדע צאל אין פארגלייך מיט'ן פארלוסט פון די ענגלענדער.

די שלאכט פון ניו־ארליענס האט בארימט געמאכט ענדרו דזשעקסאנ'ס נאמען איבער'ן גאנצען לאנד. אין דער סאוט, און איבערהויפט אין דער וועסט, איז ער געווארען דער העלד פון טאג.

קאפיטעל 34.

ניו־ענגלאנד בונטעוועט זיך

דאָס לאַנד איז ניט געווען באַגייסטערט פאַר דער מלחמה. לכתחילה האָבען די קאָלאָניסטען אין דער וועסט און אין דער סאוט זיך געריכט עפּעס צו געווינען פון דעם קריג. זיי זיינען זיכער געווען, אַז עס וועט אָנקומען גאַנץ לייכט אָפּצונעמען קענעדע פון ענגלאַנד און פלאָרידאַ פון שפּאַניען. באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די האָפנונגען קענען ניט פאַרווירקליכט ווערען, און די באַגייסטערונג האָט זיך אַ היבש ביסעל אָפּגעקילט.

אין די ניו־ענגלאַנד שטאַטען האָבען די הערשענדיגע קלאַסען, די סוחרים, די שיף־אייגענטימער און די פּאָליטיקער, זיך אָפען דער־קלערט אַלס געגנער פון דער מלחמה. זיי האָבען אַלץ געטאָן צו שטערען דער נאַציאָנאַלער רעגירונג אין דער מלחמה אַרבייט, צו שטערען איר מאָראַליש, גייסטיג און פיזיש. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג, אַן ערך אַ העלפט, האָט געגלויבט, אַז די נאַציאָ־נאַלע רעגירונג דאַרף יע געשטיצט ווערען. דאָס איז אָבער געווען דער אָרימער טייל פון דער באַפעלקערונג. די דעה־זאָגער האָבען געהערט צום צווייטען צד. די ניו־ענגלאַנד שטאַטען זיינען מיט זייערע עפענטליכע האַנדלונגען פּאַקטיש געשטאַנען פאַר ענגלאַנד און געגען די פאַראייניגטע שטאַטען.

די לאַגע האָט געטראָגען אַ טראַגיש־קאָמישען כאַראַקטער. די מלחמה איז דערקלערט געוואָרען דערפאַר, וואָס ענגלאַנד האָט גע־שטערט דעם אַמעריקאַנישען האַנדעל אויפ'ן ים און דערפאַר וואָס זי האָט אַראָפּגענומען מאַטראָזען פון אַמעריקאַנער שיפען. ווער האָט געליטען דערפון? הויפּטזעכליך די ניו־ענגלאַנד שטאַטען,

ווייל דארט איז געלעגען דער וויכטיגסטער טייל פון דער אמעריר קאנער שיף־אינדוסטריע און האנדעל. די סאוט און די וועסט האבען דערמיט קיין גרויסע שייכות ניט געהאט. די מלחמה איז אלזא געפירט געווארען צו באשיצען די אינטערעסען פון ניו־ענג־לאנד, און דוקא ניו־ענגלאנד האט געשריען, אז זי וויל ניט די מלחמה; אז די מלחמה מאכט זי אומגליקליך.

די גלייכגילטיגקייט פון איין טייל און די אפענע געגנערשאפט פון דעם אנדערען טייל האט זיך גאנץ שטארק געפילט אין אלץ וואס די רעגירונג האט געטאן צו פירען די מלחמה. יעדער פרוב צו קריגען געלט דורך הלואות, דורך שטייערען, דורך די שטאט־רעגירונגען, האט געבראכט טרויעריגע רעזולטאטען. מיט סאל־דאטען איז אויך געווען דאסזעלבע. עס איז כמעט אוממעגליך געווען צו קריגען רעקרוטען פאר דער ארמיי. די מיליץ־סאלדאטען האבען זיך אנטזאגט צו גיין אהין, וואו די פעדעראלע קאמאנדירען האבען זיי געשיקט. אין דער פרייוויליגער ארמיי זיינען די רייען אויך שטענדיג געווען א העלפט אדער דריטעל ליידיג.

פראפעסאר דואי, אין זיין ווערק „די פינאנציעלע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען", שרייבט אזוי: „דער פארלוסט וואס די רעגירונג האט געהאט שאפענדיג די הלואה־געלדער אין פארלויף פון דער מלחמה־צייט, פון 1812 ביז 1816, איז געווען א ריזיג־גרויסער. אין 1830 האט א קאמיטע פון קאנגרעס אויס־געזעכענט, אז פון די הלואות פון איבער 80 מיליאן דאלאר האט די רעגירונג אין אמת'ן געקראגען מזומן ניט מער ווי 34 מיליאן". דאס הייסט, אז די רעגירונג האט געמוזט צאלען די קאפיטאליסטען אזעלכע גרויסע פראצענטען און „קאמישאנס", אז פון יעדען דאלאר וואס זי האט געבארגט, איז איר געבליבען ניט מער ווי עטליכע און פערציג סענט. אלס ביישפיל וועט דינען דער פאלגענדער פאקט: אין אנפאנג יאר פון 1813 האט די רעגירונג באשלאסען צו בארגען זעכצען מיליאן דאלאר. די קאסע איז געווען פוסט, און מען האט געמוזט האבען וועניגסטענס די דאזיגע סומע כדי צו קענען פארטזעצען די מלחמה. אויפרופען זיינען געמאכט געווארען צום פאלק צו קויפען הלואה־פאפירען. דער עולם האט זיך אבי־

סעל אָפּגערופּען. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר מאָנאַטען זיינען פאַר־קויפט געוואָרען פּאַפּירען פאַר אַ זעקס מיליאָן דאָלאַר. צו די פּאַפּירען פאַר די איבעריגע צען מיליאָן האָט מען זיך ניט צוגערירט. דער פינאַנץ־מיניסטער האָט פאַרשטאַנען די אורזאַך: די רייכע ווילען ניט צאָלען דעם פולען פּרייז. האָט ער אָנגעבאָטען אראָפּ־צולאָזען צוועלף דאָלאַר פון יעדען הונדערט, דאָס הייסט, ער האָט אָנגעבאָטען אַ הונדערט־דאָלאַרדיגען באָנד פאַר 88 דאָלאַר. עס איז גלייך געוואָרען אַן אויסכאַפּעניש אויף די פּאַפּירען צווישען די רייכע. אַסטאָר אַליין האָט געקויפט פאַר צוויי מיליאָן דאָלאַר ווערט־פּאַפּירען.

שפּעטער האָט די רעגירונג געמוזט אראָפּלאָזען נאָך מער פון דעם פּרייז, און אַזוי האָט זיך אין פיר יאָר צייט אָנגעקליבען אַ חוב פון 80 מיליאָן דאָלאַר, כאָטש די רעגירונג האָט באַקומען ניט מער ווי 34 מיליאָן אין איר קאַסע.

מיט סאָלדאַטען איז געווען דאָסזעלבע. עס איז שווער גע־ווען צו קריגען רעקרוטען, און די וואָס מען האָט שוין געקראָגען, האָבען ניט שטענדיג געטויגט פאַר'ן שלאַכטפעלד. טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען איז ניט מעגליך געווען צו פאַרגרעסערען די אַרמיי אויף מער ווי עטליכע טויזענט מאַן. אין יוני 1813 האָט די אַרמיי געציילט קנאַפּע 28 טויזענט סאָלדאַטען. אין דעצעמבער 1813 האָט די צאָל דערגרייכט ביז איבער 35 טויזענט. אין יולי 1814 איז זי אראָפּגעפאַלען צו 31 טויזענט.

אין הערבסט 1814 האָט מאַנראָ, דער קריגס־מיניסטער, גע־מאַכט אַ פאַרצווייפעלטע אָנשטרענגונג צונויפצושטעלען אַן אַרמיי פון הונדערט טויזענט מאַן. די מיליטערישע לאַגע איז דעמאָלט געווען אַ קריטישע. די ענגלענדער האָבען אָקאָרשט געהאַט פאַר־ברענט וואַשינגטאָן. אַ גרויסע ענגלישע אַרמיי האָט זיך געגרייט צו אַטאַקירען ניו־אָרליענס. אַ שטרעקע פון אַרום הונדערט מייל־ברעג, אין מעין, איז געווען פאַרנומען פון די ענגלענדער. מאַנראָ האָט געגלויבט, אַז כדי צו קענען זיך פאַרטיידיגען און צוריק אָפּ־צונעמען דאָס פאַרנומענע לאַנד, איז נויטיג געווען אין פאַרלויף פון די עטליכע וואָכען צייט אַריינצוקריגען אין דער אַרמיי פרישע

70 טויזענט מאן. אויפ'ן געוויינליכען אופן, דורך אנבאטען „באַ־נוסעס" און דורך אגיטאציע, האט ער געוואוסט, וועט ער זיין ציל ניט דערגרייכען. ער האט דעריבער פארגעלייגט פאר'ן קאנגרעס פיר נייע פלענער. דער ערשטער און דער וויכטיגסטער פון זיי איז געווען פאלגענדער: די גאנצע מענער־באפעלקערונג צווישען די יארען פון 18 ביז 45 זאל רעגיסטרירט ווערען און צוטיילט ווערען אין גרופען פון הונדערט. יעדע גרופע זאל אין משך פון דרייסיג טעג צושטעלען פון צווישען זיך א געוויסע צאל רעקרוטען. אזוי שנעל ווי איינער פון די צוגעשטעלטע וועט ארויספאלען פון דער ארמיי — וועט גע'הרג'עט אדער פארוואונדעט, אדער געפאנגען ווערען — זאל זיין גרופע שיקען פון צווישען זיך אן אנדערען צו פארנעמען זיין פלאץ. אויב די גרופע וועט אליין ניט צושיקען איר באשטימטע צאל, זאל די רעגירונגווארפען גורל און אליין נעמען די סאלדאטען.

אין אנדערע ווערטער, דער פלאן איז געווען — געצוואונגענער מיליטער־דינסט, א „דרעפט". די רעפובליקאנער, וועלכע זיינען שטענדיג געווען געגען יעדען מיליטאריזם, האבען איצט, צום ערשטען מאל, אליין פארגעשלאגען, אז אין אמעריקא זאל איינגע־פירט ווערען א סיסטעם פון געצוואונגענער מיליטער־דינסט פאר דער גאנצער באפעלקערונג.

די רעפובליקאנישע פירער אין קאנגרעס האבען מורא געהאט דעם פלאן פארצולייגען. זיי האבען ארייגעטראגען א פיל מילדע־רען פארשלאג: אז די פעדעראלע רעגירונג זאל מעגען „דרעפטען" די מיליץ־סאלדאטען, וואס די שטאטען האבען. דער מילדערער פארשלאג האט ארויסגערופען א שטורמישע דעבאטע אין סענאט. דער פארשלאג איז שארף אטאקירט געווארען אלס געצוואונגענע מיליטער־דינסט. די הויפט־געגנער זיינען, נאטירליך, געווען די פעדעראליסטען, גראד די וואס האבען געגלויבט אין ארמייען און אין מיליטאריזם. צוליב זייערע סימפאטיען מיט ענגלאנד האבען זיי גע'טענה'ט, אז געצוואונגענע מיליטער־דינסט, אפילו אין

מלחמה־צייט, איז געגען דער קאָנסטיטוציע, געגען גערעכטיגקייט און געגען פרייהייט.*)

דער פּראָיעקט איז דורכגעפאַלען, ווייל די צוויי הייזער האָבען זיך ניט געקענט אייניגען אויף געוויסע איינצעלהייטען.

די אָפּאָזיציע פון די ניו־ענגלאַנד שטאַטען האָט זיך אויסגע־דריקט ניט בלויז דערין, וואָס זיי האָבען ניט געבאָרגט קיין געלט דער רעגירונג און האָבען זיך אַנטזאַגט צו שיקען זייער מיליץ אין קריג. זיי האָבען נאָך ערגערס געטאָן: זיי האָבען צוגעשטעלט עסען און סחורות דער ענגלישער אַרמיי אין קענעדע. די אַמערי־קאַנער רעגירונג האָט געמוזט זוכען עצות ווי אַזוי צו באַשיצען זיך געגען ניו־ענגלאַנד, גראַדע אַזוי ווי ניו־ענגלאַנד וואָלט געווען ניט אַ טייל פון די פאַראייניגטע שטאַטען, נאָר אַ פאַרבינדעטער פון ענגלאַנד.

דעם ערשטען יאָר פון דער מלחמה האָט ענגלאַנד געמאַכט אַ בלאָקאַדע אויף אַלע סאַוטה און מיטעל־שטאַטען. די האַפענס פון ניו־ענגלאַנד האָט זי אָבער געלאָזען אָפען. זי האָט עס געטאָן, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז ניו־ענגלאַנד איז פריינדליך צו איר. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די ניו־ענגלאַנד האַפענס האָבען געקראָ־גען דעם גאַנצען אויסלענדישען האַנדעל. דאָס האָט אַרויסגערופען ביטערע פּראָטעסטען, געשרייען און אייפערזוכט אין די אַנדערע שטאַטען. דערצו איז נאָך צוגעקומען די פאַרביטערונג געגען ניו־ענגלאַנד דערפאַר וואָס זי האָט פאַרקויפט מלחמה־מאַטעריאַלען דעם שונא. פּרעזידענט מעדיסאָן האָט זיך צום סוף יאָר 1813 געווענדעט צום קאָנגרעס מיט אַ פּאָרשלאַג צו פאַרווערען וועלכע עס איז שיפען אַריינצופאָרען אָדער אַרויסצופאָרען פון די אַמערי־קאַנער האַפענס. דער פּאָרשלאַג איז געצילט געוואָרען געגען ניו־ענגלאַנד, און ער איז אָנגענומען געוואָרען.

לאַנג איז אָבער דער פאַרבאָט ניט פאַרבליבען אין קראַפט. עס האָבען זיך אויפגעהויבען פּראָטעסטען ניט בלויז אין ניו־

*) ווען דער „דרעפט־ביל" איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען אין קאָנגרעס אין 1917, האָבען די געגנער ציטירט פון די רעדעס, וואָס זיינען גע־האַלטען געוואָרען געגען דעמזעלבען פּאָרשלאַג אין דער מלחמה פון 1812.

ענגלאנד, נאר אויך אין אנדערע טיילען פון לאנד. דאס געזעץ האט אוממעגליך געמאכט צו פירען סחורה פון איין האפען צו א צווייטען. דאס האט געגעבען די שמוגלער און די ספעקולאנטען א געלעגענהייט צו העכערען פרייזען. דער יקרות איז נאך פריער געווען גרוים גענוג, איצט איז ער געשטיגען נאך העכער. די קאנגרעס־לייט פון ניו־ענגלאנד האבען דאס געזעץ פארדאמט אלס ניט־קאנסטיטוציאנעל און טיראניש.

די אדמיניסטראציע האט ניט געקענט ביישטיין די פראטעסטען, און אין עטליכע מאנאטען שפעטער האט זי אליין פארגעלייגט קאנגרעס זאל אפשאפען דאס געזעץ, און עס איז אפגעשאפט געווארען.

די שטימונג אין די ניו־ענגלאנד שטאטען געגען דער מלחמה און געגען דער רעפובליקאנישע אדמיניסטראציע איז געווארען שארפער און ביטערער, וואס לענגער די מלחמה האט זיך פארצויגען. מען האט דארטען גערעדט וועגען שליסען א באזונדערען שלום מיט ענגלאנד, וועגען אפרייסען זיך פון די פאראייניגטע שטאטען. מיט דעם דאזיגען געדאנק האבען זיך ארומגעטראגען נאר די עקסטרימיסטען, אבער צווישען זיי האבען זיך געפונען די איינפלוסרייכסטע מענשען. אין די לעצטע מאנאטען פון 1814, ווען די מיליטערישע לאגע פון אמעריקא איז געווען אם טרויעריגסטען, איז פון דער שטימונג אין ניו־ענגלאנד ארויסגעוואקסען א באוועגונג, וואס איז באקאנט אין דער געשיכטע מיט'ן נאמען „די הארטפארד קאנווענשאן".

אין אקטאבער 1814 האט די לעדזשיסלייטשור פון מאסאטשוסעטס אנגענומען א רעזאלוציע, אז דער גאווערנאר זאל איינלאדען די שטאטען פון ניו ענגלאנד צו א קאנווענשאן אין הארטפארד. די דירעקטע סבה פון דער רעזאלוציע איז געווען פאלגענדע: ווען די ענגלישע ארמיי האט ארייננעדרונגען אין מעין (מעין איז דעמאלט געווען א טייל פון מאסאטשוסעטס), האט די פעדעראלע רעגירונג ניט געשיקט קיין ארמיי זי צו פארטיידיגען. די פעדעראלע רעגירונג האט אזוי געהאנדעלט דערפאר וואס מאסאטשוסעטס האט זיך אנטזאגט צו שטעלען אירע מיליץ־סאל־

דאַטען אונטער דער קאָמאַנדע פון די פעדעראַלע מיליטער־באַאַמטע. מאַסאַטשוסעטס האָט ביי דער קאָנפערענץ געוואָלט פאַראייניגען אַלע אירע שכנ׳ישע שטאַטען אין ניו־ענגלאַנד אין אַ מין זעלבסט־שוץ־פאַרבאַנד, וואָס זאָל אָרגאַניזירען אַן אַרמיי צו העלפען איינע די אַנדערע זיך צו פאַרטיידיגען געגען אַ שונא אין פאַל פון מלחמה.

דאָס איז געווען דער אָפיציעלער מאָטיוו, אָבער אַלע האָבען פאַרשטאַנען, אַז מען קען זיך ריכטען פון דער קאָנווענשאָן אויף ערנסטע רעזולטאַטען. די פעדעראַליסטישע פּרעסע אין ניו־ענגלאַנד איז פול געווען מיט אַטאַקעס אויף דער וואַשינגטאָנער רעגירונג. זי האָט געפאָדערט אַ באַלדיגען פרידען מיט ענגלאַנד. זי האָט געסטראַשעט, אַז די ניו־ענגלאַנד שטאַטען וועלען אַליין שליסען פרידען מיט ענגלאַנד, אויב די נאַציאָנאַלע רעגירונג וועט זיך איינשפּאַרען און פאָרטזעצען די מלחמה. צווישען די פעדעראַליסטישע פירער אין מאַסאַטשוסעטס זיינען געווען צוויי פראַקציעס: איינע, אַ מעסיגע, האָט געוואָלט, אַז די קאָנווענשאָן זאָל ניט ריזיקירען מיט קיין בירגער־קריג; די צווייטע, אַן עקסטרעמע, וועלכע איז געווען גרייט פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּצושטעלען, אפילו זיך אָפּצורייסען און גרינדען אַן אייגענע רעגירונג.

די דעלעגאַטען וואָס מאַסאַטשוסעטס האָט געשיקט צו דער קאָנווענשאָן האָבען געהערט צום מעסיגען פליגעל. עס איז מעגליך, אַז אפילו די מעסיגע וואָלטען אויך געוואַגט צו גיין גאַנץ וויית, אָבער דער אויפרוף צו דער קאָנווענשאָן האָט ניט געהאַט יענעם ערפאָלג, וואָס מאַסאַטשוסעטס האָט דערוואַרט. בלויז די צוויי שטאַטען, קאָנעקטיקאָוט און ראָוד איילאַנד, האָבען אָפּגעענטפערט מיט אַ באַשלוס צו שיקען דעלעגאַטען. ווערמאָנט האָט אַנטזאַגט זיך צו באַטייליגען אין דער קאָנווענשאָן. און ניו־העמשיר האָט אויך ניט געשיקט קיין דעלעגאַטען (בלויז צוויי דעלעגאַטען זיינען געקומען פון אַ קאָנפערענץ וואָס אַ געוויסע פּראָווינץ אין ניו־העמשיר האָט אַליין פאַררופען).

די זיצונגען, הינטער פאַרשלאָסענע טירען, האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין מיטען דעצעמבער, און האָבען אָנגעהאַלטען דריי

וואכען צייט. ווענען די פארהאנדלונגען גופא ווייס מען וועניג, קיינע באריכטען זיינען ניט ארויסגעגעבען געווארען. מען ווייס נאר די באשלוסען וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען. און זיי זיינען געווען ווי פאלגט:

ערשטענס, יעדער שטאט זאל האבען אן אייגענע ארמיי זיך צו פארטיידיגען.

צווייטענס, יעדער שטאט זאל האבען א רעכט זיך צו פאר־טיידיגען נעגען א שונא, און אז די נאציאנאלע רעגירונג זאל ערלויבען יעדען שטאט אראפצונעמען א טייל פון די נאציאנאלע שטייערען וואס ווערען אין דעם שטאט געזאמעלט צו דעקען די הוצאות פון דער שטאט־ארמיי.

דריטענס, עס זאלען געמאכט ווערען זיבען „אמענדמענטס" צו דער קאנסטיטוציע, — אמענדמענטס וועלכע זאלען אפשווא־כען די מאכט פון דער נאציאנאלער רעגירונג בנוגע מלחמות. איינער פון די אמענדמענטס זאל זיין — אז צו דערקלערען קריג איז נויטיג צוויי־דריטעל מאיאריטעט איןביידע הייזער פון קאנ־גרעס. א צווייטער אמענדמענט זאל דערקלערען, אז די רעגי־רונג טאר ניט פארבאטען האנדעל מיט אויסלאנד אויף לענגער ווי זעכציג טעג.

דער וויכטיגסטער באשלוס איז געווען דער צווייטער, אז די שטאט־רעגירונגען זאלען מעגען באנוצען א טייל פון די נאציאנא־לע שטייערען פאר זייערע אייגענע ארמייען. די קאנווענ־שאן האט אנגענומען א רעזאלוציע, אז אין פאל די נאציאנאלע רעגירונג וועט צוריקווייזען די פאדערונג, זאל א צווייטע קאנ־ווענשאן פאררופען ווערען דעם 15טען יוני אין באסטאן, און אז דארטען זאלען גענומען ווערען „יענע שריט וואס די אומשטענ־דען אין דעם מאמענט וועלען פאדערען".

אבער די באשלוסען אליין זיינען ניט דאס וויכטיגסטע. די אלגעמיינע דערקלערונגען זיינען געווען א סך שארפער ווי די באשלוסען און די אלגעמיינע דערקלערונגען זיינען געווען, ערשטענס, אז די שטאטען האבען א רעכט זיך צו פארטיידיגען נעגען נאציאנאלע געזעצען, „וועלכע טרעטען איבער די גרעניצען

פון דער קאָנסטיטוציע״; צווייטענס, אז עס איז דאָ אַ באַדערפע־ניש צו מאכען אן „ענדערונג אין לאַנד״. דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז די ניו־ענגלאַנד שטאַטען קלערען וועגען אָפּ־רייסען זיך פון דער רעגירונג. די דאָזיגע דערקלערונג גיט ווײ־טער אָנצוהערעניש, אַז ווען עס וואָלט געווען אַ רואיגע צייט, וואָלט מען וועגען אַזוינע שריט געקענט ערנסט טראַכטען.

די לעדזשיסלייטשור פון מאסאטשוסעטס האָט גוטגעהייסען דעם באַריכט פון אירע דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן. דאָס־זעלבע האָט געטאָן די לעדזשיסלייטשור פון קאָנעקטיקאָוט. די צוויי שטאַטען האָבען דערווײלט דעלעגאַטען צו פאָרען קיין וואַ־שינגטאָן און פאָרלייגען די פאָדערונגען פאַר׳ן קאָנגרעס.

די דעלעגאַטען זיינען אַרויסגעפאָרען. זיי האָבען אָבער זייער שליחות ניט דורכגעפירט. אין אַ ניו יאָרקער צייטונג איז ענדע יאַנואַר 1815 געדרוקט געוואָרען די פאָלגענדע אַנאָנסע: „דריי שיינע פאַראַנטוואָרטליכע הערען, וועלכע זיינען געווען אויפ׳ן וועג קיין וואַשינגטאָן, זיינען לעצטען מאָנאַט פּלוצלינג פאַרשוואונדען געוואָרען אין באַלטימאָר.״ די אַנאָנסע איז, פאַר־שטייט זיך, געווען אַ וויץ. די דעלעגאַטען זיינען טאַקע אויפ׳ן וועג „פאַרפאַלען געוואָרען״. זיי האָבען זיך אומגעקערט אַהיים אַזוי שנעל ווי זיי האָבען דערהערט, אַז דזשעקסאָן האָט געוואונען אַ גרויסען זיג אין לואיזיאַנאַ, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיגט, און אַז פרידען איז אונטערגעשריבען געוואָרען. זיי האָבען גע־וואוסט, אַז נאָך אַזעלכע פאַסירונגען וועט מען זיך אין וואַשינגטאָן צו זיי ניט צוהערען, און אַז אפילו אין זייערע אייגענע שטאַטען וועט מען זיך מיט זייערע פאָדערונגען מער ניט אינטערעסירען. די ניו־ענגלאַנד שטאַטען האָבען זיך געבונטעוועט אַזוי לאַנג ווי די מלחמה האָט אָנגעהאַלטען און די איינוואוינער האָבען געלי־טען פון דער בלאָקאַדע, פון דעם יקרות און פון די ענגלישע אַטאַקעס. איצטער אָבער, אַז עס איז געוואָרען שלום, איז די אומצופרידענהייט שנעל פאַרשוואונדען.

קאפיטעל 35

דער פרידען. — וואָס אמעריקע האָט געוואונען

ווענען שלום האָט מען נאָך אָנגעהויבען ריידען א פּאָר מאָ־נאַטען נאָכדעם ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכען. אין סעפּ־טעמבער 1812 האָט דער רוסישער צאַר פאָרגעשלאָגען דעם אמע־ריקאַנישען אמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע זיך אריינצולייגען אין א שלום. רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען א פארבינדעטע פון ענג־לאַנד אין דער מלחמה געגען נאַפּאָלעאָנ׳ען און דער צאַר האָט געוואָלט באפרייען ענגלאַנד פון איבעריגע שונאים. אמעריקע האָט דעם אָנבאָט אָנגענומען, ענגלאַנד אָבער האָט ניט געוואָלט. די דיפּלאָמאַטישע פארהאנדלונגען האָבען זיך געצויגען מאָנאַטען לאַנג. ענדליך האָט ענגלאַנד געלאָזט וויסען, אז זי איז גרייט צו ריידען וועגען שלום מיט אמעריקע דירעקט, אָן א דריטען צד. אין אייראָפּע זיינען שוין דעמאָלט געווען פינף אמעריקאַנער פאָרשטייער, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען אַלס א פרידענס־קאָמיסיע. מיט זיי האָט ענגלאַנד גענומען אונטערהאנדלען אין מיטען זומער פון 1814. די פארהאנדלונגען זיינען פאָרגעקומען אין גענט, בעלגיען.

בעת די פארהאנדלונגען האָבען זיך אָנגעפאַנגען איז ענג־לאַנד׳ס לאַגע אויף די שלאַכטפעלדער, סיי אין אמעריקע, סיי אין אייראָפּע, געווען א גלענצענדע. אין אמעריקע האָט זי ערשט גע־האָט פארברענט וואַשינגטאָן און אָפּגעהאַלטען עטליכע נצחונות ביים קענעדער גרענעץ, אויסער דעם האָט זי געהאַלטען א שטיק פון דער אמעריקאַנער טעריטאָריע אין מעין. אין אייראָפּע איז זי געווען פולשטענדיג זיגרייך. נאַפּאָלעאָנ׳ס מאַכט איז געווען

געבראָכען. די ענגלישע דיפּלאָמאַטען האָבען געפילט, אַז זיי קענען איצט דיקטירען די תנאים פון שלום מיט אַמעריקע. אַ גרויסער טייל פון דער ענגלישער פּרעסע האָט געפאָדערט, אַז די פאַרהאַנדלונגען זאָלען אָפּגעבראָכען ווערען און די מלחמה זאָל פאָרטגעזעצט ווערען ביז אַ פולען נצחון. די ענגלישע פרידענס־דעלעגאַטען האָבען טאַקע געשטעלט אַזעלכע תנאים, וואָס אַמע־ריקע האָט בשום אופן ניט געקענט אָננעמען.

ענגלאַנד האָט געפאָדערט, אַז עס זאָל געשאַפען ווערען אַ נייטראַלע שטיק טעריטאָריע צווישען קענעדע און די פאַראייניג־טע שטאַטען. די טעריטאָריע זאָל געהערען צו די אינדיאַנער און זאָל שטיין אונטער דער אויפזיכט פון ענגלאַנד און אַמעריקע. זי האָט ווייטער געפאָדערט, אַז די פאַראייניגטע שטאַטען זאָל ניט טאָרען האָבען קיין קריגסשיפען און קיין פעסטונגען אויף די „לייקס", די וואַסערען וואָס ליגען צווישען קענעדע און די פאַר־אייניגטע שטאַטען; אָבער ענגלאַנד זאָל יאָ דאָרט מעגען האָבען אַ קריגספלאָטע. זי האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז דאָס לאַנד, וואָס זי האָט פאַרנומען אין מעין, זאָל בלייבען ביי איר.

די אַמעריקאַנער דעלעגאַטען האָבען, פאַרשטייט זיך, די אַלע באַדינגונגען צוריקגעוויזען. עס האָט אויסגעזען, אַז די אונטער־האַנדלונגען וועלען מוזען אָפּגעבראָכען ווערען. דערווייל אָבער האָט זיך דאָס רעדעל גענומען דרייען אויף צוריק. די אַמעריקאַ־נער האָבען פאַרטריבען די ענגלישע פלאָטע פון באַלטימאָר, באַ־זיגט די ענגלישע פלאָטע ביי פּלאַצבורג און צושלאָגען די ענגלישע אַרמיי אין קענעדע. אויך אין אייראָפּע האָבען זיך באַוויזען נייע יאָלקענס. נאַפּאָלעאָן איז ווידער געוואָרען טעטיג. די ענגלישע דיפּלאָמאַטען האָבען איצט געענדערט זייער טאָן. זיי האָבען גע־בעטען די אַמעריקאַנער דעלעגאַטען זיי זאָלען פאָרלייגען זייערע באַדינגונגען.

די אַמעריקאַנער האָבען געשטעלט באַדינגונגען, וועלכע זיי־נען געווען אַזוי עקסטרעם ווי די ענגלישע, און ענגלאַנד האָט זיי צוריקגעוויזען. מען איז זיך אָבער ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען מען האָט וועגען יעדען פּונקט דעבאַטירט. ענדליך האָט מען זיך גע־

איינינגט אויפ'ן „סטאטוס־קוואָ", וואָס האָט עקזיסטירט פאַר דער מלחמה, ד. ה., אַלץ זאָל בלייבען ווי עס איז געווען פריער. אַלץ וואָס ביידע צדדים האָבען איינגענומען אין דער מלחמה זאָל מען זיך אָפּגעבען צוריק איינער דעם אַנדערען. די צוויי פראַגען, וואָס זיינען געווען די דירעקטע אורזאַך פון דער מלחמה — דאָס אַראָפּנעמען מאַטראָזען פון די שיפען און די באַשרענקונגען געגען דעם אַמעריקאַנישען האַנדעל — אָט די הויפּט־פראַגען האָט מען אינגאַנצען אויסגעלאָזען פון דעם פרידענס־טראַקטאַט. עס איז אויך באַשלאָסען געוואָרען אָפּצולייגען דעם דיספּוט וועגען דער גרענעץ צווישען קענעדע און די פאַראייניגטע שטאַטען און עס איבערגעבען צו אַ ספּעציעלער קאָמיסיע צו באַשטימען. אַמעריקע האָט אויך איינגעשטימט צו שענקען אַמנעסטיע יענע אינדיאַנישע שבטים וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער מלחמה אויף ענגלאַנד'ס זייט, אָבער די אינדיאַנישע טעריטאָריע איז ווי פריער געבליבען אונטער דער קאָנטראָל פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

דער פרידענס־אָפּמאַך איז אונטערגעשריבען געוואָרען אין גענט דעם 24טען אָקטאָבער 1814. איינער פון די פּונקטען אין דעם אָפּמאַך איז געווען, אַז וואַפענשטילשטאַנד ווערט דערקלערט אויף אַזוי לאַנג ביז וואַנען די צוויי לענדער וועלען דעם אָפּמאַך ענטוועדער אָננעמען אָדער צוריקווייזען. ווען אין 1814 וואָלט געווען אַ טעלעגראַף איבער'ן אַטלאַנטיק, וואָלט די שלאַכט ביי ניו־אָרליענס ניט געפאָכטען געוואָרען. אָבער איידער די ידיעה וועגען דעם פרידענס־אָפּמאַך און דעם וואַפענשטילשטאַנד איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז שוין געווען אין מיטען יאַנואַר, און די שלאַכט איז שוין געווען פאַראיבער.

די נייס וועגען דעם פרידען איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פרייד. אַמעריקע האָט, אמת, גאָרניט געוואונען, אָבער דער גרעסטער געווינס פאַר'ן עולם איז געווען דאָס וואָס די מלחמה האָט אויפגעהערט.

פון אַ מיליטערישען שטאַנדפּונקט איז די מלחמה געווען פון אַ קליינער באַדייטונג. די אַמעריקאַנער אַרמיי איז די אַלע יאָ־

רען פון דער מלחמה באשטאנען פון א 30 טויזענט מאן. אין די גרעסטע שלאכטען האָבען זיך באטייליגט ניט מער ווי א פיר טויזענט סאָלדאטען. אין אלע שלאכטען צוזאמען זיינען געווען 1,600 טויטע און 3,500 פארוואונדעטע.

דאָך האָט אמעריקע א סך געוואונען פון דער מלחמה. ענג־לאנד האָט איצט געקראָגען מער דרך־ארץ פאר די פאראייניגטע שטאטען, זי האָט אויפגעהערט צו שטערען דעם אמעריקאנישען האנדעל, אויפגעהערט צו טשעפען אמעריקאנער מאטראָזען. אמע־ריקע האָט דורך דער מלחמה געקראָגען אנערקענונג אלס א פול־שטענדיג אומאָפּהענגיג לאנד, מיט אלע רעכט און פרייהייטען, א לאנד וואָס קען זיך פארטיידיגען און וואָס מוז רעספּעקטירט ווערען.

ניט אומזיסט ווערט די מלחמה פון 1812 באצייכענט פון טייל היסטאָריקער אלס דער צווייטער „קריג פון אומאָפּהענגיג־קייט", דאָס הייסט, א צווייטע רעוואָלוציע געגען ענגלאנד.

קאפיטעל 36

דער קריזיס נאָך דער מלחמה

דער צענדליג יאָר וואָס נאָך דער מלחמה, פון 1815 ביז 1825, ווערט באצייכענט אין דער געשיכטע פון אמעריקע אלס די „צייט פון גוטע געפילען" („איראָ אָוו גוד פילינג"). פּאָליטיש איז דאָס לאנד אין יענעם צענדליג יאָר געווען רואיג. די פעדעראליסטישע פּארטיי האָט פּאקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירען אין דער נאציאָנאלער פּאָליטיק. דזשיימס מאנראָו, דער רעפּובליקאנישער קאנדידאַט פאַר פּרעזידענט, האָט אין די וואלען פון 1816 באקומען 183 עלעקטאָרישע שטימען, בשעת זיין געגנער האָט געקראָגען ניט מער ווי 34 שטימען. אין 1820 האָט שוין די פעדעראליסטישע פּארטיי גאָרניט ארויסגעשטעלט קיין געגען־קאנדידאט צו מאנראָו, און מאנראָו איז דערוויילט געוואָרען פּאקטיש איינשטימיג. בלויז איין־איינציגער עלעקטאָר האָט געשטימט געגען אים.

די רואיגקייט, די „גוטע געפילען", האָבען זיך אָבער באַגרענעצט אויפ'ן פּאָליטישען לעבען. אין דער אינדוסטריע, אין האנדעל, אין דעם אלגעמיינעם אנטוויקלונגס־גאנג פון לאנד זיינען פאָרגעקומען גרויסע און וויכטיגע ענדערונגען. דאָס לאנד האָט אָנגעהויבען צו גיין אויף אַ נייעם וועג. אמעריקע האָט אָפּגעקערט איר פּנים פון אייראָפּע, אָן וועלכער זי איז ביז דעמאָלט געווען אָפּהענגיג אינדוסטריעל. זי האָט איצט גענומען טראכטען וועגען זעלבסטשטענדיגער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג, וועגען אויפבויען אייגענע פאבריקאציע, וועגען אויסשפּרייטען זיך אין

דער וועסט, וועגען מאַכען אַמעריקע אומאָפּהענגיג אינדוסטריעל אַזוי ווי זי איז געווען אומאָפּהענגיג פּאָליטיש.

ביז דער מלחמה זיינען די צוויי וויכטיגסטע עקאָנאָמישע געביטען אין אַמעריקע געווען לאַנדווירטשאַפט און אויסלענדישער האַנדעל. די מלחמות אין אייראָפּע, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבען געעפענט גרויסע

דזשיימס מאָנראָו

מערק פאַר אַמעריקאַנישע פּראָדוקטען. אייראָפּע האָט געקויפט ביי אַמעריקע ווייץ, קאָרן, פלייש און בוימוואָל. עס איז אויך געוואָרען אַ פעלד פאַר שיפבוי און שיף־פאַרקער.

די לאַגע האָט זיך גענומען ענדערען אין די לעצטע יאָרען פון דזשעפערסאָנ׳ס אדמיניסטראַציע. די גזירות אויף נייטראַלע שיפען, וואָס ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען אַרויסגעגעבען כדי

אויסצוהונגערען איינע די אנדערע, האבען ביסלאכווייז רואינירט דעם אמעריקאנעם אויסלענדישען האנדעל. און דאס וואס איז נאך פון די גזירות געבליבען האט די מלחמה פארענדיגט. פון אויסלאנד זיינען אהער מער קיין סחורות כמעט ניט אריינגע־בראכט געווארען. דאס געשעפט מיט שיפען איז פאראליזירט געווארען. און דעמאלט האט מען זיך דאס א נעם געטאן צו בויען אינדוסטריע אין אמעריקע גופא. דער קאפיטאל וואס איז פריער געגאנגען אויף בויען שיפען און פירען אויסלענדישען מסחר איז איצט אריינגעלייגט געווארען אין גרינדען פאבריקען און פאבריקאציע. עס זיינען אויפגעבויט געווארען טעקסטיל־פאבריקען אין די ניו־ענגלאנד שטאטען, עס האט זיך אנטוויקעלט אן אייזען־אינדוסטריע און א לעדער־אינדוסטריע. ארום און ארום האט דער קאפיטאל וואס איז געלעגען אין פאבריקאציע אין 1816 שוין באטראפען 900 מיליאן דאלאר.

גלייך ווי די מלחמה האט זיך געענדיגט האט אויסגעבראָ־כען א קאמף צווישען די ענגלישע און אמעריקאנישע פאברי־קאנטען איבער דעם אמעריקאנישען מארק. פאר ענגלאנד איז דער אמעריקאנישער מארק געווען פון גרויס וויכטיגקייט. די ענגלישע פאבריקאנטען האבען גענומען פארפלייצען דעם היגען מארק מיט זייערע סחורות. זיי האבען געשניטען די פרייזען אן רחמנות אין דעם קאנקורענץ־קאמף מיט די אמעריקאנישע פאבריקאנטען. די היגע פאבריקאנטען זיינען ניט געווען אזוי רייך ווי די ענגלישע, אזוי איינגעפונדעוועט, האבען די ענגלענדער געמיינט, אז עס וועט זיי געלינגען צו באזיגען די היגע פאברי־קאנטען, „צו דערשטיקען די וואקסענדע פאבריקאציע אין אמע־ריקע אין וויגעלע", ווי אן ענגלישע שטאטסמאן האט זיך אויס־געדריקט.

די היגע פאבריקאנטען, הויפטזעכליך פון טעקסטיל, האבען געמאכט קולות, אז די רעגירונג זאל זיי ראטעווען. זיי האבען אריינגעשיקט פעטיציעס צום קאנגרעס. פרעזידענט מעדיסאן האט אין זיין „מעסעדזש" צום קאנגרעס רעקאמענדירט, אז דער טאריף זאל געהעכערט ווערען. דער קאנגרעס האט די רעקאָ־

מענדאַציע אָנגענומען. דער טאַריף אויף טעקסיטלס און אַ סך אַנדערע סחורות איז פיל געהעכערט געוואָרען. אפילו טאָמאַס דזשעפערסאָן, וועלכער איז שטענדיג געווען געגען דערמוטיגען פאַבריקאַציע אין אַמעריקע, האָט איצט געענדערט זיין מיינונג און האָט געזאָגט, אַז „כדי צו זיין אומאָפּהענגיג מוזען מיר פאַבריצירען פאַר'ן אייגענעם געברויך. מיר מוזען אַוועקשטעלען פאַבריקאַציע אויף דערזעלבער מדרגה ווי פאַרמעריי."

אין דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָנגרעס איבער דער טאַריף־פראַגע האָט מען געקענט זען די נייע צוטיילונג פון קלאַסען־אינטערעסען. די פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין די ניו־ענגלאַנד און די מיטעלע שטאַטען, זיינען גע־ווען פאַר אַ טאַריף; די גרויסע פּלאַנטאַטאָרס פון דער סאַוט זיינען געווען געגען, ווייל דורך דער אָפּשאַפונג פון אייראָפּעאי־שער קאָנקורענץ וועלען זיי דאָך מוזען צאָלען העכערע פּרייזען פאַר פאַבריצירטע סחורות. די פאַרמער פון דער וועסט זיינען געווען פאַר אַ טאַריף. דער אונטערשיד צווישען זיי און די פאַר־מער פון דער סאַוט איז געווען דער: די פּלאַנטאַטאָרס פון דער סאַוט האָבען זייערע פּראָדוקטען, בוימוואָל און טאַבאַק, פאַר־קויפט אין אויסלאַנד. האָבען זיי דער עיקר אין זינען געהאַט די פּרייזען וואָס זיי וועלען דאַרפען צאָלען פאַר פאַבריצירטע סחורה. די פאַרמער פון דער וועסט האָבען זייערע פּראָדוקטען, ווייץ און קאָרן, אין אויסלאַנד ניט פאַרקויפט. זיי האָבען געדאַרפט אַ מאַרק פאַר זייערע פּראָדוקטען אין אַמעריקע גופא. זיי האָבען געוואוסט, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין דער איסט וועט די באַפעלקערונג דאָרט וואַקסען און וועט זיך נויטיגען אין זייערע פאַרם־פּראָדוקטען. דעריבער האָבען זיי געוואָלט דעם טאַריף. געגען דעם טאַריף זיינען אויך געווען די שיף־אייגענטי־מער אין דער איסט. פאַר זיי האָט זיך געלוינט עס זאָל זיין וואָס מער האַנדעל מיט אויסלאַנד, וואָס מער עקספּאָרט און אימפּאָרט.

דער טאַריף איז אָנגענומען געוואָרען. אָבער די לאַגע פון היגען פאַבריקאַנט איז ניט פיל בעסער געוואָרען. די ענגלישע

פאבריקאנטען האבען גאנץ גוט געקענט קאנקורירען מיט זיי, ווייל נאך די מלחמות האבען זיי געהאט זייער ביליגע ארבייט. די באפרייטע סאלדאטען, מיט וועלכע אלע לענדער אין אייראפּע זיינען געווען פארפלייצט, זיינען וויליג געווען צו ארבייטען פאר א שטיקעל ברויט, אבי די נשמה צו דערהאלטען. אויסער דעם האבען די ענגלישע פאבריקאנטען דורך שווינדלערישע מעטאדען זיך איינגאנצען אויסגעדרייט פון דעם טאריף. זיי פלעגען אויך זייער סחורה פארקויפען דירעקט צו די פארברויכער. דאס האט זיי איינגעשפּארט די פראפיטען פון די מיטעללייט.

דער סוף איז געווען, אז פאבריקען האבען זיך צוגעשלאסען און טויזענטער ארבייטער זיינען געבליבען אן ארבייט. אין די גרעסערע שטעדט זיינען מענשען פשוט געשטארבען פון הונגער. מען האט געמוזט עפענען פרייע קיכען, און וויפיל מען האט ניט געעפענט איז געווען צו־ווייניג. אין פילאדעלפיע האט איין קיך געשפייזט 1700 פערזאן. א צווייטע האט אויסגעהאלטען עטליכע טויזענט. אין ניו יארק איז די לאגע אויך ניט געווען בעסער. דער ווינטער פון 1817 איז פאר די ארבייטער איבעראל געווען א שרעקליכער.

די צווייטע וויכטיגע פראבלעמע וואס איז אויפגעשטאנען גלייך נאכ'ן קריג איז געווען א פינאנציעלע. ביז ערב דער מלחמה האט עקזיסטירט די רעגירונגס־באנק, וואס האמילטאן האט גע־גרינדעט אין 1791. די באנק האט ביז א געוויסען גראד קאנ־טראלירט דעם געלט־מארק. דורך דער באנק האט אויך די נא־ציאנאלע רעגירונג געפירט אירע פינאנציעלע געשעפטען. אין 1811 האט זיך געענדיגט דער טערמין פון דעם טשארטער וואס די באנק האט געהאט. האט זיך אויפגעהויבען די פראגע, צי דער קאנגרעס זאל באנייען דעם טשארטער אדער ניט. די אלטע פאליטיק פון דער רעפובליקאנער פארטיי איז געווען געגען א נא־ציאנאלער באנק. אין 1791 האט דזשעפערסאן און זיין פארטיי באקעמפט דעם באנק־פראיעקט. זייער טענה איז געווען, אז די נאציאנאלע רעגירונג דארף זיך ניט מישען אין פינאנציעלע ענינים. איצט אבער האבען א סך פראמינענטע רעפובליקאנישע

פירער, צווישען זיי דער פינאַנץ־מיניסטער גאַלאַטין, איינגעזען, אַז אַ נאַציאָנאַלע באַנק איז וויכטיג. גאַלאַטין האָט אין זיין באַריכט צום קאָנגרעס געראַטען, אַז דער טשאַרטער זאָל באַנייט ווערען. זיין פאָרשלאַג איז אבער פארוואָרפען געוואָרען. דער אַלטער רעפובליקאנישער פרינציפּ האָט געזיגט. די באַנק איז אין 1811 אויפגעלייזט געוואָרען.

דאַן איז אין לאַנד געוואָרען אַ געיעג צו גרינדען שטאַט־באַנקען. הונדערטער זיינען געבאָרען געוואָרען איבער נאַכט. יעדע באַנק האָט ארויסגעלאָזט אייגענע געלט און דאָס געלט גע־ליען אַלערליי ספּעקולאַנטען. דאַן איז אָנגעקומען די מלחמה. די רעגירונג האָט זיך גענויטיג אין הלואות. זי האָט אויך גענו־מען ארויסגעבען פּאַפּיר־געלט און וועקסלען. דאָס לאַנד איז פארפלייצט געוואָרען מיט אַלערליי פּאַפּיר־געלט. יעדער שטאַט האָט געהאַט זיין אייגען געלט, דאָס הייסט, געלט, וואָס זיינע באַנקען האָבען געדרוקט. ווען די צייטען זיינען צוליב דער מלחמה געוואָרען שלעכט, האָבען די באַנקען דערקלערט, אַז זיי קענען זייער פּאַפּיר־געלט און זייערע וועקסלען ניט אויסלייזען, אַז זיי ווען ניט ארויסגעבען דאָס גאָלד און זילבער, וואָס איז כלומר׳שט געווען איינגעלייגט פאַר דעם פּאַפּיר. אין אמת׳ן האָ־בען אַ סך פון די באַנקען קיין גאָלד און זילבער גאָרניט געהאַט. די איינציגע אויסנאַמען זיינען געווען די באַנקען פון ניו־ענג־לאַנד. זיי האָבען יאָ געצאָלט מיט גאָלד און זילבער. די אור־זאַך איז געווען די, וואָס אַ לאַנגע צייט האָט ענגלאַנד דערלויבט די האַפענס פון ניו־ענגלאַנד אָנצופירען האַנדעל, בשעת די האַ־פענס פון די אַנדערע שטאַטען זיינען געווען אונטער אַ בלאָקאַדע. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געמוזט קויפען אימפּאָרטירטע סחורה פון ניו־ענגלאַנד. ניו־ענגלאַנד האָט אויף אַזאַ אופן אריינגעקראָגען אין אירע באַנקען דאָס גאָלד און זילבער וואָס האָט זיך געפונען אין לאַנד.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט איז דער געלט־צושטאַנד פון לאַנד געווען אין אַן אמת׳ן תוהו ובוהו. קיינער האָט ניט גע־וואוסט וואָסער געלט איז גוט און וואָסער ניט. דאָסזעלבע געלט

איז אין איין שטאט ווערט געווען מער, אין א צווייטען וויניגער. די נאציאנאלע רעגירונג האט ניט געקענט אריבערפירען אירע געזאמעלטע שטייערען פון איין טייל לאנד אין א צווייטען: די באנקען פון איין שטאט האבען ניט געוואלט אננעמען דאס געלט פון א צווייטען שטאט. דער דאזיגער צושטאנד האט פאראליזירט דעם האנדעל און דעם גאנצען קרעדיט־סיסטעם. די נאציאנאלע רעגירונג האט געליטען ניט וויניגער ווי די פריוואט־געשעפטען און די פאבריקאנטען.

די פראגע איז אויפגעהויבען געווארען אין קאנגרעס. עס איז ווידער פארגעשלאגען געווארען דער אלטער פראיעקט פון א נאציאנאלער באנק. איצט האבען שוין די רעפובליקאנישע פירער, וועלכע האבען אין 1811 באקעמפט דעם פראיעקט, זיך אן אים אנגעכאפט. פרעזידענט מעדיסאן האט אים געשטיצט. דער „ספיקער” פון קאנגרעס, הענרי קלעי, וועלכער האט אין 1811 געהאלטען די שארפסטע רעדע געגען א נאציאנאלער באנק, האט איצט אגיטירט דערפאר. ער האט אפען דערקלערט, אז ער איז געצוואונגען צו ענדערען זיין מיינונג.

דער פלאן איז אנגענומען געווארען. עס איז באשלאסען געווארען צו גרינדען א נאציאנאלע באנק מיט א קאפיטאל פון 35 מיליאן דאלאר, פון וועלכע די רעגירונג זאל איינליייגען זיבען מיליאן און זאל באשטימען 5 פון די 25 דירעקטארען. אויף דער איבעריגער סומע זאלען פארקויפט ווערען אקציעס צום ברייטען עולם. די באנק האט געקראגען א טשארטער אויף צוואנציג יאר. פאר דעם טשארטער האט זי געדארפט באצאלען דער רעגירונג אנדערהאלבען מיליאן דאלאר. די באנק האט געקראגען דאס רעכט צו דרוקען געלט. זי האט אבער געמוזט גרייט זיין צו יעדער צייט דאס פאפיר אויסצולייזען מיט גאלד און זילבער.

גלייך ווי די באנק האט זיך געעפענט און איר געלט איז אריין אין צירקולאציע האט דער פינאנץ־מיניסטער געלאזט וויסען אלע שטאט־באנקען, אז ער גיט זיי צייט ביז פעברואר 1817 זיך איינצושאפען גענוג גאלד און זילבער און זיין גרייט צו צאלען מיט מעטאל פאר זייער פאפיר־געלט. די באנקירען הא־

בען פון אָנפאַנג פראָטעסטירט, געפאָדערט די רעגירונג זאָל זיי געבען מער צייט, אָבער ענדליך האָבען זיי זיך אונטערגעגעבען. די באַנקען וועלכע האָבען די פאָדערונגען ניט געקענט נאָכקומען האָבען זיך געמוזט שליסען.

עס איז איצט גאָרניט געווען מער צו דערקענען די רע־פובליקאַנישע פּאַרטיי. אַלע פּרינציפּען וואָס דזשעפערסאָן האָט אוועקגעלייגט אַלס איר פונדאַמענט האָט זי אין די לעצטע יאָרען פאַרוואָרפען. די התחלה האָט געמאַכט דזשעפערסאָן אַליין מיט זיין אָפּקויפען די לואיזיאַנא טעריטאָריע. מעדיסאָן איז געגאַנ־גען ווייטער. ער האָט איינגעפירט אַ טאַריף און האָט געגרינדעט אַ נאַציאָנאַלע באַנק. ער האָט אונטערגעשריבען אַ געזעץ צו אָרגאַניזירען אַ שטענדיגע אַרמיי פון צען טויזענט מאַן און אָנצו־האַלטען אַ פלאָטע אַזוי גרויס ווי אין די מלחמה־יאָרען. די איצ־טיגע רעפּובליקאַנער האָבען איבערגענומען דאָס פּראָגראַם פון די אַמאָליגע פעדעראַליסטען, פון דעמזעלבען העמילטאָנ׳ען, וועל־כען זיי האָבען מיט פופצען יאָר צוריק אַזוי באַקעמפט און אַזוי באַשימפּט. און די איראָניע פון שיקזאַל האָט נאָך אַזוי געבראַכט, אַז דוקא די פעדעראַליסטען, אָט די וואָס האָבען די ערשטע דאָס פּראָגראַם פאַרפאַסט, זיינען איצט געווען די איינציגע וואָס האָבען עס באַקעמפט. די פעדעראַליסטישע קאָנגרעסלייט און סענאַטאָ־רען פון ניו־ענגלאַנד האָבען ניט געוואָלט שטיצען די רעגירונג און זי דורכדעם שטאַרקען. זיי האָבען זיך געשטעלט געגען טאַריף, געגען אַרמיי, געגען באַנק.

קאפיטעל 37

דער געלאַף נאָך דער וועסט

יעדער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אַ שטויס געטאָן אַ נייע כוואַליע פון אויסוואַנדערונג צו דער וועסט. די שווערע צייט נאָך דער מלחמה, אין די יאָרען פון 1816—1818, האָט באַוואָגען אַ גרויסע צאָל פאַרמער אין די דערפער און אַרבייטער אין די שטעט צו פאַרלאָזען זייערע אַלטע היימען אין דער איסט און זוכען פאַר זיך נייע היימען אין דער וועסט, וואו ערד איז געווען ביליג און שטייערען זיינען געווען נידעריג. זיי האָבען זיך באַזעצט אין אָהייאָ, אין אינדיאַנאַ, אין קענטאָקי, אין אילינאָי, אין מיזורי. אין 1810 האָט אָהייאָ געציילט אַ באַפעלקערונג פון 270 טויזענט, אין 1816 האָט זי געהאַט אַן ערך פון 400 טויזענט; אינדיאַנאַ איז אין דיזעלבע עטליכע יאָר אויסגעוואַקסען פון 24 טויזענט ביז 70 טויזענט. די וועסט איז געוואַקסען ווי דורך כשוף. איבער נאַכט זיינען ווילדערנישען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דערפער און שטעטלאך. אין אובאַרן, ניו יאָרק, האָט מען אין 1790 פאַרקויפט ערד פאַר זעקס שילינג אַן אַקער; אין 1816 האָט מען דאָרט באַצאָלט זיבען טויזענט דאָלאַר אַן אַקער. ווייטער אַביסעל, אין וואָטערלו, איז אין 1814 ניט געווען קיין סימן פון אַ ישוב, אין 1816 איז שוין דאָרט געווען אַ שטעטעל פון אַ 50 הייזער. ראַטשעסטער איז אין 1815 געווען אַ וואַלד, מיט אַ יאָר שפּעטער זיינען שוין דאָרט געווען הונדערט הייזער, אַ בוך-געשעפט און אַ דרוקעריי.

אויף די וועגען וואָס האָבען געפיהרט צו דער וועסט, האָבען זיך געצויגען לאַנגע שורות פוס-גייער, און פורען אָנגעלאָדענע

מיט פעס. די גאר אָרימע האָבען זייערע בעבעכעס ארויפגעלייגט אויף וועגעלאַך, וועלכע זיי האָבען אליין געשלעפט אָדער האָבען זייערע זאכען אפילו געטראָגען אויף די פלייצעס. די רייכערע האָבען ענטוועדער געקויפט אן אייגענעם פערד־און־וואָגען אָדער געדונגען א פור. און אזוי האָבען זיי געוואנדערט הונדערטער מיילען, איבער בערג און טאָלען, איבער טייכען און זומפען, ביז זיי האָבען זיך דערשלעפט ערגעץ אין א וואלד אין דער ווייטער וועסט, אויף א פלאץ וואס איז נאָך קיינמאָל פון א מענשליכער פוס ניט באטראָטען געוואָרען. דאָרט האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט און גענומען אָפּריינינגען פאר זיך א שטיקעל פלאץ, בויען א הויז און פארזייען א פעלד, מאכען פאר זיך און דער פאמיליע א היים.

אָט זיינען לעבעדיגע פאקטען פון דער אויסוואנדערונג, דערציילט פון מענשען וועלכע האָבען זיי אליין בייגעוואָנט.

א פאמיליע פון אכט פארשוין האָט פארלאָזען מעין און האָט אוועקגעוואנדערט צופוס אזש קיין אינדיאנא. זיי זיינען געגאנגען פון איסטאָן, פענסילוויניא. דאָס איז געווען אין מאָנאט פעברואר. די קינדער און די בעבעכעס האָבען זיי געשלעפט אויף א שטופ־וועגעלע.

א שמיד פון ראָוד איילאנד האָט אין מיטען ווינטער געבראכט צו פירען קיין אָלבאני אויף א „פושקארט" (שטופ־וועגעלע) צוויי קינדער, אביסעל קליידער און עסענוואַרג. הינטער דעם פושקארט האָט זיך געשלעפט א מוטער מיט א ברוסט־קינד אין די אָרעמס און זיבען עלטערע קינדער. געשטופט דעם וועגעלע האָבען דער פאָטער און זיין עלטסטער זון, א אינגעלע פון צוועלף יאָר.

פון ניו דזשוירזי האָט ארויסגעוואנדערט צופוס א פאמיליע פון זיבען נפשות. זיי זיינען געגאנגען קיין אָהייאָ. אן אנדער פאמיליע, א פאָר־פאָלק און זיבען קינדער, איז געווען אזוי אָרים, אז דער פאָטער האָט דעם גאנצען פארמעגען געטראָגען אין א פאַק אויף די פלייצעס.

אין פרילינג פון 1817 האבען זיך געלאזט אין וועג אריין טויזענטער פאמיליעס. אין די אלטע שטאטען איז ניט געוועז כמעט קיין איין שטאט אדער שטעטעל פון וואנען גאנצע פאמי־ליעס זיינען ניט ארויסגעפארען. פון דארהעם, מעין, זיינען אוועק 16 פורען מיט 120 פארשוין. זיי זיינען געפארען גרינדען אן אייגענע שטעטעל אין אינדיאנא און האבען אפילו מיטגענומען אן אייגענעם גלח. אין איין מאנאט צייט זיינען דורך איסטאן, פענסילווייניא, דורכגעפארען פורען מיט דריי טויזענט פארשוין. אויף א געוויסען וועג אין פענסילווייניא זיינען פון מערץ ביז דעצעמבער 1817 דורכגעפארען 16 טויזענט מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האבען זיך געצויגען צו דער וועסט. אין ניו יארק זיינען נעבען א געוויסער קרעטשמע אין ניין טעג צייט פארבייגעפארען 260 בוידען געפאקט מיט פאסאזשירען נאך דער וועסט.

א סך שטערטלאך אין דער איסט זיינען כמעט אינגאנצען אויסגעליידיגט געווארען. א סך שטעט האבען אויפגעהערט צו וואקסען. א גליק איז נאך געוועז וואס אין דערזעלבער צייט ווען מען האט אין אמעריקע גענומען לויפען נאך דער וועסט, האט זיך פון אייראפע א לאז געטאן א גרויסער שטראם פון אימיגראַ־ציע קיין אמעריקע. די עקאנאמישע לאגע אין ענגלאנד איז נאך די נאפאלעאנישע מלחמות געוועזען זייער א שווערע, און מענשען האבען גענומען מאסענווייז לויפען אין דער נייער וועלט. די איי־ראפעאישע אימיגראנטען האבען זיך מייסטענס אפגעשטעלט אין די אלטע שטאטען אין דער איסט און האבען פארנומען די פלע־צער פון יענע וואס זיינען אוועק אין דער וועסט. ענגלאנד איז געוועזען אומרואיג איבער דער אויסוואנדערונג און האט אנגענומען מיטלען זי אפצושטעלען. די רעגירונג האט פארשפרייט פאלשע באריכטען וועגען הונגער און נויט אין אמעריקע. זי האט אויך פארבאטען שיפען ארויפצונעמען מער ווי א באגרענעצטע צאל פאסאזשירען. אבער דאס אלץ האט ניט געהאלפען. אין יאר 1817 זיינען פון ענגלאנד און אירלאנד אנגעקומען אהער דרייסיג טויזענט אימיגראנטען און אן ענליכע צאל איז אנגעקומען מיט

א יאָר שפּעטער. די אָרימסטע צווישען זיי זיינען געווען די אײרישע. אזוי ווי די צייט איז אין אמעריקע אויך געווען א שלעכטע האָבע א סך פון זיי אין אָנפאַנג געליטען נויט. זייערע לאַנדסלייט, די עלטערע אײרישע אימיגראַנטען וואָס האָבען דאָ געוואוינט פון פריער, האָבען אָרגאַניזירט הילפס־אָרגאַניזאַציעס צו העלפען די אימיגראַנטען. עס פאַרשטייט זיך, אז עס האָבען דעמאָלט, אזוי ווי אימער, ניט געפעלט קיין „פּאַטריאָטען" וואָס האָבען געפאָדערט, אז אמעריקע זאָל ניט אריינלאָזען מער קיין אימיגראַנטען אין לאַנד. זיי האָבען באַנוצט די טענה, אז די אימיגראַנטען וועלען זיך דאָ קיינמאָל ניט אסימילירען, אז זיי וועלען ניט פאַרשטיין די אמעריקאַנישע איסטיטוציעס און וועלען זיין א סכנה פאַר׳ן לאַנד. די אגיטאַציע האָט קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט. איבערהויפּט איז די וועסט געווען פריינדליך צו די אימיגראַנטען. די וועסט האָט, פאַרקערט, גערופען אימיגראַנטען פון אייראָפּע זיי זאָלען קומען אהין און העלפען אנטוויקלען דאָס לאַנד.

אין 1820 איז אָנגענומען געוואָרען א געזעץ צו פאַרלייכטע־רען דאָס קויפען רעגירונגס־לאַנד אין דער וועסט. ביז דאַן האָט די רעגירונג געפאָדערט א מינימום־פּרייז פון צוויי דאָלאַר אַן אַקער, און קויפען האָט מען געמוזט ניט ווייניגער ווי 160 אקער אויף אמאָל. דאָס נייע געזעץ האָט פאַרקלענערט דעם פּרייז און עס געמאַכט א דאָלאַר מיט א פערטעל אַן אַקער און די צאָל אַקער וואָס איז געווען א חוב צו קויפען — 80. מיט הונדערט דאָלאַר האָט איצט א קאָלאָניסט געקענט קויפען 80 אַקער לאַנד און זיך באַזעצען אין דער וועסט. אין איין פּרט אָבער איז דאָס נייע געזעץ געווען שווערער ווי דאָס אַלטע. די סומע האָט געמוזט באַצאָלט ווערען גלייך מיטאַמאָל. פריער האָט די רעגירונג דערלויבט דעם קויפער אויסצוצאָלען אין פאַרלויף פון פיר יאָר צייט. די דאָזיגע ענדערונג איז געמאַכט געוואָרען דערפאַר וואָס א סך האָבען די שפּעטערדיגע אָפּצאָלונגען ניט געמאַכט און די רעגירונג האָט געמוזט פאַרפירען פּראָצעסען געגען זיי.

אין דעם נייעם געזעץ איז געווען א פּונקט, וואָס איז אויס־

גענוצט געווארען פון לאנד-ספעקולאנטען צו פארכאפען גרויסע שטרעקעס ערד און דערנאך ארויפשרויפען דעם פרייז. רעגירונגס-לאנד פלעגט פארקויפט ווערען דורך „אקשענס". דער פרייז איז, ווי געזאגט, געווען א דאלאר און א פערטעל אן אקער, אבער אויב אימיצער האט אליין געוואלט געבען מער, איז די רעגירונג געווען צופרידען צו נעמען. פלעגען די לאנד-ספעקולאנטען מא-כען פאלגענדע מאנעווערע: זיי פלעגען אוועקשיקען זייערע אגענ-טען צו די „אקשענס" און די אגענטען פלעגען אנבאטען הויכע פרייזען פאר די גוטע ערד, העכערע אפילו ווי דאס לאנד איז באמת ווערט געווען. דערנאך פלעגען די אגענטען פארשווינדען, און ניט קומען באצאלען. אין אזא פאל האט שוין די רעגירונג ניט בארארפט מאכען קיין צווייטע עפענטליכען „אק-שען", נאר פלעגט פארקויפען אויף א פריוואטען אופן. די ספע-קולאנטען פלעגען דאן אונטערקומען און אנבאטען א פרייז עט-וואס העכער פון דעם מינימום און באקומען דאס לאנד פאר זיך. אויף אזא אופן איז די ספעקולאנטען געלונגען צו פארטרייבען אנדערע קויפער און ארייננצוכאפען אין זייערע הענט מאנכע פון די בעסטע שטרעקעס לאנד אין דער וועסט.

דער רעזולטאט פון דער גרויסער וואנדערונג צו דער וועסט אין די יארען פון נאך דער מלחמה איז געווען, אז א גאנצע ריי נייע שטאטען איז געשאפען געווארען. אינדיאנא איז אריינ-געקומען אלס שטאט אין 1816, מיסיסיפי—אין 1817, אילינאי—אין 1818 און מיזורי—אין 1821.

קאפיטעל 38

אמעריקע נעמט בויען שאָסייען, וועגען און קאַנאַלען

די גרויסע אויסוואנדערונג צו דער וועסט האָט שארף ארויס־גערוקט די פראגע פון פארקער, די פראגע פון שאָסייען, וועגען, טראנספּאָרט־מיטלען. די פראגע איז געווען אַן אַלטע און איז געגאנגען צוריק נאָך צום אָנפאנג פון דער קאָלאָניזאציע אין 17טען יאָרהונדערט. די פריערדיגע איינוואוינער פון לאנד, די אינדיאנער, האָבען זיך אין שאָסייען ניט גענויטיגט. זיי האָבען זיך ניט באַנוצט מיט קיין וועגענער, אפילו ניט מיט קיין פערד. זייער איינציג פארקער־מיטעל איז געווען קליינע שיפלאך, גע־מאכט פון קאָרע פון בוימער (די „קאנו“) אָדער פון האָלץ. אין געוויסע געגענדען זיינען יאָ געווען שמאָלע שטעגעלאך וואָס די אינדיאנער האָבען אויסגעטראָטען אין פארלויף פון הונדערטער יאָרען. די שטעגעלאך האָבען זיך געצויגען פון איין טייך צום צווייטען, און זיינען געווען פון צוועלף ביז אכצען אינטש די ברייט, גענוג פלאץ פאר איין מענש צו גיין צופוס.

די ערשטע קאָלאָניסטען האָבען נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון די אינדיאנער. זיי האָבען זיך אויך באַנוצט מיט שיפלאך און מיט די שמאָלע שטעגלאך. מיט דער צייט זיינען געמאכט גע־וואָרען אויסבעסערונגען. די שמאָלע שטעגלאך זיינען אויסגע־ברייטערט געוואָרען. אויף טייל פון זיי זיינען שוין די ווייסע געפאָרען רייטענדיג אויף פערד, אויף טייל האָבען זיי שוין גע־קענט אפילו פאָרען מיט א פור. שפּעטער אביסעל האָבען די קאָלאָניסטען גענומען בויען אייגענע וועגען צו פארבינדען שטעט־

לאך איינע מיט די אנדערע. אבער דאס אלץ איז געטאן געווא־רען אויף א גאנץ קליינעם מאסשטאב, און כמעט אויסשליסליך אין דער נארט, אין ניו־ענגלאנד און אין די מיטעלע קאלאניעס. אין דער סאוט איז אלץ פארבליבען כמעט ווי פריער, ווי די אינ־דיאנער האבען עס איבערגעלאזט.

ערנסטער צו טראכטען וועגען אויסבעסערען די פארקער־מיטלען האט מען אנגעהויבען ערשט נאך דער רעוואלוציע. אין ניו־ענגלאנד און אין די מיטעלע שטאטען האט מען אנגעהויבען צו בויען ברייטע שאסייען. געטאן האבען עס פריוואטע גע־זעלשאפטען, אלס געשעפטס־אונטערנעמונגען. די שטאט־רעגירונג פלעגט דער געזעלשאפט ארויסגעבען א טשארטער צו בויען א שאסיי אויף א געוויסער שטרעקע. דער שאסיי איז געווען דאס אייגענטום פון דער געזעלשאפט, און דורכגייער און דורכפארער פלעגען איר מוזען צאלען פאר'ן רעכט צו באנוצען דעם וועג. די פרייזען פלעגען באשטימט ווערען פון געזעץ. די ערשטע געזעלשאפט פון באדייטענדער וויכטיגקייט האט אין 1792 אויס־געבויט דעם שאסיי צווישען פילאדעלפיא און לענסטער, פענסיל־ווייניא, און זי האט געמאכט גרויסע פראפיטען. די פרייזען זיינען געווען ווי פאלגט: פאר א קארעטע מיט צוויי פערד—25 סענט פאר יעדע צען מייל; פאר א רייטער אויף א פערד — פינף סענט פאר יעדע צען מייל; פאר א סטאדע פון צוואנציג בהמות— 25 סענט פאר צען מייל, און אזוי ווייטער.

אין אנפאנג פון נייני צעהנטען יארהונדערט, ווען די אויס־וואנדערונג צו דער וועסט איז שוין געווען באדייטענד גרויס, האט מען גענומען ריידען, אז די פעדעראלע רעגירונג זאל בויען שאסייען צו פארבינדען די איסט מיט דער וועסט. פאר אזא אונטערנעמונג האט זיך געפאדערט א סך געלט, און דערצו האט מען שפעטער ניט געקענט זיכער זיין, אז דאס וועט ברענגען ריוח. האבען פריוואטע אונטערנעמער ניט געוואלט ריזיקירען. אין 1802 האט אהייא זיך געווענדעט צום קאנגרעס מיט דער בקשה אריינגענומען צו ווערען אלס שטאט (אהייא איז דעמאלט געווען די „ווייטע וועסט”). דער קאנגרעס האט דאן געמאכט דעם

ערשטען שריט וועגען אַ פּאַרקער־פאַרבינדונג און האָט פאָרגע־שלאָגען אָהייאָ, אַז אַ צוואַנציגסטעל פון׳ם געלט, וואָס וועט אריינ־קומען פון דעם פארקויף פון קהל׳שע ערד אין דעם שטאַט, זאָל גיין אויף בויען אַ שאָסיי „צו און דורך אָהייאָ”. אָהייאָ האָט איינגעשטימט. דער קאָנגרעס האָט דאַן אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן, אַז דער שאָסיי זאָל זיך ציען פון קאמבערלענד, מערילענד, ביז ווילינג, ווירדזשיניא. די דריי שטאַטען, מערילענד, פּענסילוויי־ניא און ווירדזשיניא, וועלכע דער שאָסיי האָט געדאַרפט דורכ־שניידען, האָבען געגעבען זייער ערלויבעניש דערויף. די אַרבייט האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1807 און דער שאָסיי איז פאַרטיג געוואָרען אין 1818. ווען אינדיאַנאַ האָט זיך אין 1816 געווענ־דעט צום קאָנגרעס ער זאָל איר אַריינגעמען אַלס שטאַט, האָט דער קאָנגרעס איר געמאַכט דעמזעלבען פאָרשלאַג. אין 1818, ווען אילינאָי האָט זיך געווענדעט צום קאָנגרעס, האָט פּאַסירט דאָסזעלבע. דערזעלבער שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגען פון קאָמבערלאַנד, איז איצט געצויגען געוואָרען ווייטער, דורך אָהייאָ, אינדיאַנאַ, ביז אין מיטען פון אילינאָי. עס האָט געדויערט 31 יאָר ביז ער איז אינגאַנצען פאַרטיג געוואָרען.

דאָס איז אָבער געווען דער איינציגער שאָסיי וואס די נאַ־ציאָנאַלע רעגירונג האָט געבויט. דזשעפערסאָנ׳ס אדמיניסטראַ־ציע האָט אין 1807 אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן פון בויען אַ גאַנצע קייט פון וועגען, שאָסייען און קאַנאַלען וועלכע זאָלען פארבינ־דען אַלע טיילען פון לאַנד. די פעדעראַלע רעגירונג האָט גע־זאָלט זיי אַלע בויען. אָבער איידער זי האָט באַוויזען אָנצוהויבען די אַרבייט האָבען זיך אָנגעפאַנגען די אינטערנאַציאָנאַלע פּלאָנ־טערס, וועלכע האָבען אויסגעליידיגט די נאַציאָנאַלע קאַסע און ענדליך אַריינגעשטויסען דאָס לאַנד אין דער מלחמה. אין אַזאַ לאַ־גע האָט מען וועגען אַזאַ ריזיגער אונטערנעמונג ניט געקענט קלערען און מען האָט עס אָפּגעלייגט אויף אַ גינסטיגערער צייט.

נאָך דער מלחמה איז די נויט אין שאָסייען און קאַנאַלען, און פון „אינערליכע אויסבעסערונגען” אין אַלגעמיין, געווען פיל שאַרפער ווי אין 1807. די נייע טענדענץ איז געווען אין דער

ריכטונג פון בויען, פון ענטוויקלען דאָס לאַנד. די פאָרשטעהער פון די אַלטע און נייע שטאַטען האָבען אין קאָנגרעס גענומען פאָדערען אז דער פּלאַן פון 1807 זאָל פאַרווירקליכט ווערען. אין 1816 האָט אַ קאָמיטע פון קאָנגרעס אויסגעאַרבייט אַלע איינצעלהייטען ווי אזוי די ארבייט זאָל געטאָן ווערען. די קאָמיטע האָט פאָרגעשלאָגען אַ געזעץ־פּראָיעקט דער קאָנגרעס זאָל באַווילליגען די געוויסע סומען געלט פאר דעם צוועק. נאָך אַ היציגער דעבאַטע איז דער פּראָיעקט אָנגענומען געוואָרען. מעדיסאָן האָט זיך אָבער אַנטזאגט אים אונטערצושרייבען, טראָץ דעם וואָס ער האָט שטאַרק געגלויבט אז דאָס לאַנד נויטיגט זיך אין די אויסבעסערונגען. ער האָט דערקלערט, אז די קאָנסטיטוציע גיט ניט דער נאַציאָנאַלער רעגירונג דאָס רעכט צו בויען וועגען און קאַנאַלען. די ארבייט מוז דערפאר געטאָן ווערען פון די באַזונדערע שטאַט־רעגירונגען אָדער פון פּריוואַט פּערזאָנען.

פּרעזידענט מעדיסאָן׳ס שטעלונג איז אויך אָנגענומען געוואָרען פון זיין נאָכפאָלגער, פּרעזידענט מאָנראָו. מאָנראָו האָט אויך ניט געוואָלט אונטערשרייבען די געזעץפּראָיעקטען, אז די נאַציאָנאַלע רעגירונג זאָל בויען וועגען און קאַנאַלען. די איינציגע שאָסיי וואָס די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט געבויט איז געווען די „קאָמבערלענד ראוד״ און דערפאר טראָגט זי טאקע דעם נאָמען „דער נאַציאָנאַלער שליאך״. אָבער די ארבייט פון בויען איז געטאָן געווארען פון פּריוואַטע אונטערנעמער און געזעלשאַפטען וועלכע האָבען באַקומען טשאַרטערס פון די באַזונדערע שטאַט־רעגירונגען. פיל פון די פּריוואַט אונטערנעמער האָבען פון די רעגירונגען באַקומען סובסידיעס. באַזונדערע שטעדט און שטעדטלאַך, וועלכע האָבען זיך גענויטיגט אין וועגען, האָבען אויך געצאָהלט סובסידיעס. פּענסילווייניא האָט ארויסגעהאָלפען די פּריוואַט אונטערנעמער מיט צוויי מיליאָן דאָלאַר. די קאָמפּאַניעס פלעגען אויך מאכען לאָטערייען כדי צו שאַפען געלט. צווישען די יאָרען 1810 און 1820 האָבען זיי אויפגעבויט 1200 מייל שאָסייען. ריווחים האָבען זיי געמאכט בלויז די ערשטע צייט. שפּעטער אז מען האָט גענומען בויען באַנען און קאַנאַלען האָבען

זיך די שאָסייען מער ניט באַצאָלט. די רעגירונג האָט זיי דאַן איבערגענומען.

די שאָסייען אליין האָבען ניט געלייזט די פראַגע פון פארקער מיט דער וועסט. אויף צו פירען פאסאזשירען זיינען די שאָסייען געווען מער אָדער וויינינגער צוגעפאסט. כאָטש די וועגענער און די קארעטען זיינען געווען אזוי שלעכט געבויט אז פאָרענדיג אויף זיי פלעגט ארויסטרייסלען די נשמה. פאר'ן האנדעל איז אָבער וויכטיג געווען די פראַגע פון פירען פראכט, און פראכט פירען איז מיט'ן וואסער געווען א סך ביליגער ווי מיט וועגענער אפילו אויף גוטע שאָסייען. פאר די קאָלאָניסטען האָט זיך דערפאר בעסער געלוינט צו שיקען זייערע פראדוקטען אויף שיפלאך מיט'ן מיסיסיפי טייך, און דעם גרעסערען מסחר באַטרייבען דורך דער האפען־שטאָדט ניו אָרליענס איידער די האפען־שטעדט ביים אטלאנטישען ברעג. די לעצטע האָבען פאר זיך דערזעהן א געפאר צו פארלירען דעם מסחר מיט דער וואקסענדער וועסט.

דער ערשטער שטאַט וואָס האָט זיך גענומען צו פארהיטען פון דער סכנה איז געווען ניו יארק. אין 1817 האָט די לעדזשיס־לייטשור אָנגענומען א געזעץ אז די רעגירונג זאָל בויען א קאנאל צו פארבינדען דעם האָדסאָן טייך מיט לעיק אירי. דעם פערטען יולי פון זעלבען יאָר האָט זיך די ארבייט אָנגעפאנגען. פאר יענער צייט איז די אונטערנעמונג געווען א ריזיגע. דאָס גאנצע לאנד האָט מיט דעם טיפסטען אינטערעס נאָכגעפאָלגט יעדען שריט אין דער ארבייט. די צייטונגען פון אלע שטאטען האָבען געדרוקט נייעס וועגען דעם גאנג פון דער ארבייט. יעדעס מאָל ווען א טייל פון דעם קאנאל איז פארטיג געווארען, האָט מען געפראוועט א יום־טוב. אלע שטעדטלאך און דערפער וואס זיינען געלעגען ביים ברעג פון דער אויסגעגראָבענער שטרעקע האָבען געמאכט פאראדען. דער קאנאל איז אינגאנצען פארטיג געווארען אין 1825. ער האָט דורכגעשניטען די ברייט פון דעם שטאַט ניו יארק אויף א שטרעקע פון 363 מייל און ער האָט אָפּגעקאָסט קארגע דרייצען מיליאָן דאָלאר צו בויען.

דעם 26טען אָקטאָבער, 1825, איז געפייערט געוואָרען דער גרויסער יום טוב פון דער דערעפענונג פון דעם גאַנצען קאַנאַל. גוּווערנאָר קלינטאָן איז יענעם טאָג אַרויסגעפאָרען פון באַפאַלאָ אויף א שיף איבערן קאַנאַל. מיט איהם זיינען מיטגעפאָרען די חשוב'ע בירגער פון שטאַט. אויפ'ן גאַנצען וועג ביז אַלבאַני איז געפּראַוועט געוואָרען דער יום־טוב. די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף פאַרשידענע פּונקטען וואו זי איז באַגריסט געוואָרען מיט פייערווערק, גלאָקען, רעדעס. אין ניו יאָרק איז די שיף אָנגעקומען דעם 4טען נאָוועמבער. די גאַנצע שטאָדט איז אַרוים איהר אַנטקעגען. גאָווערנאָר קלינטאָן האָט אַריינגעגאָסען אין דעם ניו יאָרקער „בעי" א פלאַש וואַסער, וואָס ער האָט אַרויסגעשעפּט פון לייק איריע. דאָס איז געווען א צייכען אַז דער אַטלאַנטישער ים האָט זיך פאַרבונדען מיט'ן לעיק איריע.

פון יעדען שטאַנדפּונקט איז דער קאַנאַל געווען א ריזיגער ערפאָלג. אין 1826 האָט ער שוין אַריינגעטראָגען מער געלד ווי עס האָט געקאָסט איהם אויסצוהאַלטען. ביז 1838 האָט די הכנסה געדעקט ניט בלויז די פּראָצענטען אויף די צוועלף מיליאָן, נאָר עס איז נאָך געבליבען דריי און האַלב מיליאָן צו באַצאָהלען א טייל פון דעם קרן.

אָבער נאָך וויכטיגער איז געווען דער גרויסער איינפלוס וואָס דער קאַנאַל האָט געהאַט אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד. פריהער האָט געקאָסט פירען א טאָן סחורה פון באַפאַלאָ קיין ניו יאָרק א הונדערט דאָלאַר און געדויערט פלעגט עס צוואַנציג טעג. מיט'ן קאַנאַל האָט עס געקאָסט ניט מער ווי צען דאָלאַר און געדויערט האָט עס ניט מער ווי אַכט טעג. אַט דער ביליגער פאַרקעהר צווישען איסט און וועסט פון ניו יאָרק האָט געווירקט ווי א צויבער אויפצולעבען די גאַנצע געגענד אַרום די לעיקס. באַפאַלאָ, קליוולאַנד און טאָלידאָ, וועלכע זיינען פריהער געווען קליינע שטעדטלאַך, האָבען אָנגעהויבען בליהען. טויזענדער נייע קאָלאָניסטען האָבען זיך אַוועקגעלאָזען קיין אָהייאָ, אינדיאַנאַ און מישיגען. די לעיקס זיינען געוואָרען וויכטיגע וואַסער־שליאַכען.

דעם גרעסטען געווינס האָט געהאט דער שטאַט ניו יאָרק. דורכ'ן קאַנאַל האָט ער געוואונען פאר זיך דעם האַנדעל פון דער וועסט. ער האָט אפילו צוגענומען ביי פילאדעלפיא דעם האַנדעל מיט פיטסבורג. עס איז געווען ביליגער צו פירען סחורה פון פיטסבורג קיין באפאלא און דערנאָך מיט'ן קאַנאַל קיין ניו יארק, איידער מיט דער יבשה פוןֹ פיטסבורג קיין פילאדעלפיא.

אַנדערע שטאַטען האָבען נאָכגעטאָן ניו יארק און אויך געבויט קאַנאַלען. פענסילווייניא האָט אויפגעבויט א גאַנצע רייע מיט קאַנאַלען אין פארשידענע טיילען פון שטאַט. ווירדזשיניא, ניו דזשוירזי, מערילענד האָבען געטאָן דאָס זעלבע. איבערהויפּט האָבען זיך פילאדעלפיא און באַלטימאָר געסטאַרעט זיך צו פאַר־בינדען מיט דער וועסט. די דאָזיגע צוויי שטעדט האָבען די גאַנ־צע צייט קאָנקורירט מיט ניו יארק פאַר דעם האַנדעל פון דער וועסט. זיי האָבען אָבער ניט געקענט בויען אזא קאַנאַל ווי דער אירי־קאַנאַל, צוליב קייטען בערג וואס זיינען געלעגען אין וועג. ניו יארק איז אַרוים די זיגערין אין דער קאָנקורענץ מלחמה.

אין דיזעלבע יארען וואס דאָס לאַנד האָט אזוי טיכטיג זיך גענומען צו בויען שאָסייען און קאַנאַלען, האָט זיך אויך פאַר־שפּרייט דער געברויך פון דער דאמף שיף. די ערפינדונג פון דער דאמף־שיף איז געמאכט געווארען מיט עטליכע און צוואַנ־ציג יאָר פריער. אָבער ערשט איצט, אז מען האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין שנעלע און לייכטע פארקער מיטלען מיט דער וועסט האָט מען זיך גענומען ערנסט צו בויען דאמף־שיפען, זיי אויסצובעסערען און זיי באַנוצען אויף אַלע טייכען, וואו דאָס איז נאָר געווען פּראקטיש.

דער ערשטער דערפינדער פון דער דאמשיף איז געווען א פראנצויזישער וויסענשאפטסמאן מיט'ן נאָמען פּאפּין. אין 1707 האָט ער אויפגעבויט א מאָדעל־שיף און איז ארויסגעפאָרען אויף איר אויף א טייך אין דייטשלאַנד. די שיפלייט אין דער גע־גענד זיינען אים באַפאַלען און האָבען די שיף פארניכטעט. נאָך אים האָבען דערפינדער אין אַנדערע לענדער אין אייראָפּא גע־מאכט ענליכע פּראבעס און אַלע זיינען זיי דורכגעפאלען.

דער ערשטער דערפינדער פון דער דאמפשיף אין אמעריקא איז געווען א זייגערמאכער, דזשאן פיטש. די ערפינדונג האט אים רואינירט, עקאנאמיש און גייסטיג. צוליב איר האט ער דאס גאנצע לעבען געליטען ארימקייט, איז אויסגעלאכט און פארשפאטעט געווארען, ביז ער איז ענדליך געטריבען געווארען צו זעלבסטמארד. פיטש האט זיי ערפינדונג פארענדיגט אין 1785, און ביז 1798, ווען ער האט זיך גע'סמ'ט, האט ער גע־ארבייט מעשים צו קריגען דאס נויטיגע געלט צו איבערצייגען דאס לאנד די וויכטיגקייט פון זיין ערפינדונג. ער האט ניט געזוכט קיין נוצען פאר זיך אליין. ער איז געווען גרייט אוועק־צושענקען זיין ערפינדונג דער רעגירונג, דעם פאלק. ער איז ניט געווען קיין צוריקגעצויגענער, קיין שרעקעדיגער. פארקעהרט, ער האט זיך דערשלאגען צו די גרעסטע מענשען אין לאנד. ער האט זיך געזעהן מיט אזוינע פערזענליכקייטען ווי וואשינגטאן, בענ־דזשאמין פרענקלין, פעטריק הענרי, דזשיימס מעדיסאן. ער האט געקראגען רעקאמענדאציעס פון קאלעדזש־פרעזידענטען און וויסענ־שאפטסמענער. ער איז אויפגעטראטען פאר קאמיסיעס פון קאנ־גרעס און פון לעדזשיסלייטשורס אין פארשידענע שטאטען. אבער קיינער האט זיין דערפינדונג ניט גענומען ערנסט. מען האט איהם געהאלטען פאר א שטיקעל משוגע'נעם. ווען ער האט פארגעלייגט זיין דערפינדונג פאר בענדזשאמין פרענקלין, האט יענער, אלס ענטפער, אים גאר אנגעבאטען עטליכע דאלאר א נדבה.

בלויז אויף א קורצער צייט האט פאר אים די זון א שיין געטאן. אין 1788 איז אים געלונגען צו פאראינטערעסירען א גרופע מענשען, וועלכע האבען איהם געגעבען עטליכע הונדערט דאלאר און ער האט דערמיט אויפגעבויט די ערשטע דאמפשיף אין אמעריקא. ער איז אויף איר ארויסגעפארען אויף דעם דעלע־ווער טייך, פון פילאדעלפיא ביז בוירלינגטאן. מיט צוויי יאהר שפעטער האט ער אויפגעבויט א בעסערע שיף, וועלכע איז גע־שוואומען אכט מייל א שטונדע. א שטיקעל צייט איז ער מיט איר ארומגעפארען ארום פילאדעלפיא. באלד אבער איז די שיף

קאַליע געווארען. ער האָט זיך ווידער געניטיגט אין געלד צו מאַכען אויסבעסערונגען, און האָט עס ניט געקענט קריגען.

זיין פאַמיליען לעבען איז אויך געווען טרויעריג. נאָך מיט יאָרען פריער איידער ער האָט די דערפינדונג געמאכט איז ער זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיין פרוי. „עס זיינען פאַראַן צוויי זאכען אויף דער וועלט, וואס קענען פארשאַפען דעם גרעסטען עגמת נפש, — האָט ער געשריבען מיט יארען שפּעטער, — דאָס זיינען, צו האָבען א ווייב אָן ארורה און צו בויען דאמפּ־שיפען. מיט א ווייב אן ארורה האָב איך געהאַט דערפארונג. איך האָב זיך באַצייטענס באפרייט פון איר. ווען איך וואָלט געווען ביים זינען וואָלט איך דאָסזעלבע געטאָן מיט דער דאמפּשיף״.

אין 1798 איז ער אַוועקגעפאָרען אין דער וועסט, אין קענ־טאָקי. דאָ פלעגט ער ביי א דאָקטאָר קריגען אָפּיום־פילען צו קאָפּ־ווייטאָג. די פילען האָט ער באהאלטען ביז עס האָט זיך אָנגעקליבען גענוג אויף צו פארגיפטען א מענשען און ער האָט זיך מיט זיי פארגיפטעט.

דער היסטאָריקער דאנבאר שרייבט: „פיטש איז געווען א זשעני, וועלכער איז געווען פארשאָלטען דערמיט וואָס ער האָט פארשטאַנען די וויכטיגקייט פון זיין דערפינדונג, אָבער אלע אַנ־דערע האָבען זי אויסגעלאכט. א מער טרויעריגער שיקזאל איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.״

די פּאָליטיקער פון די פארשידענע שטאַטען האָבען ניט גע־וואָלט העלפען פיטש׳ן פארפּאָלקאָמען זיין דערפינדונג, אָבער זיי האָבען אים געוואָלט טאָן א „טובה״ אויף אַן אַנדער אופן, און די דאָזיגע טובת האָט אין די שפּעטערע צייטען געבראכט זייער א שווערע רעה. די לעדזשיסלייטשורס פון א גאַנצער ריי מיט שטאַטען, צווישען זיי ניו יארק, פּענסילווייניא און ווירדזשיניא, האָבען דורכגעפירט א געזעץ, וואס האָט געגעבען פיטש׳ן א מאָ־נאָפּאָל אויף דעם באַטריב פון דאמפשיפען אין זייערע טייכען; דאָס הייסט, אויב עס וועט אים געלינגען אויסצובויען זיינע דאמפּ־שיפען, זאָל קיין אַנדערער ניט טאָרען קאָנקורירען מיט איהם. מיט דער דאָזיגער „טובה״ האָבען די רעגירונגען פון די שטאַטען

דערוויילֿ אוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אז מען קען מאכען א מאָנאָפּאָל אויף א טייך. דער דאָזיגער פּרינציפּ האָט געשטערט דער אנטוויקלונג פון דער דאמפשיף אין די שפּעטערע יאָרען, ווען די דערפינדונג האָט זיך ארויסגעוויזען פאר פראקטיש און אפילו נויטווענדיג. דאָס זעלבע מאָנאָפּאָל־רעכט איז דאן אוועקגעגע־בען געווארען צו אנדערע, און יענע האָבען זיך מיט אים באַ־נוצט און האָבען באשרענקט דעם געברויך פון דאמפשיפען. עס האָט געדויערט יארען איידער די דאזיגע שטערונג איז באזייטיגט געווארען דורך לאנגע פּראָצעסען אין געריכט.

דער מענש וואָס האָט פון פיטש'ס דערפינדונג געמאכט א פּראקטישען ערפאָלג איז געווען ראָבערט פולטאָן. ער איז גע־באָרען געווארען אין 1765, אין א דאָרף אין פּענסילווייניא. ווען ער איז אלט געווען צוואנציג יאָר איז ער געווען א מאלער פון פּאָרטרעטען און האָט זיך מפרנס געווען דערמיט. ער האָט דע־מאָלט געוואוינט אין פילאדעלפיא. דאן האָט ער באשלאָסען אוועקצופארען קיין ענגלאנד צו שטודירען ווייטער מאלעריי. דאָרטען האָט ער זיך אָבער אפּגעגעבען מייסטענס מיט וויסענ־שאפט. ער האָט געענדיגט אינזשעניר. אין 1797 איז ער אוועק קיין פּאריז וואו ער האָט זיך באקענט מיט'ן אמעריקאנישען אמבאסאדאָר, ראבערט ליווינגסטאָן.

דורך דער דאָזיגער באקאנטשאפט האָט פולטאָן זיך גענומען פאראינטערעסירען מיט דאמפשיפען. ליווינגסטאָן האָט נאָך מיט א צייט פריער געמאכט עקספּערימענטען מיט דאמפשיפען. אזוי ווי פולטאָן איז געווען אן אינדזשעניר, האָבען זיי גענומען ארביי־טען צוזאמען. זיי האָבען אויסגעפאָרשט אלעס וואס די פריער־דיגע דערפינדער פון שיף בויער האָבען אנטדעקט. אין 1806 איז פולטאָן געקומען קיין ניו יארק און אין אוגוסט, 1807, האָט ער פארטיג געמאכט זיין דאמפשיף „קלערמאָנט". מיט דער „קלערמאָנט" האָט ער געמאכט די ערשטע רייזע אויפ'ן האָדסאָן, פון ניו יארק ביז אלבאני און צוריק.

פולטאָן איז געווען א שותף מיט ליווינגסטאָנ'ען, איינער פון די רייכסטע און אָנגעזעענסטע מענער פון ניו יארק. זיי האָ־

בען געקראָגען אַ מאָנאָפּאָל אויף דעם האָדסאָן און אויף אַנדערע טייכען פון דעם שטאַט. זיי האָבען געבויט שיפען און פּערים.

פולטאָן האָט ניט געוואָלט דערלויבען אַנדערע שטאַטען זיך צו באַנוצען מיט זיין דערפינדונג סיידען מען וועט אים גע־בען אַ מאָנאָפּאָל אויף אַלע וואַסערען אין יענע שטאַטען. איינינגע

ראָבערט פולטאָן

שטאַטען האָבען די פאָדערונג נאָכגעגעבען, אָבער די בירגער האָ־בען ניט געוואָלט אנערקענען דעם מאָנאָפּאָל און האָבען אָרגאַני־זירט איינענע געזעלשאַפטען צו בויען דאַמפּשיפען. פולטאָן און ליווינגסטאָן האָבען זיך פּראָצעסירט מיט יענע געזעלשאַפטען און ערשט אין 1825 איז די פראגע אַנטשידען געוואָרען. דאָס

געריכט האָט גע'פסק'נט אז אויף טייכען קען קיין שטאט ניט ארויסגעבען קיין מאָנאָפאָל.

די דאמפשיף איז געווען א ריזיגע טרייב־קראפט אין דער אנטוויקלונג פון דער וועסט. גלייך ווי די שיפען האָבען זיך באַוויזען אויף די וואסערען פון דער וועסט איז דער פרייז אויף פירען פראכט געפאלען אויף 25 פראָצענט.

עס האָט אָבער פונדעסטוועגען געדויערט א לאַנגע צייט אײדער מען האָט גענומען באנוצען דאמפשיפען אויף א גרויסען מאסשטאב. די מאָנאָפאָל־פראגע האָט געשטערט. דער עולם האָט אויך די ערשטע צייט געקוקט אויף די שיפען מיט חשד און מיט שרעק. כאָטש די דערפינדונג איז אין 1812 שוין אלט געווען עטליכע יאר, דאָך האָט מען זיך מיט איר ניט באנוצט אין דער מלחמה. אלע שיפען וואָס האָבען זיך אין דער מלחמה באטייליגט זיינען געווען זעגעל אָדער רודער־שיפען. ערשט ארום 1820 האָט די דאמפשיף אָנגעהויבען פארנעמען א הערשענדען פלאץ אויף די טייכען, און ערשט אין 1838 האָט מען גענומען באנוצען דאמפשיפען צו פיהרען פאסאזשירען און פראכט אויף דעם אטלאנטישען ים צווישען אייראָפא אין אמעריקא.

קאפיטעל 39

פלאָרידאַ. — דער „מאָנראָו דאָקטרין"

בשעת דזשעפערסאָן האָט אָפּגעקויפט ביי פראנקרייך לו־איזיאנא, האָט די פראווינץ פלאָרידא באלאנגט צו שפאניען. די פראווינץ איז געווען גרעסער ווי דער איצטיגער שטאָט פלאָרידא, און האָט איינגעשלאָסען די טעריטאָריע ביים ברעג פון „גאָלף" ביז נאָהענט צום מיסיסיפּי. דעמאָלט, אין 1803, האָט זיך די פאראייניגטע שטאטען וועיניג געקימערט וואס דער גרויסער ברעג דאָרט געהערען צו א פרעמדער מדינה, וואָס זי האָט שפאניען פאר א שכנ'טע ביים גרענעץ פון דער סאוט און סאוט־וועסט.

באלד אָבער איז קלאָר געווארען אז שפאניען'ס הערשאפט אין פלאָרידא טויג פאר אמעריקא ניט. די אמעריקאנער קאָלאָניסטען וואס האָבען זיך באזעצט אין דער סאוט־וועסט האָבען גע־זוכט א צוטריט צום ים און שפאניען איז זיי געשטאנען אין וועג. דערצו האָבען די קאָלאָניסטען געוואָלט האָבען די ערד פון פלאָרידא, די טעריטאָריע גופא. די איינוואוינער פון דזשאָרדזשיא און די דערביייאיגע שטאטען האָבען נאָך אויך געליטען דערפון וואָס זייערע נעגער־שקלאפען פלעגען אנטלויפען קיין פלאָרידא. אויך די אינדיאנישע שבטים, מיט וועלכע די אמעריקאנער זיינען געקומען אין צוזאמענשטויס, פלעגען געפינען אן אנטרינונגס־פלאַץ אין פלאָרידא. דארט פלעגען די אינדיאנער קריגען וואפען און ארויסגעהן אין קאמף געגען די ווייסע ביים גרענעץ.

צוליב א סך אורזאכען האָט זיך געלוינט פאר די פאראייניגטע שטאטען צו קריגען פלאָרידא. אין 1810 האָט זי געמאכט א פארזוך דאָס צו טאָן. אין פלאָרידא איז דעמאָלט פאָרגעקו־

מען אן אויפשטאנד (געפירט פון אמעריקאנער). פרעזידענט מע־דיסאָן האָט זיך באַנוצט מיט'ן אויסרייד אז די אונרועז שטע־רען די אינטערעסען פון די אַמעריקאנער און האָט אריינגעשיקט אן ארמיי צו „מאַכען אָרדנונג". די ארמיי האָט פארנומען דעם וועסטליכען טייל פון פלאָרידא, און נישט קוקענדיג אויף שפּאַ־ניען'ס פּראָטעסטען, איז די טעריטאָריע געבליבען ביי די אַמע־ריקאנער.

די צווייטע געלעגענהייט איז געקומען אין 1817. צווישען די אינדיאנער און די ווייסע זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען צוזאַ־מענשטויסען ביי דער פלאָרידא'ער גרענעץ. פרעזידענט מאָנראָ האָט געשיקט גענעראל דזשעקסאָן צו פארטרייבען די אינדיאנער, און אויב נויטיג זיי נאָכיאגען איבער די גרענעצען פון פלאָרידא. דזשעקסאָן האָט דעם באפעל באטראכט אלס אַן אָנצוהערעניש צו פארכאפּען פלאָרידא, און ער האָט עס געטאָן אויף זיין שטייגער. די אינדיאנער האָט ער ניט געכאַפּט. ער האָט אָבער געכאַפּט א פּאָר אינדיאנישע פירער און צוויי ענגלישע סוחרים וואָס האָבען געהאנדעלט מיט די אינדיאנער. מיט די מענשען האָט ער זיך אפּגערעכענט. ער האָט זיי אלעמען היינגעריכטעט. איינער פון די צוויי ענגלענדער איז לכל הדעות געווען אבסאָלוט אומ־שולדיג פון וועלכער עס איז פארבינדונג מיט'ן שונא. דזשעק־סאָנ'ס אייגען קריגסגעריכט האָט געבעטען דזשעקסאָנ'ען צו שענ־קען אים דאָס לעבען, אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערען דער־פון. די איינציגע הנחה וואס ער האָט געמאכט דעם פאר'משפּט'ן איז געווען, אז אַנשטאָט הענגען זאָל מען אים שיסען. ווען דער שפּאנישער גאָווערנאָר פון פלאָרידא האָט פּראָטעסטירט למאי דזשעקסאָן האָט זיך אריינגעריסען אין א פרעמד לאנד, האָט דזשעקסאָן דעם גאָווערנאָר ארויסגעטריבען און פארנומען אלע שפּאנישע פעסטונגען.

דזשעקסאָנ'ס האנדלונג איז באגריסט געוואָרען מיט באגייס־טערונג צווישען די גרויסע מאסען, איבערהויפּט די קאָלאָניסטען אין דער וועסט. אָבער אין קאָנגרעס זיינען אריינגעטראגען גע־וואָרען א שארפע רעזאָלוציע געגען אים. פרעזידענט מאָנראָ אַליין

האָט לכתחילה אים אויך שטאַרק קריטיקירט. פּראָטעסט גאָטעם זיינען אָנגעקומען פון שפּאַניען און פון ענגלאַנד. דעם קאַמף געגען דזשעקסאָנ'ען אין קאָנגרעס האָט געפירט „ספּיקער" קלעי. זיין שטאַרקסטער פּאַרטיידיגער איז געווען דער מיניסטער פון אויסערן, דזשאָן קווינסי עדעמס.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די רעזאָלוציע איז דורכגעפאַלען. מיט ענגלאַנד האָט מען זיך אויסגעגליכען. אויף שפּאַניענ'ס פּראָטעסטען האָט דזשאָן קווינסי עדעמס געענטפערט מיט אַ מין אולטימאַטום: אַמעריקא וועט איר אָפּגעבען צוריק פלאָרידא אויב זי וועט זיך פאַרפליכטען דאָרט צו האַלטען אַ גרויסע אַרמיי, וועלכע זאָל באַוואַכען די אינדיאַנער און זיי ניט לאָזען אָנפאַלען אויף די אַמעריקאַנער שכנים. שפּאַניען איז דעמאָלט ניט אים־שטאַנד געווען צו שיקען אַזאַ אַרמיי קיין אַמעריקא. עדעמ'ס צווייטער פאָרשלאַג איז געווען אַז שפּאַניען זאָל פאַרקויפען פלאָרי־דאַ צו אַמעריקא. שפּאַניען האָט קיין אַנדער ברירה ניט גע־האַט און דעם פאָרשלאַג אָנגענומען.

אין 1819 איז דער מסחר געשלאָסען געוואָרען. מען איז מושוה געוואָרען אויף פינף מיליאָן דאָלאַר, אָבער דאָס געלט האָט שפּאַניען ניט באַקומען. אַמעריקא האָט דאָס געלד אויסגעצאָלט צו אַמעריקאַנער בירגער וועלכע האָבען געהאַט פאַרשידענע תביעות געגען שפּאַניען.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז פאַר אַמעריקא אויפגעשוואו־מען אַ פראַגע פון גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. פּרע־זידענט מאָנראָו האָט דאַן אַריינגעשיקט אַ „מעסעדזש" צום קאָנ־גרעס אין וועלכען ער האָט פאָרמולירט די באַציהונג פון אַמע־ריקא צו אייראָפּאַ. די דאָזיגע דעקלאַראַציע איז באַרימט אַלס די „מאָנראָו דאָקטרין" (מאָנראָ'ס לעהרע).

אין דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות אין אייראָפּאַ האָבען איינינגע פון די שפּאַנישע קאָלאָניעס אין צענטראַל און אין זיד־אַמעריקא רעוואָלטירט געגען שפּאַניען און זיך דערקלערט אַלס אומאָפּהענגיגע רעפּובליקען. די פאַראייניגטע שטאַטען האָט זיי אַנערקענט. צווישען די באַפרייטע קאָלאָניעס זיינען געווען טשי־

לי, פערו, ארגענטינע, קאָלאָמביא, און ווענעזועלא. שפאניען איז דאן געווען הילפלאָז. זי האָט ניט געהאט די כחות צו קעמפען גע־גען די רעוואָלוציעס. נאָכדעם ווי די נאפּאָלעאנישע מלחמות האָבען זיך געענדיגט האָט זיך אין אייראָפּע אָנגעפאנגען א שרעק־ליכע רעאקציע. דער רוסישער צאר, אַלעקסאנדער דער ערשטער, האָט אין 1815 אָרגאניזירט דעם „הייליגען פארבאנד" אין וועלכען אַלע געקרוינטע קעפּ פון איירָאפּא האָבען זיך אָנגעשלאָסען. די אויפגאבע פון פארבאנד איז כלומר'שט געווען צו פאראייניגען אַלע רעגירונגען אין א פרידליכען בונד. אין אמת'ן אָבער איז דער צוועק געווען אויפצוהאלטען דעם פּרינציפּ פון מאָנארכיזם און צו דערשטיקען רעוואָלוציעס. ענגלאנד האָט זיך אנטזאגט אריינצוטרעטען אין דעם „הייליגען פארבאנד".

אין 1822 האָבען אין שפּאניען און איטאליען זיך אָנגעהוי־בען בונטען פאר פּאָליטישע פרייהייט. דער צאר האָט פאר־רופען א קאָנפערענץ פון דעם „הייליגען פארבאנד", וועלכער האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע אז „די רעגירונגען זאָלען אָפּשאפען פאָלקס־פארטרעטערשאפט דארט וואו דאָס עקזיסטירט שוין און ניט דערלאָזען אז די סיסטעם פון פאָלקס־פארטרעטערשאפט זאָל זיך פארשפּרייטען אין די לענדער וואו דאָס עקזיסטירט נאָך ניט". אין ענגלאנד און אין אמעריקא איז דער באשלוס אויסגעטייטשט געוואָרען אַלס אַן אָנצוהערעניש אז דער „הייליגער פארבאנד" וועט העלפען שפאניען דערשטיקען דעם אויפשטאנד ביי איר אין לאנד און וועט איר אויך העלפען אומצואוואָרפען די רעפובליקען אין אירע געוועזענע קאָלאָניעס אין אמעריקא.

די פאראייניגטע שטאַטען האָט פאר זיך דערזען אַן ערנסטע געפאר. רוסלאנד האָט דאן געהערשט איבער אלאסקא און האָט געהאט אמביציעס צו פארכאפּען דעם ברעג פון קאַליפאָרניע. פראנקרייך האָט געשארפט די ציין אויף מעקסיקא. ענגלאנד האָט געזוכט צו פארכאפּען קובא. ווען דער פּלאַן פון דעם „הייליגען פארבאנד" וואָלט פארווירקליכט געוואָרען וואָלט די פאראייניגטע שטאַטען געהאט אויף אַלע אירע גרענעצען שטארקע איירָאָ־

פעאישע שכנים און וואָלט געווען אין א שטענדיגער געפאר פאר־שלונגען צו ווערען.

צום גליק איז ענגלאַנד געווען געגען די פלענער פון דעם „הייליגען פארבאנד". פאר אירע עקאָנאָמישע אינטערעסען האָט זיך געלוינט בעסער אז די קאָלאָניעס אין זיד און אין צענטראל אמעריקא זאלען זיין פריי, כדי זי זאָל דאָרט האָבען א פרייען מארק. כל־זמן יענע קאָלאָניעס האָבען געהערט צו שפאניען זיינען די טירען געווען פארשלאָסען. שפאניען האָט ניט גע־לאָזט אז קיין אנדער לאנד זאָל פיהרען מסחר מיט זיי. ענגלאנד האָט דערפאר פאָרגעשלאָגען אמעריקא אז די צוויי רעגירונגען זאָלען צוזאמען לאָזען וויסען דעם „הייליגען פארבאנד" דאס זיי וועלען ניט דערלויבען, ער זאָל זיך מישען אין אמעריקאנישע אנ־געלעגענהייטען. דעם פרעזידענט איז ענגלאנד'ס פאָרשלאג געפע־לען געווארען. זיין מיניסטער פון אויסערן, דזשאן קווינסי עדעמס, איז אָבער געווען געגען זוכען טובות און הילף ביי ענג־לאנד. זיין מיינונג איז געווען אז אמעריקע זאָל אליין ארויס מיט א פראטעסט געגען דער אינטערווענציע פון אייראָפעאישע לענדער אין אמעריקאנער אנגעלעגענהייטען. נאָך לאנגע דיס־קוסיעס און בעראטונגען האָט מאָנראָו אָנגענומען עדעמס'עס שטאנדפונקט.

דעם צווייטען דעצעמבער האָט פרעזידענט מאָנראו אריינ־געשיקט זיין „מעסעדזש" צום קאָנגרעס אין וועלכען עס ווערט קלאָר און שארף פאָרמולירט דער פרינציפ וואס ווערט באצייכענט אלס „מאָנראו'ס דאָקטרין".

די „מאָנראו דאָקטרין" באשטעהט פון דריי פונקטען:

ערשטענס, אין אמעריקא איז מער קיין פלאץ ניטאָ פאר נייע קאָלאָניעס. קיין אייראָפעאיש לאנד, הייסט דאָס, קען דאָ מער ניט פארנעמען קיין טעריטאריע. (דער דאָזיגער פונקט איז געצילט געווען הויפטזעכליך געגען רוסלאנד, וועלכע האָט גע־זוכט צו פארכאפען לאנד ביים פאסיפישען ברעג).

צווייטענס, די אייראָפעאישע רעגירונגען טאָרען זיך ניט מי־שען אין אמעריקאנישע אנגעלעגענהייטען.

דריטענס, אמעריקא וועט זיך ניט מישען אין די פאליטישע אנגעלעגענהייטען פון אייראפא.

דער „היילינער פארבאנד" האט דאן אויפגעגעבען דעם פלאן צו שיקען אן ארמיי געגען די נייע רעפובליקען אין אמעריקע.

קאפיטעל 40.

דער ערשטער שטורם אין קאָנגרעס איבער שקלאַפעריי

דער ערשטער גרויסער צוזאמענשטויס צווישן נאָרטה און סאוטה איבער דער פראגע פון נעגער־שקלאַפעריי איז געשען אין יאָר 1820. געענדיגט האָט זיך יענער צוזאמענשטויס מיט א פשרה, אָבער אין לאַנד איז געבליבען דאָס געפיל, אז דער קריג האָט זיך ערשט אָנגעהויבען און אז מיט פשרות וועט מען ניט אָפקומען. דזשאן קווינסי עדעמס האָט אָנגערופען דעם צוזאַמענשטויס „בלויז א הקדמה, א פאָרערבלאַט צו א גרויסען טראַגישען בוך". טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט דערקלערט: „ווי א גלאָק אין מיטען דער נאכט האָט מיך דער צוזאמענשטויס אויפגעוועקט, און מיין הארץ איז אָנגעפילט געווארען מיט שרעק. אויף א ווייַלע איז דער קריג איינגעשטילט, אָבער דאָס הייסט ניט אז ער האָט זיך געענדיגט. ער איז בלויז אפגעלייגט אויף שפעטער". אין קאָנגרעס ,וואו דער קאמף איז פאָרגעקומען, האָט א קאָנגרעסמאן פון דזשאָרדזשיא אויסגעשריען צו א קאָנגרעסמאן פון ניו יארק: „איר האָט אָנגעצונדען א פייער וואס דאָס גאנצע וואסער פון ים וועט ניט קענען אויסלעשען. בלויז ימים פון בלוט קענען דעם פייער דערשטיקען". די אלע שטאַטלייט האָבען ריכטיג אָפגעשאצט די פאסירונג פון 1820. זיי האָבען אין איר געזען דעם ערשטען סימן פון דעם שוידערליכען בירגער־קריג, וואָס האָט געדארפט קומען מיט פערציג יאָר שפעטער.

די אַלטע שטאַטען פון דער נאָרטה האָבען אלע געהאַט אָפּגעשאפט נעגער־שקלאַפעריי. אין 1819 האָט שוין דארט פאקטיש

קיין שקלאַפעריי ניט עקזיסטירט. וואָס איז שייך די נייע שטאַטען פון דער נאָרטה, — אָהייאָ, אינדיאַנא, מישיגען, איללינאָי — האָט דאָ קיינמאָל קיין שקלאַפעריי ניט עקזיסטירט. נאָך אין 1787 האָט דער אַלטער קאָנגרעס אָנגענומען א געזעץ אז אין דער נאָרטוועסט־טערטאריע זאָל שקלאַפעריי זיין פאַרבאָטען, און די אַלע נייע שטאַטען זיינען געווען טיילען פון דער אַלטער נאָרטוועסט־טעריטאָריע. דעריבער זיינען די שטאַטען, וואס זיינען געלעגען צו צפון פון דעם טייך אָהייאָ, אַלע געווען „פרייע“.

אָבער אין די שטאַטען וואָס זיינען געלעגען צו דרום פון דעם טייך אָהייאָ און נידעריגער אראָפּ פון דעלעווער און פּענסילוויי־ניע, דאָרטען האָט זיך נעגער־שקלאַפעריי אין לעצטען צענדליג יאָר פיל פארשטאַרקט, סיי אין די אַלטע סיי אין די נייע שטאַטען. דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען דער דערפינדונג פון דעם „קאטאָן דזשין“ און די ערפינדונגען פון שפּין־ און וועב־מאַשינען אין ענגלאַנד. דורך יענע דערפינדונגען איז בוימוואָל (קאטאָן) געוואָ־רען א וויכטיגער פּראָדוקט. די נאָכפראַגע אויף קאטאָן פאַר וועבעריי איז געוואָרען אומגעהייער גרויס. די פּלאַנטאַטאָרס פון דער סאַוט האָבען אויפגעקויפט מער און מער לאַנד און עס פאַר־וואַנדעלט אין קאטאָן־פעלדער. פאַר דער ארבייט אויף די קאטאָן־פעלדער האָבען זיי זיך גענויטיגט אין נעגערן. די ערד אין דער סאַוט־וועסט, אין אַלאַבאַמאַ און מיסיסיפּי, האָט זיך ארויסגע־וויזען אַלס בעסער צוגעפּאַסט פאַר קאטאָן־פּלאַנצונג ווי די ערד אין די אַלטע שטאַטען פון דער סאַוט. זיינען די רייכע פּלאַנטאַ־טאָרן אריינגעדרונגען אהין מיט זייערע שקלאַפען, און אזוי האָט זיך די שקלאַפען־סיסטעם פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער סאַוט, פון דעם אַטלאַנטישען ברעג ביז׳ן טייך מיסיסיפּי. ווען אַלאַבאַמאַ, מיסיסיפּי, טענעסי און קענטאָקי זיינען אריינגענומען געוואָרען אלס שטאַטען איז די פראַגע פון שקלאַפעריי גאַרניט אויפגעהויבען געוואָרען. זיי זיינען אָן שום קשיות אריינגעקומען אלס שקלאַפען־שטאַטען.

אָבער כאָטש ביים אריינעמען נייע שטאַטען האָט מען אין קאָנגרעס וועגען שקלאַפעריי ניט גערעדט, האָט מען אָבער וועגען

דעם שטאַרק געטראכט. יעדער צד האָט אכטונג געגעבען אז דער צווייטער צד זאָל ניט שטאַרקער ווערען. יעדעס מאָל וואָס עס איז אריינגענומען געווארען א נייער פרייער שטאַט איז לגבי אים אריינגענומען געווארען א נייער שקלאַפען־שטאַט. אין 1820 זיינען געווען אין די פאַראייניגטע שטאַטען צוויי און צוואַנציג שטאַטען: עלף פרייע און עלף שקלאַפען־שטאַטען. אמת, די ערשטע עלף האָבען געהאט א גרעסערע באַפעלקערונג ווי די



וואו שקלאַפעריי איז געווען ערלויבט און וואו פאַרבאָטען לויט דעם „מיזורי קאָמפּראָמיס“

אנדערע עלף: פינף מיליאָן 152 טויזענט נעגען פיר מיליאָן 85 טויזענט, און אין דער האוז אוו רעפּרעזענטאַטיווס האָבען די פרייע שטאַטען דערפאר געהאט מער פארטרעטער: 105 נעגען 81. אָבער אין סענאַט זיינען זיי געווען גלייך. יעדער צד האָט געהאט 22 סענאַטאָרען.

דער קאַמף פון 1820, דער ערשטער גרויסער צוזאַמענשטויס,

איז פארגעקומען ווען די טעריטאריע, מיזורי, האט זיך געווענדט צום קאנגרעס מיט א פארלאנג מען זאל זי אריינגעמען אלס א שטאט. די פראגע איז אין דער „האוז אוו רעפרעזענטאטיווס אויפגעהויבען געווארען אין פעברואר, 1819.

די מיזורי טעריטאריע איז געלעגען אויפ'ן מערב זייט פון דעם טייך מיסיסיפי, א טייל פון דעם שטיק לאנד, וואס דזשעפערסאן האט אין 1803 אפגעקויפט ביי נאפאלעאנ'ען. זי האט זיך געגרעניצט כמעט אינגאנצען מיט אילינאי, דאס הייסט, זי איז געלעגען אזוי הויך צו צפון צו ווי די פרייע שטאטען פון דער נארטוועסט טעריטאריע. דערפאר האט קאנגרעסמאן טאל־מעדזש פון ניו יארק געמאכט א פארשלאג, אז מיזורי זאל ארייג־גענומען ווערען אלס א פרייער שטאט. זיין פארשלאג איז געווען, אז מען זאל אהין נים טארען אריינפירען קיין נייע שקלאפען, און אז די קינדער וואס וועלען דארטען געבארען ווערען פון די שקלאפען, וועלכע געפינען זיך דארטען פון פריער, זאלען ווערען פריי יוען זיי וועלען דערגרייכען דעם עלטער פון 25 יאר.

אט איבער דעם פארשלאג האט זיך עס אויפגעהויבען דער שטורם, וועלכער האט אויפגעטרייסעלט דאס גאנצע לאנד. דער שטורם האט אנגעהאלטען צוויי יאר צייט. די קאנגרעסלייט פון דער סאוט האבען גע'טענה'עט, אז דער קאנגרעס האט קיין רעכט נים א דעה צו זאגען א נייעם שטאט צי ער זאל דערלאזען ביי זיך שקלאפעריי אדער נים; דאס איז א פראגע, האבען זיי געזאגט, וואס יעדער שטאט האט א רעכט צו באשטימען פאר זיך, און אזוי ווי די איינוואוינער פון מיזורי האבען יא געוואלט שקלאפעריי, האבען זיי א רעכט דערויף. די קאנגרעסלייט פון דער נארט האבען גע'טענה'עט, אז מיזורי איז א טייל פון דער נארט, און אז אויב מען וועט איר ערלויבען צו האבען שקלאפעריי וועט עס הייסען אז די טירען פון דער גאנצער נייער וועסט וועלען זיך ברייט עפענען פאר שקלאפעריי.

די דעבאטען אין קאנגרעס האבען זיך געצויגען ביז'ן סוף פון דער סעסיע. אין נידעריגערען הויז, וואו די נארט האט געהאט א מאיאריטעט איז טאלמעדזש'עס פארשלאג דורכגעגאנגען, אבער

אין סענאט איז ער דורכגעוואָרפען געוואָרען.. די פראגע איז געבליבען פאר'ן נייעם קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך געדאַרפט עפענען אין דעצעמבער.

דערווייל האָט דאָס לאַנד גענומען קאָכען מיט דער מיזורי־פראגע. מאסען־פארזאמלונגען זיינען אפגעהאלטען געוואָרען אין אַלע גרויסע שטעט פון דער נאָרט, און שארפע רעזאָלוציעס געגען שקלאַפעריי אין די נייע שטאַטען זיינען דאָרט אָנגענומען געוואָרען, און די לעדזשיסלייטשורס פון דער נאָרט האָבען אויך אויפגעפאָדערט די פאָרשטייער פון זייערע שטאַטען אין וואשינגטאָן זיי זאָלען זיך ניט אונטערגעבען. אין דער סאַוט זיינען אנגענומען געוואָרען פארקערטע רעזאָלוציעס, וועלכע האָבען פארדאַמט דעם פאַרזוך צו באַגרענצען שקלאַפעריי, און זיי האָבען אויך אויפגעפאָדערט די פאָרשטייער פון די סאַוט שטאַטען אין וואשינגטאָן צו שטיין פעסט און זיך ניט בויגען.

אין דעם נייעם קאָנגרעס איז די פראגע ווידער אויפגעשוואומען. ווען עס איז געקומען צו אָפּשטימען זיינען די רעזול־טאַטען געווען דיזעלבע וואָס אין פאָריגען קאָנגרעס: אין דער „האוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס" האָט געזיגט די נאָרט; אין סענאט האָט געזיגט די סאַוט.

ענדליך איז געמאכט געוואָרען א פשרה. גראָד האָט דעמאָלט מעין זיך געווענדט מען זאָל זי אריינעמען אלס שטאַט (ביז דאַן איז זי געווען א טייל פון מאסאַטשוזעטס). איז געמאכט געוואָרען די פשרה, אז מיזורי זאָל אריינגענומען ווערען אלס א שקלאפען־שטאַט. און מעין זאָל אין דערזעלבער צייט אריינגענומען ווערען אלס א פרייער שטאַט. דאָס האָט איבערגעלאָזט די פארטיילונג פון די קרעפטען אין קאָנגרעס אין דערזעלבער פּראָפּאָרציע וואָס פריער. עס איז אבער אויך באשלאָסען געוואָרען, אז אויף ווייטער זאָל אין דער טעריטאָריע אויפ'ן מערב זייט פון טייך מיסיסיפּי געצויגען ווערען א ליניע אומגעפערביים פונקט וואו דער טייך אָהייאָ פאַלט אַריין אין דעם מיסיסיפּי; די ליניע זאָל דורכשניי־דען די ברייט פון דער לאָויזיאַנאַ טעריטאָריע, און אין יענעם טייל פון דער טעריטאָריע, וואָס ליגט צו צפון פון דער ליניע, זאָל

שקלאפעריי זיין פארבאטען און אין דעם טייל, וואס ליגט אונטער יענער ליניע, זאל שקלאפעריי זיין דערלויבט (געאגראפיש ווערט די ליניע באצייכענט אלס נארט פאראלעל 36 גראד מיט 30 מינוטען).

די פשרה איז אין דער געשיכטע באקאנט אלס „די **מיזורי** קאמפראמאיז” אדער די פשרה פון 1820.

קאַפּיטעל 41.

די גרויסע ענדערונגען אין דעם אינדוסטריעלען לעבען פון אמעריקע

די פופצען יאָר וואָס נאָך דער מלחמה, 1815-1830, האָבען געבראַכט ריזיגע ענדערונגען אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד. עס איז פאָרגעקומען אַן אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך אויך אָפּגערופען אויף די סאָציאַלע און פּאָליטישע איינריכטונגען פון לאַנד. אין יענע פופצען יאָר האָט אמעריקע צום ערשטען מאָל דערפילט אירע אייגענע כחות, איר אמת׳ע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט. דערמאָלט איז אמעריקע געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז איר הויפּט-אויפגאַבע דאַרף זיין צו אַנטוויקלען זיך אַליין, אירע אייגענע נאַציאָנאַלע אוצרות, און ס׳איז דעמאָלט אין אַמעריקע געבאָרען געוואָרען דער דאָפּעלטער פאַרלאַנג צו ווערען אַליין גרויס און מעכטיג אין עקאָנאָמישען און פּאָליטישען זין, און אויך ווערען די פירערין פון דעם גאַנצען אַמעריקאַנישען וועלט-טייל.

אין פריערינע קאַפּיטלען איז שוין גערעדט געוואָרען פון די פאַרשידענע גרויסע דערגרייכונגען אין דער נייער ריכטונג: ווי אַזוי די פאַראייניגטע שטאַטען האָט אַריינגעקראָגען אין אירע הענט פלאָרידאַ און איז דורכדעם געוואָרען די הערשערין איבער דעם „גאָלף אָוו מעקסיקאָ“; ווי אַזוי זי האָט דורך דער „מאָנראָו דאָקטרין“ זיך דערקלערט אַלס די באַשיצערין פון דעם גאַנצען אַמעריקאַנישען קאָנטינענט. עס איז אויך דערציילט געוואָרען וועגען דער גרויסער איבערקערעניש אין פאַרקער-מיטלען, וועגען דער אויפבויאונג פון קאַנאַלען, שאָסייען און דער אַנט-

ווי‏קלונג פון דאמפשיפען. עס איז דערציילט געוואָרען וועגען דער איבערקערעניש אין די נאָרט־שטאַטען דורך דער אנטוויקלונג פון פאבריקאציע, און אין די סאוט־שטאַטען דורך דער רייזיגער פארשפרייטונג פון קאָטען־פלאַנטאַציעס. עס איז געשילדערט געוואָרען דאָס וואָס די מאָדערנע היסטאָריקער באטראכטען אלס פיליכט די סאמע וויכטיגסטע געשעעניש פון יענער צייט — דער געלאַף אין דער וועסט.

אין 1830 האָט דאָס לאנד געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פּנים ווי אין 1812. לאָמיר דורכפירען אַ קליינעם פארגלייך פון יעדען טייל פון לאנד באַזונדער אויף די דאָזיגע צוויי צייט־פונקטען:

צווערשט די ניו־ענגלאנד שטאַטען: ביז דער מלחמה „זיינען די אינטערעסען פון ניו־ענגלאנד געלעגען אויפ'ן ים". אירע וויכטיגסטע עקאָנאָמישע באַטריבען זיינען געווען: שיפען, פישפאנגעריי און האנדעל מיט אויסלאנד. ניו־ענגלאנד איז געווען אינגאַנצען אָפּגעשניטען פון דער וועסט. איר באַפעלקערונג איז געווען אַ ריין־ענגלישע. די פּוריטאַנישע קירכע האָט געהאַט אַ ריזיגען איינפלוס אין פּאָליטיק, אין בילדונג, איבער'ן גאַנצען גייסטיגען לעבען פון דער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען אין 1812.

איצט, אין 1830, האָט זיך דאָס אַלץ געביטען. די מלחמה האָט געגעבען אַ שווערען קלאַפּ דעם פיש־פאַנג, דער שיפען־אינדוסטריע און דעם אויסלענדישען האַנדעל. אָנשטאָט דעם האָבען זיך אין ניו־ענגלאנד אָנגעהויבען אנטוויקלען די טעקסטיל־פאַבריקאציעס. עס איז אַנטשטאַנען אַן ארבייטער־קלאַס. פריער האָבען אין די פאבריקען געאַרבייט די טעכטער פון די פאַרמער, שפּעטער האָבען אָנגעפאַנגען אַריינקומען אהין איירישע אימיגראַנטען. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג איז נאָך אַלץ באַשטאַנען פון פאַרמער. דאָך האָבען די ניו־ענגלאנד שטאַטען אין 1830 שוין געמוזט אַריינפירען קאָרן און מעל פון אַנדערע שטאַטען. זיי האָבען זיך שוין אַליין ניט געקענט דערנערען. אַ סך פאַרמס אין ווערמאָנט און אין די בערקשיר־בערג האָבען זיך איצט אָפּגעגעבען מיט האָדעווען שעפּסען און בהמות.

די פעלדער זיינען באנוצט געוואָרען פאר פאשע, און א גרויסע צאָל פארמער האָבען פארקויפט זייערע קליינע שטיקלאך ערד און אוועקגעוואנדערט אין דער וועסט, וואו די ערד איז געווען א סך ביליגער און א סך פרוכטבארער.

דורך די עקאָנאָמישע ענדערונגען האָט די אלטע סאָציאלע אָרדנונג צוזאמענגעבראָכען. די קירכע האָט פארלאָרען איר מאכט. די אָרימע קלאסען האָבען געוואונען פאָליטישע רעכט. די ניו־ענגלאנד שטאטען האָבען אויפגעהערט צו זיין אזוי קאָנ־סערוואטיוו אין דער פאָליטיק ווי פריער.

נאָך גרעסער איז געווען די ענדערונג אין דער סאַוט.

די דערפינדונג פון דעם „קאטאן דזשין" האָט אויף א ווײַלע אויפגעלעבט די אלטע סאַוט, יענע שטאטען פון דער סאַוט וואָס ליגען ביים ברעג ים. איידער די דערפינדונג איז געמאכט גע־וואָרען האָט געקאָסט צו טייער צו רייניגען די קאטאן. די איינ־ציגע צוויי שטאטען וואָס האָבען דאַן געפלאנצט קאטאן זיינען געווען סאַוט קאראָליינא און דזשאָרדזשיא, און צוזאמען האָבען זיי אין 1791 אראָפּגענומען פון די פעלדער 2 מיליאָן פונט. אין 1821 האָבען שוין די שטאטען פון דער אלטער סאַוט אראָפּ־גענומען גאנצע 117 מיליאָן פונט, און אין 1826—180 מיליאָן פונט. נעגערשקלאפעריי, וואָס האָט צום סוף פון 18טען יאָר־הונדערט געהאלטען ביים אונטערגיין אין דער סאַוט, האָט דורך דער דערפינדונג געקראָגען א ניי לעבען און זיך שטארק פאנאנ־דערגעוואקסען.

די וויכטיגסטע ענדערונג איז אָבער פאָרגעקומען דורכדעם וואָס די קאטאן־אינדוסטריע האָט זיך פארשפרייט אין דער נייער טעריטאָריע פון דער וועסט (דער זידליכער טייל פון דער וועסט). די ערד איז דאָרטען געווען ביליג און א סך בעסער צוגעפאסט פאַר קאטאן ווי די ערד אין דער אלטער סאַוט. די דאָרטיגע פארמער האָבען גענומען קאָנקורירען מיט די פארמער פון די אלטע שטאטען. זיי האָבען געשניטען דעם פרייז אויף קאטאן, און די אריסטאָקראטיע פון דער אלטער סאַוט, וועלכע האָט גע־

יזאווינט אין ווירדזשיניא און אין סאוט־קאראליינא איז פאר־ארימט געווארען.

הונדערטער יארען האבען די אריסטאקראטען אין ווירדזשי־ניא, סאוט־קאראליינא און דזשארדזשיא געהאלטען פעסט די פאליטישע מאכט. זיי האבען באפעסטיגט אזעלכע געזעצען וועגען שטימרעכט און וואלען, אז עס איז אוממעגליך געווען פאר די ארימע איינוואוינער זיך צו באפרייען פון דער אריסטא־קראטישער קליקע. איצטער אבער איז זייער מאכט טיילווייז געבראכען געווארען. די נייע שטאטען אין דער וועסט, כאטש זיי זיינען אויך געוועזן פון דעמזעלבען סארט ווי די שטאאטען פון דער אלטער סאוט, מיט גרויסע פלאנטאציעס און נעגער־שקלאפען, דאך זיינען זיי געווען ליבעראלער, און אונטער דעם איינפלוס פון יענע שטאטען זיינען אויך אין דער אלטער סאוט דורכגעפירט געווארען ליבעראלערע געזעצען. און דער עיקר איז, וואס די אלטע אריסטאקראטיע איז עקאנאמיש געבראכען געווארען. אפילו אזוינע פראמינענטע פערזענליכקייטען ווי דזשע־פערסאן, מעדיסאן, מאנראו, זיינען אויף דער עלטער ארים גע־ווארען. מאנראו האט זיינע לעצטע יארען געוואוינט ביי זיינעם אן אײדים אין ניו יארק.

און נאך א גרויסע ענדערונג איז פארגעקומען אין דער סאוט: זי האט זיך אליין מער ניט געקענט דערנערען. זי האט געמוזט אימפארטירען פלייש, פערד, אייזלען, היי און גרויפען פון דער וועסט און פון דער נארט. זי האט געלעבט הויפטזעכ־ליך אויף איר קאטאן־האנדעל מיט אייראפע.

די מיטעלע שטאטען, ניו יארק, פענסילווייניא און ניו דזשוירזי, זיינען איצט געווארען די פארמיטלער צווישען איסט און וועסט און צווישען נארט און סאוט. ניו יארק און פענסיל־ווייניא האבען זיך געפונען אין א באזונדער גליקליכער לאגע. זייער טעריטאריע האט זיך אויסגעשפרייט ווייט אין דער וועסט. ווען די עמיגראציע צו דער וועסט האט זיך אנגעפאנגען האבען א סך קאלאניסטען זיך באזעצט אין דעם וועסטליכען טייל פון די שטאטען. זיי זיינען געווארען די פארמיטלער, אינדוסטריע־

און קאָמערציעל, צווישען די אַלע פאַרשידענע טיילען פון לאַנד. אין די ביידע שטאַטען האָט זיך איצט אויך אַנטוויקעלט די אייזען־אינדוסטריע.

צווישען די אַלע שטאַטען וואָס זיינען געלעגען ביים אַטלאַנטישען ברעג זיינען די מיטעלע געווען די ליבעראַלסטע, די דעמאָקראַטישסטע. און איינע פון די אורזאַכען איז געווען דאָס וואָס זיי האָבען אימער געהאַט אַ וועסטליכען טייל, און וואָס זייערע טירען זיינען געווען אָפען פאַר אימיגראַציע פון פאַרשידענע לענדער און פאַרשידענע ראַסען.

אָבער וויכטיגער פון אַלץ איז געווען די וועסט גופא. אָט דער געלאַף אין דער וועסט, איר ריזיגער וואוקס, האָט געלייגט דעם שטעמפעל אויף דער נייער עפּאָכע אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, די עפּאָכע וואָס הויבט זיך אָן מיט'ן יאָר 1830.

עס איז שוין אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל אָנגעוויזען געוואָרען דערויף, אַז די וועסט האָט געשאַפען אַ נייעם טיפּ אַמעריקאַנער, דעם אמת'ן דעמאָקראַט, וועלכער האָט ניט בלויז באַנומען מיט'ן קאָפּ, נאָר טאַקע געפילט מיט'ן הארץ דעם ווערט פון אמת'ער פרייהייט און אמת'ער גלייכהייט. אין אָנהויב פון 19טען יאָרהונדערט האָט די וועסט נאָך ניט געגרייכט ווייט. זי האָט זיך געענדיגט ביי אָהייאָ, קענטאָקי און טענעסי. איצט אָבער האָט זי זיך אויסגעשפּרייט ביז'ן טייך מיסיסיפּי, און ערטערווייז איז זי אפילו אריבער אויפ'ן אַנדערען זייט מיסיסיפּי. אין די צען יאָר פון 1820 ביז 1830 איז די באַפעלקערונג פון דער וועסט געוואַקסען פון 2 מיליאָן 217 טויזענט אויף 3 מיליאָן און 700 טויזענט, אַ צוּוואוקס פון אָנדערהאַלבען מיליאָן. דער שטאַט מיסיסיפּי איז אין די צען יאָר גרעסער געוואָרען אויף 80 פּראָצענט; אַלאַבאַמאַ אויף 142 פּראָצענט; אינדיאַנאַ אויף 133 פּראָצענט; אילינאָי אויף 185 פּראָצענט. אָהייאָ האָט איצט געהאַט מער מענשען ווי מאַסאַטשוסעטס און קאָנעקטיקאָט צוזאַמענגענומען. די שטאַטען פון דער וועסט האָבען אין 1830 געהאַט 41 קאָנגרעסלייט (אינגאַנצען זיינען געווען 213), און 18 סענאַטאָרען (אינגאַנצען זיינען געווען 48).

מען מוז אָבער אָנצייגען אויף דעם העכסט וויכטיגען פאקט, אז שוין אין 1830 האָט דער דרום־טייל פון דער וועסט, דאָרט וואו עס האָט געהערשט נעגער־שקלאפעריי, געטראָגען א גאנץ אנדערען כאראקטער ווי דער צפון־טייל: די נאָרט־וועסט איז געווען א לאנד פון פארמער און שטעט־בויער, וועלכע האָבען געזוכט א מארק פאר זייער תבואה און זייערע פי; די סאוט־וועסט איז געווען א לאנד פון קאטאן־פלאנטאציעס און נעגער־שקלאפען. עקאָנאָמיש איז דער אונטערשיד געווען א שטארקער. די נאָרט־וועסט האָט זיך דערנענטערט אין אירע עקאָנאָמישע אינטערעסען צו די מיטעל־שטאטען; די סאוט־וועסט האָט זיך דערנענטערט צו די סאוט־שטאטען.

אין דער נאָרט־וועסט האָבען זיך באזעצט אָרימע, אומצו־פרידענע, אונטערדריקטע מענשען וואָס האָבען ניט געקענט אויס־האלטען דעם אינדוסטריעלען און סאָציאלען דרוק פון דער איסט. אין דער סאוט־וועסט האָבען זיך באזעצט יענע, וואָס האָבען געזוכט מער לאנד פאר קאטאן־פעלדער, גרעסערע פלאנטאציעס, מער ארבייט פאר זייערע שקלאפען, מער מעגליכקייטען רייך צו ווערען.

פראָפעסאָר טוירנער שרייבט: „דער לוין פון ארבייט אין די שטעט ביים טייך אָהייאָ און די נידעריגע פרייזען פון לעבענס־מיטעל האָבען געגעבען די מעגליכקייטען אפילו דעם אָרימען ארבייטער פון דער איסט אָנצוזאמלען דעם נויטיגען קאפיטאל צו קויפען א שטיקעל ערד.“ און די וואָס האָבען קיין געלט ניט געהאט האָבען זיך באזעצט אויף לאנד אָן א דערלוי־בעניש. אזא קאלאָניסט האָט געהאָפט, אז פון דער פארנומענער פארם וועט ער קענען מאכען גענוג ער זאָל דערנאָך קענען באַ־צאָלען פאר איר. אָפט האָט עס פאסירט, אז אָט־דער ניט־געזעצליכער פארמער פלעגט אויסהאקען די בוימער, אויפבויען א הויז, פארזייען פעלדער, און דערנאָך ערשט פלעגט אַן אנדערער אָפקויפען דאָס שטיקעל ערד ביי דער רעגירונג. אין אזעלכע פאלען פלעגט דער נייער קויפער באצאָלען דעם אומגעזעצליכען פארמער פאר די אויסבעסערונגען, און איבערנעמען די פארם

די ערשטע וואָס האָבען אריינגעדרונגען אין דער ווילדערניש פון דער וועסט, די פּיאָנערען, זיינען געווען מענשען מיט אומ־רואיגע נאַטורען, מענשען וואָס האָבען ליב געהאַט די אוואַנטורע פון גיין אין די וועלדער און לעבען ווייט פון ציוויליזאַציע. זיי פלעגען אויפבויען הייזער פון די געהילץ פון די וועלדער און פלעגען זיך דערנערען מער פון יאַגד ווי פון פאַרמעריי. זיי האָבען געלעבט אין שמוץ, אָן שום בילדונג. זיי האָבען זיך ניט געקימערט פאַר די באַקוועמליכקייטען פון ציוויליזירטען לעבען. „דער דאָזיגער טיפּ“, זאָגט פּראָפעסאָר טוירנער, „האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם סאַמע ערשטען פראָנט פון דעם פאָרשריט פון ציוויליזאַציע.“

דער באַרימטסטער פון די פּיאָנערען איז געווען דעניעל בון, וועלכער איז אריינגעדרונגען אין קענטאַקי אין 1769. וועגען אים ווערען דערציילט וואונדער־געשיכטען. ער האָט אַ קיילעכדיג יאָר געלעבט איינער אַליין אין די וועלדער פון קענטאַקי, אין שטענדיגער סכנה געפאַנגען צו ווערען פון אינדיאַנער אָדער אויפ־געפרעסען צו ווערען פון ווילדע חיות. שפּעטער האָט ער אַהין אריבערגעבראַכט זיין פאַמיליע און אַ צאָל אַנדערע קאָלאָניסטען. זיי זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבען זיך באַזעצט אין קענטאַקי.*)

נאָכ'ן אוואַנטוריסט איז געקומען דער קאָלאָניסט, דער פאַרמער־פּיאָנער, וועלכער האָט שוין געהאַט אַביסעל געלט און האָט שוין געזוכט אויסצובויען פאַר זיך אַ היים. ער פלעגט ביים ערשטען פּיאָנער אָפּקויפען זיין שטיקעל ערד. דער ערש־טער פּיאָנער פלעגט אַוועק ווייטער אין דער וועסט, דאָרטען וואו אַלץ איז נאָך געווען ווילד, און ער פלעגט אָנהויבען איבער־אַ־ניים האַקען ביימער און בויען אַ הילצערנע כאַטקע פאַר זיך. אין זיין

*) מאָדערנע היסטאָריקער לייקענען, אַז בון איז געווען אַזאַ העלד און אַזאַ ליבהאָבער פון דער ווילדער נאַטור ווי ער איז פון די עלטערע שרייבער פאָרגעשטעלט געוואָרען. זייערע אויספאָרשונגען באַווייזען, אַז קענטאַקי איז אויסגעפאָרשט געוואָרען אַ סך פריער און אַז בון איז אַהינ־געשיקט געוואָרען פון לאַנד־ספּעקולאַנטען.

פריערדיגער הײם האָט זײן נאָכפאָלגער שױן געאַקערט און גע־זײט, געהאָדעװעט בהמות, געבױט מילען א. אז. װ. „און דאַן פלעגט שױן אונטערקומען אַ לאַנד־ספּעקולאַנט און נעמען פאַר־קױפען קאָרנער־לאָטס פאַר אַ געפלאַנטער שטעטעל“, זאָגט פּראָפעסאָר טוירנער.

אין דער סאַוט־װעסט אָבער איז די אַנטװיקלונג צוגעגאַנגען אַנדערש. די ערשטע פּיאָנערען זײנע דאָרטען אױך געװען פון זעלבען סאָרט װי אין דער נאָרט, מענשען װאָס האָבען אױס־געהאַקט די װעלדער און באַלד די ערד פאַרקױפט צו אַנדערע. נאָך זײ אָבער זײנען געקומען פּלאַנטאַטאָרס מיט זײערע שקלאַ־פען. דער רײכער פּלאַנטאַטאָר האָט דאָ געקױפט ערד אין גרױ־סע שטרעקעס. דער פּיאָנער האָט ניט געקענט בלײבען אױף זײן קלײנער פאַרם װען ער װאָלט עס אפילו געװאָלט. ערשטענס, האָט ער ניט געקענט בײשטײן דעם נסיון פון די הױכע פּרײזען װאָס דער רײכער פּלאַנטאַטאָר פלעגט אים אָנבאָטען; צװײטענס, האָט ער זיך ניט געקענט אַרײנפּאַסען געזעלשאַפטליך צװישען די רײכע פּלאַנטאַטאָרס מיט זײערע נעגער־שקלאַפען.

די פאַרמער־פּיאָנערען אין דער נאָרט־װעסט פלעגען אױפ־פּאַקען זײערע זאַכען אױף פערד־און־װאָגען אָדער זײ נעמען אױף די פּלײצעס און אַװעקװאַנדערען פון דער אַלטער הײם אין דער נײער. דער פּלאַנטאַטאָר פון דער סאַוט פלעגט אַרױפזעצען זײן פאַמיליע אױף אַ קאַרעטע, פלעגט אַרױספאָרען אױף זײן נײע פּלאַנטאַציע אין דער סאַוט־װעסט מיט דער באַגלײטונג פון נעגער־שקלאַפען און יאַגד־הינט.

דאָס זײנען געװען צװײ באַזונדערע װעלטען.

קאַפּיטעל 42.

די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי ווערט צוריסען דורך אינערליכע אינטריגעס

דער וואַל־קאַמף פאַר פּרעזידענט אין 1824 האָט זיך אויסגעצייכענט אין צוויי פּרטים: ערשטענס, האָבען אַלע קאַנדידאַטען געהערט צו דערזעלבער פּאַרטיי; צווייטענס, האָבען אַלע קאַנדידאַטען אַרויסגעשטעלט דאָסזעלבע פּראָגראַם. דער קאַמף איז אַלזאָ געווען דורכאויס אַ קאַמף פון פּערזאָנען, און איז געפירט געוואָרען אויף דער ליניע פון פּערזענליכע אַטאַקעס, אינטריגעס און פאַרלוימדונגען. אין דעם פּרט איז ער געווען איינער פון די מיאוס׳טע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס אין דער געשיכטע פון לאַנד.

די איינציגע פּאַרטיי וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט איז געווען די רעפּובליקאַנישע, די פּאַרטיי וואָס איז אַריינגעטראָטען אין מאַכט אין 1801 און האָט פון דעמאָלט אָן געהאַלטען די רעגירונג אין אירע הענט. די פעדעראַליסטישע פּאַרטיי האָט נאָך פונקציאָנירט אין איניגע געגענדען אַלס אַ לאָקאַלע פּאַרטיי, אָבער אין נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט זי שוין קיין שום ראָלע ניט געשפּילט. און טאַקע ווייל עס איז איצט געווען בלויז איין פּאַרטיי, האָבען זיך אָנגעהויבען אין איר שפּאַלטונגען און ריי־סערייען. פריער פלעגט זיך פירען, אַז דער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פלעגט נאָמינירט ווערען ביי אַ קאָקוס־מיטינג פון די קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען פון יעדער פּאַרטיי. די דאָזיגע סיסטעם איז שוין לאַנג פאַרדאַמט געוואָרען אַלס ניט־דעמאָקראַטיש. „די גדולים פון וואַשינגטאָן צווינגען אַרויף אַ קאַנדידאַט

אויף דער גאנצער פארטיי!" האבען די מאסען פראטעסטירט. אבער כל־זמן די פארטייען זיינען געוועזן אינערליך אייניג, האט די אלטע סיסטעם אנגעהאלטען. איצט אבער, אז די פארטיי איז צוריסען געווארען אין פראקציעס און עס האט זיך אנגעהויבען אן אינערליכע מלחמה, איז דער ערשטער קרבן געפאלען די „קאקוס־נאמינאציע". אין 1824 האט דער רעפובליקאנישער



דזשאן קווינסי עדעמס

„קאקוס" אפילו יא נאמינירט א קאנדידאט, אבער די אנהענגער פון אנדערע קאנדידאטען האבען דעם „קאקוס" איגנארירט. דאס האט דעם „קאקוס" אינגאנצען געטויט.

פראקציעס זיינען געוועזן עטליכע, יעדע מיט אן אייגענעם פרעזידענט־קאנדידאט. אבער בלויז פיר פון זיי האבען זיך גע־

פילט שטארק געגוג אריינצוטרעטען אין דעם וואל־קאמף. די פיר קאנדידאטען זיינען געווען: דזשאן קווינסי עדעמס, ענדרו דזשעק־סאן, הענרי קלעי און וויליאם העריס קראופארד.

אין בילדונג און געניטקייט אלס שטאטסמאן און פאלי־טיקער איז דזשאן קווינסי עדעמס געשטאנען מיט עטליכע קעפ העכער פון אלע זיינע געגנער. ער איז געווען דער זון פון דזשאן עדעמס, דעם צווייטען פרעזידענט, און האט פון זיין פאטער גע'ירשנ'ט זיינע פייאיגקייטען און זיין כאראקטער. ער איז געווען א צוריקגעצויגענער מענש, האט געהאט ווייניג פערזענליכע פריינט, א קאלטער, א שטרענגער, מיט פעסטע מיינונגען און פרינציפען. ווען ער איז אלט געווען עלף יאר האט אים זיין פאטער מיטגענומען קיין אייראפא, וואוהין ער איז געפארען אויף א דיפלאמאטישער שליחות. פון דעמאלט אן איז ער שטענ־דיג געבליבען פארבונדען מיט זיין פאטער'ס טעטיגקייט אויף פאליטישע און דיפלאמאטישע געביטען. צו צוועלף יאר האט ער אנגעהויבען צו פירען א טאגעבוך און האט אים געפירט דאס גאנצע לעבען (דאס דאזיגע ווערק וואס פארנעמט צוועלף בענדער איז איינע פון די בעסטע קוועלען פאר דער היסטאריע פון יענער עפאכע). אין דעם טאגעבוך האט ער אפט געשריבען וועגען זיינע אינערליכע איבערלעבונגען. ער האט זיך אליין גע'מוסר'ט, ער זאל זיך האלטען פעסט ביי די פרינציפען, ביי זיינע פליכטען, ביי דער מאראל. ער האט ניט געזוכט קיין תענוגים, אים האבען ניט אינטערעסירט קיינע צייט־פארטרייבונגען. ער איז געווען פריי פון זינדיגע ליידענשאפטען. ער האט שטענדיג געארבייט, שטענדיג געטאן דאס וואס זיין געוויסען האט אים דיקטירט. ער איז געווען דער אמת'ער פוריטאנער.

די גרויסע מאסען פון דער וועסט און סאוט האבען אויף עדעמס'ן שטענדיג געקוקט מיט חשד. אמת, ער האט זיך אין 1797 אנגעשלאסען אן דער רעפובליקאנישער פארטיי און האט טריי געדינט דער רעפובליקאנישער אדמיניסטראציע אלס דיפלא־מאט אין אויסלאנד און אלס קאבינעט־מיניסטער. דאך האבען די רעפובליקאנישע מאסען אויף אים געקוקט מיט ווייניג צוטרוי:

פארט א זון פון דזשאן ערעמס, פארט א קינד פון אן אריסטא־קראטישער פאמיליע, א געשטודירער פון דעם אריסטאקראטישען הארווארד קאלעדזש, ניט קיין פאלקס־מענש. דערצו איז ער גע־קומען פון מאסאטשוסעטס, פון ניו־ענגלאנד, וואו דער אלטער גייסט פון פעדעראליזם האט נאך געהערשט גאנץ שטארק. ער האט געהאט וועניג פערזענליכע פריינד און וועניג פאליטישע אנהענגער. זיין גאנצע שטארקייט איז געלעגען אין זיין לאנגער קאריערע אלס פאליטיקער און דיפלאמאט. אים האט אויך א סך געהאלפען דאס וואס ער איז אין מאנראו'ס אדמיניסטראציע געוועזען דער הויפט קאבינעט־מיניסטער, דער סעקרעטערי אוו סטייט (אויסלאנדס־מיניסטער) און אין די פאליטישע פארטייען האט דעמאלט געהערשט א מין טראדיציע, אז דער סעקרעטערי אוו סטייט דארף ירש'ענען דעם פרעזידענט־אמט.

דער צווייטער קאנדידאט, ענדרו דזשעקסאן, איז אין אלע פרטים געוועזען דער היפוך פון ערעמס'ן. אזוי ווי ערעמס איז געוועזען די פארקערפערונג פון שטרענגען, פארהארטעוועטען, ארי־סטאקראטישען פוריטאניזם פון ניו־ענגלאנד, אזוי איז ענדרו דזשעקסאן געוועזען די פארקערפערונג פון דער ווולגארער, פרייער, דעמאקראטישער וועסט. קיין פאליטישע דערפארונג האט ער כמעט ניט געהאט. קיין דיפלאמאטישע אודאי ניט. ער איז געוועזען א רויער מענש, כמעט אן בילדונג. דערפאר אבער האט ער געהאט שטארקע, הייסע ליידענשאפטען. אלס גענעראל האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין העלדישקייט, ענערגיע און ברוטאליטעט. די גרויסע מאסען האבען אין אים געזען א העלד. די וועסט האט אים פארגעטערט אלס אירען א קינד, אלס איי־נער וואס פארשטייט איר נשמה, אירע בארערפנישען, און דעם כאראקטער פון אירע מענשען.

א מיטעלע פאזיציע צווישען די צוויי עקסטרעמען האט פארנומען הענרי קלעי. ער איז אויך געקומען פון דער וועסט, פון קענטאקי. ער האט אבער א לאנגע צייט געוואוינט אין דער איסט, אין וואשינגטאן. ער האט געקענט אלע טיילען פון לאנד. ער איז געוועזען א דעמאקראטישער מענש, אבער אין דערזעלבער

צייט א גייסטיגער אריסטאקראט. ער איז נים געווען אזוי נע־בילדעט און קולטורעל ווי עדעמס, אבער ער איז געשטאנען ווייט העכער פון דזשעקסאנ׳ען. ער איז געווען א וואונדערבארער רעדנער, געהאט א מאגנעטישע פערזענליכקייט. ער האט זיך אין קאנגרעס אויסגעצייכענט מיט זיין פירערשאפט. גלייך דעם ערשטען יאר וואס ער איז אהין אריינגעטראטען, אין 1811, איז ער דערווויילט געווארען אלס „ספיקער", און ער האט דעם אמט געהאלטען די גאנצע צייט וואס ער איז דארט געזעסען. עס איז די מיינונג פון היסטאריקער, אז ער איז געווען דער פייאיג־סטער „ספיקער" וואס דער קאנגרעס האט געהאט. ער האט טאקע אויף אן אמת דעם קאנגרעס געפירט. ער האט געהאט א פראגראם, וואס ער האט פארטיידיגט, פאר וועלכען ער האט געקעמפט, און זיין איינפלוס איבער די קאנגרעסלייט איז גע־ווען זייער א שטארקער. אלע האבען אים געליבט און רעספעק־טירט. ער איז געווען א מענש פון בלוט און פלייש און געהאט מענשליכע שוואכקייטען. די „שטארקסטע שוואכקייט" זיינע איז געווען קארטען־שפילען. זיינע געגנער האבען זיך באנוצט דערמיט צו פארשפרייטען וועגען אים אלערליי מעשיות, אז ער פארשפילט גרויסע סומען געלט, אז ער זיצט גאנצע נעכט ביים קארטען־טיש.

הענרי קלעי איז געווען דער אנפירער פון דער מלחמה־פאר־טיי אין 1811. נאך דער מלחמה איז ער געווארען דער פארשטייער פון דער נייער אריענטאציע, וועלכער ער האט א נאמען געגעבען „די אמעריקען סיסטעם". די אריענטאציע איז געווען אין דער ריכטונג פון זעלבסט־אנטוויקלונג: די אויפבויאונג פון שאסייען, קאנאלען און בריקען צו פארבינדען די איסט מיט דער וועסט. ער האט פארשטאנען דעם אנטוויקלונגס־גאנג פון לאנד און האט זיין מאכט אלס פאליטיקער און שטאטסמאן אויסגענוצט צו העלפען דעם דאזיגען אנטוויקלונגס־פראצעס, צו שטויסען דאס לאנד אין יענער ריכטונג.

וועגען דעם פערטען קאנדידאט, קראופארד, איז ניטא פיל צו זאגען. ער איז געווען הויפטזעכליך א פאליטיקאנט. זיינע

פייאיגקייטען זיינען געווען גאנץ קליינע. ער האט אבער פאר זיך אויפגעבויט א מעכטיגע מאשין און דורך איר האט ער געהאפט צו פארווירקליכען זיין אמביציע צו ווערען פרעזידענט.

דער וואל־קאמף איז געווען א ביטערער. קלעי איז אטאקירט געווארען אלס קארטען־שפילער, דזשעקסאן אלס מערדער, עדעמס אלס מאנארכיסט, און קראופארד אלס קארופטער „פאליטישען". געענדיגט האבען זיך די וואלען דערמיט וואס קיינער פון די קאנדידאטען האט ניט באקומען די נויטיגע מאיאריטעט פון די עלעקטאר־שטימען. דזשעקסאן האט געקראגען די העכסטע צאל —99 שטימען, עדעמס—84, קראופארד—41, און קלעי—37.

לויט דער קאנסטיטוציע האט אין אזא פאל די „האוז אוו רעפרעזענטאטיווס" געדארפט אויסקלייבען איינעם פון די דריי העכסטע. קלעי איז אלזא ארויסגעפאלען. קראופארד האט קיינע שאנסען ניט געהאט. די פראגע איז איצט געווען ווועמען פון די איבערגעבליבענע צוויי וועט די „האוז אוו רעפרעזענטאטיווס" אויסקלייבען: דזשעקסאנ'ען אדער עדעמס'ן?

די לאגע איז איצט געלעגען אין קלעי'ס הענט. זיין איינפלוס איבער א גרויסער מאיאריטעט פון קאנגרעס איז געווען אזוי שטארק, אז אלע האבען געוואוסט, אז ווי ער וועט הייסען אזוי וועט מען שטימען. דזשעקסאנ'ס מענשען האבען דזשעקסאנ'ען צונויפגעפירט מיט קלעי'ן. קלעי האט אים פריינדליך אויפגענומען, און ווי עס ווייזט אויס האט דזשעקסאן באקומען דעם איינדרוק, אז קלעי וועט אים שטיצען. אבער ווען עס איז געקומען צו דער אפשטימונג אין קאנגרעס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דזשעקסאן האט געמאכט א טעות. קלעי איז געשטאנען פאר עדעמס'ן, און עדעמס איז אויסגעקליבען געווארען.

פון דעם טאג וואס דאס איז געשען ביז די נעקסטע פרעזידענט־וואלען, אין 1828, האט דאס לאנד געקאכט מיט פאליטישע אינטריגעס. דזשעקסאן און זיינע אנהענגער האבען ניט געקענט מוחל זיין ניט קלעי'ן און ניט עדעמס'ן. זיי האבען גלייך ארויסגעלאזט א קלאנג, אז קלעי האט זיך פארקויפט צו עדעמס'ן, אז עדעמס האט אים דערפאר צוגעזאגט צו מאכען פאר „סעקרעטערי

אַוו סטייט". עדעמס און קלעי האָבען דאָס אָפּגעלייקענט. קלעי האָט געפאָדערט באַווייזען, און קיינער פון די באַשולדיגער האָט די באַווייזען ניט געקענט ברענגען. ווען עדעמס איז איינגעשוואָרען געוואָרען האָט ער ווירקליך קלעי'ן אָנגעבאָטען די שטעלע פון סעקרעטערי אָוו סטייט. קלעי האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה צי ער זאָל אָננעמען אָדער ניט. ער האָט ענדליך באַשלאָסען, אַז ער טאָר זיך ניט לאָזען טעראָריזירען און האָט אָנגענומען. דאָס האָט געווירקט ווי אויל אויף פייער. דזשעקסאָן אליין האָט איצטער קלעי'ן באַשולדיגט. קלעי האָט אים אויפגעפאָדערט ער זאָל זיין באַשולדיגונג באַווייזען. דזשעקסאָן האָט אָבער די באַווייזען ניט געקענט ליפערען.

עדעמס'עס אדמיניסטראַציע איז דורך דער פּאָליטישער מלחמה אינגאַנצען פּאַראַליזירט געוואָרען. דער וויים־פּרעזידענט קאלהון איז געווען דזשעקסאָנ'ס אָנהענגער. איינינע קאַבינעט־מיניסטאָרען און א גרויסע צאָל קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען זיינען געווען דזשעקסאָניאַנער. די קלענערע עמטער אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען אין דער אדמיניסטראַציע זיינען פול געווען מיט דזשעקסאָנ'ס אָנהענגער. און זיי האָבען אַלע אויף שריט און טריט געשטערט דעם פּרעזידענט. ווען עדעמס האָט רעקאָמענדירט א געוויסען געזעץ, איז ווי וויכטיג און גוט דאָס געזעץ איז ניט געווען, האָבען די דזשעקסאָן־לייט עס באַקעמפט. קלעי האָט געראַטען דעם פּרעזידענט ער זאָל אויסרייניגען זיין קאַבינעט פון שונאים, ער זאָל אַרויסזעצען די שטערער פון די אַנדערע רעגירונגס־עמטער. עדעמס האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט הערען. ער האָט געהאַלטען, אַז א פּרעזידענט האָט קיין רעכט ניט אַרויסצוזעצען באַאַמטע בלויז דערפאַר וואָס זיי זיינען זיינע פּאַרטיי־געגנער. אין די אַלע פיר יאָר וואָס עדעמס איז געווען פּרעזידענט, איז אים ניט געלונגען דורכצופירען קיין איין וויכטיגע זאַך. ער איז פון די דזשעקסאָן־לייט דערנידעריגט און באַליידיגט געוואָרען.

ביי די וואַלען פון 1828 איז עדעמס געלאָפען פאַר א צווייטען טערמין. נעגען אים איז, פאַרשטייט זיך, געלאָפען ווידער

ענדרו דזשעקסאָן. דאָס מאָל איז שוין מער קיין צווייפעל ניט געוועזן ווענמען דאָס פאָלק וויל. דזשעקסאָן האָט באקומען די שטימען פון די אלע סטייטס אין דער סאוט און אין דער וועסט. ער האָט געהאט 178 עלעקטאָרישע שטימען, און ערעמס האָט געצויגען בלויז 83.

קאפיטעל 43.

די קינדער־יאָרען פון קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע

דער נייער וועג אויף וועלכען אמעריקע הויבט אָן צו גיין נאָך דער מלחמה פון 1812 פירט אין דער ריכטונג פון קאפּי־טאליזם, פון דער מאָדערנער קאפּיטאליסטישער אָרדנונג. די יאָ־רען פון 1815 ביז 1830 ווערען פון היסטאָריקער באצייכענט אַלס די „קינדער־יאָרען פון דעם אמעריקאנער קאפּיטאליזם". אין דער דאָזיגער צייט איז א גרויסער טייל פון דעם קאפּיטאל וואָס איז פריער געלעגען אין שיפען און אין אויסלענדישען האנדעל אָפּגעווענדעט געוואָרען אויף בויען פאבריקען און אנטוויקלען די טעקסטיל, אייזען און אנדערע אינדוסטריען. די צאָל פון אר־בייטער איז אומגעהויער פיל געוואקסען. די אַלטע סיסטעם פון קליינע באַלעבאטים וואָס פלעגען אַליין ארבייטען מיט איינעם אָדער מער געזעלען, איז פארשוואונדען.

אין 1816 האָט א קאָנגרעס־קאָמיטע באריכטעט, אז אין די טעקסטיל־פאבריקען זיינען דעמאָלט געווען באשעפטיגט הונדערט טויזענט ארבייטער. פון זיי זיינען בלויז צען טויזענט געווען מענער. זעקס־און־זעכציג טויזענט זיינען געווען „פרויען און קינדער פון ווייבליכען געשלעכט", און דריי־און־צוואנציג טויזענט זיינען געווען אינגלאַך. אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע איז שוין דעמאָלט געלעגען א קאפּיטאל פון פערציג מיליאָן. אין די שטעט און שטעטלאַך דרייסיג מייל ארום פראווידענס זיינען געווען ניט ווייניגער ווי הונדערט־און־פערציג טעקסטיל־פאבריקען.

עס האָט זיך גענומען אנטוויקלען אן ארבייטער־קלאס און עס זיינען אויפגעשוואומען ארבייטער־פראגען. די לאגע פון די

ארבייטער אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע און אין אנדערע קלע־נערע אינדוסטריען איז געווען זייער א טרויעריגע. די ארבייטס־שטונדען זיינען געווען לאנגע, פון זונען־אויפגאנג ביז זונען־אונ־טערגאנג. דער ארבייטס־לוין איז געווען א קלעגליכער. אין די טעקסטיל־פאבריקען האבען די יונגע מיידלאך באקומען אנדער־האלבען דאלאר א וואך. אין פילאדעלפיא איז דער העכסטער לוין (פאר אייזען־ארבייטער) געווען 11 דאלאר און 54 סענט א וואך, און דער נידעריגסטער לוין (פאר פייפערהענגער) 2 דאלאר און 70 סענט א וואך. אין א שילדערונג פון דער ארביי־טער־לאגע וואס איז געשריבען געווארען אין יענער צייט ווערט געזאגט: טויזענטער פון אונזערע ארבייטער וואנדערען הונ־דערטער מיילען און זוכען באשעפטיגונג ביי גראבען קאנאלען, וואו מען צאלט פון 62 און א האלב סענט ביז 87 און א האלב סענט א טאג. זיי קאסט פון אנדערהאלבען ביז צוויי דאלאר א וואך קעסט. די פאמיליעס לאזען זיי איבער אין דער היים. אפט ארבייטען זיי אין זומפען, וואו זיי פארלירען דאס געזונד. קומען צוריק אהיים צו זייערע ארימע פאמיליעס מיט צובראכענע הערצער און רואינירטע קערפערס, מיטברענגענדיג א טרויעריג־קליינע סומע געלט וואס זיי האבען אזוי שווער פארדינט. זיי לייגען זיך אריין אין בעט קראנקע און קענען מער גארניט טאן. הונדערטע שטארבען אויס יעדען יאר. פילע לאזען איבער גרויסע, הילפלאזע פאמיליעס. און כאטש דער שיקזאל פון די ארבייטער איז אזא טרויעריגער, דאך ווערען זייערע פלעצער שנעל פארנומען פון אנדערע. דער טויט שטייט זיי פאר די אויגען. הונדערטע ארבייטען אומגעהויער שווער ביים בויען וועגען. זיי ארבייטען פון פרי ביז ביינאכט און קריגען פון א האלבען ביז דריי־פערטעל דאלאר א טאג. ווי שווער, ווי אפשטויסענד, ווי שלעכט באַ־צאלט אן ארבייט זאל ניט זיין, געפינען זיך דאך גענוג בעלנים אויף איר. אין א טעקסטיל־פאבריק אין פעטערסאן איז געווען איינגעפירט: פרויען און קינדער מוזען קומען צו דער ארבייט האלב נאך פיר אין דערפרי. זיי קריגען א האלבע שעה אויף אנבייסען און דריי־פערטעל שעה אויף מיטאג. די ארבייט ענ־

דיגט זיך ווען עס ווערט פינסטער. אין טייל טעקסטיל־פאַבריקען ווערען די פרויען און קינדער באַהאַנדעלט ווי שקלאַפען. פאַר ניט אַרבייטען פלייסיג גענוג שלאָגט מען דאָרט און מען שמייסט מיט רימענס. אין איין פאַל האָט אַ טויב־שטומער אינגעל באַ־קומען הונדערט שמיץ איבער'ן גאַנצען קערפּער, פון האַלז ביז די פיס. אין אַ צווייטען פאַל האָט אַ באַלעבאָס אַ וואָרף געטאָן אַ שטעקען אויף אַן עלף־יאָריגער מיידעלע און איר צובראָכען אַ פוס.

דער היסטאָריקער דזשיימס טראָסלאָוו עדעמס שרייבט:

„עס האָבען זיך אַנטוויקעלט גלייך פון אָנפאַנג צוויי סאָרטען פאַבריקען: די רהאָד־איילאַנד־סיסטעם און די וואַלטאַם־סיסטעם (אין מאַסאַטשוסעטס). אין רהאָד־איילאַנד האָבען די פאַבריקאַנ־טען קאָפּירט די איינריכטונגען פון די טעקסטיל־פאַבריקען אין ענגלאַנד. זיי פלעגען באַשעפטיגען גאַנצע פאַמיליעס, די קינדער אַריינגערעכענט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין דעם שטאַט זיינען די טעקסטיל־שטעטלאַך געווען באַוואוינט פון פאַמיליעס וואָס האָבען געלעבט אינגאַנצען פון אַרבייטען אין די פאַבריקען. אין אייניגע פאַלען האָבען די עלטערען געלעבט פון דער אַרבייט פון די קליינע קינדער. אָפט האָבען די באַלעבאַטים אין די שטעטלאַך געהאַט אייגענע שפּייז־קראָמען און די אַרבייטער פלעגען אָנשטאָט בארעס געלט אַלס לוין באַקומען אָנווייזונגען אויף די קראָמען. אין שלעכטע צייטען האָבען די פאַמיליעס ניט געהאַט קיין שום מיטלען אויף צום לעבען. זיי זיינען געווען אינגאַנצען אָנגעוויזען אויף זייערע באַלעבאַטים. אַנדערש איז עס געווען אין די מאַסאַטשוסעטס־פאַבריקען. דאָרטען פלעגט מען צאָלען מיט מזומן־געלט. די אַרבייטער האָבען געוואוינט אין קוואַרטיראַנטען אָדער באָרדינג־הייזער. דער לוין האָט דאָרט געמוזט זיין העכער, ווייל די אַרבייטער האָבען דאָך גע־מוזט קריגען גענוג צו צאָלען פאַר „באָרד". און פאַר אַ בעסע־רען לוין האָט זיך דעם באַלעבאָס שוין געלוינט בעסער אָנצו־שטעלען דערוואַקסענע אַרבייטער. אַ צענזוס פון 1820 צייגט, אַז אין די רהאָד־איילאַנד פאַבריקען האָבען געאַרבייט 55 פּראָצענט

קינדער, בשעת אין די מאסאטשוסעטס־פאבריקען האָבען געאר־בט 43 פּראָצענט קינדער."

די ארבייטער זיינען קיינמאָל ניט זיכער געווען מיט זייער לוין. עס איז ניט געווען קיין באַשטימטע צייט צו צאָלען דעם לוין, וועכענטליך אָדער מאָנאטליך. דער באַלעבאָס האָט געצאָלט ווען אים איז געווען באקוועם. גאַנץ אָפט פלעגט דער באַלעבאָס צאָלען מיט פאלשע געלט אָדער מיט אסיגנאַציעס פון באנקראָ־טירטע באַנקען. דאָס געזעץ האָט דעם באַשווינדעלטען ארבייטער ניט באַשיצט.

אין דעם יאָר 1819־1820 האָט דאָס לאַנד איבערגעלעבט א שרעקליכען קריזיס. שולדיג איז געווען די ווילדע ספּעקולאציע. אין אלע שטאַטען זיינען אויפגעשוואומען באַנקען ווי שוועמלאַך נאָך א רעגען. די שטאַט־לעדזשיסלייטשורס האָבען ארויסגעגע־בען טשארטערס צו אייגענע מענשען. הויכע באַאַמטע זיינען אליין געווען שותּפים פון די אונטערנעמונגען. א סך אזעלכע באַנקען האָבען ניט געהאַט קיין שום קאַפּיטאַל. זיי האָבען אָבער געדרוקט געלט און דאָס געלט אוועקגעבאָרגט צו ספּעקולאַנטען. מיט דעם געלט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אמת'ן ווערט, האָ־בען די ספּעקולאַנטען געקויפט לאַנד אין דער וועסט, געבויט פאבריקען, אָנגענומען קאָנטראַקטען צו בויען וועגען און קאַנאַלען. אלע אונטערנעמונגען זיינען געווען געבויט אויף זאַמד.

דער קראַך איז געקומען, ווען עס איז אויפגעדעקט געוואָרען א סקאַנדאַל אין דער נאַציאָנאַלער באַנק, וואָס איז געגרינדעט גע־וואָרען פון דער רעגירונג נאָך דער מלחמה. דער קאָנגרעס האָט געמכט אַן אונטערזוכונג און האָט אנטדעקט, אז א קליקע פון קאַ־פּיטאַליסטען און „פּאָליטישענס" האָבען ארייגעכאַפּט אין זייערע הענט א גרויסע צאָל אַקציעס פון דער באַנק און פאַר זיי ניט באַצאָלט. דאָס איז געטאָן געוואָרען דורך א שווינדעל. איינער האָט געקויפט א געוויסע צאָל אַקציעס, דערנאָך האָט ער אין דער באַנק אויף די אַקציעס געבאָרגט געלט און מיט'ן געלט געקויפט נאָך אַקציעס, אויף די נייע אַקציעס האָט ער ווידער געבאָרגט געלט און ווייטער געקויפט אַקציעס. אזוי האָט ער מיט עטליכע

דאלאר איינגעקויפט א גאנצע מאסע מיט אקציעס. ער האָט געהט די אקציעס, אָבער די באנק האָט קיין געלט פאר די אקציעס ניט געהאט. ווען דער סקאנדאל איז אויפגעדעקט געוואָרען אין 1819 איז דער ווערט פון די אקציעס פון דער נאציאָנאל־באנק געפאלען פון 140 דאלאר אַן אקציע אויף 93 דאלאר. דער פּרע־זידענט פון דער באנק איז אנטלאָפען. די נייע באאמטע פון דער באנק האָבען גענומען פאָדערען, אַז די וואָס האָבען ביי איר גע־באָרגט געלט זאָלען גלייך באצאָלען. די ספּעקולאנטען האָבען אָבער דאָס געלט געהאט אריינגעלייגט אין פארשידענע געשעפטען און ווערט־פּאַפּירען. זיי האָבען גענומען ארויסציען געלט וואו זיי זיי האָבען נאָר געקענט. פאבריקען האָבען זיך גענומען שליסען. באנקען האָבען זיך פארמאכט. פארמער האָבען פארלאָרען זייערע פארמס. מיט איין וואָרט, אין לאנד איז געוואָרען א קריזיס.

און געליטען האָבען מייסטענס די ארבייטער אין די שטעט. אין פילאדעלפיא זיינען צוואנציג טויזענט ארבייטער ארומגע־גאנגען אין די גאסען און געזוכט ארבייט. אין ניו יאָרק האָט די צאָל פון ארבייטסלאָזע דערגרייכט ביז 60 טויזענט.

קאפיטעל 44.

דער אָנפאנג פון דער אַרבייטער־באַוועגונג

מען קען אויף זיכער ניט באשטימען ווען און וואו עס האָט זיך געגרינדעט די ערשטע אמת'ע יוניאָן אין אמעריקע. אין דער „געשיכטע פון ארבייט אין די פאראייניגטע שטאטען" פון פראָפעסאָר קאָמאָנס ווערט געזאָגט: „מיר שטעלען פעסט די ערשטע אמת'ע אָרגאניזאציע פון אן איינצעלנעם פאך און דעם ערשטען סטרייק פון לוין־ארבייטער אין דעם יאָר 1786 אין דער שטאָט פילאדעלפיא. אין יענעם יאָר האָבען די שריפטזעצער גע־סטרייקט פאר א מינימום־לוין פון זעקס דאלאר א וואָך." מען ווייס אָבער ניט ווי לאנג די יוניאָן האָט עקזיסטירט. ווארשיינ־ליך איז זי אָרגאניזירט געוואָרען בלויז פאר יענעם קאמף. אין 1792 האָבען זיך די שוסטער אין פילאדעלפיא אָרגאניזירט. די יוניאָן האָט געלעבט אן ערך א יאָר. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1794, האָבען זיך די פילאדעלפיער שוסטער ווידער אָרגאַ־ניזירט. די אָרגאניזאציע האָט עקזיסטירט א יאָר צוועלף. אין 1799 האָט זי אָנגעפירט דעם ערשטען אָרגאניזירטען סטרייק, וועלכער האָט געדויערט צען וואָכען. אין ניו יאָרק האָבען זיך די שריפטזעצער אָרגאניזירט אין 1794 און די יוניאָן האָט געלעבט א האלב יאָר. אין 1799 האָבען זיי זיך ווידער אָרגאניזירט און דאָס מאָל האָט שוין די אָרגאניזאציע געלעבט פינף יאָר. די שוסטער און די זעצער זיינען געווען די איינציגע, וועלכע האָבען אין יענע יאָרען אויפגעהאלטען זייערע יוניאָנס צווישען איין סטרייק און א צווייטען סטרייק. אנדערע פאכען פלעגען זיך אָרגאניזירען בלויז פאר א סטרייק און גלייך ווי דער סטרייק האָט

זיך געענדיגט, פלעגט די יוניאָן פאַנאַנדערפאַלען. עס זיינען פאַראַן דאָקומענטען וועגען דער עקזיסטענץ פון שריפטזעצער־יוניאָנס אין פילאַדעלפיא, ניו יאָרק, באָסטאָן, באַלטימאָר און פיטסבורג. אין 1810 האָבען זיך די שריפטזעצער אין ניו־אָרליענס אָרגאַני־זירט. די שוסטער האָבען געהאַט יוניאָנס אויך אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיא און באַלטימאָר.

די אַנדערע פאַכען ווי די שניידער, סטאָליער, שיף־אַרבײ־טער, האָבען אָנגעפירט קאַמפען אין פאַרשידענע שטעט. אָבער ערשט אַרום 1818 האָבען זיי אָנגעהויבען גרינדען פערמאַנענטע פעסטע יוניאָנס. פריער איז זייער גאַנצע טעטיגקייט באַשטאַנען אין פירען סטרייקס.

אין 1800 האָט די „פעדעראַל און יוניאָן סאָסייעטי אָוו דזשווירנימען טיילאָרס" אין פילאַדעלפיא אַרויסגעגעבען אַ לאַנ־גען מאַניפעסט צום פובליקום, אין וועלכען די אַרבייטער באַ־קלאָגען זיך ,אַז זיי קריגען קליינע ווייִדזשעס און אַז די באַלע־באַטים גיבען אַרויס די אַרבייט צו „פרויען און צו פאַרטאַטשעס", וועלכע זיינען וויליג צו אַרבייטען פאַר אַ קלענערען לוין. אין דעם מאַניפעסט ווערען אָנגעגעבען די נעמען פון די שלעכטע באַלעבאַטים און עס ווערט דערקלערט, אַז פאַר די שלעכטע באַלע־באַטים וועלען די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע מער ניט אַרבייטען.

אין 1806 זיינען די שוסטער אין פילאַדעלפיא אַרויס אין סטרייק פאַר אַ העכערען לוין. לויט די אַלטע פרייזען האָבען זיי ניט געקענט אויסאַרבייטען מער ווי עלף דאָלאַר אַ וואָך. די סטרייקער זיינען אַרעסטירט געוואָרען פאַר מאַכען אַ „פאַר־שווערונג צו העכערען ווייִדזשעס" און זיינען געפונען געוואָרען שולדיג. אין 1809 האָבען די שוסטער אין ניו יאָרק געסטרייקט. די שוסטער־יוניאָן אין ניו יאָרק האָט געהאַט 186 מיטגלידער און האָט געהאַט אַ שטאַרקע קאָנטראָל איבער די שעפער. אַ יוניאָן־מאַן האָט ניט געטאָרט אַרבייטען מיט אַ ניט־יוניאָן־מאַן. די ניו יאָרקער באַלעבאַטים האָבען נאָכגעטאָן דעם ביישפיל פון די פילאַדעלפיער און אָנגעקלאָגט די סטרייקער אין קאָנספיראַציע.

דער פראָצעס איז פאָרגעקומען פאר דעם סיטי־מעיאָר (דער שטאָט־„גאָלאָווא"). ער האָט זיי געפונען שולדיג און באשטראָפט יעדען מיט א דאלאר און געריכט־הוצאות.

מיט די צוויי פראָצעסען פאנגט זיך אָן א קאפיטעל פון געריכטליכע פארפאָלגונגען געגען יוניאָנס און סטרייקס, וועלכער האָט זיך נאָך ניט געענדיגט ביז היינטיגען טאָג. אויפ'ן גורל פון די שוסטער איז עס אויסגעפאלען צו זיין די ערשטע קרבנות פון די פארפאָלגונגען. אין משך פון צען יאָר, צווישען 1806 און 1815, זיינען זעקס שוסטער־יוניאָנס פראָצעסירט געוואָרען אלס קאָנספיראציעס: איינע אין פילאדעלפיא, איינע אין ניו יאָרק, צוויי אין באלטימאָר, צוויי אין פיטסבורג. אין פיר פון די פראָצעסען זיינען די יוניאָנס געפונען געוואָרען שולדיג. אין איין פראָצעס אין באלטימאָר האָט די יוניאָן געוואונען. איין פראָצעס אין פיטסבורג האָט זיך געענדיגט מיט א פשרה, די סטרייקערס זיינען ניט באשטראָפט געוואָרען, זיי האָבען אָבער איינגעוויליגט צו גיין צוריק צו דער ארבייט אויף די אלטע באַ־דינגונגען. ביי צוויי פראָצעסען, אין ניו יאָרק און אין פיטסבורג, איז באוויזען געוואָרען, אז די באלעבאטים האָבען געדעקט א טייל פון די הוצאות פון דער אָנקלאגע — דאָס הייסט, אז די רעגירונג האָט גענומען געלט ביי די באלעבאטים צו דעקען די קאָסטען פון פארפאָלגען די ארבייטער.

דער ערשטער פראָצעס איז פאָרגעקומען אין פילאדעלפיא. די ארבייטער זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרען אלס קאָנספיראטאָרס, פארשווערער, דערפאר וואָס זיי האָבען זיך אָרגאניזירט צו צווינ־גען די באלעבאטים צו העכערען זייער לוין. דער ריכטער, א איד מיט'ן נאָמען מאָזעס ליוויי, האָט געזאָגט צו דער דזשורי פאָלגענ־דעס: „א פארבינדונג פון ארבייטער צו קריגען העכערען לוין קען באטראכט ווערען פון צוויי שטאנדפונקטען. איין שטאנד־פונקט איז, אז די ארבייטער זוכען פאר זיך עטוואָס צו געווינען. דער צווייטער שטאנדפונקט איז, אז זיי זוכען די באלעבאטים צו שעדיגען. דאָס געזעץ פארדאמט ביידע זאכען אלס א פאר־ברעכען". די דזשורי האָט ארויסגעטראָגען דעם אורטייל: „מיר

געפינען די אַרבייטער שולדיג אין פאַראייניגען זיך צו הויבען זייער לוין."

דער אורטייל האָט ארויסגערופען שטאַרקע פּראָטעסטען ניט בלויז אין די אַרבייטער־קרייזען, נאָר אין דער גאַנצער דעמאָקראַ־טישער פּרעסע. אין די ווייטערדיגע פּראָצעסען זיינען שוין די ריכטער געווען מער פאָרזיכטיג. די אָנקלאַגע האָט זיך געשטיצט דורכאויס אויף דער טענה, אַז די סטרייקער „שעדיגען אַנדערע", דאָס וואָס זיי לאָזען ניט, אַז סקעבס זאָלען פאַרנעמען זייערע פּלעצער. יוניאָנס זיינען שוין איצטער אָנגעקלאָגט געוואָרען אַלס פאַרשווערונגען דערפאַר וואָס די מיטגלידער האָבען זיך אָנט־זאָגט צו אַרבייטען מיט ניט־יוניאָן־לייט און דערפאַר וואָס זיי האָבען באַשטראָפט די אַרבייטער, וועלכע האָבען ניט געפאָלגט די געזעצען פון דער יוניאָן. די יוניאָנס גופא זיינען שוין געווען כשר. בלויז זייערע מעטאָדען זיינען דערקלערט געוואָרען אַלס אומגעזעצליכע.

די ריכטער,איבערהויפּט אין פילאַדעלפיא און פּיטסבורג, זיינען געווען אויסגעשפּראָכען געגען די יוניאָנס. אין זייערע רעדעס צו די דזשורים האָבען די ריכטער פאַרדאַמט די יוניאָנס. זיי האָבען אָנגעוויזען דערויף, אַז די יוניאָנס ברענגען שאָדען ניט בלויז די באַלעבאַטים פון דעם פאַך, נאָר דעם גאַנצען מסחר פון דער שטאָט. אין די דזשורים זיינען קיין אַרבייטער ניט געזעסען. די רעדעס פון די ריכטער האָבען דעריבער ניט געקענט פאַרפעלען צו מאַכען דעם געווינשטען איינדרוק.

נאָכדעם ווי דער קריזיס פון 1819־1820 איז אריבער און די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז געוואָרען גרינגער, האָט זיך צווישען די אַרבייטער באַנייט די באַוועגונג צו אָרגאַניזירען יוניאָנס. אין די צוואַנציגער יאָרען געפינען מיר שוין פעסטע יוניאָנס אין אַ סך פאַכען: הוט־מאַכער, שניידער, סטאָליער, פאַרבער, שטיינהאַקער, וועבער. עס באַווייזען זיך אויך דעמאָלט צום ערשטען מאָל „צענטראַל־פאַרבאַנדען", אין וועלכע די יוניאָנס פון עטליכע פאַכען אין דערזעלבער שטאָט פאַרבינדען זיך אין איין אָרגאַניזאַציע. אין דער דאָזיגער צייט פאַנגט זיך אויך

אָן א יוניאָן־טעטיגקייט צווישען די ארבייטער אין די פאבריקען (פריער האָבען זיך אָרגאניזירט בלויז האנדווערקער). אין 1824 באגעגענט מען צום ערשטען מאָל א פאל ווען פרויען־ארבייטער האָבען זיך באטייליגט אין אַן ארבייטער־אָרגאניזאציע. דאָס איז פאָרגעקומען אין פאטאקעט, רהאָד־איילאנד, וואו וועבערינס זיינען ארויס צוזאמען מיט מענער אין א סטרייק, דערפאר וואָס די באלעבאטים האָבען געוואלט שניידען דעם לוין און פארלענגערען די ארבייטס־שטונדען.

איינע פון די טענות, מיט וועלכע די באלעבאטים האָבען זיך באנוצט צו אטאקירען די יוניאָנס, איז געווען, אז די יוניאָנס שטייען אונטער דעם איינפלוס פון אימיגראנטען און די פאָדערונגען וואָס זיי שטעלען, איבערהויפט די פאָדערונג פון קירצערע ארבייטס־שטונדען, איז אַן אימפּאָרטאציע פון אויסלאנד. אָט איז א ביישפּיל פון דעם דאָזיגען מין אטאקעס: אין באָסטאָן האָבען די סטאָליערס געסטרייקט פאר א צען־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. האָבען די באלעבאטים אין א דערקלערונג צום פאָלק געזאָגט פאָלגענדעס: „מיר קענען ניט גלויבען, אז דער פּראָיעקט צו פארקירצען די ארבייטס־צייט שטאמט פון די טרייע און ארבייטזאמע זין פון ניו־ענגלאנד. מיר זיינען געצוואונגען עס צו באטראכטען אלס אַן איבעל וואָס איז אויסגעוואקסען אויף פרעמדע ערד. מיר גלויבען און האָפען, אז אויף דער געבענשטער ערד פון מאסאטשוסעטס וועט די פלאנץ זיך ניט איינוואָרצלען.“ אין א צווייטער דערקלערונג פון די באלעבאטים ווערט געזאָגט: „די ארבייטער פון פרעמדע לענדער ברענגען אהער דעם גייסט פון אומצופרידענקייט און אומגעהאָרכזאמקייט, א גייסט וואָס איז פרעמד אונזערע ארבייטער.“

צווישען די יאָרען 1827 און 1833 האָט זיך די ארבייטער באוועגונג פארשפרייט איבער׳ן גאנצען לאנד. די ארבייטער האָבען אָנגעפירט א שטארקע טעטיגקייט אי אויפ׳ן עקאָנאָמישען, אי אויפ׳ן פּאָליטישען פעלד. זיי האָבען אין איניגע שטאטען אפילו אָרגאניזירט אייגענע פּאָליטישע פארטייען, ארבייטער־פארטייען. די פארטייען האָבען אויף זייער פּראָגראם ארויפגע־

שטעלט אַ גאַנצע ריי פון העכסט וויכטיגע פאָדערונגען און האָבען באַנוצט אַ שטאַרקען דרוק אַז די רעפאָרמען זאָלען ענדליך דורכגעפירט ווערען.

די צוויי וויכטיגסטע רעפאָרמען פאַר וועלכע די אַרבייטער־באַוועגונג האָט אין יענע יאָרען געקעמפט זיינען געווען: קירצערע אַרבייטס־שטונדען און אַלגעמיינע פרייע שולען פאַר קינדער (פּאָבליק סקולס). אין די דאָזיגע פאָדערונגען וועלכע זיינען פון העכסטער באַדייטונג, האָבען זיי מיט דער צייט געהאַט אַ פאָל־שטענדיגען זיג.

ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרען, אַז די אַרבייטס־צייט אין יענע יאָרען איז געווען פון זונען־אויפגאַנג ביז זונען־אונטער־גאַנג. אין די טעקסטיל־פאַבריקען פון ניו ענגלאַנד פלעגען די פרויען און קינדער אַרבייטען 73 און אַ האַלב שטונדען אַ וואָך. אין מיטעל־ און סאַוט־שטאַטען פלעגט מען אַרבייטען 82 און אַ האַלב שטונדען אַ וואָך. דורכשניטליך דורכ'ן יאָר זיינען די אַרבייטס־שטונדען דאָרט געווען 78 און אַ האַלב.

די פראַגע פון שולען פאַר קינדער האָט ביי די אַרבייטער געשפּילט פיללייכט אַ גרעסערע ראָלע ווי קירצערע אַרבייטס־צייט פאַר זיך. זיי האָבען פאַר דעם געקעמפט אַ סך שאַרפער. אין די ניו ענגלאַנד שטאַטען זיינען שוין פון לאַנג געווען פרייע שולען וואָס די רעגירונג האָט אויסגעהאַלטען. אבער פאַרמעגליכע מענ־שען האָבען זייערע קינדער אַהין ניט געשיקט. די שולען זיינען באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ מין צדקה־אַנשטאַלט, און אַלס אַזעלכע זיינען זיי טאַקע אַזוי געפירט געוואָרען. אין די אַנדערע שטאַטען זיינען גאָר קיין רעגירונגס־שולען ניט געווען. אין פּענסילווייניא האָט מען ניט אַריינגענומען קיין קינד אין אַ פרייער שול, סיידען די עלטערען האָבען געשוואָרען אַז זיי קענען ניט צאָלען. קינדער האָבען זיך געשעמט צו גיין אין די שולען, ווייל דערמיט זיינען זיי געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס בעטלער־קינדער.

די פאָלגענדע ציפער וואַרפען אַ ליכט אויף דער לאַגע: אין 1829 זיינען אין דער שטאָט ניו יאָרק געווען 10,000 קינדער אין די פרייע שולען, 175,000 אין די פּריוואַטע שולען און 24,000

קינדער זיינען גארניט געגאנגען אין קיין שולען. אין 1833 זיינען אין די פאראייניגטע שטאטען געווען א מיליאן קינדער וועלכע האבען ניט באזוכט קיין שום שול.

די אנדערע, מער וויכטיגערע רעפארמען, פאר וועלכע די ארבייטער־יוניאנס און די ארבייטער־פארטייען האבען געקעמפט זיינען געווען פאלגענדע:

1. די אפשאפונג פון דעם מיליץ־געזעץ. דער געזעץ איז געווען, אז אלע געזונטע מענער, צווישען דער עלטער פון 18 און 45, מוזען זיך אנשליסען אין דער מיליץ און מוזען קומען זיך מושטירען געוויסע טעג אין יאר. פאר פארפעלען צו קומען צום מושטיר איז ארויפגעלייגט געווארען א געלט־שטראף פון עטליכע דאלאר. רייכע פלעגען די שטראף באצאלען און ניט קומען. ארימע ארבייטער און פארמער האבען אבער ניט געקענט באצאלען און זיי האבען געמוזט פארלירען טעג פון ארבייט אין פאבריק און אויפ'ן פעלד און קומען זיך מושטירען.

2. די דורכפירונג פון א געזעץ, אז ווען א באלעבאס באנק־ראטירט זאלען די ארבייטער קענען ארויפלייגען אן „אטאטש" אויף די סחורה און אויף די געצייג פון פאבריק כדי אויפצומאנען די שכירות וואס ער איז זיי געבליבען שולדיג.

3. די אפשאפונג פון דער באנק מאנאפאל. עס איז שוין אין א פאריגען קאפיטעל דערציילט געווארען ווי אזוי די ארבייטער זיינען באשווינדעלט געווארען דורכדעם וואס די באנקען פלעגען ארויסלאזען אייגענע געלט. מאנכע פון די בענק אסיגנאציעס האבען ניט געהאט דעם פולען יוערט, אנדערע זיינען געווען אין גאנצען ווערטלאז. די ארבייטער פלעגען אויך מוזען צאלען א געוויסען פראצענט פאר אויסבייטען די באנק אסיסגנאציעס אויף זיכערע געלט.

4. וויכטיגער ווי די אלע פאדערונגען איז געווען די פאדע־רונג וועגען בעלי־חובות. די ארבייטער האבען געפאדערט, אז פאר ניט באצאלען א חוב זאל מען ניט באשטראפען מיט זיצען אין געפענגניש.

די ערשטע ארבייטער־פארטיי האט זיך ארגאניזירט אין

פילאדעלפיע, אין יולי, 1828. זי האָט זיך גערופען „די ארבייטער פארטיי”. זי האָט ארויסגעשטעלט קאנדידאטען אין די שטאָט וואַלען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין הערבסט פון יענעם יאָר. קיין גרויסע צאָל שטימען האָט זי ניט געצויגען. אָבער די ארבייטער האָבען געהאָפט, אז מיט דער צייט וועט די פארטיי מאַכען פאָרטשריט און זיי האָבען פאָרטגעזעצט זייער פּאָליטישע טעטיגקייט.

אין ניו יאָרק האָט זיך די ארבייטער פּארטיי אָרגאַניזירט מיט צוויי יאָר שפּעטער. דאָרטען איז זי אָבער אין קורצען צו־שפּאַלטען געוואָרען דורך אינערליכע רייסערייען. איין פראקציע איז געווען מער ראדיקאַל און איז געשטאַנען אונטער דעם איינ־פלוס פון דעם אוטאָפּישען סאָציאַליסט ראָבערט אָוען. די אנדער פראקציע איז געווען מער קאָנסערוואַטיוו און האָט ניט געוואָלט זיין פארבונדען מיט ראַדיקאַלען אין איין פּארטיי. די שפּאַלטונג האָט אָפּגעשוואַכט ביידע גרופּען און די פארטיי האָט קיין פאָרט־שריט ניט געמאַכט.

פון פילאדעלפיע און ניו יאָרק האָט די באוועגונג זיך פאַר־שפּרייט אין אנדערע שטאָטען און שטעט. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אַרבייטער פאַרטייען אין מעין, ווערמאָנט, מאַסאַטשו־זעטס, ראוד איילענד, קאָנעטיקוט, ניו דזשוירזי, דעלעווער און אָהייאָ.

קיין אמת׳ער ערפאָלג איז די ארבייטער־פארטיי אין ערגעץ ניט געווען. פארשידענע אורזאַכען זיינען געווען דערפאַר פאַר־אַנטוואָרטליך. די באוועגונג האָט אָנגעהאַלטען א יאָר זיבען און איז ביסלאַכווייז צושמאָלצען געוואָרען. אָבער כאָטש זי האָט קיין פּאָליטישע נצחונות ניט געהאַט, האָט זי אָבער א סך געהאָל־פען, אז אירע פאָדערונגען זאָלען פארווירקליכט ווערען. דער „ארבייטער אַדוואָקאט”, דער אָרגאַן פון דער ניו יאָרקער ארביי־טער־פארטיי, האָט צום סוף 1830 געשריבען: „א סך פון די רעפאָרמען, וואָס די ארבייטער האָבען געפאָדערט ווערען איצט אנערקענט אלס גערעכטע. איינינע צייטונגען, וואָס שטיצען די אנדערע פארטייען, אגיטירען איצטער פאַר די זעלבע רעפאָרמען,

און עס איז כמעט זיכער אז די נעקסטע לעדזשיסלייטשור וועט באפרייען דָי ארבייטער פון א טייל פון דעם דריקענדען יאָך." אזוי האָט עס ווירקליך פאסירט. די אנדערע פארטייען האָבען איבערגענומען די פאָדערונגען פון דער ארבייטער־פארטיי און זיי ארויסגעשטעלט אלס זייערע אייגענע.

היסטאָריקער גיבען צו, אז די פרייע שולען האָבען מיר צו פארדאנקען דער ארבייטער־באוועגונג. מר. קארלטאָן, אין זיין ווערק וועגען דער אנטוויקלונג פון די שולען אין אמעריקע, שרייבט: „די באוועגונג פאר פרייע שולען האָט איר לעבענס־קראפט געצויגען פון דעם וואקסענדען קלאס פון לוין־ארבייטער." א צווייטער היסטאָריקער שרייבט: „מיר האָבען צו פארדאנקען דער ארבייטער־באוועגונג דאָס וואָס מיר האָבען איצט פרייע שולען אין אמעריקא."

אין פענסילוויניא איז די „פאָבליק סקול" סיסטעם, לויט דעם פראָגראם פון די ארבייטער, איינגעפירט געווארען אין 1834. אין ניו יאָרק איז די סיסטעם איינגעפירט געווארען אין 1842. פון די צוויי שטעט האָט זיך די באוועגונג פון גרינדען פאָלקס־שולען פארשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד.

די אָפּשאפונג פון תפיסה־שטראָף פאר חובות איז אויך געווע־דער רעזולטאט פון דער אגיטאציע פון די ארבייטער־פארטייען. אין דער וועסט איז דער אָנפאנג געמאכט געוואָרען נאָך איידער די ארבייטער זיינען אריין אין פאָליטיק. קענטאָקי האָט דאָס בארבארישען געזעץ אָפּגעשאפט אין 1821 און אָהייאָ — אין 1828. אבער אין דער איסט איז די רעפאָרמע געקומען ערשט נאָכדעם ווי די ארבייטער־יוניאָנס און די ארבייטער־פארטייען האָבען אויפגעהויבען א העפטיגען קאמף. ניו דזשוירזי און מערילענד האָבען אָפּגעשאפט דאָס געזעץ אין 1830. מאסאטשו־זעטס האָט אין 1830 אָנגענומען א געזעץ אז פרויען טאָר מען פאר חובות גאָרניט ארעסטירען און אז מענער מעג מען ארעסטירען בלויז אויב דער חוב טרעפט אָן מער ווי צען דאלער. ניו יאָרק האָט אָפּגעשאפט תפיסה־שטראָף פאר חובות אין 1832. קאָנעק־

טיקוט — אין 1837; לואיזיאנא — אין 1840; מיזורי — אין 1841 און אַלאבאמא — אין 1848.

אָט איז א סך הכל וואָס פּראָפעסאָר קאמאנס מאכט וועגן די אויפטואונגען פון דער ארבייטער־באוועגונג צווישן די יאָרען 1827 און 1833:

„די ארבייטער־פּארטייען — שרייבט ער — האָבען געהאט ווייניג דערפאָלג אין דערוויילען זייערע קאנדידאטען צו עמטער. זיי האָבען אָבער געהאט דערפאָלג דערמיט וואס זיי האָבען ארויס־גערוקט זייערע פאָדערונגען צום פאָדערגרונד פון דער עפענט־ליכער אויפמערקזאמקייט. מיט דער צייט זיינען די אלע צרות, אויף וועלכע זיי האָבען זיך באקלאָגט, אפּגעשאפט געווארען. אלע זייערע קאָנסטרוקטיווע פּאָרשלאָגען זיינען אנגענומען געווארען. פאָלקס־שולען אָן דעם פלעק פון צדקה זיינען געגרינדעט געווארען אין גאנצען לאנד; דאָס געלט איז אוועקגעשטעלט געווארען אויף א געזונטען באָדען; תפיסה־שטראָף פאר חובות, געצוואונגענע מיליץ־דינסט, זיינען אפגעשאפט געווארען. די טרייד יוניאָנס זיינען באפרייט געוואָרען פון דעם אַלטען געזעץ, וואָס האָט זיי פארדאמט אלס פארשווערונגען. די שטעט, די שטאטען און די נאציאָנאלע רעגירונגען האָבען אָנגעהויבען צו באגרעניצען די ארבייטס־שטונדען פון רעגירונגס־אנגעשטעלטע. אין פּריוואטע פאבריקען האָט מען אויך אָנגעהויבען צו באגרעניצען די ארבייטס־שטונדען פון פרויען און קינדער און אין מאנכע פאלען אויך פון מענער־ארבייטער. די ארבייטער־פּארטייען זיינען געווען א באַ־שטימטע קראפט וואָס האָט געשטויסען פאראויס אזוינע געזעצען, וואָס אפילו קאָנסערוואטאָרען גיבען צו, אז זיי זיינען געווען אין דער ריכטונג פון פראָגרעס און אמת׳ע דעמאָקראטיע.“

קאפיטעל 45.

דער קאמף פאר אלגעמיינע שטימרעכט

אין א פאריגען קאפיטעל איז שוין אנגעוויזען געווארען אויף די באגרענצונגען פון שטימרעכט וואס האבען עקזיסטירט אין די פאראייניגטע שטאטען נאכדעם ווי די קאנסטיטוציע איז שוין נעווען אנגענומען. בלויז אזעלכע וואס האבען פארמאגט אייגענטום און רעליגיעז־גלויביגע האבען געמעגט שטימען, און בלויז רייכע האבען געקענט לויפען פאר הויכע עמטער. אין די ערשטע צען יאר פון 19טען יארהונדערט האבען טייל שטאטען אפגעשאפט די באגרענצונגען. ניו דזשוירזי האט איינגעפירט אלגעמיינע שטימרעכט. דאסזעלבע האט געטאן מערילענד.

דער גרויסער שטויס צו אלגעמיינעם שטימרעכט איז אבער געקומען נאך דער מלחמה פון 1812, דורך די נייע שטאטען אין דער וועסט. צווישען 1810 און 1820 זיינען זיבען נייע שטאטען אריינגעקומען אין דער „יוניאן" (די פאראייניגטע שטאטען ווערען אפט באצייכענט מיט דעם פארקירצטען נאמען „יוניאן"). פינף פון די שטאטען האבען אריינגעשריבען אין זייערע קאנסטיטוציעס א פונקט, אז אלע ווייסע בירגער פון איבער 21 יאר האבען דאס רעכט צו שטימען. צוויי שטאטען האבען באגרענצט דאס שטימרעכט בלויז אויף ווייסע, וואס צאלען שטייערען (די באגרענצונג איז אבער געווען א לייכטערע ווי אין די אלטע שטאטען).

אין איינציגע שטאטען פון דער איסט זיינען פארגעקומען שטארקע קאמפען איידער די גרויסע מאסען האבען באקומען שטימרעכט. אין ניו יארק איז אין 1821 פארגעקומען א „קאנסטיטוציאנעלע קאנווענשאן". וועלכע האט פארהאנדעלט די

פראַגע. דאָס אַלטע געזעץ אין ניו יאָרק איז געווען אזא, לויט וועלכען אפילו פארמערס, אין די צענדליגער טויזענטער, ערד־באַזיצער, האָבען ניט געקענט שטימען. די „קאָנווענשאָן" איז געווען א שטורמישע. די מאַכטהאָבער האָבען צוגעגעבען, אז דאָס געזעץ מוז געמאַכט ווערען א סך מילדער, אָבער נאָכגעבען אינ־גאַנצען האָבען זיי ניט געוואָלט. זיי האָבען אויסגעפירט, אז פאַר סענאַטאָרען פון שטאַט זאָלען מעגען לויפען בלויז אַזעלכע וואָס פאַרמאָגען ערד. שטימרעכט איז געגעבען געוואָרען צו אַלע די וואָס צאָלען שטייערען, אָדער וואָס דינען אין דער מיליץ. פאַר נעגע־ן איז געמאַכט געוואָרען נאָך א ווייטערע באַשרענקונג: בלויז אזעלכע נעגערן וואָס פאַרמאָגען ערד אין ווערט פון ניט ווייניגער ווי 250 דאָלער האָבען געקראָגען שטימרעכט.

אַן ענליכע קאָנווענשאָן, אומגעפער אין דערזעלבער צייט, איז פאָרגעקומען אין מאַסאַטשוזעטס. דאָרט איז אויך געפירט געוואָרען א האַרטער קאַמף צו באַשיצען די הויכע עמטער, ווי גאָווערנאָר און סענאַטאָרען געגען די קבצנים. די טענה איז געווען, אַז די רעגירונג באַשטייט פון צוויי צווייגען, איין צווייג דאַרף באַשיצען דאָס פאָלק און דער אַנדערער — אייגענטום. די באַשיצער פון אייגענטום זיינען די סענאַטאָרען און דערפאַר מוזען די סענאַטאָרען אליין זיין מענשען וואָס באַזיצען אייגענ־טום, לאַנד־באַזיצער. דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט האָט ביי דער קאָנווענשאָן פאַרטיידיגט דעניעל וועבסטער, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרען אַלס איינער פון די גרעסטע שטאַטסלייט אין לאַנד.

וואָס איז שייך שטימרעכט, האָט די קאָנווענשאָן אָפּגעשאַפט אַלע באַגרענצונגען פון אייגענטום און רעליגיע. אַלע בירגער האָבען געקראָגען שטימרעכט. עס איז אבער אריינגעשריבען געוואָרען אין דער קאָנסטיטוציע, אז „לויפען" פאַר גאָווערנאָר און פאַר סענאַטאָר מעגען בלויז רייכע, אייגענטום־באַזיצער.

אין איינעם פון די אַלטע שטאַטען, אין מערילענד, איז פאָרגעקומען א קאַמף איבער דעם, צי אידען זאָלען מעגען לויפען פאַר פּאָליטישע עמטער. דער קאַמף האָט זיך געצויגען צוואַנציג

יאָר, און אין 1826 האָט ער זיך געענדיגט מיט אַ זיג פאר די אידען. אין דער אלטער קאָנסטיטוציע פון דעם שטאט איז געווען אַ פּונקט, אַז יעדער וואָס ווערט דערוויילט אָדער באַשטימט צו אַ רעגירונגס־אמט מוז, ביים אריינטרעטען אין אמט, שווערען, אַז ער גלויבט אין דער קריסטליכער רעליגיע. דער דאָזיגער פּונקט האָט געמאכט אוממעגליך פאר אַ אידען צו האלטען וועלכען עס איז פּאָליטישען אמט. אן אנדער געזעץ אין דעם זעלבען שטאט האָט אוממעגליך געמאכט פאר אַ אידען צו זיין אן אדוואקאט אָדער דינען אין אַ דזשורי. אַ סך פּרואווען זיינען געמאכט געווארען צו ענדערען דעם דאָזיגען פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע. אָבער זיי האָבען זיך ניט איינגעגעבען. אין 1825 איז אין דער לעדזשיסלייטשור אריינגעבראכט געווארען אַ פאָרשלאָג, אַז דאָס געזעץ וועגען דער שבועה זאָל אָפּגעשאפט ווערען. דער פאָרשלאָג איז באצייכענט געווארען אלס דער „אידישער ביל". דער הויפּט־ארגומענט פון די, וואָס האָבען אים געשטיצט, איז געווען, אַז די אידישע רעליגיע איז אויך אַ הייליגע, ווייל יעזוס איז געווען אַ איד און ווייל אידען גלויבען אין דעם אלטען טעסטאמענט. נאָך אַ לאנגען היציגען קאמף איז דער „ביל" (געזעץ־פּראָיעקט) ענדליך אָנגענומען געווארען אין יאָר 1926.

אין רהאָוד איילענד האָט דער קאמף פאר אלגעמיינעם שטימרעכט געפירט צו אַן אויפשטאנד, וואָס איז באקאנט אין דער געשיכטע אלס „דאָר'ס רעבעליאָן". יאָרען לאנג האָבען די גרויסע מאסען אין דעם שטאט געפאָדערט שטימרעכט, אָבער דער הייפּעל מאכטהאָבער האָבען ניט דערלאָזט ענדערען דאָס אלטע געזעץ, לויט וועלען עס האָבען געמעגט שטימען בלויז אזעלכע בירגער, וואָס באַזיצען ערד אָדער האָבען אַ הויז וואָס איז ווערט 134 דאָלער. מיט דער אנטוויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע איז די באפעלקערונג פון ארבייטער שטארק געוואקסען אין דעם שטאט. די ארבייטער האָבען אנגעפירט אַ שטארקע באוועגונג פאר אלגעמיינעם שטימרעכט. עס זיינען אָפּגעהאלטען געוואָרען פאר־זאמלונגען, פּעטיציעס צום לעדזשיסלייטשור זיינען געשיקט געוואָרען. אָבער קיין רעזולטאטען האָט עס ניט געבראכט.

ענדליך האָבען די אָנפירער פון דער באוועגונג פאררופען א פאָלקס־קאָנווענשאָן און אויסגעקליבען אַן אייגענע רעגירונג. דער הויפט־אָנפירער איז געווען א לערער, טאָמאַס דאָר. די קאָנווענשאָן האָט פארפאסט א קאָנסטיטוציע, אפּגעהאלטען וואלען פאר אלע רעגירונגס־עמטער. דאָר איז ביי די וואלען דערוויילט געוואָרען אלס גאָווערנאָר.

די אלטע רעגירונג האָט פארדאמט די באוועגונג אלס פאר־ראַט. זי האָט ארויסגעגעבען א בעפעל, אז די אלע דערוויילטע באאמטע פון דער דאָר־רעגירונג זאָלען ארעסטירט ווערען. א סך פון די בונטאָוושטשיקעס האָבען זיך דערשראָקען און זיינען אנט־לאָפען. אָבער דאָר האָט געפּרואווט צונויפקלייבען אַן ארמיי און צו פארטיידיגען זיין רעגירונג מיט וואפען. דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבען. אין 1843 האָט אים די אלטע רעגירונג ארעס־טירט. ער איז פאר׳משפּט געווארען צו געפענגניש אויפ׳ן גאנצען לעבען.

דאָר׳ס אויפשטאנד איז טאַקע דורכגעפאלען, ער האָט אָבער איבערצייגט דער אלטער רעגירונג אז זי שפּילט זיך מיט פייער, און די רעגירונג האָט אליין געענדערט די רעאקציאָנערע שטימ־געזעצען. אלע בירגער וואָס צאָלען א קליינעם שטייער האָבען באקומען דאָס רעכט צו שטימען.

די צוויי לעצטע שטאַטען וואָס האָבען געגעבען אלגעמיינעם שטימרעכט זיינען געווען ווירדזשיניא און נאָרט קאראָליינא. ווירדזשיניא האָט אָפּגעשאפט די באגרענצונגען אין 1850 און נאָרט קאראליינא האָט נאָכגעטאָן איר ביישפּיל אין יאָר 1856.

אין משך פון דיזעלבע יאָרען זיינען אויך ביסלאכוויז אפגע־שאפט געווארען די באגרענצונגען פאר רעגירונגס־אמטער. אלע בירגער, רייך און אָרים, רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע, האָבען באקומען דאָס רעכט צו לויפען פאר אלע עמטער, פון די נידריגסטע ביז די העכסטע.

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

APR 17 '72
JAN 26 '79
DEC 5 '75
JUL 19 1984
AUG - 9 1985